STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00024

DI VERK FUN YITSHAK LEYBUSH PERETS

Isaac Leib Peretz

Permanent preservation of this book was made possible by
Itzhak Perlman
in memory of
Chaim Perlman

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די ווערק פון יצחק לייבוש פרץ. צוזאַמענ-
געשטעלט אונטער דער רעדאַקציאָן פון
דוד פינסקי

דרייצעהנטער באַנד

ארויסגעגעבען פון פאַרלאַג „אידיש", ניו-יאָרק.
תר"פ — 1920

י. ל. פרץ

אין מיין ווינקעלע
מיינע זכרונות

ארויסגעגעבן פון פארלאג „אידיש", ניו-יארק.

Copyright 1920 by
JEWISH BOOK AGENCY

אין מײַן װינקעלע

האַפנונג און שרעק.

...מיין האַרץ איז מיט אייך.

מיין אויג ווערט נישט זאַט פון אייער פלאַמענדיגער פאָהן;
מיין אויער ווערט נישט מיד, הערענדיג אייער מעכטיגען געזאַנג.

מיין האַרץ איז מיט אייך; ז אָ ט דאַרף זיין דער מענש,
און ל י כ ט י ג דאַרף איהם זיין... און פ ר י י מוז ער זיין,
און האָבען איבער זיך צו שאַפען, איבער זיך און זיין אַרביים.

און אַז איהר בייסט די פויסט, וואָס וויל אייך אייער פריי
וואָרט, אייער ברענענדיגען פּראָטעסט צוריק אַריינזעצען אין דער
קעהל, מען זאָל עס נישט הערען — פרעהט מיך; בעט איך גאָט,
ער זאָל אייך שאַרפען די ציין. און ווען איהר מאַרשירט אויפ'ן
אַלטען סדום און ווילט עס איינרייסען, געהט מיין נשמה מיט מיט
אייך; און די זיכערקייט, אַז איהר מ ו ז ט זיגען, מאַכט מיך
פול און וואַרעמט און באַרוישט מיך, ווי אַלטער וויין...

און דאָך...

און דאָך האָב איך פּחד פאַר אייך.

איך שרעק מיך פאַר באַצוואונגענע, וואָס זיגען, עס קענען
פון זיי באַצווינגער ווערען, און יעדער באַצווינגער זינדיגט קעגען
מענשליכען גייסט...

צי רעדט מען נישט צווישען אייך, אַז די מענשהייט דאַרף
מאַרשירען, ווי אַן אַרמיי אין פראָנט, און איהר ווערט איהר פאַר־
שפּילען דעם מאַרש אויפ'ן וועג?

און דאָך איז די מענשהייט קיין אַרמיי נישט.

שטאַרקערע געהען פאָראויס, האַרציגערע פיהלען טיפער,
שטאָלצע וואַקסען העכער — צי ווערט איהר נישט אונטערהאַקען
די צעדער, זיי זאָלען נישט איבערוואַקסען דאָס גראָז?

צי ווערט איהר נישט פאַרשפּרייטען אייערע פליגעל איבער

דער מיטעלמעסיגקייט? צי וועט איהר נישט פארפאנצערען די גלייכגילטיגקייט און באשיצען נאר די גרויע, גלייך געשווירענע סטאדע?

איך פארכט מיך פאר אייך.

אלס זינגער קענט א י ה ר די ביוראקראטיע ווערען: אויסצוטיילען יעדען זיין ביסען, ווי פאר ארימע לייט אין הקדש; אפצומעסטען יעדען זיין ארבייט, ווי לעקציעס אויף דער קאטאר־גע. און איהר וועט פארטיליגען דעם באשאפער פון נייע וועלטען — דעם פרייען מענשליכען ווילען, און פארשיטען דעם ריינסטען קוואל פון מענשליכען גליק — די מענשליכע איניציאטיווע, — די קראפט וואס שטעלט איינעם קעגען טויזענטער, קעגען פעלקער און געשלעכטער... און איהר וועט מעכאניזירען דאס לעבען און הייסען עס פארברענען אין קאשארען.

און א י ה ר וועט זיין פארנומען מיט רעגלאמענטירען: מיט שרייבען, פארצייכענען און שאצען... מיט פארשרייבען: ווי הויך און ווי אפט עס מעג שלאגען א מענשליכער פולס, ווי ווייט עס מעג זעהען א מענשליך אויג, ווי פיעל עס קען פארנעמען זיין אויער, און וואס פאר א חלומות עס מעג האבען דאס פארבענקטע הארץ?

מיט הארציגער פרייד קוק איך, ווי איהר רייסט איין די מויערן פון אלטען סדום; מיין הארץ אבער ציטערט דערביי, איהר זאלט אויף זיינע חורבות קיין נייעם, קיין ערגערען נישט בויען — א קעלטערען, א פינסטערען!

עס וועלען קיין שטיבער אהן פענסטער נישט זיין; נאר אין נעבעל וועלען איינגעהילט זיין נשמות...

עס וועט קיין לערער מ א ג ע ן נישט זיין, נאר ז ע ל ע ן וועלען הונגערען... קיין וועה־געשריי וועט קיין אויער נישט פאר־נעמען, נאר דער אדלער — דער מענשליכער גייסט, וועט מיט אפגעשניטענע פליגעל שטעהן ביי דער קאריטא גלייך מיט דער קוה און מיט'ן אקס...

און די גערעכטיגקייט, וואס האט אייך באגלייט אויפ'ן דארניגען און בלוטיגען וועג צום זיג, וועט אייך פארלאזען. און איהר וועט עס נישט מערקען: דערצו זענען זיגער און הערשער בלינד, און איהר וועט זיגער און הערשער זיין. און איהר וועט זינקען אין אומגערעכטיגקייט, און איהר וועט נישט פיהלען דעם זומפ אונטער אייערע פיס... פעסט פיהלט זיך יעדער הערשער, כל זמן ער איז נישט געפאלען...

און געפענגענישען וועט איהר בויען פאר די, וואס וועלען אויסשטרעקען די האנט, צו ווייזען אייך דעם אפגרונט, צו וועלכען איהר זינקט... און אויסרייסען פון די מיילער וועט איהר די צונגען, וואס וועלען אייך ווארענען פאר די, וואס וועלען נאך אייך קומען, אום אייך און אייער אומגערעכטיגקייט צו פארניכטען...

גרויזאם וועט איהר פארטיידיגען די גלייכבערעכטיגונג פון דער סטאדע צום גראז אונטער איהרע פיס און צום זאלץ איבער איהר קאפ, און אייערע פיינט וועלען זיין: פרייע אינדיווידועז, איבער־מענשען, געניאלע ערפינדער, פראפעטען, ערלעזער, דיכטער און קינסטלער...

אלץ, וואס עס געשעהט, געשעהט אין רוים און צייט...

אויפ'ן פלאץ איז דאס שוין געשעהענע, דאס שטאנדהאפטע, פעסטע, און דעריבער: דאס פארגליווערטע און געפרוירענע, דער הײנט, וואס דארף און מוז אונטערגעהן...

די צייט איז פארענדערונג, זי בייט, אנטוויקעלט; זי איז דאס אייביגע אויפשפראצען, אויפבליהען, — דער אייביגער מארגען...

און אז פון אייער „מארגען“, צו וועלכען איהר שטרעבט, וועט ווערען „היינט“, וועט איהר זיין די פארטיידיגער פון „נעכטיגען־טאג“, פון אפגעשטארבענעם, פון טויטען... וועט איהר טרעטען די שפראצען פון מארגענדיגען טאג און פארטיליגען זיינע בליטען און גיסען שטראמען קאלט וואסער אויף די גייסטערקעפ פון נביאות, חלומות און נייע האפנונגען...

שטאַרבען וויל נישט דער היינטיגער טאָג, בלוטיג געהט אונ־טער יעדע זון...

איך וויל, איך האָף צו אייער זיג, נאָר איך שרעק מיך און ציטער פאַר אייער זיג.

איהר זייט מיין האָפנונג, איהר זייט מיין שרעק.

1906.

א ברית.

...און אזוי, מיין ליעבער, זעהסט דו נאר רויזען, נאר רויזען! זעהען זעהסט דו רויזען, הערען הערסט דו דעם געשפּרעך פון גראַזען, און דעם געזאַנג פון דער נאַכטיגאַל... און דו ביסט פאַרגיפטעט געוואָרען, ווי דו דריקסט זיך אויס, פון רויזען־דופט, און דיין נשמה איז נאַר א לייכט וואָלקענדעל פון רויזען־דופט...

און איך שטעל מיר פאָר, דו געהסט אין גאַס, דער גערטנער געהט פאַרביי און גיט דיר א שטויס אין זייט, וועסט דו נישט צאַרנען אויף איהם — אדרבא, דו וועסט זיך פרעהען: א רויזען־בלוט האָט דיך באַריהרט!

און א בלינדער אדער א הינקעדיגער, אדער אַן אנדער מין קאַליקע שטעהט צוגעשפאַרט צו דער וואַנט, שטרעקט אויס צו דיר די האַנט און בעט א פּאָר גראָשען אויף ברויט, די נשמה צו דערהאַלטען...

און דיין טייסטער איז פול, אבער דו גיסט נישט!

ווייל קיין פלאַגען זעהסט דו נישט, דו זעהסט נאַר רויזען, די שטים פון געבעט הערסט דו נישט — דו הערסט נאַר די שטים פון נאַכטיגאַל — — —

די זון לאָזט זיך אַראַפּ אויפ'ן הימעל, לעדיגע, מידע שאָטענס וואַגלען זיך אום אין די גאַסען...

די נאַקעטע קינדער פון עלענד שטרעקען אויס די האַנט נאַך א זעקסערעל — נאַכט־געלט צו באַצאָהלען.

און די טעכטער פון עלענד צינדען אַן אין דער פינסטער זייערע מאַטע אויגען מיט דעם נשמה־פלאַם, וואָס איז נאָך נישט אויסגעפאַרקויפט געוואָרען — — —

און די דומפּיגע פּוילעניש, צומישט מיט דעם גאַסיגען שמוץ, הויבט זיך צום הימעל — און ביי דיר אין מוח וויגען זיך גרינע שאַ־טענס, און אין הארצען ביי דיר רוישט אַ זילבערנער קוועלכעל, און דיין נשמה איז פול רויזען, לויטער רויזען...

און אַז דו גערסט אריין אין שעכט־הויז פון לעבען, הערסט דו נישט דעם כאָרכלען פון געקוילעטען קעלבעל, און די ברכה פון שוחט דערגרייכט נישט צו דיין אויער, און דעם לעצטען אָטעם פון דער גסיסה הערסט דו נישט, און דער געדויך פון דעם פאַר־גאָסענעם בלוט באַריהרט נישט דיינע נאָזלעכער... נישט קיין קוי־לער, נישט קיין געקוילעטע, קיין געטויטע — דו האָסט שענערע פאַרלאַנגען: נאַכטיגאַל, געזאַנגען און רויזען...

און אַז דו גערסט אריין אין הקדש — אויב דו ביסט אַ דאָק־טאָר אָדער דו האָסט דאַרט אַ באַקאַנטען חולה, און דו קומסט איהם געוואָר ווערען — זעהסט דו נישט די וועהטאָגען, הערסט דו נישט די קרעכצען, דיין מוח בלייבט רוהיג, דיינע אויגען ווערען נישט פאַרוואונדערט, דיין הארץ גיט אפילו נישט קיין ציטער — דו זעהסט נאָר רויזען, הערסט דעם געשפּרעך פון די בלעטער אין די שפּיצען פון די בוימער... טייבעלעך ווארקען... נאַכטיגאַלס טרע־לען...

און אין טורמע — — —

אבער אהין וועסט דו קיינמאָל נישט קומען!

רויזען זינדיגען נישט... דאָס ליעבע־זינגען פון נאַכטיגאַל איז נישט קיין זינד.

און דו זעהסט דעם ליכטיגען טאָג, אבער נישט זיין שטורעם...

אויף דעם שטילען גערויש פון די בלעטער האָסט דו זיך דער־צויגען.

דו ביסט דער ערשטער מענש אין גן־עדן געוועזן...

א קליין הייזעלע אין גן־עדן (זיינע בוימער האסט דו נישט געזעהן), די פענסטערלעך זענען אפען — — פאר אלע פארבען פון געזאנג און שטערען־ליכט!

שעהנהייט און ליעבע אין הייזעל. שעהנהייט און ליעבע אהן אויפהער... אהן קראנקהייט, אהן קריגערייען, אהן נשמה, אהן בענקעניש צו דער אומענדליכקייט, וואס רינגעלט ארום דעם גן־עדן...

פאטער, מוטער און קינד...

פאטער, מוטער און קינד, און נאכטיגאל, און שעהנהייט, און פארבען, און רויזען...

און דער גן־עדן ווייסט נישט פון קיין שטורעם... און בלומען קרענקען נישט, און קיין קריכענדע פאראומרייניגען זיי נישט, און קיין פליג בייסט זיי נישט, און זיי וועלקען נישט דעם קיילעכדיגען יאהר, און אז עס קומט זייער צייט, פאלט אויף זיי פלוצלונג אראפ א שניי פון הימעל... און דאס לעבען ראנגעלט זיך מיט'ן טויט, און די רויזען וואקסען אהן דערנער, און די ווארצלען פלעכטען זיך טיף אין דער ערד, און קיין פארוואונדעטע נאכטיגאל פאלט קיינמאל פון קיין צווייג נישט אראפ...

אבער דעם קאמף פון די ווארצלען אונטער דער ערד באמערקסט דו נישט, און קיין רויז וועלקט נישט, און די ליעבע איז נישט קיין קראנקע, אלץ לעבט, אלץ איז שעהן, און אלץ לעבט אייביג!

און דו לעבסט, און אלע דיינע געליעבטע און ליעבענדע לעבען... און קיין איין ווייסער פלעק, קיין איין ווייסע מצבה האט נאך אויף דיר נישט געקוקט...

און דעם ים האסט דו געזעהן, אבער נישט זיין שטורעם... און קיין צובראכענע שיף אויפ'ן ים האסט דו נישט געזעהן. גליקליך ביסט דו, אבער איך, איך בין דיר נישט מקנא...

.1908

קליינער פעליעטאָן.

1.

אַ נייער נצחון.

און דאָך — זי באַוועגט זיך!

וואָס עס ד אַ ר ף לעבען, וועמען עס איז ב אַ ש ע ר ט צו לעבען, דאָס אַנטוויקעלט זיך, וואַקסט און צובליהט זיך איבער נאַכט!

יעדען פריה־מאָרגען שטעהט אויף אונזער אידיש מיט אַ נייעם נצחון.

איבער נאַכט ווערען די שורות פון איהרע שונאים ש י ט ע־ ר ע ר און די מחנה ג ו ט ע פ ר י י נ ט מעהרט און פרוכ־ פערט זיך.

עס טרעפען זיך נאָך קליינע אומאַנגענעהמליכקייטען: ביים עפענען און פאַרמאַכען די „בצלאל" אויסשטעלונג אין וואַרשוי האָט מען קיין אידישע רעדע נ י ש ט געהאַלטען.

איז עס אבער געווען צ ו פ ע ל י ג.

צ ו פ ע ל י ג איז, ביים עפענען און פאַרמאַכען, קיין אידי־ שער רעדנער נ י ש ט ג ע ו ו ע ן, און איינצולאַדען האָט מען פ אַ ר ג ע ס ע ן.

און שכחה איז שייך.

בפרט ביי אַזוי פ י ע ל אַרבייט און אַזוי ו ו ע נ י ג הענט.

שכחה אויך איז שייך אפילו ביי ו ו ע נ י ג ע ר אַרבייט און מ ע ה ר הענט.

אָט האָט מענדעלעס יובילעאום־קאָמיטעט אין אָדעס פאַרגע־ סען איינצולאַדען אידישע שריפטשטעלער פון תפוצות ישראל...

און אז מען האט זיך אין דער לעצטער מינוט ג ע כ א פ ט, האט מען ערשט, פאר גרויס כ א פ ע נ י ש און א י י ל ע נ י ש, פ א ר ג ע ס ע ן צוצוקלעפען מארקעס, און די שריפטשטעלער פון תפוצות ישראל זענען געבליבען אין דער היים...

קיין בייז!

ביי מענדעלעס דריטען יובילעאום, ביי די קינפטיגע אויס־שטעלונגען פון „בצלאל" וועט מען אונז פ א ר ב ע ס ע ר ע ן, מיט גאטס הילף פ א ר ג י ט י ג ע ן...

אבער די באציהונגען פון אפיציעלען פאליטישען ציוניזם האַ־בען זיך פארבעסערט; אין גאליציען, ווען דאס לעבען האט פאר־לאנגט א קלארען ענטפער, צי איז אידיש א שפראך — ראדיקאל געענדערט.

ביי דער פאלקס־צעהלונג איז מען געגאנגען האנט אין האנט מיט די „אידישיסטען"...

און ערשט נישט לאנג, דא ק"ק ווארשוי, אז דער בעל־הבית'י־שער, ציוניסטישער לייב־ארגאן האט אימפארטירט פון ריגא טא־וויאוו'ס א נישט זעהר ריינעם ארטיקעל געגען אידיש, — וואס איז געשעהען? עס איז גענוג געווען, דער „פריינד" פון אידיש זאל א ריהר טון מיט א ברעם פון א בייז אויג, עס זאל זיך אויסווייזען, אז עס איז געווען צ ו פ ע ל י ג, אז עס איז געשעהען על פי טעות...

דער רעדאקטאר איז אין דערהיים נישט געווען, געפיהרט דאס רעדעל, האט זיין שטעלפארטרעטער, דער פעליעטאניסט פון „היינט", האט ער פ א ר ז ע ה ן, און דער ארטיקעל איז אריין נישט ארומגעוואשען, נישט געריינינגט און געפוצט; מיט'ן גאנצען שמוץ אריין...

און אצינד — א נייער נצחון!

און שוין נישט איבער ה י י מ י ש ע און א י י ג ע נ ע, נ א ר צ ו פ ע ל י ג פארבלאנדזשעטע, — אסימילאטארען לא־זען גריסען!

אין „איזראעליטא", אין לייב־ארגאן פון דער ווארשעווער שווינדזיכטיגער אסימילאציע, פראפאגירט זיך גאנץ ערנסט א אי־דישער ארגאן; דאס זעלבע ווערט פראפאגאנדירט אויף די אסימי־לאטארישע וואהל־פארזאמלונגען!

מען מוז רעדען צום פאָלק — אידיש!

און נישט ווי אמאָל, עליו השלום, צעדערבוים, ביים צוטרעטען צום אידישען „קול מבשר“ האט געוואָלט: „מנצח זיין אידיש מיט אידיש“ —

דאָס וואָלט היינט שוין צופיעל העזה געווען. היינט איז מען געגען אידיש באַשיידענער: דער אפעטיט איז קלענער און די ציין שוואַכער.

מען וויל נאָר ארויסנעמען דאָס געוועהר פון די ליטווישע הענט, מען וויל דערפון אראָפציהען די פ ר ע מ ד ק י י ט, מען וויל עס גאָר כ ש ר ׳ ן, און — באַנוצען צו דער ארבייט!

אין אונזערע הענט וועט עס זיין היימישער, פוילישער...

מען קאָן דאָך נישט פאַרלירען די גאַנצע „פינסטערע מאַסע“, מען מוז דאָך איהר טראָגען ל י כ ט און „אַביוואַטעלסקאַשטש“ און באַקומען ברויט און כבוד...

מען קאָן דאָך בלייבען, ווי אַ פאַסטוך אהן אַ פייפערל, און וואָס ערגער איז, — אהן שאָף! אין וועמענס נאָמען וועט מען רעדען דאָרט, ביי י ע נ ע ?!

ווי אזוי מיר וועלען אננעמען די אָפּטרעטונג, — פון דעם און אַנדערש מאָל, דערווייל ווערט באַצייכענט אַ נצחון.

2.

צייטען בייטען זיך.

הענגען צוויי קיילעכלעך, אנגעלאָדענע מיט אנטקעגענגעזעצטער עלעקטריציטעט, איינס נישט ווייט פון צווייטען. אויף צוויי באַזונדערע פעדים אין דער פרייער לופט, — טוען זיי נישט מעהר, נאָר ציהען זיך צו און שטויסען זיך אָפּ.

אַ מאָמענט נאָך אַ מאָמענט.

אַ מאָמענט לויפט מען זיך אקעגען מיט ליעבשאַפט — אחדות זאָל זיין, באַהעפטען וויל מען זיך; און אַ מאָמענט פון אָפּשפּרייגען איינס פון צווייטען מיט עקעל און האַס; און איינער נעמט פון צווייטען דעם ווייטסטען וועג.

דאָס זעלבע צווישען פעלקער.
אַלץ האָט זיין צייט, זאָגט שלמה.

צייטען פון צוציהען, אקעגען לויפען, און צייטען פון אָפּ־שפרינגען און אָפּשטויסען בייטען זיך. דאָס זענען היסטאָרישע מאָמענטען; טעזע און אנטיטעזע.

אין מאָמענט פון צוציהען וואקסט דאָס מ ע נ ש ל י כ ע, דאָס הארציגע געפיהל פאר אַלץ, וואָס איז מענשליך. שפּינען זיך פון הארציג־גאָלדיגע פעדים די אלגעמיין־מענשליכע אידעאַלען, און וועבען זיך די אלגעמיין־מענשליכע אינטערעסען...

אין מאָמענט פון אָפּשטויסען ציהט זיך יעדעס פאָלק צוריק צו זיך אליין, וויל עס האָבען התבודדות, חשבון הנפש, אריינקלע־רען אין זיין אייגענער נשמה, שעפּען אוצרות פון אונטער די באָ־וואוסטזיניגע שוועל, נעמט זיך יעדעס פאָלק צו זיין ה י י מ י־ש ע ר ארבייט, אנטוויקעלט עס זיין אייגענאַרט; שפּינט און וועבט זיך דאָס אינטימע היימיש־נשמה'דיגע, דאָס פאָלקסטימליכע, האָס אינדיווידועל־נאַציאָנאַלע.

און דער סינטעז?

די ק י נ פ ט י ג ע מ ע נ ש ה י י ט, וואָס וועט באַשטעהן פון איינצעלנע פרייע, זעלבסט־שטענדיגע און אייגענאַרטיגע פעלקער.

ווייט איז די צוקונפט; לאַנג נאָך וועט דויערען דער היסטאָ־רישער פּראָצעס פון צוציהען און אָפּשטויסען, — די מאָמענטען בייטען זיך, וואָס אמאָל ראַשער, אבער דאָך ג ע נ ו ג ל אַ נ ג האַלטען זיי זיך, און דאָס מענשליכע לעבען איז אַזוי ק ו ר ץ...

לעבט א מענש א קורץ לעבען מיט א קורצען זכרון אין א מאָ־מענט, האַלט ער איהם פאר א י י ב י ג; ענדיגט ער זיך ביי זיין לעבען נאָך, און ער אליין איז נישט פעהיג זיך צו ענדערען,— שוין צוגעוועהנט, שוין פארשטיינערט — וויל ער דעם מאָמענט אויסציהען אויף ווייטער מיט געוואַלט! און קאָן ער נישט, — די מענשליכע הענט זענען צו קורץ, צו שוואַך, — זעצט ער זיך אוועק, מאכט די אויגען צו און וויל וועניגסטענס נישט זעהן, וואָס עס ענדערט זיך אָהן איהם און געגען זיין ווילען, זיצט ער מיט פארלעגטע הענט און חלומ'ט זיך ווייטער זיין דור, זיין טעזע...

דאָס איז אייער דיאַגנאָזע, אסימילאַטאָרען...

און צינד, זאָגט מען, האָט איהר זיך אויפגעכאַפּט, די אויגען געעפענט און איהר ווילט ארבייט...

דאָס איז אונזער נצחון.

מיר האָבען באַלד דערפיהלט, אז דער צווישען־פעלקער־פריה־לינג איז פאַרביי, אז דער ווינטער קומט, בייזע ווינטען זאָגען איהם אָן, און מיר זענען צוריק אהיים.

דער ווינטער געהט, ווינטען זאָגען איהם אָן — ארבייט פולע הענט. מען מוז די ווענט פאַרקלעפּען, דעם דאַך באַשלאָגען, די פענסטער באַוואָרענען, אנגרייטען פאַרהייצונג, באַלייכטונג און — ברויט... און מיר האָבען זיך באַלד צו דער היימישער ווערקשטעל געזעצט...

איהר זענט אין פרעמדע הייזער, אין פרעמדע זאַלען גע־בליבען, פאַר פרעמדע פיס זיך געשלענדערט... דאָרט איז אזוי ליכ־טיג, אזוי רייך, און די היים איז אַזוי אָרעם, אזוי טונקעל...

האָט איהר א פרעמד לעבען געלעבט, פרעמדע ארבייט גע־טאָן, האָט מען אייך געגעבען אנצוהערען, אז מען דאַרף אייך נישט, אז דאָרט פעהלען קיין הענט נישט. האָט איהר זיך צ ו א ו ו א ר־פ ע ן, זאָל זיין ו ו א ס ו ו ע נ י ג ע ר אויף איין אָרט, אפשר וועט מען אייך איבערלאָזען...

האָבען זיך צוויי פון אייך אויף איין אָרט געטראָפען, איז איי־נער פון צווייטען אָפּגעשפּרונגען — נישט צוויי מיט אמאָל, צו־פיעל און צו גרויס אין די אויגען. איז עמיץ פון אייך צופעליג קע־גען א שפּיגעל געגאַנגען, זיך אליין דערזעהן, איז ער אָפּגעשפּרונ־גען. ער האָט זיין מאסקע נישט דערקענט; געמיינט א צווייטער געהט...

און זענען די איינצעלנע אויך איבעריג געוואָרען, האָט פאַר איינצעלנע אויך פאַרפעהלט מעסער און גאָפּעל ביים פרעמדען טיש, און קיין הוסטען האָט נישט געהאָלפען — האָט מען זיך אָפּגע־רוקט אָן א זייט, געזעצט אין א פאַרשאָטענט ווינקעלע, די אויגען פאַרמאַכט און גע'חלומ'ט, און איינגעדרימעלט...

האָט איהר אייך אצינד אויפגעכאַפּט!

ארבייט ווילט איהר און צוריק ביי אונז! ווי געזאָגט, דאָס איז אונזער נצחון, מיר וועלען אבער קיין פּוס, אלס זיגער, אויף

אייער האלז נישט שטעלען, מיר וועלען פאר אייך אונזער טיר נישט פארמאכען; ביי אונזער ווערקשטעל וועט קיין ארט צו אר־בייטען פאר אייך נישט פעהלען, — מיר וועלען אייך אויפנעמען, צולאזען, נאר קוקען אייך אויף די הענט...

איהר זאלט נישט איינשפאנען און נישט זייהען קיין כלאים, נישט שפינען און וועבען קיין שעטנז, איהר זאלט נישט אריינפיהרען קיין נישט כשר'ען קאנטראבאנד...

עס איז ביי אונז חשבון הנפש, עבודת הקודש און כשר מוז זי זיין און ריין...

צייטען בייטען זיך... אמאל איז מיט יעדען גר געווען ששון ושמחה, עס האט אונז אנגעפילט מיט שטאלץ; זעהט, ווער עס איז צוריקגעקומען! מיר זענען שוין היינט נישט אזוי ארעם! ווילט איהר ביי אונז נעמען: ווארעמקייט, היימישקייט? אונזער אייגענס — וויפיעל איהר ווילט...

ווילט איהר אונז געבען, מוזען מיר וויסען וואס, גאלד אדער פרעפעראנס־רענדלעך?!

צייטען בייטען זיך!

3.

עצות צו די צוריקקומענדע גרים.

און איז עס נישט א פרוביר־באלאן געווען, און איהר ווילט ווירקליך צוריקקומען, ווילען מיר אייך עטליכע עצות געבען.

איהר דארפט אייך נישט באליידיגען:

איהר האט אונז אזוי לאנג עצות געגעבען, אזוי לאנג שטראף־רייד גערעדט, אזוי לאנג פון דער הויך אראפ גע־לערענט.

אין נאמען פון איירפא, — איהר זענט מיט אלע איהרע בע־דער באקאנט! — אין נאמען פון „פארטשריט“, וואס איהר האט מאנאפאליזירט, — אין נאמען פון בירגערליכקייט, וואס איהר האט

אייך פאר איהר איינציגען הערא̈לד געמאכט, — האט איהר גע־פרעדיגט; און אין נאמען פון „מענשליכקייט“ — זי איז דאך פון צונג נישט אראפ.

לאזט אונז פאר דאס איינמאל א י י ד אן עצה געבען, און אין נאמען פון איינפאכער לאגיק!

קומט איהר ווירקליך צוריק, ווייל, ווי מיר ווילען גלויבען, עס האט זיך אויפגעוועקט אין אייך א שטיקעל בענקשאפט, עס איז געקומען צום ווארט דאס געפיהל פון פליכטען געגען א פאלק, פון וועלכען מען שטאמט, און איהר ווילט ווירקליך צוריק אנקניפען די פעדים, וואס איהר האט איבערגעריסען מיט אייערע אייגענע קרובים, שוועסטער און ברידער, און אפשר נאך טאטע־מאמע — טוט איהר עס ווירקליך בשלמות, טא טוט עס אויך ע ה ר ל י ך.

צו אלעם ערשטען זאלט איהר אייך אפגעוועהנען פון רכילות, פון לשון־הרע, פון פאלש באשולדיגען אייערע געגנער...

אט אין אייער „מאניפעסט“, מיט וועלכען איהר זייט מודיע, אז איהר ווילט זיך נעמען צו אידיש, שרייבט איהר: און מיר וועלען זיך באנוצען דערמיט ע ה ר ל י ך, אהן הינטער־פיסלער, אהן אינטריגעס, אהן פארטיי־אינטערעסען, ווי די ליטוואקעס טוען...

און „ליטוואקעס“ זענען די אלע, וואס האבען נישט געהאט דאס גליק געבוירען צו ווערען אויף'ן הייליגען „גרזשיבאוו“, די גאנצע נאלעווקעס, דזשיקא און די גאנצע סביבה, און די פראווינץ־לייט, און די אלע, וואס קענען נאך עברי, און די אלע, וואס שעמען זיך נישט מיט'ן ביסעל עברי...

דאס זעלבע איז געזאגט געווארען אויף פארזאמלונגען...

און ווי וואלט געווען, ווען מיר ווארפען אייך די שמוציגע באשולדיגונג צוריק אין פנים אריין?

ווען מיר זאגען:

איהר מיינט עס נישט עהרליך מיט'ן אידיש, איהר געהט מיט הינטער־פיסלער, איהר האט אין זין פארטיי־אינטריגעס, איהר מיינט נישט די הגדה, נאר די קניידלעך — דעם כבוד מיט'ן ברויט פון דער מאסע!

אז אייער נאז האט בראטען דערשפירט!

אט הויבט די מאסע אויף דעם קאפ, אט דעמאקראטיזירט זיך אלץ, אט וועט זי באקומען נישט היינט, איז מארגען, איז איבער־

מאָרגען — וואָהל־רעכט אין שטאָדט־דומע אריין... קוריעס וועלען זיין. און געשעפטען וועלען זיין ביי דער דומע, לא ימלט, עס זאָל נישט זיין. איז אייך א שאָד געוואָרען. ווילט איהר דעם עולם צו זיך צוריקציהען...

און אייערע יונגע אדוואָקאטען, און אייערע יונגע דאָקטוירים, וואָס האָבען פּלוצלונג צוריק א שטיקעל ליעבשאַפט צום פּראָסטען עולם באַקומען, זענען אייך נישט עהרליך... מען האָט פון עולם פּרנסה! נאָלעווקער וועקסעלעך, האַלב־רובל'דיגע וויזיטען... גוייס קומען נישט... פאַלט אָן א שרעק: וואָס וועט זיין ווייטער? טאָמער שאָקעלט זיך דער גאַנצער עולם פון אונז אָפּ? ווער וועט אונז שפּייזען, שוכען און קליידען...

ד א ס האָט איהר געמיינט, ז י ך האָט איהר אין זין?

וואָלט עס נישט געווען, אלס אייער באַשולדיגונג, וואַרשיינליכער, באַגרינדעטער? דאַכט זיך, אז די פאַקטען רעדען דערפאַר!

און פונדעסטוועגען האָבען מיר עס נישט געטראַכט, נישט געוואָלט טראַכטען, מיר ווילען אייך אויסשטרעקען די האַנט, אויפנעמען —

הערט ווענינגסטענס אויף פאַלש צו ב אַ ש ו ל ד י ג ע ן, הערט אויף באַוואוסטזיניג־פאַלש חושד צו זיין. — —

4.

פאַר צוריקגעקומענע גרים — א צווייטע עצה.

און די צווייטע עצה איז: ש ו ו י י ג ע ן!

כל־זמן איהר זענט נישט צוריקגעקומען, זיך נישט צוגעהערט, נישט צוגעקוקט, נישט שטודירט, וואָס אין דערהיים טוט זיך, וואָס אין דער צייט פון אייער אָפּוועזענהייט איז ביי אונז ב אַ ש אַ פ ע ן געוואָרען, — איז יעדעס וואָרט אַ זינד. און קומט איהר נאָך פאַר דער פ ו י ל י ש ע ר עפענטליכקייט און רעדט פון אונזער פ ו י ל ע ן ־ ה אַ ס, פון אונזער אָ פּ ג ע ר י ס ע נ־

קייט דערהויפט, פון אונזער פאנאטיזם, אפּיקורסאנ־טיזם — איז עס א פאלשע מסירה!

איך וויל אייך נישט באליידיגען, שלום מאכען וויל איך מיט אייך; נאר דעם אמת פארלייקענען קאן איך נישט, טאר איך נישט!

פון וואנען ווייסט איהר, וואס ביי אונז טוט זיך?

איהר האט שוין אזוי לאנג צום אויער קיין אידיש ווארט נישט באקומען, קיין תמונות אות פון קיין אידיש ווארט אין אויג נישט געזעהן — פון וואנען ווייסט איהר, וואס אין אונזער ווערקשטעל טוט זיך, וואס עס שפינט זיך אויף אונזער ראד?!

וועט א פראנצויז רעדען איבער פראנצויזישע אידעען און אי־דעאלען אויפ׳ן גרונט פון דער דייטשער ליטעראטור?

— א־בא! אראפּ! וואלטען די פראנצויזען גערופען. אפשר נעטראכט: א משוגע׳נער...

און ווען די איינציגע קוועלע פאר דעם טייערען פראנצויז וואלטען געווען די סקאנדאל־בראשורען, פּאסקווילען, פאמפלעטען און העץ־בלעטער, מיט וועלכע די פרייסישע רעגירונג האט, שפּא־רענדיג צום פראנצויזיש־דייטשען קריג אויפגעפאכט ביי די דייט־שען האס און אפשיי צום פראנצויז — דא וואלט שוין „א־בא!“ ווייניג געווען.

„פארקויפטע נשמה, פאררעטער!“ וואלט עס געהייסען.

און וואלט זיך אין פויזען אונטערגעשטעלט א פאליאק צו האלטען א וואהל־רעדע אויפ׳ן גרונט פון האקאטישער ליטעראטור און אסטמארקער פאראיין־בלעטער? און וואלט א רוטענער געקו־מען אויף א פארזאמלונג וועגען דער אוניווערזיטעט־פראגע, איז לעמבערג, למשל, און גע׳דרש׳ענט „פאקטען“ פון פוילישען „טשאס“ ארויס, געפרעדיגט די מיינונגען פון פראפעסאר טווארדאווסקי?

און זאל א פינלענדער, נאך א לאנגער צייט פאליציי־דינסט אין פעטערבורג, קומען אהיים און, אריינמישענדיג זיך אין וואהל־קאמף, פאפולאריזירען מענשיקאוו׳ס ארטיקלען אין „נאוואיע ווער־מיא“!

איך קען נישט קיין פינלענדיש, איך ווייס נישט, ווי אזוי עס וואלט ביי זיי געהייסען; ביי אונז הייסט עס: פאלשע מסירות, מעשה בוכנער, בראפמאנ׳ס רכילות!

און איהר, די אונזעריגע, און אין א צייט פון צושיידענע זיך יעדערער צו זיין אר־ בייט, טראכט און רעדט וועגען אונז לויט פרעמדע קוועלען! זאגט נאר, וואס יענע רעדען!

און איהר ווייסט גאנץ גוט, אז נישט פוילען רעדט, אז דעם בעסטען עהרליכסטען טייל פון פוילען האט מען דאס מויל מיט דער פויסט פארמאכט, אז פריי רע־ דען רעדט נאר דער פוילישער „ענדעק" און דער אידישער אפטריניגער!

ווען זאגט איהר נאר? ווען האט איהר אייערע נשמות פארקויפט?

קומט, זעהט, הערט, לערנט, שטודירט, און ביז דאמאלט — שווייגט!

5.

פאר צוריקגעקומענע — א דריטע עצה.

איך האב דעם טיטעל געענדערט, צוליעב אז אנאנים, וואס איך האב אין מיין פאסט־קעסטעל באקומען.

איך זעץ איהם איבער ווארט ביי ווארט; דאס ארגינאל איז פויליש.

— „מיר זענען קיין „גרים" נישט, — פראטעסטירט דער אנאנים, — מיר זענען, און נאר אויף א צייט, פרעמד געווארענע."

„א דאנק דער ערציהונג אויף א פרעמדער שפראך, אין א פרעמדער שול; א דאנק מאדערן געווארענע (געוועזענע?) אידעען און אידעאלען (פון פרעמדע ליטעראטורען) און שפעטער נאך — א דאנק פאליטישער (?) און סאציאלער באזונדער־שטעלונג (הערט! געלט קלינגט!!!) זענען מיר צו ווייט אוועקגעגאנגען, בשעת ווען די מאסע איז הינטערשטעליג געבליבען". (פיליייכט — אז אנדער וועג געגאנגען?

„צינד געגעהנען מיר זיך צ ו ר י ק און ווילען פרעדיגען אונזערע אידעען, טיילען זיך מיט אונזער קולטור" („אונזער" איז אפילו יא דוקא. אבער א גוטסקייט איז עס !).

„גרים" אין געגזענפיסלעך האט אויך נישט מעהר באטייט, ווי אוועקגעגאנגענע, נאר וועגען א ווארט לויגט זיך נישט צו שפא־רען ; איך לאז עס געדן ארוים...

גילט די דריטע עצה עבען די, וואס ווילען צוריק קומען פרע־דיגען זייערע אידעען, אריינברענגען זייער קולטור... מיר, ווי גע־זאגט, פארטייטשען : פרעדיגען פ ר ע מ ד ע אידעען, פלאנצען פ ר ע מ ד ע קולטורען... מיר זאגען : אלע וועגען פיהרען צום מ ע נ ש. נאר יעדעס פאלק האט זיין וועג, און איהר זאגט : טוישען דעם וועג ! חלופין מיט קולטור־ווערטען ! מיר ווילען אנט־וויקלען דאס ה י י מ י ש ע און א י י ג ע נ א ר ט י ג ע, איהר הייסט עס ארויסווארפען און נעמען פרעמד פייער צום מזבח...

דערווייל דרש'ענט איהר עס אויף פויליש, עפענטליך פאר דער אינטעליגענץ, — א גענעראל־פראבע, און אין א קורצער צייט ארום וועט איהר א גרויסען קרבן ברענגען, איהר וועט איבערווינדען אייער עקעל צו אידיש, און קומען דרש'ענען צום פאלק — איהר וועט איהם די אויגען עפענען, פארגלייבען אייגענם מיט פרעמדס און אנריידען צום טויש !

מיר וועלען אייך דאס מויל נישט פארמאכען. נאר אז עצה ווילען מיר אייך אין פאראוים געבען, די דריטע עצה :

פ א ר ג ל י י כ ט ע ה ר ל י ך, חלופים איז אויך א גע־שעפט, נאר — עהרליכע מאס און וואג ! די זעלבע סחורות אויףביידע וואגשאלען !

פארגלייכט גלייכס מיט גלייכס !

עקוויוואלענטען נעמט !

רעדט איהר פון כלי קודש, זוכט צווישען אונזערע רבנים א „מאצאד", צווישען די רבי'צינס א „גאספאדיני", ווייזט אן אויף א מגיד, וואס דרש'ענט : קויפט נישט ביי גוים... קויפט איבער אונזערם א וועטערינאר — אונזער שוחט... כאפט א גבאי'טע ביי דער האנט, וועז זי גנב'עט א פרעמד קינד צום אפאידישען... און כל־זמן איהר וועט עס נישט טון, האט איהר קיין רעכט נישט,

אנצורעדען צום טוישען! מיט אונזערע כלי־קודש האבען מיר איי־גענע חשבונות — טוישען נישט! קיין שלעכטע געשעפטען ווילען מיר נישט מאכען!

זאבבאנים?

פארגלייכט אונזער קדיש־יתום און דעם פרק משניות צו עלית נשמה מיט די מיטלען, וואס אנדערע באנוצען צו דעם צוועק...

אבערגלויבען?

אט, נעמט אונזער גיהנום, אונזער יענערוועלטיגע קאטארגע, מיט'ן מאקסימום פון צוועלף חדשים, און פארגלייכט מיט'ן איי־ביגען פרעמדען...

געפעלט אייך, פיליכט, דער „סדור" נישט?

„פארשפרייט גאט דיין פורכט אויף אלע ווערק; דיין אנגסט — אויף אלץ, וואס איז באשאפען..."

„זאלען אלע מאכען איין בונד צו טון דיין ווילען מיט'ן גאנ־צען הארץ!"

אזוי בעט א איד. איהר האט שענערס?

און וואס פארלאנגט א איד פון סדור ארוים? שלום, עס זאל נישט פארגאסען ווערען קיין מענשליך בלוט, און — גערעכטיג־קייט:

„דאס בייזע זאל אוועק מיט'ן רויך, די הערשאפט פון מוט־ וויליגקייט זאל פארשווינדען פון דער ערד" —

איהר האט בעסערס?

און אויף משיח'ןווארט א איד, ער זאל קומען אויסלייזען די וועלט פון שרעק און פיין, פון קאטאקליזמען צוליעב ארעם און רייך... אלץ זאל זיין פאר אלע. פאלקסטימליך הייסט עס: ברויט און קליידער זאלען וואקסען גרייט אויף די בוימער...

איהר האט געפליגעלטע אידעאלען?

האט איהר אמאל פארגלייכט אונזערע פאלקס־ליעדער מיט אנדערע? אונזערע פאלקס־דערצעהלונגען מיט די, למשל, וואס די ברידער גרים האבען געזאמעלט? האט איהר ביי אונז יענע גזלנים געפונען, יענע איבערשפיצטע אויסנארער און די זיבען־מיילענדיגע שטיוועל?

געזען?

פארגלייכט ש ב ת, דעם טאג פון רוהען פאר אלע, פאר

גאָט און לייט, פאַר׳ן האר און פאַר׳ן קנעכט, און פאַר׳ן פיה, מיט׳ן רעליגיעזען אינסטיטוט — זונטאג. פאַרגלייכט אונזערע אמאָליגע גענעצליכע באציהונגען צו פרעמדע, מיט׳ן איינאיינציגען אויסנאַם פון קרבן פסח, מיט די היינטיגע — אין צוואַנציגסטען יאָהר־הונדערט (איהר האָט דאָך אַזוי ליעב אויפ׳ן זייגער צו קוקען!) ביי די פריסטע, הומאַניטאַרסטע פעלקער (איהר זוכט דאָך דאָס גוטע נאָר אין דער פרעמד!)...

און דאָס זענען דאָך עבען די קולטור־מאָמענטען, וואָס איהר און מיר הויבען אויף און אנטוויקלען. די ווינקעל־שטיינער, וואָס מיר לעגען אלס פונדאַמענט צו אונזער קולטורעלען הייליגטום, די פונקען, וואָס מיר זאַמלען און פאַכען אויף אַ גרויס ליכטיג פייער!

מיינט איהר ערנסט מיט׳ן טוישען? ווערען מיר זיך נישט גענאַרען?

— אָבער מיצקעוויטש!

מיר קענען מיצקעוויטש׳ן און בויגען די קעפּ פאַר׳ן האַלבען נביא: מיר האָבען גאַנצע געהאַט, און הערט—מיר ווילען זיי נאָך אמאָל האָבען! מיר קענען אויסער מיצקעוויטש נאָך אַנדערע גייסטער... שעקספּיר, הוגאָ, שעלי — אַ דאַגה, די וועלט איז נישט אָרעם! דאָס באַפרייט אונז אָבער נישט פון אייגענעם שאַפען. נישט נאָר קאָנסומירען, ווי איהר טוט, ווילען מיר, מיר ווילען אויך פּראָדוצירען! מיר ווילען, ווי איהר, קיין קולטור־פּאַראַזיטען נישט זיין. מיר ווילען נישט שטעהן הינטער פרעמדע פענסטער פון פרעמדע ליכטיגע שטיבער, יעדע שטוב מוז האָבען איהר לאָמפּ, איהר ליכט.

און — פאַרגלייכט!

נישט קיין גאַנצע פופציג יאָהר אַרבייטען מיר, פאַרגלייכט דעם פאָרטשריט, וואָס אונזער קליינע יונג־אידישע ליטעראַטור האָט געמאַכט, מיט דעם פאָרטשריט פון אַנדערע רייכע ליטעראַטורען פון רייכע זעלבסטשטענדיגע פעלקער אין דערזעלבער צייט!

— אתה בחרתנו?!!

שרייט נישט! עפּעס קיין גרויסע אויגען נישט!

ביי אונז איז עס איינפאַך און מענשליך:

דאָס איז די מענשליכע קולטור פון שוואַכען און אונטערדריקטען!

די עטיק פון די, וואס בויען נישט זייער צוקונפט אויף פיזי־שער קראפט, און זייער רעכט — אויף דער פויסט!

און „חוזק האט דעם טאטען נישט דערקענט". אויף׳ן „אתה בחרתנו" (נאר אין ערגערען זין) האט מען דאך אייער אסימילאציע, נאך אין בערלין, געבויט.

א קורצען זכרון, וואס איהר האט! מיט ד ע ר בייטש האט איהר דאך, ערשט נישט לאנג, די ציוניסטען געשמיסען.

„מיר, פראפעטען־קינדער — האט עס געהייסען — ברויכען קיין לאנד, בויען קיין שטאט; דאס באשטעהט אויף אונטערדרי־קונג און רויב!

„מיר, מלאכים׳דיגע בני־דת־משה, ווילען קיין בלוט פארגי־סען, און טרייבען פון זיך אפ מיט עקעל די אידעע פון ארמיי און פאליציי.

„מיר, הויבער אדעל ביז אברהם, יצחק ויעקב, ווילען קיין פיסקוסען נישט זיין" —

געפרעדיגט און — —

געבעטעלט די אנערקענונג פון פרעמדע שטאטען, און פראַ־טעסטירט פאר נישט געבען עפאלעטען אין פרעמדע ארמייען:

„וואס איז? מיר זענען קיין העלדען נישט? קאנען קיין בלוט נישט פארגיסען? און פארוואס טרייבט מען פון פאליציי און אקציז?...

קאנען מיר נישט ערפילען אונזער פליכט צום פאטערלאנד?!"

— אבער — שפרינגט איבער דער האז פון בייט צו בייט, פון קולטור, פון וועלכער מיר רעדען, צו פאליטיק, פון וועלכער מיר ווילען נישט וויסען — אבער פאנסטווא וו׳פאנסטוויע! — היתכן? האר און נעגעל שטעלען זיך קאפויר!

שרייט נישט, — מענשיקאוו זאגט עס. מארקאוו פרעדיגט עס: דער שטאט קען נאר איין שפראך, איין קולטור...

„גאסודארסטווא וו׳גאסודארסטוויע" הייסט עס אויף רוסיש...

שיט נישט צו קיין קוילען צום פייער, אויף וועלכען מיר ווע־לען זיך נאך לאנג בראטען, און אלע:

מ י ר, די א מ ת ׳ ע פאליאקען און איהר — אין דער־מיט! — —

6.

פאר קומענדיגע — נאך אן עצה.

ווייטער געענדערט דעם טיטעל.

דעם אנאנים צוליעב האב איך זיך אפגעזאגט פון ווארט „גרים“, אבוואל אין געגזענעפיסלעך; צוליעב א דערקלערונג אין לייב־ארגאן פון דער היגער שווינדזיכטיגער אסימי־לאציע (פון דעם קאן איך מיך נישט אפזאגען!) האב איך אויס־געמעקט נאך איין ווארט, דאס ווארט „צוריק“.

גלאט — קומענדיגע!

און אפילו נישט גלאט:

דער „איזראעליטא“ לייקענט אפ אונזער נצחון (דאס טוט נאך עמיץ און נישט קיין מינדער־ווערטיגער). אמת טאקע, שרייבען וועט מען אידיש, רעדען וועט מען צום פאלק אויף זיין לשון, אבער נישט אויף שלום זענען מיר געקומען, נאר אויף מלחמה! מיר ווע־לען נאר אויסרייסען דאס געוועהר פון די שונאים׳ס הענט און בא־נוצען עס מיט דער שרעקליכסטער קראפט טאקע געגען די שונאים! און אויפפלאקערען וועט א נייע, שטארקע מלחמה. מיט אונזער געוועהר וועט מען אויפשפאלטען די מויערען פון אונ־זער גייסטיגען געטא! פון הויכען טורעם פון דער „אידישער קול־טור“ וועט מען אפרייסען דעם דגל־מחנה־יהודה און אויפשטעלען די קאמעלעאן־פארביגע, ווייל זי איז אן אלער־פעלקער־פארביגע!

אלזא — נישט אביעקטיווע קולטור וועט מען געבען, ווי מען האט גערעדט. נישט אריטמעטיק, פיזיק, כעמיע, און נישט נאר פוילישע גראמאטיק און געשיכטע... נאר טאקע פארטיי־פאליטיק! נאר „ליטוואקעס“ טארען עס נישט, נאר זיי איז עס פארווערט; זיי האבען זייערע איינטערעסען! איהר אבער מאכט אלץ לשם שמים... וואס עס מעג יאווים, טאר נישט דער אקס, אדער פארקערט!... סיי־ווי־סיי — „פלשתים עליך, שמשון!“

און איך בין מודה, עס איז א געפאהר פאר — אידיש!

אט האט זייערם א מומחה אויף אידיש, א ספעציאליסט — א „לעקטאר“, ארויסגענומען א פאר שורות פון מיין ערשטען פע־

ליעטאַן און איבערזעצט אויף פּויליש, איז ארויסגעקומען — איין גאָט זאָל עס איהם מוחל זיין!

איך שרייב: „טראָגען דעם פאָלק „פאסטעמפ״ און אבי־וואַטעלסקאשטש און באקומען ברויט און כבוד״ — —

לויט דער איבערזעצונג הייסט עס:

געבען דעם פאָלק בילדונג וכו׳ און אוועקנעמען זיין ברויט און האָנער...

היינט שטעלט אייך פאָר, אז זיי, די, וואָס בענקען און חלומ׳ען שוין אויף פּויליש, וועלען די געדאַנקען זייערע איבערזעצען אידיש, וואָס עס וועט אַרויס?

וואָס פון די אידעען וועט אַרויס, איז נישט מיין באַבעס דאגה, אבער פון אידיש וועט ווערען שוין נישט קיין זשאַרגאָן, א טאַטע־ריש וועט ווערען.

פּאַראומרייניגען וועלען זיי עס!

אויסער, אויב זיי וועלען שכל באַקומען און דינגען א ליט־וואַק! —

אבער דאָס איז ד י א י י נ צ י ג ע געפאהר!

די שפּראַך־געפאהר, די אידעען זענען אבסאָלוט נישט גע־פעהרליך!

דעם פאָלק זענט איהר לחלוטין נישט געפעהרליך! אייערע חויך־בורזשואזע אידעען, קאַפּיטאַליסטישע וועלט־אַנשויאונגען, זע־נען אבסאָלוט נישט פאַר׳ן פאָלק. רעדט איהר וועגען פּאַרטשריט, גלוסט זיך לאַכען: ווי קומט איהר, וואָס ווילט באַהאַלטען, קאָנסער־ווירען און ווייטער קולטיווירען דעם אַלטען „מה יפית״, צו פאַרט־שריט, צו מענשליכער פרייהייט? און דערמאָנט איהר נאָך דאָס וואָרט „דעמאָקראַטיזם״, איז שוין לאַכען אויך ווייניג. קוקט מען אייך אין פּנים אריין, צי ווערט איהר אַליין נישט רויט...

איהר — און דעמאָקראַטיזם!

און ווען איך זאָל האָבען א טעות, ווען אייער וואָרט זאָל ווירקליך טרעפען צו דער „פינסטערער מאסע״ — צום פאָלק, ווייסט איהר, וואָס דאָס רעזולטאַט וואָלט געווען?

— רו—סי—פי—קאַ—צי—ע!

פּויליש וועט איהר ז י י ה ע ן, וואַקסען וועט ר ו ס י ש!
איהר גאַפּט, און דאָך איז עס אַזוי איינפאַך!
אונזער באַציהונג צו פּוילען איז אַן איינפאַכע, א לאָיאַלע.
איך וועל מעהר זאָגען: א געטרייע און א ליעבע!

אמת, פּאָליאַקען זענען שלעכטע פּאָליטיקער, אייגענטליך נישט דאָס פּאָלק; דאָס פּאָלק איז נאָך ערנסט צום וואָרט נישט געקומען. נאָר זיינע אַמאָליגע פּריצישע רעדעלפיהרער און זייערע יורשים, די היינטיגע פּאָליטיקער, וואָס די צוריק־שלאָגענדיגע פּאָליע האָט אַרויסגעטראָגען... אמאָל האָבען די פּריצים געוואָרט די רוּסישע רעגירונג זאָל באַפרייען די פּויערים; ציינד וואָרט מען, די שוואַרצע מאה זאָל אונז געבען א וואונק אויף גלייכבאַרעכטיגונג אין דער שטאָדט־דומע... און פּונקט ציינד האָט דמאָווסקי עט קאָמפּאַני געפונען פאַר נויטיג צו דערמאָנען אונז וועגען אמאָליגע פּוילישע פּאָגראָמען, וואָס מיר האָבען לאַנג פאַרגעסען און געוואָלט פּ אָ ר ג ע ס ע ן... דאָס זענען אבער קליינינגקייטען; דאָס פאַרשרייבען מיר נישט אויפ'ן חשבון פון פּוילישען פּאָלק...

און, ווי געזאָגט, אונזערע באַציהונגען צום פּוילישען פּאָלק זענען קלאָר, ווי דער טאָג.

פאַראַן צוויי פעלקער אויף איין פּלאַץ. א פּויליש פּאָלק — די מעהרהייט; א אידיש פּאָלק (אייגענטליך א טייל פון אידישען פּאָלק) — די מינדערהייט.

ווי אַזוי זענען זיי זיך צוזאַמענגעקומען?
אַן אַפּמאַך געווען.

געווען א היסטאָרישער מאָמענט: מיר האָבען נישט געהאַט וואו זיך אהינצוטון; די פּאָליאַקען האָבען קיין מיטעלשטאַנד נישט געהאַט און דעריבער קיין שטעדט נישט געבויט.

האָבען אונז די פּאָליאַקען געעפענט די גרענעצען פון לאַנד, דאָס הייסט: נישט באַרויבט אונז פון מענשליכען רעכט, זיך פריי צו באַוועגען אויף גאָטס ערד, בשעת ווען אנדערע האָבען עס יאָ געטאָן. זענען מיר אַריינגעקומען, אונזערס געטאָן: פאַרשפּרייט האַנדעל, אינדוסטריע; געבויט שטעדט, מען זאָגט אפילו די „מינץ" אַריינגעבראַכט...

סיי־ווי־סיי — א שידוד...
א שידוך פון צוויי פעלקער!
אין „אינטערציזע" איז פון אסימילאציע קיין
ווארט נישט געשטאנען! פון אפזאגען זיך פון אידישקייט — קיין
איינציג ווארט! פארקערט: אויסגערעדט געווארען —
זעלבסטשטענדיגקייט: קהל, חדר און ישיבה זענען אונזערע שולען;
דאס בית־דין — אונזער „סאנד"; דער פרנס — דער סאציאלער
פארזארגער, און די ועדים — אונזערע קאנגרעסען!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און אייער גאנצער יחוס, מיצקעוויטש'עס „יענקעל", וואס
האט געקלאפט אויף'ן צימבעל דעם פריצ'ס לויב, איז אז א פא־
געזונדערטער איד געווען! געדאווענט, געלערענט זיינע
קינדער אין זיינע שולען, אין שטאדט אריין געשיקט, אליין
מיט'ן ווייב אויף ימים נוראים אין שטאדט אריין געפאהרען. א
גאנץ יאהר אין שענק, אין א באזונדער חדר'ל „תורה" גע־
לערענט, זיין תורה. ביי דעם אלעם האט ער, גאנץ נאטיר־
ליך און מיט'ן גאנצען הארצען, מיטגעפיהלט דעם פריץ, גליק גע־
וואונשען אין קריג: זאל דער גוטער פריץ נישט פאלען אונטער א
שווערען פרעמדען יאך! און גאט געבעטען פאר'ן פריץ: לאז איהם,
גאט, נישט פאלען. ער איז דאך א גוטער, האט מיר געגעבען אן
ארט, וואו דעם קאפ אנידערצולעגען, ווען אלע האבען מיך באר־
רויבט און פארטריבען!
דאס איז געווען די תפלה פאר'ן פריץ. פאר זיך, אויסער
פרנסה, געזונט און שלום, האט ער א גאנץ אנדערע תפלה געהאט.
ירושלים, האט ער געבעטען, משיח, עולם הבא!
דער יענקעל, וואס האט אזוי גוט געלעבט מיט'ן פריץ, וואלט
פאר כל הון דעלמא זיין בארד מיט פאות נישט פארקויפט. גע־
שוואוירען האט ער אויף זיי, אז אויסגעריסענע האר אין הייליגען
ספר באהאלטען... גערעדט האט ער — אידיש! זיין טאכטער וואלט
ער געשאכטען און דעם פריץ נישט געגעבען... און נאך אז „אסי־
מילירטען" זוהן, ווי נאך א טויטען, שבעה געזעסען. ערגער ווי
נאך א טויטען — זיין נאמען וואלט נישט דערמאנט געווארען...
און דעם פריץ (דאמאלט דער איינציגער פאליאק מיט א דעה)
האט עס נישט געארט! — —

די אפגעזונדערטקייט פון יענקעל האט איהם לחלוטין נישט פארדראסען. זי איז אין זיינע אויגען געווען אזוי אמת, אזוי נאטירליך!

וואס איז היינט פאר א נייעס? די פאליאקען האבען זיך אנט־וויקעלט און ווייט אוועק פון פאן טאדעאוש'ס פריצים, מיר האבען זיך אנטוויקעלט און ווייט אוועק פון יענקעל צימבאליסט — די באציהונגען דארפען בלייבען די זעלבע.

מיר שטעהען אויפ'ן גרונט פון א גאנץ אנדערען באגריף פון שטאט.

לויט אונזער באגריף איז דער שטאט נישט קיין מלך, אויף וועמענס מזבח עס דארפען געאפפערט ווערען פארשידענארטיגע פאלקס־איננדיווידואליטעטען און די אייגענארטען פון מינדערהייט־ליכע גרופען.

לויט אונזער באגריף איז דער שטאט נישט דער באשיצער פון דער הערשאפט פון שטארקען איבער'ן שוואכען, זאל עס זיין קלא־סען אדער פעלקער. פארקערט, לויט אונזער באגריף איז עבען דער שטאט באשאפען געווארען דערויף צו שיצען די בארויבטע געגען זייערע באצווינגער, ווי אויך די מינדערהייטען און זייער אייגענ־ארט געגען דער אנפאלענדער מעהרהייט...

נאר פיליכט איז עס פאר אנדערע, וואס זענען נישט דער־צויגען אויפ'ן געזעץ: איין רעכט פאר אייך און פאר'ן פרעמדען, פאר'ן איינזעסיגען און געקומענעם — צו מאדערען, צו אידעאליס־טיש, — ווילען מיר זיך אין דער באציהונג צו פוילישער מעהר־הייט שטעלען אויפ'ן גרונט פון אפמאך!

און ווילען שטעלען נאר איין פראגע: צי קאן מען אויפ'ן גרונט פון אפמאך שמעלען אונזערע רעכט אין דער פארוואלטונג פון די שטעדט, וואס מיר, אלס מיטעלשטאנד, האבען געבויט? קאן מען לויט'ן אפמאך באגרענעצען אונזערע רעכט ביים פארוואל־טען די הכנסות, וואס מיר, די גרויסע מעהרהייט אין פארשידענע שטעדט, טראגען אריין אין שטעדטישער קאסע?

ניין, און דאך טוט מען עס. פארוואס? ווייל מיר זענען קיין פאליאקען נישט!

קאנען מיר עס זיין?

מיר זאגען: ניין!

מיר קאָנען פּאַליאַקען ליעב האָבען; מיר קאָנען האָבען (און מיר האָבען) די זעלבע פּאָליטיש־סאָציאַלע און עקאָנאָמישע אינטע־רעסען, ווי די פּאָליאַקען. קיין פּאָליאַקען קאָנען מיר נישט ווערען. אין אונזערע אָדערען רינגט א י ד י ש בלוט...

און דאָ צושיידען זיך אונזערע וועגען.

איהר זאָגט, אַז מיר קאָנען עס, אַז מיר מוזען עס טון...

מיר האַלטען עס פאַר אוממעגליך...

וועט אייך אָבער געראָטען אונז איבערצוצייגען, אַז מיר זענען נישט מיר, אַז אונזער אינדיווידואַליטעט איז נ י ש ט, עקזיס־טירט נישט אָדער, אַז עס איז מינדערווערטיג און דאַרף און מוז פאַרניכטעט ווערען, אַז מיר דאַרפען אויף זיך ארויפציהען א נייע הויט, אריינזעצען זיך אַ נייע נשמה. דאָס פאַרלאַנגט אונזער ע ו ל ם ה ז ה, אונזער ע ק אָ נ אָ מ י ק, אונזער ג ע ש ע פ ט, אַז מיר מוזען אָפּזאָגען זיך פון אונזער וועלט־אַנשויאונג, פון אונזער שפּראַך, פון אַלץ, וואָס איז אונזער, צוליעב דעם בירגערליכען טאָפּ לינזען... אַז אַלץ ווערט און קאָן געטוישט ווערען, ווי האַנטשוה, ווי א העמד — —

נו, — אויב אַלץ איז צום פאַרקויפען, פאַרוואָס נישט נעמען קיין העכערען פּרייז? אַז א פרעמדע שפּראַך און א פרעמד בוך, איז ר ו ס י ש ב ע ס ע ר, פאַרשפרייטער, די ליטעראַטור, הייַנט וועניגסטענס, רייכער און — די שול — מיט „פּראַוועס"!

אַז אונטערגעבען זיך דעם שטאַט — פאַרוואָס „איטשיזנאַ" און נישט „אָטעטשעסטוואָ"?

איז כתובה קיין כתובה נישט, פאַרוואָס נישט זוכען א גע־זונטער ווייב און מיט מעהר נדן?

אַז חזיר — זאָל רינען איבער'ן מויל!

מיר גלויבען אין זיך! אין אונזער צוקונפט, אין אונזער זיג! מיר קאָנען דעריבער נישט זיין נישט „מיר". מיר ווילען זיין, נישט מעהר, נישט וועניגער, ווי אידען. אַלס אונטערדריקטע אי־דען, אַלס אונטערדריקטע מינדערהייט מוזען מיר זיין סאָלידאַר מיט אַלע אונטערדריקטע מינדערהייטען און פעלקערשאַפטען —

אויף אונז, אויף אונזער עהרליכקייט און לאָיאַליטעט קאָנען די פּאָליאַקען רעכענען, בויען דערויף.

ווער אַבער עס קאַן ווערען איבער נאַכט א פּאַליאַק, קאַן אי־בער נאַכט ווערען אַ רוס...

עפּענט איהר די טיר?

נ. ב. — און איהר אַליין, וואָס וועט טון, אויב איהר וועט לענגער פאַרבלייבען אין בערלין אָדער אין פּעטערבורג?

פּאַליאַקען בלייבען, אדער נייע גלגולים מאַכען?

7.

דאָס לעצטע וואָרט דער וואַרשעווער אסימילאַציע.

אין מיטעל־אַלטער פלעגען זיין צווישען א ו נ ז און א נ־ד ע ר ע — וכוחים. אין נאָמען פון אנדערע האָט גע'טענ'עט דער גלח. אין אונזער נאָמען האָט געענטפערט דער רב.

האָט דער רב פאַרמאַכט דעם גלח דאָס מויל; האָט דער גלח דעם רב פאַרברענט.

האָבען מיר געשוויגען אַ צייט.

האָבען ז י י יאָהרען־לאַנג גע'טענ'עט, מ י ר — יאָה־רען־לאַנג געשוויגען; זענען זיי רעכט געבליבען אפילו ביי אונזער אייגענע. וואָס זענען, לויט אייער רעצעפּט, געגאַנגען אין דער פרעמד „תורה" לערנען...

האָבען זיך די שייטערהויפען פאַרלאָשען, מען פאַרברענט שוין נישט — מוז מען ענדערען די טאַקטיק, טאָר מען נישט שווייגען.

ענטפערען מוז מען; אָבער נישט א י י ך!

עס איז אייך אַזוי שווער צו נעמען ערנסט!

א י ה ר זינגט פאַר יעדען באַצווינגער דעם אַלטען „מה יפית"; בשעת ווען מ י ר שטעלען דער פּאָליטישער וועלט דעם ווייטסטען אנטראָג: אויסגלייכען די רעכט פון „מעהר" און „וועי־ניג", פון „היימיש" און „פרעמד" — און איהר זענט אין אייערע

אויגען די פ א ר ט ש ר י ט ל ע ר און אונז רעכענט איהר פאר ק א נ ס ע ר וו א ט י וו ו !

און איהר שווימט ארום איבער דער לעבענס־פאליע, ווי א לייכטער שוים. און איהר ציטערט, ווי אילוזיאן־בילדער; דאס אויג ווערט מיד, און אנצונעמען איז נישטא וואס! אהן א ממש! אז מען פאראייניגט אייך מיט א גראמאפאן — הערען זיך פ ר ע מ ד ע ש ט י מ ע ן, — וואס האט איהר אייגענס? וואס זאגט איהר אליין?

און ווי צייטווייליג, ווי פארענדערליך איהר זענט!

אין ווארשוי איז „סירענא" דער סימבאל, מיצקעוויטש — דער נביא! — רופט אייך די בערזע קיין בערלין, ווערט „די וואכט אם רהיין" דאס הארציגע ליעד און — „דייטשלאנד איבער אלעס!" בולוואר, קאקאטע און שאנטעקלער אין פאריז. אין פראג — דעלירויום פון „זלאטא פראהא"! אין בודאפעסט — די ריינסטע נאציאנאלע קולטור: טאקאיער און ציאראדאש! פארוואלגערט איהר אייך אויף א לענגערע צייט אין ווין, שטעלט איהר דעם ד"ר ליוגער א מאנומענט!

קיין פעטערסבורג איז שווער צו קומען — דארט וואלט איהר פאליאקען־פרעסער געווארען! אין „סאראק־סאראקאוו וואלט איהר. אוים ריינעם פאטריאטיזם, די שטיוועל מיט זיעגעכטס געשמירט. — זאל מען פיהלען!

און איבעראל אונזערע פארשטעהער ביי קריסטען! און אי־בעראל פארוואלטער פון יק"א'שען אינטערנאציאנאלען פאנד! און דעמאקראטען דערצו!

עס איז אוממעגליך אייך צו נעמען ערנסט. איך געזעגען מיך מיט אייך! איך רעכען נישט, עס זאל מיך אזוי געשווינד אנכא־פען דער יצר־הרע פון פאלעמיק מיט קאמעלעאנען!

איהר קומט דאך גאר נישט צוריק!...

נאר ביים אדיע מוז איך אייך זאגען דאס לעצטע ווארט; געבען די לעצטע עצה:

ווי אזוי איהר וועט נישט רעדען מיט'ן פאלק אידיש־פויליש, אדער פויליש־אידיש, — מיט דרך־ארץ רעדט!

דרד־ארץ פאר׳ן אלטען, פאר׳ן עלטסטען פאלק, וואס איינ־נעמען און באצווינגען א לאנד און שיצען עס קעגען די העלדישסטע וועלט־ארמייען ביז׳ן לעצטען טראפען בלוט, האט עס געקאנט גלייך מיט אלע! בא, פיעל בעסער און שענער פאר אלע! און דערנאך א לאנגע, לאנגע שנור פון דורות קעמפער, קעמפער ביז׳ן לעצטען טראפען בלוט פאר איבערציינגונגען!

און שוין נישט ווי אלע, שוין איבער אלע... יענע טרייבט מען, ווי שאף, אין וואסער אריין, און זיי קומען ארוים רעליגיעז נייגע־בוירען!

דרד־ארץ פאר א פאלק, וואס זיין געשיכטע איז די איינציגע העראאישע וועלט־טראגעדיע: א בלוטיגע עפאכע פון מסירת נפש, קדוש־השם און די אוממענשליכסטע פיין און ליידען פאר דער אידעע!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

עס איז קיין וואונדער נישט, וואס איהר, לייכטזיניגע עולם־הזה׳ניקעס, זענט אוועק: איהר זענט אנטלאפען פון די, וואס פרעדיגען לעבען און מוזען ליידען, צו די, וואס פרעדיגען ליידען און לעבען א גוטען טאג!... בעסערע פון אייך, מאנכע פון די פאן־טרעגער, זענען מיד געווארען און זוכען אן אזיל ווייט פון קאמף און דעם גאנצען מיה־און־מאטער. נישט איינער, א „קלוג־געווארענער“, וויל זיך אפזאגען פון דער ירושה, אבי די חובות נישט צו צאהלען; א צו שווערע לאסט אויף די פלייצעס! —

איהר זענט אוועק אינגאנצען; וואויל אייך!...

קומט איהר נאך, ווי שווארצע אבען, און קראקעט אונז: אונטערגאנג!

שרעקט עס אונז נישט.

מיר האבען עפ, פון אייער גלייכען, אין מצרים געהערט, אין פרס, אשור, בבל און אין רוים — געוועהנט דערצו! נישט פין אייער ווארט ווערען וועלטען צושטערט און נישט מיט אייער ווארט ווערען וועלטען געבויט!

פרעדיגט, וואס איהר ווילט, דער ווינט טראגט!
אבער מיט דרך־ארץ!

ווילט איהר נישט ל י י ד ע ן צוזאמען מיט'ן פאלק, נעמט דעם וועג! קאנט איהר עס שוין נישט ליעבען, מען וועט זיך באַ־געהן! אבער אכטען זאלט איהר עס, מוזט איהר עס! —

בויגט די לייכטע קעפּ פ א ר 'ן א י י ב י ג ע ן ק ע מ־פ ע ר, פ א ר 'ן א י י ב י ג ע ן פ א ל ק! — צו דער ערד!

8.

ז י י ט ר ו ה י ג!

האט זיך די היינט־רעדענדיגע „פּוילישע" פּרעסע איהרע שפּיר־הינטלעך פאר דער א י ד י ש ע ר...

משומדים'לעך אזוינע...

עס פארבענקט זיך אמאל אזא משומד'ל צוריק צום אידיש־קייט.

עס קומט אמאל צו חלום א מ ז ו ז ה!

ביים טאפּ לינזען, פאר וועלכען מען האט דאס עופ'עלע, — דאס נשמה'לע פארקויפט, דערמאנט זיך אמאל א חנ'עוודיג אי־דיש ציבולקעלע, — קומען טרערען אין די אויגען אריין...

און גלאט אזוי, אויסערליך אהן א שום סבה, גיט עס אמאל א צופּ ביים הארץ, — א מאדנע קלעפּיגע זאך די אידישקייט!

ווילט זיך עס אויסרייסען מיט געוואלד פון הארץ, ווילט זיך עס פון חלום פארטרייבען; וויל מען דעם לעצטען פארבארגענס־טען פאדעם איבעררייסען —

עס זאל קיין שפּור נישט בלייבען!

טוט מען, — ווי אלע משומדים אין מיטעל־אלטער פלעגען טון — אל־דאס־בייז...

און קאן מען היינטיגע צייטען קיין גרויס־אינקוויזיטארען נישט ווערען, ווערט מען בייסענדיגע, צופענדיגע, שפּיאנאזש־ און פּראַ־

וואַקאַטאַר־הינטלעך; שטעלט מען זיך אין פּאָליציי־דינסט ביי דעם רעכטען טייל פּרעמדער פּרעסע...

קאַן מען נישט פאַרברענען גאַנצע אידען מיט אמאָל — כאָטש אויסרייסען עטליכע פעדימלעך פּלייש!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

פאַלט אַזאַ הינטעל, פאַרסאַפּעט, מיט פאַרהונגערטע אויגען און ארויסגעזעצטער צונג, — אין „פריינד" אריין און גיט אַ ביס. רייסט עס ארויס אַ „שטיקעלע" פון מיינס אַ פעליעטאָן געגען דער אסימילאַציע... און מאַכט פּליטה...

גיט דער קעכער פון „גאַניעץ" אַ רוף:

— אַפּאַרט!

„דערלאַנג!" אויף מענשליך לשון...

ליגט שוין דאָס הינטעל דעם קעכער ביי די פיס.

איז שוין דאָס שטיקעל, פון הינטיש שפּייעכץ אויפגעפאַרבט, ביים קעכער אין דער האַנט...

„סאָוס" איז קיך פעהלט נישט, עס פּרעגעלט זיך אין דער גרויסער פאַן — אַ שמיר, אַ דרעה איבער'ן בראַט־פּענדעל, און — פאַרטיג! אַ מאכל־מלכים פאַר'ן „טייערען לעזער"!

אין „מעניו" הייסט עס:

„נידערטרעכטיגע געדאַנקען".

נאַטירליך:

פון אַ ז אַ מויל, פון אַ ז ו י נ ע הענט ארויס, מיט אַ ז אַ סאָוס!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

איבערגעגעבען, אַז „אויב זיך אונטערגעבען דער סביבה, איז גלייכער דער רוסישער... אַז אויב אַ פרעמדער שפּראַך, איז גלייכער רוסיש"...

אזוי, הייסט עס, האָב איך געזיגט.

קיין וואָרט דערפון, אַז דאָס אַלץ איז געזאָגט געוואָרען דער פאַרקויפטער אסימילאַציע לויט איהר עטיק און פסיכאָלאָגיע!

אַז איך האָב באַשולדיגט דערמיט דעם אסימילאַטאָר! געזאָגט, אַז ער, וואָס מיינט, אַז נאַציאָנאַליטעט איז אַ זאַך צו קויפען און

פארקויפען, צום פארבייטען און טוישען, — אז ער און נאר ער איז פעהיג און גע'פועלט מיט דער צייט צו פארטוישען „איטשיזנא“ אויף „אטעטשעסטווא“ !

אז נאר ער, וואס האט ערשט נעכטען געקאנט ווערען אויס איד און ארייז אין א פוילישער הויט, קאן היינט, און ווען נישט היינט—מארגען אדער איבערמארגען—אראפּוואַרפען די פוילישע הויט און ווערען א רוס !

קיין ווארט דערפון, אז ווענען אונזער באציהונג צום פויליּ-שען פאלק איז ארויסגעזאגט געווארען קלאר און דייטליך, אז זי איז און וועט זיין א לאיאלע, טרייע און ליעבפולע, אז מיר זענען מיט'ן פוילישען פאלק סאלידאר אויף דער גאנצער באפרייאונגס-ליניע...

דאס האט דער הונט נישט אויסגעביסען...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

איז ווייניג, קומט נאך צו דער „סאוס“ פון גאניעץ-קיך, פון דער אייביג-פרייענדיגען פאן: א קליינע פעלשונג :

אויפ'ן ארט פון שטאט, פון אונטערגעבען זיך דעם מולד-שטאט, וואס וויל פארניכטען אלע מינדערהייטען, איז אריינגע-שטעלט געווארען דאס ווארט: סביבה, מיליע... אויפ'ן ארט פון „מלוכה“ באווייזט זיך — דאס פאלק !

— — — — — — — — — — — — — — — — —

איז דאס אלץ אבער מעשים בכל יום, זענען מיר דערצו צו-געוועהנט, וואלט איך דערויף קיין ווארט פארלוירען, קיין טראָ-פען טינט פארגאסען, ווען נישט — —

ווען נישט די גוים-פארכטיגע נשמה'לעך, וואס מיר האבען צווישען אונז; ווען נישט די דרילע נשמה'לעך, וואס האלטען אין איין ציטערען, אין איין שטאמלען: למה יאמרו הגוים... און קומען זיי און סקאמלען מיט אנגסטען באגאסען :

— שווייגט, רעדט נישט !

— וועקט נישט אויף אונז דעם צארן פון פוילישען פאלק,— עס וועט אונז אויסהונגערען, דאס פוילישע פאלק !

און זיי מוז איך זאגען :

ציטערט נישט און באליידיגט נישט דאס פוילישע פאלק!

נישט די „ראַלאַ“, נישט דער „גאַניעץ“ און אַלע זייער גליי־
כען און אפילו נישט דער אָפּגעלעבטער און אָפּט איבערגעפאַרב־
טער „פּראַוודאַ“־ליבעראַליזם — זענען דאָס פּוילישע פאָלק.

זיי רעדען, זיי אויך ווילען אויסהונגערען, און דאָס ווירק־
ליך־פּוילישע פאָלק — שווייגט.

ווייל עס מוז! איז אויף אַ ווײלע דאָס פּוילישע פאָלק צום
וואָרט געקומען, האָט מען גאָר אַנדערע דבורים געהערט.

„טו, ווי דו ווילסט, נאָר העלף באַפרייען; רעד, ווי דיין
שנאָבעל וואַקסט, נאָר העלף באַפרייען; רעד, ווי דיין שנאָבעל
וואַקסט, נאָר רעד, ווי אַ פרייער מענש...“

אַזוי איז גערעדט געוואָרען!

פון מולד־שטאַט האָט מען נישט געהערט...

מוז אבער דאָס ווירקליך פּוילישע פאָלק שווייגען, און ווער
ווייסט, ווי לאַנג עס וועט נאָך מוזען!

רעדען אַנדערע! איז דער קצב אוועק פון קלאַץ, איז... דער
„גאַניעץ“ מיט קאָמפּאַניע אַרויף.

פיהרען זיי דאָס הויכע וואָרט...

און אויב, — נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין, — אויב זיי
וועלען נאָך לאַנג רעדען... אויב צו אונזער שאָדען און —
נישט צום קלענערען שאָדען פון פּוילישען פאָלק — וועלען די דאָ־
זיגע לייט לאַנג נאָך רעדען און העצען און פיהרען דאָס רעדעל אין
נאָמען פון פּוילישען פאָלק און אין זיין נאָמען שטיקען און ווער־
גען — וועלען זיי סיי־ווי־סיי אויסהונגערען!

דאַן — איך וויל מיין מויל צו קיין בייזען נישט ברענגען —
דאַן וועלען זיי אייך שיקען קיין פּעטערבורג... מיט עקס־
טראַ צוגען, ווי די גאַליציאַנער שענקערס קיין ווין!

מען וועט שרייען, אַז איהר פיהרט אידישע פּאָלי־
טיק און איהר וועט ציטערען און אייערס טון, איהר שרעקיגע,
למה־יאמרו־הגוים׳דיגע קליינע נשמה׳לעך!

רחמים וועט איהר בעטען אין פּעטערבורג, און — אויף
רוסיש וועט איהר בעטלען; פונקט ווי יענע
אויף דייטש!

זייט רוהיג!

יאנואַר—פעברואַר, 1911.

נאָך גראָסער׳ס לויה.

איך האָב גראַסער׳ן פּערזענליך נישט געקענט. אינגאַנצען צוויי צו דריי מאָל געזעהען און נ י ש ט ביי דער ארבייט...

איך האָב נאָר צוויי צו דריי מאָל געזעהען אַ עהרליך, אַי־בערצייגט געזיכט, עהרליך־איבערצייגטע אויגען, מיט אַ זיכערען, פעסטען בליק ערגעץ אין דער ווייטקייט אריין. אויגען, וואָס ז ע ה ע ן דאָס נאָך נישט געקומענע. דער קאָפּ פאָראויסגע־בויגען — פאָראויס, צום נאָך נישט געקומענעם!

עס איז מיר נישט אויסגעקומען מיט גראַסער׳ן צו רעדען און איך האָב עס נישט געברויכט. עס איז גאָרנישט אַזוי וויכטיג צו וויסען, ווי דאָס נאָך נישט געקומענע זעהט אויס אין דעם אָדער יע־נעמס אויגען. גענוג איז צו וויסען, אַז דער און דער איז נישט צופרידען מיט׳ן הייגטיגען טאָג, און זיין מאָרגען איז נישט זיין מאָרגען פּערזענליך פאַר איהם...

איך האָב אמאָל אָפּגעטראָטען גראַסער׳ן די פיהרונג פון דער יעצט פּאַרמאַכטער ליטעראַרישער געזעלשאַפט. און האָב אפילו נישט אויסגעפרעגט, אויף וועלכען וועג ער וויל פיהרען. אויף אַלע וועגען קאָן מען ברענגען משיח׳ן. אבי נישט גלעגען אין הייג־טיגען זומפּ, אבי נישט געשטאַנען אויפ׳ן אָרט, און געזעסען אין שטוב...

ווי אַלט איז געווען גראַסער?

מיין אַ צופעליגע באַקאַנטע, זיינס אַ מומע, האָט זיך עמפּערט. מען האָט גראַסער׳ן איבערגעגעבען די ליטעראַרישע געזעלשאַפט...

„אַזאַ סמאַרקאַטש!" — האָט זי געזאָגט מיט גיפטיגער ליעב־שאַפט...

ווירקליך, ער האָט זיך געקאַנט עפּעס פּראַקטישערס און בע־סערס אויסקלייבען אין לעבען. פאַראַן אבער אייביגע קינדער, וואָס ווען זיי דערזעהען פון איין זייט אַ גאָלדענע קרוין און פון דער צווייטער — ברענענדיגע קוילען, כאַפּען זיי זיך צו די לעצטע.

און דאס פנים זיינס און די אויגען זיינע האבען שטענדיג און אפען פאר יעדען געזאגט:

— איך בין יונג, גרין און וועל שטענדיג זיך ציהען צום פייער, אויסשטרעקען די האנט צו הייסען קוילען...

אינגאנצען צוויי צי דריי מאל געזעהען און דאך. די „צו־פעליגקייט" איז נאטירליך פאר א ו נ ז, פאר אונז, וואס האבען וואס ווייניג פון לעבען, און קאנען נאך ווייניגער נעמען אין באַ־טראכט, אריינציהען אין חשבון אריין... דאס גאנצע ווייסט פון קיין צופעליגקייט, אין געשטאלט פון א טיפוס, האט איהם פלוצלונג געקרייצט דער וועג, אפגעשטעלט, א זאג געטאן: עד כאן! און גראסער איז פון לעבעדיגען וועג אראפ, בין איך געגאנגען אויף דער לויה. און נישט צוליעב דעם „טויטען". אין קבר, אין דער ערד אריין, לעגט מען נישט דעם מ ע נ ש, נאר זיין ש א ל; נישט זיין א י נ ע ר ל י כ ע ן „איך", נאר זיין פ א ר ק ל י י־ד ו נ ג... „דער קערפער געהט צו דער ערד צוריק און דער גייסט — צום ה י מ ע ל"... מענשען האבען אזוי ווייניג צו טון מיט'ן הימעל, אז קוים פליהט דער גייסט א ר ו י ף, צו דער ה ו י ך, וואס זיי ווילען און ווילען נישט דערגרייכען, לאזען זיי נאך טיפער זייער בליק צו דער ערד אראפ און ווארפען זיך מיט דער גאנצער נשמה, מיט'ן גאנצען הארץ איבער'ן קערפער, וואס געהט צו דער ערד... נעצען איהם מיט זייערע טרערען, באדעקען מיט זייערע ערשט פריש געקויפטע בלומען, דאס מעהרסט קרענץ אויף דראַ־טען! — טאטע מיינער! מוטער, מאן, ברודער... קרוב, באקאנטער...

מען האט פריהער אין איהם אויך נישט מעהר פארמאגט, צו איהם קיין אנדערע באציהונג נישט געהאט. און דאס, וואס איז אין דער ווירקליכקייט ער, נישט זיין צופעליגקייט געווען, דאס בלייבט נישט. דאס פליהט, זאגען זיי, ארויף, אין הימעל אריין...

גראסער'ס „איך" איז נישט אין הימעל אריין... ער שוועבט צווישען די ו ו י ר ק ל י ך, נישט צופעליג זייניגע, און ווערט פון זיי א י י נ ג ע ע ט ע מ ט... און ער וועט אויפלעבען אין זיי...

עס איז מיר ווירקליך נישט אינטערעסאנט געווען צו זעהען, וואו זיין הויט־זאק וועט ליגען. וויפיעל קרענץ עס וועלען ווערען אויף זיין פארקליידונג געווארפען...

נישט קיין חבר ביז איך געגאנגגען זעהען, און נישט קיין בר־מנן.

„יקרא דחייא!"

איך האב געוואלט זעהען, ווער עס געהט נאך — גראסער'ן...

און איך האב כמעט קיין אלטע לייט נישט געזעהען און האב פארשטאנען פארוואס; „טאקי סמארקאטש!" האט זיין מומע געזאגט. און איך האב קיין קינדער נישט געזעהען. נישט די האלב־ווילדע פון חדרים, און נישט האלב־נאקעטע פון תלמוד תורה ארוים...

אבער יוגענד האב איך געזעהען!

דער טויטער אקער איז מיט אמאל, ווי דורך א כישוף פאר־פלאנצט געווארען מיט י ו ג ע נ ד. דאס פעלד פון טויט האט אויפגעבליהט מיט לעבען. פון צווישען מצבות קוקען פרישע, יונגע, לעבענדיגע, לעבען־זויגענדע אויגען ארוים...

יוגענד און יוגענד!... ווי ווייט דאס אויג פארנעמט — יוגענד!

ווייס איך, אז מיר זענען נאך נישט ג ע ש ט א ר ב ע ן, נאך אפילו נ י ש ט געווארען, אז מיר האבען, יוגענד...

און נישט געזיפצט און נישט געטרערט האט זי, די יוגענד. אין די אויגען איז געווען טרייהייט, איבערגעבענהייט, ליעבשאפט. און נישט צו דער שאל, וואס מען האט אין דער ערד אריינגעלעגט, נאר צום ת ו ד, צום ע צ ם ע נ י ן, וואס ווערט נישט באגראבען... און נישט צום קבר האבען די אויגען, שטיל שווייגענדיג גע־קוקט, נאר אין דער ו ו י י ט אריין! און נישט שרעק פאר'ן טויט איז געלעגען אויף די געזיכטער, און נישט די פארלוירענקייט פון שאף, ווען דער פאסטוך פארשווינדט אויף א ווײלע, נאר די ז י כ ע ר ק י י ט: דאס אלגעמיינע שווייגען האט ה ו י ך געדעדט:

— מיר וועלען זיך נישט פארלירען, נישט פארלירען! מיר קענען דעם וועג, חבר! געהענדיג פון מצרים, טראגען מיר דיין קאסטען נישט מיט, דיין גייסט איז מיט אונז! ער געהט מיט אונז...

מיר קענען דעם וועג, זיי רוהיג, חבר!

.1912

ווענען, וואָס פיהרען אָפּ פון אידישקייט.

1.

די געפאַהר.

— אויף דער אָרדנונג פון טאָג — הייסט עס אויף דער צייטונגס־שפּראַך — האָט זיך, צווישען אַל־דאַס־בייז, געשטעלט אויך די שמד־פראַגע.

און די געוועהנליך גערולדיגע אידישע עפענטליכע מיינונג האָט אָנגעהויבען רעאַגירען.

אין אויסלאַנד — שטאַלצער און שטאַרקער.

פּראָטעסט־מיטינגען, אויפגעבראַכטע רעזאָלוציעס; מען הויבט אָן טייטען אויף די אָפּטריניגע מיט די פינגער, פאַרעפענטליכען זייערע נעמען...

ביי אונז, אין דער דערשלאָגענהייט, שטילער: עטליכע צייטונגס־נאָטיצען; ציטאַטען פון אויסלענדישע סטאַטיסטישע שמד־ציפער; באַגלייט פון א אידישען יתום־קרעכץ, באַנעצט מיט אַן אַלמנה־טרער...

עס איז ביי אונז „צווישען אַל־דאַס־בייז“.

אויבען־אָן — די אימיגראַציע, די טשערטאַ־פראַגע, דערנאָך: אַלטע, נייע, באַנייטע און ניי־אויסגעטייטשטע גזרות, און שטילע עקאָנאָמישע פּאָגראָמען, און אָפּגענע באָיקאָטען, און „זונטאָג־רוה“ און אידישע פאַבריקאַנטען, וואָס טרייבען פון פאַבריק אַרויס די אידישע אַרבייטער און — די וואַרשעווער גמינע...

פאַראַן זיך מיט וואָס צו פאַרנעמען אויסער'ן שמד...

און קיין אידעלעך — טראַכט מען דערביי — וועלען נישט פעהלען... פאַלען עטליכע פוילע בלעטער פון בוים...

קיין שמד־באוועגונג — טרייסט מען זיך — איז נישט פאַ־ראַן: קיין שמד־טעאָריע ווערט נישט געפּרעדיגט, קיין שמד־אַגי־טאַציע ווערט נישט געפירהרט, נישט מאַסענווייז טרעט מען אָפּ...

איינציגווייז און דערצו שטיל אויף־די־נעגעל, ווי גנבים, שליי־כען זיי זיך ארויס אין קלויסטער אריין; מאַנכע הערען נישט אויף צו צאָהלען דעם אידישען געמיינדע־שטייער, מען זאָל פון זייער שאַנד נישט וויסען. עס בלייבט גאַנץ אָפּט, ביז טויט און באַגרעבעניש, א פּערזענליכער סוד, העכסטענס א פאַמיליען־גע־היימניש...

— עמיץ איז אוועק. — א חרפה, אפילו א הארץ־וועהטאָג! אָבער דערביי גיט מען, נישט ווילענדיג, א טראַכט: פאַרט פּרייער געוואָרען אין אונזער ענגשאַפט... אַראָפּ א אידישער קאָנקו־רענט פון מארק, געעפענט זיך א וואַקאַנץ אין אוניווערזיטעט, אין גימנאַזיום; לייכטער אָפּצועטמען...

און ־דאָך איז עס, פון העכערען נאַציאָנאַלען שטאַנדפּונקט, נישט אזוי לייכט צו נעמען; אָנשטעקענדיג, צי ניין, — אַן „אונ־טערגאַנג" איז עס...

און נישט אין דער צאָל פון די אָפּטריניגע שטעקט די גע־פאַהר, נאָר אין דער ל י י כ ט ק י י ט, ב א — אין דער — ל י י כ ט ז י נ י ג ק י י ט פון שמד... אונזער געשיכטע האָט ביז אַהער געוואוסט פון אנוסים: מארטירער, וואָס האָבען פאַרלוי־רען די קראַפט, אומצוקומען אויף קידוש־השם, אונטער די שרעק־ליכסטע ליידען און אוממענשליכער פּיין...

מיר זענען געוועהנט צו שמדות אלס רעאַקציע נאָך א פאַלשער משיח־באוועגונג: דער לעצטער פונקט פון האָפנונג איז אויס־געגאַנגען, דער לעצטער בינדענדיגער פאָדעם האָט געפּלאַצט, — אַלץ אוועק מיט'ן רויך...

מיר ווייסען און פאַרשטעהען קאָנטאַניסטען. און די אַלטע חייבי־מיתות און די פינסטערע קאַזעמעטען פאַר פאַלשע בלבולים, וואָס האָבען זיך מיט אביסעל שפּרענג־וואַסער באַפרייט פון אַן אומזיסטיגער תליה...

און נישט מיט שפּינאָזאַ'ס, וואָס אונזער אייגענער בלינדער פאַנאַטיזם האָט פון מחנה ארויסגעטריבען, האָבען מיר צו טון...

און נישט מיט היינע׳ס און בערנע׳ס, וואָס האָבען אין ענגען פינס־טערען געטאָ נישט געקאָנט אויסשפּרייטען די פליגעל...

מיר האָבען צו טון מיט קליינינקייטען: אין די ספּערען, וואו מען טרעפט זיך אויג־אין־אויג מיט׳ן קלענסטען פּי־צעל עולם־הזה, שפּרינגט מען איבער׳ן אידישקייט אַריבער, ווי איי־בער אַ שטרוי...

עס איז שוין קיין טראַגעדיע נישט, קיין דראַמע; עס איז אין די ספּערען אַ לייכטע קאָמעדיע געוואָרען, אַ פאַרס! און עפּעס האָט געמוזט פאַרבאַרגען ווערען אין אונזער „דענישען קעניגרייך“. די אידישקייט אין געוויסע ספּערען איז צו־שוואַך געוואָרען און קאָן זיך דאָרט נישט ווערען געגען מינדסטען און קלענסטען שמד־מאָטיוו...

אין אונזער שוואַכקייט שטעקט די געפאַהר...

און דעריבער איז די פראַגע פון „די וועגען, וואָס פיהרען אָפּ פון אידישקייט“, אַזוי וויכטיג.

2.

עס מוז קלאָר ווערען.

— „די אידישקייט איז אָפּגעשוואַכט געוואָרען!“

אָבער — וואָס איז אַזוינס „אידישקייט“?

— „מיר זענען אידען!“

אָבער — מיט וואָס?

מיר זאָגען גאַנץ אָפּט:

— מיר ווילען אונזערע קינדער און קינדס־קינדער זאָלען בלייבען אידען...

אָבער, וואָס האָבען מיר זיי איבערצוגעבען?

אין וואָס זאָל באַשטעהן די ירושה?

און איז עמיץ, געגען אונזער ווילען, פון אונז אוועקגעגאנגען. זאגען מיר איהם:

— דו ביסט אפטריניג געווארען!

שטעלט מען אבער די פראגע:

— פון ו ו א ס אוועקגעגאנגען? און ו ו א ס גע־פעלשט?

ו ו ע מ ע ן אפטריניג געווארען? — וואס איז אזוינס די א י ד י ש ק י י ט, וואס יענער האט פארלאזט?

הויבט מען אן שטאמלען.

שטאמעלט יעדערער אויף זיין ארט און שטייגער.

ווענדט איין שטאמלען אפ דאס צווייטע, און איין נישט־קלארער ענטפער שליסט אויס דעם צווייטען.

און דאס געשיהט, ווייל יעדע צייט, יעדער פלאץ, יעדער קלאס, און גאנץ אפט יעדער מענש באזונדער, האט זיין אידיש־קייט און וויל האבען א מ א נ א פ א ל אויף אידישקייט.

נעמט מען אינסטיטוטען, אין וועלכע עס באקליידט זיך אויף א געוויסען פלאץ, אין א געוויסען מאמענט דער אידישער גייסט, אויפ'ן ארט פון אידישען גייסט.

נעמט מען, לויט צייט און ארט פארענדערליכע סימבאלען— די ש פ ר א ך פון אידישער רעליגיאן, פילאזאפיע, וועלט־אנ־שויאונג, מאראל, א. ד. גל. און מען שטעלט עס אויפ'ן ארט פון לעבעדיגען, שעפפערישען אינהאלט...

נעמט מען אויפ'ן ארט פון מ ע נ ש, וואס לעבט און אנט־וויקעלט זיך, זיין טויט קלייד, וואס ער טוישט לויט ארט און צייט.

דריקט מען אריין דאס א י ב י ג ע מיט דער פויסט אין א שווינדענדיגער מ י נ ו ט...

לעבען מענשען, אבוואל פון איין געשלעכט, אויף פארשידענע ערטער און לויט פארשידענע צייטען — האט יעדערער זיין אי־דישקייט פון זיינע פ י ע ר א י י ל ע ן, פון ז י י ן ק ו ר צ־פ א ר ג ע נ ג ל י ך לעבען.

און גאנץ אפט געשיהט א נארישער טויש: ווערט נאך דאס פרעמדע אנגענומען פאר'ן א י י ג ע נ ם, דאס, אונטער סך

געסטיאַן (השפעה) פון פרעמדע, נאָכגעמאַכטע, געהאַלטען פאַר אָריגינעל, פאַר „מסיני“...

איז דען די פּוילישע זשופּיצע נישט פאַרהייליגט געוואָרען?

איז דען ביי טייל „כּפרות־שלאָגען“ נישט קיין אידישקייט?

איז דען דער, וואָס לייקענט אין שדים פון פרס און מלאכים פון בבל, ביי מאַנכע נישט ערגער, ווי גע'שמד'ט?

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

פון פאַרבייגעהענדיגע „מאָמענטען“, צייטליכע צייכען און סימבאָלען מוז מען זיך, ווי ווייט מיר געהען צו אונזער ציל, איינמאָל פאַר אַלע מאָל אָפּזאָגען.

מיר זוכען דאָס אייביגע. דעם „תוך“, דעם „עצם־ענין“.

אידישקייט איז די אידישע וועלט־אַנשויאונג.

און ווילט איהר:

די וועלט־אידעע, וואָס זוכט איהר פאַרקערפּערונג אין דער מאַטעריע, אין דער געשטאַלט, אין וועלכער זי שלאָגט זיך אָפּ אין דער אידישער נשמה.

אידישקייט איז דאָס —

וואָס באַשאַפט, אין צייטען פון זעלבסטשטענדיגקייט, פריי־הייט און מאַכט אינסטיטוטען צו איהר אַנטפּלעקונג און פאַרקערפּערונג, — און דאַמאָלט איז זי — פרייד און גליק, — עולם הזה!

וואָס באַשאַפט, אין צייט פון שטרייט, — אינסטיטוטען צום אָפּוועהר, צום פאַרהיטען, צום שיצען — זיך און די איהריגע און דאַמאָלט איז זי קאַמף — און העלדען־געזאַנג!

און וואָס מוז, אין צייטען פון אונטערטעניגער שוואַכקייט, זיך איינציהען, איינשרומפּען, באַהאַלטען אין „פּינטעלע איד“; אויס־האַלטען שווייגענדיג, און אָפּוואַרטען די בעסערע צייט — און דאַמאָלט איז זי האָפנונג, ליידען און פּיין... משיח־חלומות און עולם־הבא.

און דאַמאָלט פאַרלאַנגט זי אָפּפער...

און די אידישקייט, פאַר וועלכער מיר פאַרלאַנגען די אָפּפער מוז, קלאָר און דייטליך באַצייכענט ווערען...

מען האָט אַמאָל געמײנט, אַז דער מענש װערט געבױרען אַ לעדיגער טאָװעל (טאַבולאַ ראַזאַ) און דאָס לעבען קומט מיט זײַן גריפעל און שרײַבט, הײנט װײסט מען שױן, אַז דער מענש איז אױך טעטיג, אַז לעבען איז פּראָצעס און קאַמף צװישען מענשען און מיליע, צװישען מענש און נאַטור, אַז דער מענש קומט אױף דער װעלט שױן מיט אַ גרײטער ירושה, מיט'ן זאָמען פון זײַן װילען, פון זײַן אײגענאַרטיגער קראַפט, מיט זײַן לעבענס־ און קאַמפּס־פעהיגקײט, צי ער װעט זיגען, צי ער װעט פאַלען...

דאָס זעלבע איז מיט דער נאַציאָן.

מיט װאָס זענען מיר אױף דער װעלט געקומען? װאָס װילען מיר? װעלכען קולטור־פאָדעם שפּינען מיר אין װעלט־געװעב אַרײַן? װאָס איז אונזער טאָן אין דער װעלט־האַרמאָניע? װאָס װעט פעהלען, אַז מיר װעלען פעהלען? —

װאָס איז „אידיש", װאָס איז „נישט־אידיש" — מיט װאָס אונטערשײדען מיר זיך פון אַנדערע?

װאָס האָבען מיר צו שיצען? פאַר װאָס זיך אָפּפערען? צוליעב װאָס שטרײַטען? —

װאָס איז אונזער לעבען, װאָס איז אונזער טױט?

3.

„מאָדערן" — אַ מאמר המוסגר.

די פראַגע: „װאָס איז אידישקײט?" איז געשטעלט געװאָרען, צום ענטפער איז אָבער נישט לײַכט צוצוקומען.

מען כאַפּט אַז בײם אַרבעל, מען פאַרהאַלט אױפ'ן װעג.

אונזער „מאָדערן", אונזער מאָדערנער מענש, װיל די פראַגע נישט...

„רוח היהדות", „עכט־אידישקײט", „אידישע עטיק" — דאָס

אלץ איז פאר'ן מאדערנעם מענש — אלט, אויסגעדראשעו, אפגע־טראגנו...

„דער איינציג־אידישער גאט מיט'ן גאנצען קלאפער־געצייג",
דער „אתה־בחרתנו־נאציאנאליזם"—חלומות, לכל הפחות, פון
פינסטערעו מיטעל־אלטער... און דער מאדערנער מענש דארף ליכט
און פארבען; מעג זיין ברעטער־ און קינקעטען־ליכט, מעג זיין
פארבען פון זייפען־בלאזען, און, דעם אמת זאגענדיג, נאר אזוינע...

טאג־ליכט און עכטע פארבען זענען צו באנאל, דערצו האט
דער מאדערנער מענש צו שוואכע אויגען און נאך שוואכערע נערווען.

און דער מאדערנער מענש באשאפט זיך זיין מאדערנעם נא־ציאנאליזם.

„דעם אלטען מוז מען צואווארפען, סאפיארען מוזען קומען,
ארויסשלעפען א דראט נאך א דראט, צואווארפען א שטיין נאך א
שטיין, אויפדעקען פאר'ן עולם דעם גאנצען שימעל, און ווייזען,
אז דא איז קיין פעסטונג נישט, נאר א חורבה אן אלטע"...

„ביי דער ביטערער הארטער מלחמה פאר אונזער קיום קא־נען מיר זיי נישט באנוצען..."

דא האט זיך שוין דער מאדערנער מענש פאררעדט...

דער מאדערנער מענש טויג לחלוטין צו קיין מלחמה נישט,
פאסט לחלוטין נישט אין דער ארמיי, אפילו נישט אין דער „נא־ציאן" אריין, ווי ווייט די נאציאן פארלאנגט ארבייט און אפפער...

דאס קאן דער „מאדערנער" מענש נישט געבען...

דאס „מאדערנע" פאלק, ווי דער מאדערנער מענש שטעלט זיך
עס פאר, טאר צו אלעם ערשטען נישט פארלאנגען קיין אפפער;
דאס פארלאנגט די „סטאדע", אין פאלק איז יעדערער פריי... און
וואס יעדער איינצעלנער פרייער מענש אינ'ם מאדערן־פרייען פאלק
טוט, דאס נעמט און לעגט צוזאמען, שיט עס אין איין זאק אריין,
ווערט איהר האבען די געוווינשטע נאציאנאלע קולטור... מען דארף
נישט באצייכענען, גארנישט טון...

ווער איז ער, א ו נ ז ע ר מאדערנער מענש?

דאס ווארט א ו נ ז ע ר, איז עקסטרא אונטערגעשטריכען,
דער אייראפעאיש־מאדערנער מענש איז באקאנט...

ערשטענס — מיט דעם, וואס ער איז שוין לאנג אויס מא־דערן, אפילו פון דער מאדע ארויס... דער בעסטער באווייז: ער איז ביי אונז ערשט אין דער מאדע אריין; מיר פארשפעטיגען זיך שטענדיג... ער איז שוין זאגאר איבערדריסיג און לאנגווייליג גע־ווארען: „דער מאר האט זיין שולדיגקייט געטאן, דער מאר קאן געהן“...

דער מאדערנער מענש האט געפונען איינינע דינערע שטריי־כען אינ'ם לעבען, אייניגערע דעליקאטערע פארב־ניואנסען; אנט־פלעקט עטליכע פיינע ציטערען אין דער מענשליכער נשמה, א צוויי־דריי קליינע, גאנץ קליינע אמפליטודען פון בלוט־וואלונגען אין מענשליכען הארץ, א קוים־טרער אין מענשליכען אויג, א קוים־שמייכעל איבער'ן מענשליכען פנים און — איז אוועק אין קאבארעט...

געוועז אמאל גרויסע אידעאלען, פאר וועלכע מענשען האבען זיך געאפפערט: „פאטערלאנד“, האט זיך ארויסגעוויזען — א תפיסה, וואו די ארעמע קלאסען ארבייטען קאטארגע... „פאטריא־טען“ — ליפעראנטען, וואס שטעלען צו פראוויאנט און נעמען אפ די ארבייט... „פאמיליע“ — געזעצליך רעגולירטער לייבער־פאר־קויף... און נאך, און נאך... איז דער מאדערנער מענש אנטלאפען, און וואו צו געהן נישט געהאט, האט ער זיך פארנומען מיט גאר־נישט אדער מיט שפילצייג און קלייניגקייטען און איז אינטערע־סאנט געווען א ווייל...

איבערקוקען, איבערשאצען די ווערטען, אין די אויסגעלערטע און אויסגעוועפטע כלים אריינגעבען א נייעם אדער רענאנסירטען ניי־אויסגעקלעפטען אינהאלט; נייע אינסטיטוטען באשאפען, נייע סימבאלען, דאס איז נישט פאר'ן צועקעלטען, צוואווהאגטען מא־דערנעם מענש מיט רואינירטע נערווען...

אבער ווען מען פרעגט: ווירקליך אדער נישט, וואר אדער פאלש, די אדער יענע אידעע, דער אדער יענער לעבענס־צוועק, די אדער יענע וועלט־אנשויאונג ? ? ? — — —

וואו אזוינע פראגען ווערען געשטעלט, באקומט דער מאדער־נער מענש נ י ש ט דאס ווארט... ער צושטערט נישט און בויט נישט, ער טראכט נישט און פילאזאפירט נישט...

און — אין דאס איז זיין גרעסט אומגליק:

ער איז נישט פריי!

ער האט זיך זיין לעבענס־גאט צושלאגען, און אין יעדען מאָ־מענט דינט ער אַן אַנדערען שטויב פון געוועזענעם גאט, און האלט זיך פאַר באַפרייט פון גאָט...

ער מיינט ער דינט נישט קיינעם, און נאָר דעריבער מיינט ער עס, ווייל די, וועלכע ער דינט, זענען אַזוי קליין, אַז ער אַליין דערזעהט זיי נישט, און זיי טוישען זיך אַזוי אָפט, אַזוי בליץ־שנעל, אַז ער באַהאַלטן זיי קיין ווײַלע נישט אין זכרון.

דער מאָדערנער מענש האט נישט קיין לעבען, נאָר מאָמענ־טען; ער האט דעריבער קיין כאַראַקטער נישט, קיין ווילען, נאָר קאַפּריזען און „ווילעכצער"...

און דאָס טאַנצט אַרום אין קאַלײדאָסקאָפּ פון אַ צוטראָ־גענעם מח...

ער איז קיין קאָאָרדינירטער אָרגאַניזם נישט; פיליכט שעהן, אָבער אַזוי וואָרעם־עהנליך.

אַ שורה לויזע סיגמענטען, לויזע רייפלעך אין אַ זעקעל... און יעדעם רייפעל האט זיין קליין ביסעל וויסען און פאַרלאַנגען — פאַרבונדען זענען זיי נאָר מיט דער הויט...

און פון דעם, וואָס קאָן זיך אַליין נישט קאָאָרדינירען, זיין אייגען לעבען נישט צוועקמעסיג מאַכען, קאָן מען נישט פאַרלאַנ־גען, ער זאָל קאָאָרדינירען וועלט־ערשיינונגען, געפינען די צוועק־מעסיגקייט פון אינסטיטוטען, ווי קלאַס און נאַציאָן...

גרויסע מענשען געהען זייער וועג, נישט נאָך דער סטאַדע; דער מאָדערנער בלאָנדזשעט אַהן אַ וועג...

הייסט דאָס פריי געהן?

אויף אַזוינע וועגען געהען דער דעזערטירער, דער אַנטלאָפּע־נער פון קאַטאָרגע און איבערהויפּט — מענשען אַהן אַ וועג...

„תהו לא דרך" — איז קיין וועג נישט, אפילו נישט צו שמד.

4.

די מאָדערנע געפאהר.

(צווייטע און לעצטע העלפט „מאמר המוסגר“)

בין איך, פיליכט, צו שאַרף אַרויסגעטראָטען קעגען אונזער „מאָדערן“, — עס איז דאָך אונזער „יוגענד“?

עס איז, ליידער, נישט יונג און נישט אונזער...

פון דריי פרעמדע, אַלטע מילטער אויסגעקראַצט.

איך מיין נישט קיינעם באזונדער, אַלע „מאָדערנע“...

געדענקט איהר נישט די פאַר פופציג יאָהר געבוירענע און באלד פאַרלוירענע, פלוצלונג אויפגעפלאַמטע בענקשאפט: די אוממיטעלבאַרקייט?

אויף רוסיש איבערזעצט: „בעזפּאָסרעדסווענאָסט“?

דאָס אידעאלע איז געווען די אַמעבאַ, דאָס נידעריגסטע איינצעלנע לעבענס־קעמערל, וואָס עסט און וואַרפט גלייכצייטיג און באַשטענדיג. אָהן א צייכען פון אן אינערליך באַהעלטעניש; פון אַ רעזערוואואַר, וואו עס זאָל זיך אָנזאַמלען דער פון דרויסען אסימילירעטער שטאָף, א טייל זאָל זיך קאָנען פאַרוואַנדלען אין באַוואוסטזיניגקייט, אין ווילען, און די גרויסע אָנגעזאַמעלטע רעשט זאָל קאָנען אויסגעגעבען ווערען אויפ׳ן רעכטען אָרט, צו דער רעכטער צייט און צוועקמעסיג.

שוין, באלד און מיט אַמאָל! יעדער סעקונדע פאַר זיך!

און געדענקט איהר דאָס פוילע ווערטעל פון אַלטען פוילישען שליאכטשיץ: יאַקאָש טאָ בענדזשיע?“ — עס וועט שוין זיין, הייסט עס, עס וועט שוין קומען פון זיך אליין, מען דאַרף די האַנט אין קאַלט וואַסער נישט אַריינלעגען.

עקאָנאָמישע, פּאָליטישע געפאהרען, — עט, דערווייל איז אינדרויסען אָנגעפּאַלען א שניי, שפּאַן נאַ־שפּיץ דעם שליטען, פּאַק איין שאַמפּאַניער — א „קוליג“ איבער די הויפען!

און — אחרון, אחרון חביב!

דער נישט לאַנג מאָדע געוועזענער, אינטעליגענט־רוסישער „נאַפּלעוואַט“! — —

ווילט איהר, נעמט איהר פון דער פראנצויזישער מולטער! „נאָך מיר מעג זיין א מבול!“ און באַשפּריצט דאָס אלץ מיט א טראָפּען פרייער קונסט, האָט איהר אונזער „מאָדערן“ — —

און בין איך, דער „וויסקראַביק“ פון דריי־פּיער פרעמדע מולטער מיט זויער־טייג, פאַר מיר אליין דער קוואַל פון רעכט און אומרעכט, בין איך פריי פון חובות קעגען אַנדערע, קעגען העכערען, שפּעטערען. און — בין איך נאָך ביז'ן היינטיגען טאָג קיינעם נישט פאַרקויפט, איז א סימן, אז קיינער האָט מיך נישט געוואָלט האָבען, נישט געוואָלט קויפען. איך האָב נישט וואָס צו פאַרקויפען...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ביי פרייע שטאַרקע פעלקער האָט אלץ אַן אָרט, אפילו דאָס מאָדערנע.

די ריכטיגע אַרבייט ווערט פון אַנדערע געטאָן... די גרענעצען ווערען געשיצט און פאַרשפּרייט, דער פּאָליטיקער שווינדעלט אוים נייע מערק, דער פאַבריק־קוימען פאַרפלייצט זיי, אין יעדען דאָרף אַרבייט אין דער שול דער באַהעלפער... קאַנצעל פאַראַן און קאַטעדער, פאַראַן דאָס ערנסטע בוך און דער געלעהרטער, — פאַראַן דאָס מאָדערנע אויך; ווילט עס!

דער מאָדערנער מענש טוט אויך עפּעס — אין דער קונסט, נאַטירליך, און — צייטווייליג...

צייטווייליג, — ווייל ער, דער מאָדערנער קינסטלער, האָט קיין פאַרגאַנגענהייט נישט; ער פאַרלייקענט זי. ער האָט נישט קיין שול, ער שפּייט אויף איהר... און די „אַלטע מייסטער“? געאַרבייט האָבען זיי, מען פיהלט זיי מיט שווייס!

און ער האָט אויך קיין צוקונפט נישט; ער מאַכט קיין שול נישט. ער פּרעטענדירט נישט דערויף; ער האָט נישט וואָס איבערצוגעבען.

און דער „איצט“ זיינער איז געווען קורץ; אויסגעגאַנגען, די טעכניק אפילו נישט דערלעבט...

פאר דאס — פריי געווען, ווי דער זומער־פויגעל! פריי פון ארבייט, פון שטודירען. פריי פון וועלכען עס איז „שטאנדפונקט“; קיינמאל קיין ריכטיגע פערספעקטיוו נישט געהאט. פון אידעען און אידעאלען געווים, דאס איז דאך דאס רעכטע קלאפער־געצייג! „זאכען“ ווערען נישט געוואויגען און געשאצט, קיינער ווערט קיי־נעם נישט אונטערגעווארפען, אלץ אויף א י י ן ברעט!

אין פריי, זאגאר — פון געגענשטאנד: מען דארף אפילו נישט צייכענען, א שמיר און — פארבען־שפיל!

און דאס האבען פיליסטער אויסגעטראכט, אז א פארטרעט מוז זיין עהנליך, און אז דער הימעל איז קיינמאל נישט גרין...

ע ר גיט די „זאכען“, ווי ע ר זעהט ז י י. און פארביי־לויפענדיג, מיט נישט אויסגעשלאפענע און גאנץ אפט פארנע־בעלטע אויגען פון „ברעטעל“ צום „איבערברעטעל“ און צוריק — און שנעל!

די טויטע (און טויט־געבוירענע!) רייטען שנעל!

ווער האט צייט פאר א סימפאניע? די דראמע מאטערט אפ. די טראגעדיע — איינפאך אנטיקולטורעל, דער מאדערנער מענש קאן נישט ל י י ד ע ן און אהן ליידען איז אהן ערנסטער קונסט.

איז קאנפעטי און טויט־אויפגעשטאכענע זומער־פייגעלער. און קומט ווער און זאגט:

— עס איז קיין ר ע כ ט ע קונסט, קיין ע כ ט ע, קיין לעבענספעהיגע, עס איז שפיל און צייטפארטרייב! נישט פאראן קיין גרינער הימעל, קיין פיאלעטע בערען און גענז האבען נישט מעהר ווי צוויי פים...

אז דאס נוצליכע מוז זיין שעהן, דאס שעהנע מוז ערהאבען, וועניגסטענס ווארזיין, זאל זיין כאטש לאגיש אין זיך!

פארקרימט עס זיך, דאס פארצויגענע בן־יחיד'ל...

— „איהר האט נישט דאס ווארט! נאר א קינסטלער, און אזוינער ווי איך, קאן זיין מיין ריכטער!“

איך טאר נישט זאגען: אז די לעדער פלאצט און דער שטי־וועל איז צו ענג; איך בין קיין שוסטער נישט!

ל א כ ט מען; הענגען קומט נישט דערפאר!

דער קינסטלער איז פריי; איך אויך. געה איך אוועק; קויף איך נ י ש ט די — שטיוועל...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

האט זיך אבער אין גריכענלאנד געזאלט אזא מעשה טרעפען:
ספארטא איז באלאגערט.
א גרויסע מחנה ארום די טויערען.
און פון טאג צו טאג ווערט די לאגע ערנסטער, קריטישער, געפעהרליכער —
שיקט ספארטא קיין אטהען בעטען הילף...
שיקט אטהען קיין ספארטא א צו־הילף נישט מעהר ווי א י י ן מענש און דערצו א לאמען הויקער.
— ווי הייסט?
דאס האט ספארטא אויך געפרעגט.
געגאפט און געקריצט מיט די ציין.
האט זיך אבער אויסגעוויזען, אז דער לאמער הויקער איז פינדאר...
דער פאעט, דער זינגער!
האט זיך פינדאר אין ספארטא אין מיטען מארק געשטעלט און א קריגס־ליעד געזונגען!
קלינגט אפ דאס ליעד אין אלע הערצער;
ווערען די הערצער די געפאלענע אויפגעשוואלען פון העלדען־מוט...
זענען מיט אמאל קינד־און־קייט העלדען געווארען. האבען די אפהענדיגע געוועהר געכאפט; זענען די מידע אויף די מויערען ארויף און די בויגען געצויגען — און — אפגעשטויסען איז געווארען דער פיינד...
און ספארטא צו־הילף איז פינדאר געקומען!
וואלטען זיי אבער אונזערס א מאדערנעם געשיקט?
— איי, בלימלעך וואקסען אויף די לאנקעס, פאראן ווייז אין שענק... אוועק מיט'ן גאנצען קלאפער־געצייג מיט די חורבות—
„וואס טויגען די מויערען?
„שיקט נאך סאפיארען,
„זאל נישט בלייבען א שטיין אויף שטיין“...

די רעשט וואָלט איהם שוין אין האַלז געבליבען, אונטער'ן— שטריק!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

שוין גלייכער די בטלנ'ישע עצה!
— אין חדר אריין געהט, תהלים זאָגט, תורה לערענט...
שלעפּט צוריק דעם נעכטיגען טאָג...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

איך האָב געהערט אמאָל צייטלינ'ען אנדערש דרש'ענען!

— איהר קאָנט שוין דאָס א ל ט ע נישט באַהאַלטען, נעמט דאָס נייע בוך, הערט די נ י י ע נביאים — נאָר אַן אַנדערען נאָמען האָבען זיי, „קינסטלער" רופען זיי זיך...

איך מיין, אַז נישט ער און נישט די „גאָספּאָדע" זענען נישט שולדיג דעריין, וואָס ער האָט אַזוי פּלוצלונג זיין מיין געענדערט, זיין דרשה געטוישט. לעגט מען אַליין אין איין זאַק אריין און מען שיט דערנאָך דעם אוצר אויס און מען זעהט:

אביסעל לייכטזיניגע פליטערלעך, אביסעל דאָר שבת אויבס, טאַנצענדיגע רויטע שאָטען, פלאַטערדיגע גרינגע גענז און אביסעל... פאַלשע מטבעות, — כאַפּט אַן אַ שרעק... כאַפּט מען זיך ביים קאָפּ, וויל מען די א ל ט ע ווערטען צוריק.

5

„ח ו מ ש מ י ט ר ש " י".

קאָן מען נאָך אַליין צום „אידישקייט" נ י ש ט ג ע ה ן; דער וועג איז אַליין נישט פריי.

עס שלענדערט זיך פאַר די פיס דער ב ע ל - ה ב י ת און זיין פילאָזאָף — ד ע ר נ ב י א פ ו ן נ ע כ ט י ג ע ן ט אָ ג...

פון פארגאנגענעם טאג, אן וועלכען דער פאר־געהענדיגער בעל־הבית מוז זיך האלטען, ווי דער פאר'משפט'ער צום טויט אן די הערנער פון מזבח.

און אויב דער מאדערנער נערוועז־קראצער, דער מענש פון „עט“! און „קיי און שפיי!“ איז געווען אן אנשיקעניש פון דרויסען, האבען מיר איצט צו טון מיט א היימיש־געבאקענעם, מיט אן איינגענעם...

פון קלויז ארויס קומט ער, דער נביא פון נעכטיגען טאג; קומט, לעגט זיך אין דער לענג און אין דער ברייט פון וועג צו אידישקייט, און ווארפט זיך, און שלאגט ארום זיך מיט הענט און פיס, ווי אין אן עכטער אדער סימולירטער שווערער קרענק, און דאס מויל־ווערק שוימט:

— נישט ווייטער געהט, נור צוריק!

— חומש מיט רש"י! אבות אבותינו!...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אוממעגליך איז דאס אויפלעבען פון דער אידישער אייגענארט, די באפרייאונג און פרייע ווייטערע אנטוויקלונג אהן דער ביבעל, ווי עס איז אוממעגליך א לעבענדיג בליהענדער בוים אהן ווארצלען אין דער ערד...

אבער ווארצלען אהן שטאם, צווייגען, בלעטער און בליטען זענען קיין בוים נישט, נאר אן איבעריג איבערבלייבעניש פון א געוועזענעם בוים. —

פאר'ן בעל־הבית און זיין נביא איז עס, זעהט אויס, גענוג...

איז אידישקייט חומש מיט רש"י!

עס איז אזוי איינפאך, און אזוי אויסגעפרואווט ווערענד דער צייט, ווען די מלחמה צווישען אידיש און נישט־אידיש איז געווען די מלחמה פון אן אלט־בוד (די ביבעל) און צוויי נייע (דער נייער טעסטאמענט און דער קאראן).

הייסט עס:

ווייטער ציהען דעם נעכטיגען טאג.

און ער טוט אזוי, דער בעל־הבית.

אזוי ווירקליך, טוט ער, דער בעל־הבית מיט זיינע קינדער — די מינדערהייט — און מיט דער גרויסער מעהרהייט, מיט

די אָרעמע קינדער פון פאָלק, ווי ווייט עס האָט זיך נישט פון זיינע הענט אַרויסבאַפרייט.

און קינדער זענען ביי איהם נאָר אײנגלעך!

מיידלעך זענען פריי.

מיידלעך לערענט מען שרייבען, לאָזט מען „לעזען" — שרייבען זיי, די מיידלעך, אויף צוויי און דריי שפּראַכען, לעזען זיי „אַלע" ליטעראַטורען, אויסער אידיש... לעבען זיי מיט'ן „גוף" אין דער אידישער שטוב, מיט דער נשמה — אין דער פרייער גוי'אישער וועלט — זענען זיי אַרומגערינגעלט מיט'ן אומליעבען, ווייל פאַר זיי אומפאַרשטענדליכען, היימישען, און בענקען און לעכצען צום פרעמדען...

ציהט זיי פון דער היים אַרויס, אין דער פרעמד אריין, יעדעס פרעמדע בוך, יעדער, אַחן עלטערנס וויסען, אויסגעהערטער קאָנצערט, יעדער אויגען־בליץ פון פאַרבייגעהענדיגען פרעמדען...

געהט מען אַ צייט אַרום פאַרמאַסקירט אין טאַטענס הויז, לעבט מען שפּעטער אַן אומערטרעגליך פאַלש לעבען מיט'ן האַלבווילדען מאַן; געהט מען דורך דער וועלט פאַר'חלומ'ט און צווועהטאָגט, מיט צוריסענע נשמות און פאַרבלוטיגטע הערצער און גאַנץ אָפט — איינמאָל פאַר אַלע מאָל זאָל עס געזאָגט ווערען! — געצויגען פון יעדען קלאַנג פון קלויסטער־גלאָק...

וועגען דער טראַגעדיע דאַרף מען אָבער גאַנצע ביכער שרייבען, נישט פאַרבייגעהענדיג, דאָס וואַקסט פון די ראַמען אַרויס...

ווילען מיר צוריק געהן צום טעמאַט:

אײנגלעך לערענט מען תורה...

און נישט קיין תורה פאַר'ן לעבען און נישט קיין לעבענדיגע תורה.

אַמאָל איז געווען, שפּעטער וועט זיין, און היינט אַ תורה פון „דרוש וקבל שכר" אויף יענער וועלט, אָהן אַ שום באַציהונג מיט דער וועלט, מיט'ן לעבען אונטער דער זון.

לעבט דאָס בעל־הבת'ישע איינגעל אַ טאָפּעלט לעבען, אַ היינטיגס און אַ נעכטיגס, זיגט, נאַטירליך, דאָס

ה י י נ ט י ג ע איבער׳ן נ ע כ ט י ג ע ן, און טראָגט די מאַסקע פון נעכטיגען טאָג, כל־זמן טאַטע־מאַמע און שווער־און־שוויגער לעבען און גיבען קעסט, נדן, און ווילען איבערלאָזען ירושה. שפּעטער — נאָר דאָס וואַקסט אויך פון דעם ראָם אַרויס און איך בין קיין אַפּוטרופּוס נישט פאַר קיין בעל־הבת׳ישע קינדער...

אָבער ווי זעהט אויס דער פּראָדוקט פון בעל־הבת׳ישען חומש מיט רש״י אין פאָלק?

די אַרויסגעלאָזטע פון חדר און תלמוד־תורה —

דאָס זענען:

די אַלע קליינהענדלער, וואָס די פּאָליציי טרייבט פון אָרט צו אָרט; די אַלע פאַקטוירים, וואָס שלינגען לופט; די גאַליציאַנער שענקער, וואָס פּאָהרען קושען די האַנט און בעטען רחמים אין וויִן... אונזערע שפּיץ־ביי־שפּיץ־קעפּלעך — די קליינע איבערגע־חכמ׳עטע סוחרים׳לעך, וואָס די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג וואַרפט אַזוי לייכט אַרויס פון שטעדט און שטעדטלעך און צושטרייט, ווי זאַמד אויפ׳ן ווינט... אונזערע עמיגראַנטען, אַהן געוועהר און שפּראַך, וואָס דער אַגענט שערט, ווי שאָף ביי דער גרענעץ, אין אויסלאַנד פאַרבראַקירט (אַלס שלעכט מענשען־מאַטעריאַל!) און געשיקט צוריק, און טייל וואַרפט זיך פון שיף אַראָפּ אין ים אַריין... די גליקליך איבערגעקומענע פאַלען אַריין אין גיהנום פון סוועטינג סיסטעם און לעבען שוין נישט מיט חומש און רש״י, — מיט דער געלער פּרעסע!

און דאָס זענען — אַלע הויקערס פון א ו נ ז ע ר גאַס, אַלע אויסגעמאַגערטע, מיט די ווייכע שמאָלע ביינער... די אַנגעצונדענע אויגען אין די טיפע לעכער, ווי די אָפענע וואונדען, די אַלע שאָטען פון עולם התהו, וואָס שפּייען גאַל און שלינגען לופט.

וואַקסט דאָס אָבער נאָך מעהר אַרויס פון דער ראָם.

אָבער ווען נישט דער איד, ווי זעהט אויס דאָס אידישקייט?

6.

דער מערדער פון גאט און רעליגיאן.

ציהט אונזער דאן קיכאט — דער נביא פון נעכטיגען טאג, מיט סאנכא־פאנטשא זיין דינער, מיט'ן בעל־הבית'ל, דעם אויס־פיהרער פון זיין ווארט און געבאט, אין דער וועלט אריין, מיט איהרע טייוולאנישע ווינט־מיהלען מלחמה צו האלטען, די רעליגיאן די אידישע צו רעטען, גאטס נאמען צו הייליגען, און — פ א ר־ש ו ו ע כ ע ן א ל ץ א ו ן פ א ר ד א ר ב ע ן.

פאר'ן לעבענדיגען און רעליגיעזען געפיהל, וואס ציהט (וואס זאל וועניגסטענס ציהען) צום שענסטען, בעסטען און העכסטען. איז נישט געפעהרליך דאס „אפיקורס'ל", וואס דאס געפיהל שטערט איהם אמאל ביים ג ע נ י ס ע ן, שטראפט אמאל נאכ'ן ז י נ ד י ג ע ן, ציהט אמאל פון א זייטען־וועג צוריק צום מענש־ליכען טראקט... און ער ווערט בייז און אומגעדולדיג, און רייסט ארויס דאס געפיהל פון האריץ, ווארפט עס אין א גרוב אריין און פארשיט, און שטעלט צוליעב זיכערקייט, א שטיין אויפ'ן פרישען קבר און זעצט זיך, מעשה בריה, אויף דער מצבה ארויף און שאלט פראלעריש אויס א בשורה דער וועלט:

— געשטארבען די רעליגיאן!

איך האב אייך פון איהר יאך באפרייט! — עסט, טרינקט, קושט און לאזט אייך וואויל געהן!

דער איז נישט געפעהרליך!

די פילאזאפיע פון „היינט איז פורים, מארגען איז אויס!" איז צו ל י י כ ט ז י נ י ג, עס זאל מיטציהען מיט זיך א וועלט!

און אויך נישט דאס קינדישע עם־הארץ'ל, וואס זויגט די מילך פון ו ו י ס ע ן פון פלעשעלע ארויס; וואס גלויבט יעדען בעלפער און יעדען ביכעל און האלט זיך פריי פון יעדען גלויבען...

נישט דאס שוואכע קעפעל, וואס ווערט בארוישט פון דער קלענסטער ערפינדונג, פאר'שיכור'ט פון א מינדסטער נייער ב א־ש ר י י ב ו נ ג פון א פיזישען אדער כעמישען פראצעס, און לויפט

אנגעפילט די געדערים מיט פרייד, אין גאס, צו די מארק־לייט ארוים און רופט:

הערט, אוים מיט'ן אומנאטירליכען! אלע טויערען האבען זיך געעפענט, אין אלע פינסטערע ווינקעלעך איז ליכטיג געווארען. נישטא קיין מלאכים, קיין שדים, קיין גאט. אין ערגעץ נישטא! גלויבט נישט דעם רב מיט דער רבי'צין!

לאזט איהם נאר ווייטער לערנען! וועט ער טרעפען דיזעלבע טויערען ארום זיין וויסען, דיזעלבע פארהאמערטע טויערען; וועט ער אנהויבען גלוסטען צום ווייטערען וויסען, און דאס פארגעפיהל פון שפעטערען וויסען וועט זיין זיין בענקשאפט און זיין רעליגיאן...

און נישט דער אין שווערען קאמף פאר ברויט און ליכט פארביטערטער ארבייטער, וואס ווערט עמפערט, זעהענדיג, אז דער אפיציעלער פארמיטלער צווישען גאט און מענש, דער פארטייטשער פון זיין ווארט (ביי אונז דער רב און דער בעל־דרשן און דער זאגער אין קליינעם שולעכעל) שטעלט זיך אויף דער זייט פון זיין באַ־צווינגער און פארהייליגט אין גאטס נאמען דעם רויב, און דער־קלערט, לויט גאטס תורה, דאס עקזיסטירענדע פארברעכען פאר גאטס ווילען און פאר אייביג, און אסר'ט יעדען קאמף געגען אומרעכט, און מאכט איהם טרפה, ווי חזיר — און, גלויבענדיג דעם פארמיטלער, ווערט ער דער פארביטערטער, און זיין עמפערונג, צום פארביסענדסטען פיינט פון רעליגיאן; מוז ער גאט און זיין תורה אפרוימען פון זיין וועג צום זיג; און מאכט, — אלס ערשטע דעמאנסטראציע! — פון יום־כפור א יום־טוב —

וועט ער זיגען, וועט ער אויפהאלטען די קלויז און איהרע דינער, — וועט ער ווערען דאס אייביגע, וועט דער בעל־דרשן דרש'ענען פאר איהם, וועט דער רב פסק'ענען לויט זיין ווילען...

געפעהרליך פאר דער רעליגיאן אין דער ווירקליכקייט איז נאר דער, וואס שטעלט זיך אפ, אלץ איינס אויף וועלכען פונקט עס איז פון וועג:

ביי דער תורה, ביי דער משנה, ביי דער גמרא, ביים חיי אדם... ביים מאמענט פון אויפבליהען, ביים מאמענט פון אפפאל...

דאס לעבען שטעלט מען נישט אפ, עס געהט ווייטער, און

וואס עס האט זיך אפגעשטעלט, ווערט פון לעבען פארלאזט, הערט עס אויף צו לעבען!

און שטארב איך נישט צוזאמען מיט מיין רעליגיאן, טראג איך זי ווייטער שוין נישט אלס געזעץ פון לעבען! ווערט א פאלש־קייט דערפון! לעב איך אנדערש און גלויב אנדערש...

האב איך פאלשע מאס און וואג!

פון רעליגיעזען שטאנדפונקט איז גאט אייביג און אומפאר־ענדערליך; דער מענש אבער אנטוויקעלט זיך, זיין פארשטעלונג פון גאט פארענדערט זיך — אנטוויקעלט זיך און וואקסט...

שטעלט אבער עמיץ אפ זיין גאט און געהט ווייטער, ווערט זיין אפגעשטעלטער גאט געגען איהם אלייך אלץ קלענער און קלענער, און ווערט מיט דער צייט אזוי קליין, אז דער מענש, וואס וויל איהם נישט פארלירען, נעהט איהם, מיט דער צייט, א בייטעלע, לעגט איהם אריין און טראגט איהם אויפ׳ן האלז, ווי אן אמולעט, — ווי א קמיע א שמירה׳לע.

פארלירט ער נאך א צייט דעם גלויבען אין אמולעטען, טראגט ער איהם נאך א געוויסע צייט ווייטער אויס פיעטיזם... ביז ער פארגעסט דאס אמאליגע אוןווארפט איהם אוועק, אלס אן אומ־נוצליך־נארישע זאך.

און וואקסט מיין פארשטעלונג פון גאט אין מיר און גלייך מיט מיר, ענדער איך אויך מיין שפראך, מיט וועלכער איך רעד מיט מיין גאט, און די סימבאלען, אין וועלכען מיין גלויבען גיסט זיך אויס...

דער אפשטעלער איז דער ווירקליכער און איינציגער מערדער פון גאט און רעליגיאן!

7.

דער ערשטער וועג.

ציטלין האט אמאל געשריבען:

„א הימעל האט ער, פריז, אבער נישט קיין גאט אין הימעל!“

די ערשטע העלפט פון דער פראגע איז געווים א קאמפּלי־מענט — און איך פארנויג מיך מיט א ליעבליכען, פארבינדליכען שמייכעל! בעסער שפעטער אלס קיינמאל.

פאר דאס די צווייטע העלפט באשטע־טיג איך גאנץ באשטימט און אנטשידען.

איך וויים אפילו נישט, ווי זיין ליעבען נאמען צו זוכען:

פאר דער וועלט, — ער איז איהר באשעפער?

נאך דער וועלט, — ער שיילט זיך ערשט אוים פון איהר?

פיליכט נאר אין דער וועלט: ער איז איהר גייסט; איהר אלגעמיינער ווילען, וואס אנטפּלעקט זיך אין פארשידענע פארמען, אין קערפּער באקליידטע; איהר רע־גענט אדער באצווינגער, דער באצווינגער פון טויט און קערפּערליכער פוילקייט; איהר געפאנגענער, וואס ראנגעלט זיך, רייסט איהרע קייטען, ברעכט די מויערען פון איהר תפיסה, און באפרייט זיך, אום ענדליך אמאל אנטפּלעקט צו ווערען?!

פיליכט נאר איז די וועלט דאס ליים, און ער — דער קינסט־לער, וואס פיהרט ארוים וואס אמאל שענערע און קרעפטיגערע פארמען, פארקערפּערענדיג אזויערנאך זיינע קינסטלערישע טרוימען און — „כחומר ביד היוצר“ — ווי דאס ליים ביי דעם טעפּער אין דער האנט, צוברעכט ער אלץ־אין־איינעם דאס אלטע, שאפט נייע און וועט אמאל דעם נייעסטען, דעם שענסטען, דעם העכסטען שענ־קען די אייביגקייט?

ווי עס זאל נישט זיין — ער איז דער קוואל פון לעבען!

לעבען הייסט — האבען געטליכע פארשטעלונגען און, אין א געוויסער מאס, געטליכען ווילען, די פארשטעלונגען אויסצופיהרען, דאס ארומיגע, לויט פארשטעלונג, אידעע און ווילען צו ענדערען, ארויספיהרענדיג וואס אמאל נייע פארמען, א שותף זיין צו מעשה בראשית!

איך לעב, האב איך דעריבער אין מיר א געטליכען פונק! דאס האבען אלע, וואס לעבען, און פיהלען פיהל איך, אז אלץ לעבט!

דעם געטליכען פונק האט אויך דער, וואס ליי קענט אין גאט. ביי דעם איז נאר א מיספארשטענדעניש, א טעות א קליינער: ער לייקענט אין פרעמדע פונקען, וואס האבען זיך, אין זייער אייטעלקייט, אין גאנצע געטער פאר־

קליידט! און ער קאן זיך פונ'ם גלויבען אין זיי נישט באַ־פרייען!

דעם געטליכען פונק האט אויך דער לעסטע־רער!

איך רעכען — נאך אין א גרעסערער מאס! עס לעסטערט די פארצווייפעלטע ליעבשאפט, וואס בענקט צום קוואל פון לעבען און קאן צו איהם נישט קומען!

עס צווינגט די געקרענקטע מענשליכע בארמהארציג־קייט, וואס קאן נישט איבערטראָגען די פיין און ליידען, וואס ווערען אין גאטס נאמען אין אזא אומענדליכער מאס פארטיילט און אויסגעטיילט! וואס ווערט עמפערט ביז שגעון, זעהענדיג דאס בלוט, וואס ווערט אין זיין נאמען פארגאסען!

„איוב" שרייט! די טיף באליידיגטע, צום טויט פארוואונדע־טע נערעכטיגקייט...

און, איז ער די סומע פון אלע געטליכע פונקען; זענען ליעב־שאפט, בארמהארציגקייט און גערעכטיגקייט די געטליכע אטרי־בוטען אינ'ם מענש!

לייקענער און לעסטערער זענען די, וואס, פון געטליכען פונק באלעבט, וואקסען זיי, און, וואקסענדיג, זענען זיי די באשטעהענדיגע געטער־פארשטעלונגען, און אין די אפגע־שטעלטע נארמען און פארמען ווי אזוי מיט די געטער צו פאר־קערען — איבערגעוואקסען; העכער פאר זיי, עהרליכער, בעסער און ערהאבענער געווארען, און קאנען זיך שוין צו די געטער נישט אראפבויגען, די ביינער אינ'ם רוקען פלאצען, אזוי נידעריג זענען פאר זיי די צייטיגע געטער געווארען!

און דאך איז דער פונק צו קליין, אדער דער „קערפער", וואס ווערט פון איהם באלעבט, צו פויל צו הארט, און עס פעהלט די קראפט, נייע פארמען צו באשאפען, — עס פעהלען דער מוט און די שעפפערישע פאנטאזיע! —

ווערען זיי נאר אברהמס, וואס צושטויסען די געצען, און באַ־קומען קיין גאט; די אפריינינגער פון בייזען און שלעבטען, וואס קאנען קיין גוטס באשאפען; די באן־ברעכער פאר'ן נייעם נביא, וואס וועט נאך זיי שפעטער קומען, דעם פלאץ פריי האבען

און אפגערייניגט, און וועט פאר דער העכערער פארשטעלונג א נייעם טעמפעל בויען!

אבער דעם לייקענער צום לעבען גערופען, דעם לעסטערער דאס פארניכטענדיגע ווארט אין מויל, דעם צושטערער — די האק אין דער האנט אריין האט איהר געגעבען, איהר, די אפשטעלער, די באפעסטיגער; איהר, וואס ווילט דורכאויס האבען פארגליווערטע פארשטעלונגען! אנדערע ווילען פארהאלצטע, פארשטיינערטע, מיט פענזעל אפגעמאלטע, איהר — עם־הספר־קינדער!—באנוגט אייך מיט פעדער־באשריבענע, מיט'ן ווארט איינמאל פאר אלע מאל אפגעציי־כענטע — אבער אלץ אפגעשטעלטע פארמען!

אז אנדערע און, אמת א העכערע פארם!

דאס ווארט איז ווייכער, סימבאלישער, אבער אלץ — געצענ־דינעריי!

ווארום, קאן זיך ווער מיט די געטליכע פונקען נישט באגניגען, מוז דורכאויס האבען א פארשטעלונג פון א דורכאויס פערזענליכען גאט (היינע האט איהם אויך צולעצט אנדערש נישט פארשטאנען). מוז ער זי האבען, ווי משה האט זי געהאט — אין דער עכט־אידי־שער (אמאל העברעאישער) פארם, דאס הייסט: אהן א באשטימ־טער פארם!

„געדענקט, — ווערט ביים סיני געזאגט — איהר האט קיין בילד און קיין געשטאלט נישט געזעהן.“

נישט: עס איז נישט דא, עס וואלט דאך קיין פערזענליכער גאט נישט געווען! נאר — איהר האט נישט געזעהן, איינציג און אליין די שטימע זיינע האט איהר געהערט! קיין באשטימטע בילדער פון איהם קענט איהר, טארט איהר נישט דע־ריבער נישט מאכען.

און געפיהלט מוז דער פערזענליכער גאט ווערען אלס געהענדיגער! ווער עס שטעלט זיך אפ, שטארבט; גאט מוז זיין לעבען!

און דעם מענש פאראויס מוז ער געהן, ער דארף בענקען צו איהם, שטרעבען צו איהם, פון איהם אלץ ווייטער און העכער גע־

צוינגען צו ווערען, — געטער, וואס ווערען געטראגען און מיטגע־שלעפט, זענען געצען!

„דאס האבען די, וואס איך פארטרייב פאר אייך!“

און אלץ פארביי מוז ער געהן! אין מא־מענט פון עקסטאז און אנטפלעקונג, באווייזט ער זיך און ווערט פון הינטען געזעהן... דערזעהט איהם ווער פון פארענט, קאן ער מעהר נישט לעבען, — דער האט אלץ דערלעבט! לעבען איז נאר שטרעבען! און ווייט מוז ער זיין פון מענש, ער ועט איהם קיינמאל נישט דערגרייכען: זיין לעבען איז א שפאן; געטער ווייטער אויף א שפאן, זענען געצען!

נישט אינ'ם געוועזענעם, וואס איז פארביי, נישט אין באשטעהענדיגען, וואס געהט אפ, איז גאט! „אהיה אשר אהיה“! אינ'ם שפעטער, אין דער אייביגער צוקונפט, אין דער אייביגקייט איז גאט! אייביג מוז זיין דאס שטרעבען צו איהם! —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און איהר וואס ווילט?

ווילט איהר, איהר חומש־מיט־רש"י־פרעדיגער, צוריקרופען דעם נעכטיגען טאג?

גלוסט זיך אייך, איהר אפשטעלער, אויסציהען, ווענינגסטענס דעם היינט, איבער זיין גרענעץ און נישט צולאזען דעם מארגען...?

ווייסט איהר, וואס דאס באטייט?

נעמען דעם לעבעדיגען זאמען, ארום ועלכען די שאל האט געפלאצט, וואס דארף אויפס־ניי פארפלאנצט ווערען, וואס זאל שענער און פארביגער אויפשפראצען, און צוריק אין דער טאל פארשליסען, און פארבינדען און ארומדראטען די שאל און א שפרוך זאגען: זאמען, וואקס אין דער איינגעשאפט, וואקס אין דער פינסטער!

דאס הייסט אויך: די טויטע צו קבר ישראל נישט ברענגען, אין שטוב לאזען און פארפעסטען די לופט!

וואס נאך טוט איהר?

אייערע דערוואקסענע קינדער ווילט איהר צוריק אין דער

וויג אריינשטויסען, מיטווינדעלער בינדען, מיט בענדעלער שני־רען, אדער נאך — אין דער געבער־מוטער אריין! ווארעם אזן פינסטער איז דארט! און ווערט אייך ווידערשפענסטיג דער יונגער דור, צורייסט ער אייער שפינוועבס, וואס איהר האט פאר קייטען געהאלטען, ברעכט ער אייערע שטרויענע „מויערען" און אנטלויפט פון אייער פארפעסטעטער תפיסה, און געהט אפ פון אייך און א י י ע ר אידישקייט, שילט איהר און שרייט, נישט באמער־קענדיג, אז דעם ערשטען וועג, וואס פיהרט אפ פון אידישקייט, האט איהר געעפענט, איהר אפשטעלער, געבאהנט —

וועו אויך נישט דירעקט.

8.

ווער איז שולדיג?

דער „חומש", וואס איהר האט אין ארענדע גענומען, ווייסט נישט פון קיין ג ל ו י ב ע ן. ער רעדט פון פ א ר ש ע ן, ו ו י ס ע ן און ק ע נ ע ן.

א י ה ר, אין זיין נאמען, ציטערט פאר פארשען, וויסען און קענען און פארלאנגט — גלויבען!

און איהר האט רעכט.

ווייל דעם „חומש", מיט אייערע אויגען באטראכט, נישט רעטראספעקטיוו געזעהן, נישט דעם לעבענדיגען זוכענדיג, דעם בלייבט נישט מעהר, ווי צו פארלאנגען קרעדיט!

א י י ע ר חומש קאן שוין נישט ווערען ב א ל ע ב ט, נאר ג ע ל ע ר ע נ ט און ג ע ג ל ו י ב ט!

דער חומש (נישט אייער חומש) רעדט פון לעבען!

לעבען הייסט: באוועגען זיך, אנטוויקלען, פראגרעסירען, דאס ארומיגע ענדערען לויט ווילען און גייסט, איהר הייסט שטעהן!

שטעהט איהר, ווערט דער לעבענדיגער גאס, לויט דער פאר־שטעלונג פון איין היסטארישען מאמענט אינ'ם צווייטען, אין א

טויטען נעץ פארוואנדעלט; און די פריהערדיגע פארמען פון באַציהונגען צווישען מענש און גאט — אין געצענדינעריי, און איהר רופט עס „אידישקייט“!

לעבען איז באוועגונג.

גאנץ אפט פארלירט מען דעם וועג און מען מוז איהם צוריקגעהן זוכען;

גאנץ אפט מוז מען צוריקגעהן און אויפהויבען דאס פארגעסענע, פארלוירענע — אניט קאן מען ווייטער נישט געהן...

שטעהן בלייבען טאר מען קיינמאל נישט!

פארשטיינערטע רודימענטען, — איבערבלייבענישען פון געוועזענעם און איבערגעקערמענעם, מוזען, אויב זיי שטערען, אפגערוימט ווערען פון וועג, — און איהר וואונדערט אייך, וואס אייערע קינדער, וואס ווילען לעבען, טוען עס געגען אייער ווילען!

אפגעלעגענע רואינען, חורבות פון אלטע שלעסער ווערען אויפגעהאלטען אלס היסטארישע צייכען, אדער אויס לויטער פיעטיזם, — וואוינען אין זיי קאן נאר דער מענש, וואס אנטלויפט פון ישוב, וואס זאגט זיך אפ פון לעבען, און איהר קאנט נישט פארשטעהן, פארוואס אייערע קינדער פארלאזען אייערע חורבות און געהען פון אייך, אבוואל אומדירעקט, געטריבען, זוכען ליכט און לעבען, אין פרעמדע הייזער.

נאך טראגי־קאמישער איז דאס, וואס מיינענדיג, אז איהר רעטעט די שול, דינט איהר דעם קלויסטער!

דאס האט דאך דער קלויסטער די אידישקייט אפגעשטעלט, פון לעבען פארטריבען; פון וואלד און פעלד און פון דער פרייער שטאדט פאריאגט, אין געטא פארשלאסען און מיט מויערען ארומגעצוימט... זי זאל מיט'ן לעבען קיין מגע ומשא נישט האבען!

דאס האט דאך דער קלויסטער אויסגעגראבען דעם אפגרונט צווישען לעבען און אידישקייט, צווישען אידישקייט און וועלט; צווישען אידישקייט און קענען און וויסען...

דאס האט דער קלויסטער די אידישקייט בארויבט פון ווילען, פון דער מעגליכקייט זיך צו אנטוויקלען און פראגרעסירען וועניגסטענס מיט'ן לעבען צוזאמען!

דאס האט דאך דער קלויסטער זי אפגעשוואכט, אין דער

פינסטערניש פארזעצט און די אנטשטעלטע, קראנק געווארענע אידישקייט, די אידישקייט, וואס מוז ציטערן פאר א שטראל ליכט פון דרויסען, פאר א פרישען לופט־צוג פון דער פרייער וועלט, איבערגעלאזט אלס א צייכען פון גאטס פלוך אויף זיין אמאליג געבענשט פאלק ישראל, אלס א באוויז פאר דער געט־ליכקייט פונ׳ם נייעם טעסטאמענט און דער אייביגער שטראף פאר׳ן אפלייקענען די נייע תורה. —

און אז איהר, אבוואל, די מויערען פון געטא זענען געפאלען, טוט ווייטער דעם קלויסטער׳ס ווילען, און ערקלערט די קארי־קאטור פון דער אמאליגער שטאלצער גרויסער אידישקייט, וואס וויל און מוז באהערשען וועלט און לעבען, פאר נארמאל און עכט; די געטא־אידישקייט צום לערנען און גלויבען אלס א סגולה אויף עולם הבא, אהן א שום באציהונג צום לעבען— פאר געטליך און הייליג, —

מיינען אייערע קינדער, אז איהר זאגט אמת, אז דאס איז די ווירקליכע אידישקייט, און זענען מקיים, נישט וויסענדיג דערפון, דעם פסוק „ובחרת בחיים!“ — „וועהל דאס לעבען“ און פארלא־זען אייך מיט אייער אידישקייט צוזאמען!

און ווען האט איהר די אידישקייט אפגעשטעלט?

אינ׳ם מאמענט פון גרעסטען אפפאל, פון טיפסטען זינקען!

„געגליכען צו ערד“, „געגליכען צו שטערען“... האט יעדעס געשלעכט זיין ערד און זיינע שטערען, האט איהר די ערד אין איי־ערע זעק געזאמעלט און די שטערען אויסגעלאשען!

וואס האט אייער אידישקייט פון רמב״ם, פון סעדיה גאון און פון אנדערע אזוינע?

האט איהר פון ירושה־פרוכת אויסגעטעפעט אלע גאלדענע פעדים, וואס זיי האבען אריינגעוועבט, — האט איהר אלע פאר־בען, מיט וועלכע זייער קינסטלער־האנט האט עס פארצירט, אויס־געלאשען, און דערלאנגט א גרוי און גראב שטיק געוועב אייערע קינדער צו די ליפען און הייסט זיי קושען אייער ריינקייט!

האט איהר פון אייער אידישקייט דעם לעבעדיגען גאט פאר־טריבען, אויפ׳ן טראן אז אפגעשטאנענעם, א נעכטיגען גע־

זעצט; האָט איהר פון געטליכען געזעץ דעם ג י י ס ט פאַר־טריבען און דאָס טויטע וואָרט געהייליגט; האָט איהר פון אייער אידישקייט דאָס פאָלק מיט זיין עהרליכער שעהנקייט פאַרטריבען— עס קאָן נישט לערנען! און די פרוי מיט איהר חן פאַריאָגט — נישט פאַר איהר איז די תורה געשריבען! און פריהער נאָך דעם. וואָס וויל וויסען און פאָרשען — דער גלויבען וואַקסט נאָר אין דער פינסטער... האָט איהר דעם גייסט פאַרטריבען. — און איהר ווילט אייער אידישקייט זאָל לעבען, בשעת ווען איהר אליין לעבט לויט גאַנץ אנדערע נאָרמען... צי האַנדעלט איהר און וואַנדעלט לויט אידישקייט? פאַהרט איהר נישט ארום אויף באַנען, וואָס זענען געבויט אויף דער וויסענשאַפט, וואָס אייער אידישקייט פאַר־לייקענט? קורירט איהר אייך נישט לויט דער מעדיצין, וואָס איז אבסאָלוט געגען אייער גלויבען, וואָס צושטערט איהם אויף יעדען שריט און טריט?

און ווילט נאָך נויטען אייערע קינדער זיי זאָלען ווייטער ציי־הען אייער פוילקייט, פאַלשקייט און טאָפּעלטקייט, און אז זיי קאָ־נען נישט, און מוזען אייך אין אייער אידישקייט פאַרלאָזען — ווער איז שולדיג?

און די קאָנסעקווענץ?

„די אידישקייט קאָן נאָר רעטען די קלויז מיט א מנין בטלנים!"

9.

דער פראָם און די פעסטונג.

איך וויל אייך נאָכדערצעהלען א מעשה פון גרויסען אינדי־שען נזיר.

אמאָל — האָט בודא דערצעהלט — איז ביים ברעג פון טייך א וואַנדערער געגאַנגען.

א לאַנגען, שווערען וועג האָט ער געהאַט, און דער ברעג, אויף וועלכען ער איז געגאַנגען, איז אומרוהיג געווען.

אין היילען האבען זיך גזלנים געהאלטען, אין וואלד — ווילדע טירען געשלענדערט, — אומעטום לאַקערט די געפאהר.

און אויף יענער זייט טייך איז רוהיג און שטיל, יענער ברעג איז זיכערקייט — בודא'ס איינציגער אידעאל!

איז אבער דער טייך א ברייטער געווען און א טיפער...

שטעלט זיך דער וואנדערער אַפּ, האקט אוים א פּאר בוימלעך אין וואלד, שלאגט זיי צוזאמען און מאכט זיך א פּראם, און שווימט אריבער דעם טייך, און קומט צום רוהיגען ברעג, וואו זיכער וועט שוין זיין זיין וועג...

איז אבער דער וואנדערער נישט קלוג געווען און אזוי געטאן:

אריבערגעקומען האט ער געזאגט צום פּראם:

— „פּראם, טייערער פּראם, דו האסט מיך פון גזלנים גערעטעט, פון ווילדען טיר באפרייט, נישט איבערגעענטפערט מיך דעם וואסער פון טייך, ד א נ ק ב א ר בין איך דיר, הייליג ביסטו מיר, מיין רעטער, נישט פארלאזען וועל איך דיך!"...

און ער האט דעם פּראם אויף זיינע אקסעל גענומען און אויף דער טריקעניש געטראגען...

זייט איהר איהם מקנא?

זייט איהר מקנא דעם מענש, וואס האט דעם פּראם, וואס ער האט זיך געמאכט, איבער זיינע אקסעל געווארפען? וואס האט זיין רעטער־געדאנק אויף אייביג אינ'ם פּראם פארהאלצט?

און דערצו געהט איצט דער וועג בארג ארויף! און שווער איז דער וועג, און איהר האט דעם פארשטאנד, וואס האט דעם פּראם ערפונדען, ה י נ ט ע ר ' ן פּראם געווארפען...

„די קלויז מיט'ן מנין בטלנים!"

און „די קלויז מיט'ן מנין בטלנים" איז עס נאר היינט — דער פּראם אויף דער טריקעניש.

אמאל, און נישט לאנג אזוי איז דער „אמאל", איז אייער איד־דישקייט א גרויסקייט, א שעהנקייט, א העלדישקייט געווען!

א פעסטונג פאר דער אידישער נשמה!

ד י ב ו ר ג, וואס האט זיך, פון דער גאנצער קלויסטער־וועלט באלעגערט, נישט אונטערגעגעבען!

מען האט איהר אלע וועגען פון ברויט און וואסער אפגע־שניטען, ארום אלע וואסער־קוואלען פארפעסט, אלע פרוכט־בוימער אויסגעוואָרצעלט — „אידישקייט" גיט זיך נישט אונטער!

פארהונגערטע, פון דורשט פאר'חלש'טע, אויסגעמאטערטע שאטען פון מענשען שיצען די מויערען, צווישען וועלכע די אידי־שע נשמה האט זיך באהאלטען...

צ י י ט ו ו י י ל י ג באהאלטען „עד יעבור זעם" — ביז דער צאָרן וועט אריבער...

עס האט געהייסען:

גאטס איינציגער נאמען איז אויף דער וועלט נאך נישט גע־היילינט, אויף א קאמפראמיס צווישען יודענטום און געצענטום באשטעהען מיר נישט. מיר וועלען ווארטען!

עס האט געהייסען:

משיח איז נאך נ י ש ט געקומען. נישט אויסגעלייזט איז די וועלט. מיט זינד איז זי פארפלייצט, פארפלאסען מיט טרערען און בלוט! נישט גאטס ווארט רעגירט, נישט זיין גערעכטיגקייט... מיר וועלען ווארטען!

האט איהר אבער פון דער צייטווייליגער פעסטונג פון דער „עד יעבור זעם"־דיגער בורג אַ ן א י י ב י ג ק י י ט געמאכט, דאס שוץ־מיטעל צו צ י ל און צ ו ו ע ק! און אז די באַ־לאגערונג האט אפגעצויגען, אז די טייראנען האבען אויפגעהערט אין די מויערען צו שלאגען, און ארום איז פריי און מען קאן די טויערען עפענען און ארויסגעהן און פראנק און פריי פאר דער וועלט דאס פארבארגענע אנטפלעקען, דאס באהאלטענע עפענען און פרעדיגען גאטס ווארט פאר דער וועלט, האט איהר פאר דער וועלט נאר איינאיינציג ווארט:

— הייליג איז די פעסטונג.

ווער איז אייער גאט? וואס איז זיין רעכט און גערעכטיגקייט? ווי אזוי דארף אויסזעהן די וועלט און דאס לעבען אויף איהר, זיי זאלען זיין געטליך ריין? ווי אזוי וואלט איהר אויסגעלייזט די וועלט?

שטעהט איהר און מורמעלט: איזהו מקומן...

איהר האט דעם ת ו ך פארלוירען און די וואלען פון פעס־טונג פארהייליגט! די כ ו נ ה פארגעסען און עטעמט ווייטער

אייז איז די לונגען, די קראַנקע, די פאַרשפּאַרטע, פּייכטע לופט פון קאַזעמאַט, גלייך ווייזרויך פון הייליגטום!...

די נשמה איז אויסגעוועבט, — מיט טרוקענע ווערטער קאַן מען צו דער וועלט נישט קומען, — באַהאַלט איהר אייך מיט אייער אידישקייט פאַר דער וועלט!

און זאָל די וועלט, וואָס איהר דאַרפט באַצווינגען, אליין צו אייך קומען, אויף די קני פאַלען, און בעטען זיך: רעגיר! — וועט איהר פון אייער קאַזעמאַט נישט אַרויס, די פוילע קליידער פון לייב נישט אַראָפּוואַרפען, דעם קאָפּ נישט צובויגען צו דער דער־לאַנגטער קרוין...

איהר וועט דאָך דער וועלט נישט זאָגען: לעג אַוועק דיין אַנ־טיסעפּטיק און ניץ אַש פון אַ פאַרברענטער קוה!

לעג אַוועק דיין מעדיצין און, ווערט אַ מגפה, שטעל אויף אַ קופּערנע שלאַנג! וואַרף אַוועק דיין זיבען־פעלדער־סיסטעם און מאַך שמוטה מיט אַמאָל איבער דער גאַנצער ערד! שטעל אַ מקדש מיט קרבנות און מיט ערד פון אונטער דער פאַדלאָגע פאַר אַ סוטה?

איהר האָט די נשמה געטויט, און מיט'ן טויטען גוף פון דער אַמאָל געוועזענער גרויסער, שטאָלצער אידישקייט קאָנט איהר צו דער וועלט נישט קומען, באַהאַלט איהר זיך פאַר דער וועלט!

און איז דער יונגער דור, וואָס האָט זיך איבערגעוואָלט פון קאַזעמאַט אַרויסגעריסען, צום לעבען צו דער וועלט געקומען, האָט ער פאַר לעבען און וועלט קיין אידיש וואָרט נישט געהאַט! זענען די אייניקלעך פון די שטאָלצע קעמפער פאַר'ן אידישען אמת צו וועלט און לעבען אַלס בעטלער געקומען, לעבצענדיג צום פ ר ע מ ־ ד ע ן וואָרט! געפרוווירענע און פאַרשטאַרטע זענען זיי געקומען, און נאַקעטע... און פרעמדע קליידער אויסגעבעטעלט האָבען זיי קוים זייער שאַנד צו פאַרדעקען! און ביי פרעמדע אויוועגס זיך אַן אָרט אויסגענאַרט, ביים פרעמדען פייער זיך צו דערוואַרעמען! און מיט ברייט־געעפענטע מויל און אויערען פאַר פרעמדע וואָר־הייטען!...

און איבער דער גאַנצער צייט איז דאָס ב ע ס ט ע, דאָס ש ע נ ס ט ע, דאָס ש ט אַ ר ק ס ט ע, דאָס ל ע ב ע נ ס ־ פ ע ה י ג ס ט ע פון אונז אַוועק! זענען ביי אונז די שאָטען וואָס

א טאג פינסטערער און געדיכטער געווארען און די לופט — פוילער און פוילער צום דערשטיקען — —

אבער נאך ערגער איז געווארען, אז א טייל פון זיי איז צור־ריקגעקומען — מיט'ן פרעמדען ווארט!

א ברייטען וועג, וואס פיהרט אפ פון אידישקייט, האבען זיי געעפענט, א ברייטען און געפעהרליכען וועג — דעם פ א ל ש־נ א צ י א נ א ל ע ן!

10.

ככל הגויים.

„רענעסאנס!" א קליין איינאיינציג ווארט, אחן א צוגאב, אהן תנאים פון א ר ט און צ י י ט...

א קליין ווארט און א זאמען איז עס, פון וועלכען עס דארף ארויסשפראצען א ו ו ע ל ט, א א י ד י ש ע ו ו ע ל ט...

און מעבטיג שטאלץ איז דאס ווארט, און נישט ניי; עס איז דאס אלטע פראפעטען־ווארט! דאס משיח־ווארט!

אייביג זענען אידעען, זיי טוישען נאר, אין דער אנטוויקלונג, די פארם.

איז אבער דאס ווארט אין זיין ר י י נ ק י י ט א ו י ס'ס נ י י נאך נישט געזאגט געווארען...

ווען דער אפגעשוואכטער קלויסטער האט אפגעצויגען, ווען די מויערען פון געטא, וואס איז געווען אונזער תפיסה און פעסטונג צוזאמען, זענען געפאלען, איז די אידישקייט צו דערשלאגענע געוועזן, צו שוואך דערצו, — עס איז צייטווייליג אהן אטעם גע־בליבען.

זוכט איינער דעם פולס און געפינט נישט, אדער טויבליך איז ער און הערט איהם נישט, מאכט ער:

— עס זאגט אפ די אידישקייט!

און א שאד איז עס איהם:

— אמאל אזא נגידה געווען, דער וועלט א גאַט געשענקט!
און ער טרייסט זיך: א ירושה לאָזט עס די אידישקייט!
— א יחוס א גרויסען! אן אייביג געצויגענעם וועקסעל אויף כבוד פון דער וועלט!
און ענדיגט רעזיגנירט:
— אייביג לעבען קאָן מען נישט! די צייטען פון רעליגיאָן (און אידישקייט איז פאַר איהם נישט מעהר!) זענען איבערהויפּט פאַרביי... אפילו דער קלויסטער דער שטאַרקערער, דער יונגערער פאַלט... דאַרף מען דער „אידישקייט" זיין רעכט טון, פיינע תכריכים נעהען, אויפ'ן מיטאַלאַגישען בית־עלמין א בכבוד ארט געפונען... „יאַווע" איז דאָך גרעסער פאַר יופּיטער!
האָט א צווייטער מעהר פּיעטעיזים אין הארץ און ראָט:
— נישט „באַערדיגען" זאָל מען, נאָר באַלזאַמירען! זאָל זי ווי עס איז פאַרשטיינערט בלייבען — אויף אייביג! א היסטאָרישער מאָנומענט, פאַר אלטערטומס־פאָרשער — אַן אייביגע פרייד!
הייסען הייסט עס:
אפּגעגאַנגען, אפּגעדאַנקט האָט די אידישע נאַציאָן, שטעלט איהר די אידישקייט איהרע אלס מצבה אויפ'ן קבר!...
ווילען אבער נאָך אַנדערע נישט אפּטרעטען... נישט אַזוי לייכט שטאַרבט א נאַציאָן...
„בלוט איז קיין וואַסער נישט," עס האַלט דער נאַציאָנאַלער אינסטינקט.
ער ווערט אמאָל פאַרטומעלט, פון א שטיק שרייענדיג עולם־חזה איבערגעשריגען און ער פאַרשווייגט א ווייַלע, — וועקט ער זיך אבער שפּעטער נאָך שטאַרקער און שטראַפט נאָך העכער, נאָך געוואַלדיגער!
און וואוהין אפּטרעטען?
נישט אַפען זענען נאָך טירען און טויערען!...
דער גוי'אישער מאַגען איז נישט אַזוי ברייט און נישט אַזוי געזונט, „יחידי־סגולה" — באַנקירען גרויסע, פּאָליטיקער, באַריהמ־טע געלעהרטע, זינגער, וויאָלין־שפּילער — נעמט ער אויף און פאַר־דייט נאָך ווי עס איז... אלע פאַרדייען קאָן ער נישט...
און בלייבט דאָס „געזינדעל", ציהט עס צוריק צו זיך, ווי א מאַגנעט, לאָזט עס נישט רוהען...

און שמד'ט מען זיך נישט צוליעב קינדער און קינדס־קינדער, טראכט מען אזוי:

געהן מוז מען, ביי אידישקייט בלייבען קאן מען נישט, דער שטראם פון לעבען טראגט, מוז זי מיטנע־מען!

נאר נישט איינגאנצען!

זי איז אזוי גרויס, אזוי אומגעלומפערט שווער און — אזוי נישט שעהן!

פארקלענערען מוז מען זי, שטארק פארקלענערען און פאר־צירען...

און אפערירען לאזט זי זיך.

מען שניידט אין טויטע פארמען, און עס געהט קיין טראפען בלוט, און מען הערט קיין קרעכץ! אפשר ברומט ערגעץ א שכינה און א חורבה — ווער הערט זי?

און ווי לייכט עס רייסען זיך בלעטער פון סדור ארוים! ווי שעהן עס זעהען אויס די ספרים אין ארכיוו! ווי פיין אפגערייניגט איז געווארען די אידישע שטוב, נעם און שטעל א יאלקע, זי פאסט!

דאס געבליבענע שטיקעל אידישקייט וועט בלייבען אין שול, פארזארגען וועט זי דער רב...

דער רב מוז אבער אויסזעהן, ווי א מענש.... דעם פאס־טארס טראכט איז אזוי שעהן, מאכט איהם עפעס אזוינס... און די שול מוז ווערען סינאגאגע, מוז ווערען טעמפעל... יענץ איז א דלות, און דלות עקעלט...

און אהן פיוט, קרבנות אין ארץ־ישראל איז דאס געבעט, אפילו אויף דייטש איבערגעזעצט, גארנישט „שאקינג"... עס איז „גאַ־טעס־דינסט" וועניגסטענס אויף איינמאל אין יאהר...

אמת, עס ציהט נישט, עס האט עפעס פארלוירען פון דעם. וואס האט געצויגען, — וועט דער ארגעל ציהען, א מיידעלס כאר וועט שלעפען די יוגענד ביי די האר... און דער שטיל־הארציגער, נאר ארעמער סיני־נגון מוז געענדערט ווערען, עס מוז — שאלען! ווי אין קירך!

און קאן מען נישט שבת, וועט עס שאלען זונטאג!

עפעס מוז בלייבען!

און מען שניידט, ענדערט, פערפומירט — און טויט בלייבט טויט... די אלטע האלטען זיך, ווי עס איז... אויס פּיעטיזם... די יוגענד אנטלויפט — די רעפאָרם באַנקראָטירט...

קומט א „נייער" מענש און מאכט א גוטע מינע צום שלעכטען שפּיל, ער איז געגען יעדע רעפאָרם: — ריהרט נישט! די נשמה איז אוועק, די רעפאָרם איז געבליבען, די הויפּטזאַך איז עבען די פאָרם!... דעם ווייַן טרינקט מען אויס, אָדער ער ווערט אויסגע־וועפּט אליין, אייביג איז דאָס פאַס!

האלט זיך פעסט אָן פאַס, און גיסט אריין פרישען ווייַן! לייכט צו באַקומען! ווייַנהענדלער פעהלען נישט... עס טוישען זיך נאָר די פירמען, אמאָל איז געווען אריסטו, היינט — ספּענסער, מאָרגען — ווייס איך ווער...

האלט זיך נאָר אָן פאַס!...

זוכט נאָר א פרייען און זיכערען ק ע ל ע ר, וואו עס אָני־דערצוּשטעלען!...

איז די „פאַס־אידעע" אויך אידעע —

קומט אבער די צייט אויף אידעען, פאלען זיי פון דער מאָדע ארויס.

די צוריקגעקומענע פון אייראָפּא, די פון דאָרט צוריקגעטרי־בענע, אָדער, אליין אויס רחמנות צום אָרעמען, געפּלאָגטען פאָלק אָדער אויס פּיעטיזם און דערוועקטער בענקשאַפט צוריקגעקומענע, האבען אונז די בשורה געבראַכט:

איהר זענט א פאָלק!

דאָס האָבען מיר אייגענטליך לאַנג געוואוסט, קיין שפּראַך אין דער וועלט האָט נישט אַזוי פיעל באַצייכענונגען אויף ראַסע און פאָלק, ווי העברעאיש, ניי איז געווען נאָר דער צוגאַב:

„נ י ש ט מ ע ה ר!"

זיי האבען מעהר נישט געפיהלט און ביי די פרעמדע מעהר נישט געזעהן!

„א פאָלק און נישט מעהר" — דאָ הויבט זיך אָן די געפאַהר!

11.

דער אונטערשיד.

קומט מען פון ערגעץ צוריק און מען קוקט אויף אונזער אי־דישער טראַגעדיע מיט פרעמדע אויגען, אָדער, וועניגסטענס, אויף פרעמדע ברילען, זעהט מען עפּעס אויסטערלישעס.

קאָן מען דאָס אויסטערלישע נישט פאַרשטעהן, זאָגט מען:

נישט נאָרמאַל!

„וואו עס פעהלט דער באַגריף, ווערט געשאַפען דאָס וואָרט!“

„נישט נאָרמאַל“ קאָן אָבער זיין אַזוי אונטער, ווי איבער דער נאָרמע. נישט נאָרמאַל קאָן זיין שגעון און געניע.

נישט נאָרמאַל איז דאָס פאַרברעכעריש־אַטאַוויסטישע און צוגלייך דאָס פּראָפעטיש־רעוואָלוציאָנערע.

אַז נישט נאָרמאַל האָט מען שטענדיג געוואוסט: עם לבדד ישכון — גוי אחד בארץ — הטיבה אחת בעולם... —

דאַרף אָבער דאָס נישט נאָרמאַלע אָפּגעשאַצט ווערען...

אויף אַלעם, זיך אַליין נישט אויסגעשלאָסען, מוז מען קוקען מיט א פריי אָפען אויג. אַלץ מוז געשאַצט ווערען, אַזוי דער מענש ווי די נאַציאָן, ווי ווייט מעגליך איז אָביעקטיוו.

ביים שאַצען פאַרגלייכט מען, אָבער נישט כדי אויסצוגלייכען, און א געשטעלט סדום־בעטעל צופּאַסען, נאר כדי צו געפינען דאָס נישט־גלייכע, דאָס אייגענאַרטיגע.

אַזוי, אייגענטליך, טוט אויך דער איינצעלנער מענש.

וואָס העכער דער מענש איז, אַלץ עפּטער פאַרטיפט ער זיך אין זיך אַליין, אַלץ עפּטער באַטראַכט ער זיך אַליין, פרעגענדיג: צו וואָס? נאָך וואָס?

ער וואַרפט זיך קיינעם, אויסער זיך, קיין אַנדערען איינצעל־נעם מענש נישט אונטער, ער זוכט ביי קיינעם קיין גערעכטפאַר־

טיגונג פאר זיין לעבען, קיין הסכמה פאר זיין עקזיסטענץ, ער וועט זיין רעזאַן ד'עטר נישט גרינדען אויף נוצליכקייט פאר זיינס גלייכען אדער אויף עהנליכקייט צו איהם.

ער פארטיפט זיך אין זיך, ווייל ער וויל זיין זיך אין זיך געפינען, דאס געפונענע פון מינדווערטיגען ד י י נ י ג ע ן, דאס מ ע ה ר ו ו ע ר ט י ג ע פפלעגען, אנטוויקלען, זיך די אנטוויקלונג פאר ציל און צוועק שטעלען, און דערפאר איז ער גרייט צו שטרייטען, צו קעמפען ביז'ן לעצטען טראפען בלוט, צו אפפערען זיין לעבען...

ביי דעם פראצעס קוקט אויף זיך דער העכערער מענש פון נאך א העכערען שטאנדפונקט: פון דער הויך, צו וועלכער ער מוז, לויט זיין נאטור, שטרעבען... פון זיין „איך" אין ווייטסטען פונקט אויף זיין לעבענס־וועג.

דער אזוי פ א ר ג ע ש ט ע ל ט ע ר „איך" איז זיין אימפעראטיוו, זיין ריכטער.

ער איז נישט באנקראט, און די פארגאנגענהייט גיט איהם נאר דאס מאטעריאל צום זיך דערקענען. ער ליקווידירט זיין לעבען נישט, און זיין „איך" אין דער געגענווארט איז נישט זיין ריכטער און שאצער — זיין „איך" אין דער צוקונפט איז זיין שטרעבען און גלויבען און דער רעכטפארטיגער פון זיין לעבען...

דאס זעלבע מיט פעלקער...

זוך איך מיין אידישקייט, זוך איך עס פ א ר מ י ר, זוך איך עס אין דער צוקונפט, אויפ'ן גרונט פון מאטעריאל אין דער שעפפערישער פארגאנגענהייט...

די געגענווארט, דאס „ג ע ל ע ר נ ט ע חומש מיט רש"י" לאז איך ארויס, דאס איז אונזער ד ע ק א ד א נ ס — אונזער אפפאל.

אין דער דיכטער פון איינצעלנעם מענש זיין איבער־מענש; און דער דיכטער פון דער נאציאן, נישט קיין אנדערע — נאר די נאציאנאלע צוקונפט — איהר שטראם, וועו ער פליסט אריין אין ים — אין דער פרייער מענשהייט אריין... פאר דער נאציאנאלער צוקונפט שטעל איך די א י י נ ע נ א ר ט פון מיין פאלק (האט ווער אז „אתה" אין זיין „אתה בחרתנו"! און פרעג:

בין איך מ י נ ד ע ר־ אדער מ ע ה ר ו ו ע ר ט י ג?
אז נישט גלייך, דאס ווייס איך. —

מיין פארגאנגענהייט דערמאנט:

װעסט נישט דינען קיין אנדערע געטער, נאר דיין איינציגען גאט.

אין מיט פון דיין לאנד, אין ירושלים, וועסטו זיין טעמפעל שטעלען.

דריי מאל אין יאהר וועסטו צום טעמפעל קומען, פאר גאט זיך באווייזען, איהם זיין אפפער געבענען, איהם דאנקען, בעטען און דינען...

איין פאלק, איין לאנד, איין טעמפעל, איין געזעץ, איין גאט...

און אלץ ווערט פארמירט צוזאמען אין איין אטעם... ערגעץ אנדערש טאר קיין טעמפעל נישט זיין און קיין מזבח. ערגעץ אנדערש, ווען אויך דעם איינציגען גאט, טאר קיין קרבן נישט ווערען געבענט. קיין ווירדיך אויף דער פאן געריכערט — דאס ווערט באשטראפט מיט — טויט! און דאך איז פאר אלע דער טעמפעל...

מעג קומען דער פרעמדער און ב ע ט ע ן, גאט וועט צו־לעגען זיין אויער, און זיין אפפער באוויליגען, און ווער עס וועט רופען דעם נאמען פון איינציגען גאט, דער איז זיין קינד... און פון ציון געהט ארויס דאס געזעץ פאר פעלקער...

די נאציאנאלע — וועלט־אידעע!

האבען עס אנדערע פעלקער?

האבען דייטשען, פראנצויזען, ענגלענדער, רוסען און אנדערע אייראפעאישע א נאציאנאלע וועלט־אנשויאונג, א נאציאנאלע רעלי־גיאן? אדער נאציאנאלע וו ע ל ט ־ א י ד ע א ל ע ן?

פאראן „דייטשע פילאזאפיע", דאס הייסט פילאזאפישע בי־כער, געשריבען פאר דייטשען אויף דייטש... קיין דייטש־פילאזא־פישע אידעע איז נישט פאראן.

פאראן פ ר א נ צ ו י ז י ש ע אידעאלען פאר און צוליעב דער פראנצויזישער נאציאן: גרויס זאל זיין פראנקרייך און צו־שפרייט און באריהמט, באדען זאל זי זיך אין גלאנץ...

פאראן אידעאלען פאר ענגלאנד: איך—די פאבריק, די גאנצע וועלט—מיין מארק!

און אזוי אלע... אלע...

„קריסטען“ זענען זיי...

האט זיי דאך דאס קריסטענטום נישט פאראייניגט. זיי האָ־בען זייער קריסטענטום נישט באשאפען; מען האט עס זיי אָנ־געווארפען מיט געוואלד, אדער זיי האבען עס גערנוויליג אנגע־נומען, עס איז נישט ארויסגעשפרונגען פון זייערע געהירן, נישט ארויסגעשפראצט פון זייער געבליט...

דאס זענען פעלקער פון קלויסטער באצוואונגענע...

שווימט דאס פרעמדע ארום פון אויבען און קומט נישט אין תוך פון דער נשמה אריין... האט עס מיט'ן ווירקליכען לעבען קיין מגע ומשא נישט; עס ווערט אויס סאציאלע ערשיינונג, עס ווערט „גלויבען“... עס ווערט א שליסעל אויפצועפענען דעם הימעל נאכ'ן טויט, נישט באצווינגען דאס לעבען, עס איז „מלכות השמים“ נישט ערד און נישט לעבען אויף דער ערד; עס פארלייקענט ארבייט און אנטוויקלונג...

עס איז גלויבען, נישט ווילען; עס איז אפזאגען זיך, אפשיידען, אוועקגעהן! און אויסלייזען זיך פון לעבען, נישט פאר'ן לעבען...

טראגט מען עס פון אויבען, איבער'ן לעבען, ווי א מאנטעל; אינ'ם לעבען, אונטער'ן מאנטעל רעגירט דאס רוי־מישע רעכט, די גריכישע קונסט, די אייראפעאישע טעכניק.

פיער פארשידענפארביגע קוועלען פון רעכט — די פינפטע איז די נאציאנאליטעט. וואס הייליגט שוין אלע פאר־ברעכען קעגען אנדערע אלס — פאטריאטיזם...

און דעריבער וויל זיך אן אייראפעאישע נאציאן ווירקליך באַ־פרייען פון אינטערנאציאנאלען קלויסטער... וויל זי פראגרעסירען אין לעבען, מוז זי זיך אפזאגען פון הימעל, פון רעליגיאן...

מיר א פאלק אהן באזיץ, אהן אן איינהייטליכער שפראך, מיט א דראנג נאך קולטור און נאך אהן קולטור, מיר — אלס „נאציאן און נישט מעהר“ זענען מיר גארנישט!

און ווי לייכט איז פון גארנישט אוועקצוגעהן!...

12.

נאך וועגען.

נישט קיין אקאדעמישער שטרייט ווערט צווישען אונז און אנ־דערע געפיהרט.

נאר אן אויבערפלעכליכער מענש זעהט נישט דעם צוזאמענ־האנג צווישען קולטור־מאמענטען און וועלט־אנשויאונגען.

די וועלט מיט אידישע אויגען געזעהן, איז אן ארגאניש צוזא־מענגעבונדענע, ארגאניזירטע און דעריבער מאראליש פאראנט־ווארטליכע וועלט.

די וועלט מיט היידנישע אויגען געזעהן, איז אן עפילעפטיק. צוזאווארפענע, באהאלטענע און אפענע קרעפטען, וואס פאלען קיין געזעץ נישט אונטער, און וועלכע מען קאן דעריבער קיין מאראלישע פאדערונגען נישט שטעלען.

אויפ׳ן וועג פון היידענטום צום אידישקייט ווערט אונטער־גריזט, גענעראליזירט... קומט מען צו געטער, צו האלבע געטער, ווערט די וועלט א שלאכט־פעלד צווישען ז י י, הייסט דער שטארקסטער, דער זיגערישער — יופיטער, א דעה אבער האבען אלע, אלע מישען זיך אריין, איז יעדער גאט אין זיין זייט אדער אויף זיין ארט אין זיין טעמפעל אדער אין זיין טאג — געזעץ און אימפעראטיוו.

איז, ווייטער און נעהנטער צום יודענטום קומענדיג, דאס גע־צענטום א ו י ס ע ר ל י ך געפאלען, די געטער־סימבאלען, אין האלץ געשניצט, אין שטיין אויסגעהאקט, אויף ווענט און לייוועגט געמאהלט — זענען צושטערט און צושטויבט געווארען, — פון הונ־דערטער אימפעראטיווען ווערט ד א ך געפיהרט די וועלט... צו קיין איינהייט איז אויסער דעם יודענטום קיין איינציגע נאציאנאלע וועלט־אנשויאונג נישט געקומען...

קיינער ווארפט זיך דעם א י י נ צ י ג ע ן נישט אונטער.

זענען זיי אלע קעגען דעם אידישען פ ר א ו ו י נ צ י א־ל י ז מ ע ן, היימיש, אויף אייגען געברויך, געבאקענע פ י ל א־ז א פ י ע ן... קאן זיך די העכערע א י ד ע ע דער נידעריגער

נישט אונטערגעבען, דאס העברעע בלוט אינסטינקטיוו מיט׳ן ני־דעריגען נישט מישען...

איז דאס געשריי: רענעסאנס!

לאזט מיך פריי רעדען מיין ווארט, פריי ארבייטען און קול־טור־ווערטע באשאפען לויט מיין וועלט־אנשויאונג, איך האב אייך אמאל אזוי פיעל געגעבען, לאזט מיך נאך אמאל געבען — —

און נישט אויף א באשטימט ארט ווערט דער שטרייט גע־פיהרט. מיר האבען שוין לאנג די נאציאנאלע קינדער־וויג פאר־לאזט; גערן אדער נישט גערן, א וועלט־פאלק געווארען, נישט בא־גרענעצט איז דער קאמף, א וועלט־קאמף איז ער!

און נישט מיט דעם אדער יענעם פאלק פיהרען מיר איהם, און נישט מיט א קאאליציע פון איינינע פעלקער, אידען און גויים שטעהען זיך אקעגען, אידיש בלוט און גוי׳איש בלוט...

קאן זיך דאס אידישע בלוט, וואס איז אין דער רעליגיעזער פארם מאנאטעאיסטיש, אין דער פילאזאפישער מאנ־יסטיש, מיט אנדער בלוט נישט מישען; קאן א העברעע וועלט־אנשויאונג דער נידעריגער זיך נישט אונטערגעבען, מוז זי שטרייטען אום דאס רעכט, איהר אייגענע וועלט־קולטור צו שאפ־פען — —

קומען די אין דער פרעמדר געלערנטע און האבען לייכטע עצות; לייכטע וויל אויבערפלעכליכע...

האט מען אונז איבער א לאנגער צייט דאס מויל פארמאכט, די הענט געבונדען, נישט רעדען געלאזט, נישט ארבייטען, ראט מען אונז: געה און בעטעל... אסימיליר זיך, הייסט עס, נאך וואס א באזונדער ווערקשטעל?

האב איך מיין אפשאצען פון שלעכט און גוט, ראט מען מיר: שאץ איבער די ווערטען!

שטרייט איך פאר מיין אמת—לאכט מען אויס מיין „מיסיע“—אמגעפעהרליכסטען אבער זענען: איבערגעאייל־טע צו זאגען און איבערגעטריבענער פעסימיזם...

— דיין היים איז אפען, מארגען גיב איך זי דיר!

און אז דער מארגען איז געקומען און די חיים האט זיך נישט

געעפענט — זענען מאנכע אנטלאָפען פון אונז, מעהר קיין האָפ־נונג אויף רעטונג נישט געהאָט...

אדער:

— וואָס איהר מאכט אין דער פ ר ע מ ד, איז געבויט אויפ'ן וואסער, געבויט אויף זאמד, דאָס טראָגט אוועק דער ווינט...

ווערט מען אָפּהענגדיג, זוכט מען פרעמדע קולטורען, פרעמדע גיטער און שטעלט יענער אָפּהענגדיג: זיי מודה, אז משיח איז גע־קומען, טראַכט מען:

— דער קליגערער טרעט אָפּ...

16.

די פאַרפרעמדטע אינטעליגענץ.

נאָמאדען בלוט; א וואנדער־פאַמיליע אין דער וויסטעניש.

אינ'ם בלוט — עהרליכקייט, גערעכטיגקייט, — און אזוי איז זיין גאָט, וואס וואנדערט מיט איהם, און איז דעריבער נישט פון האָלץ און נישט פון שטיין, נאָר א באַוועגליכער לעבעדיגער גאָט.

אַן ערהאַבענער גאָט־באַגריף; א פרייער און אָפענער וועלט־באַגריף, אָהן גרענעצען, אָהן אונטערשיידען...

און פאַרלאָזט מען די וויסטעניש און ווערט געוואַנדעלט אי־בער לענדער, קאָן מען זיך מיט די איינגעזעסענע נישט מישען, גע־גענזייטיג שטויסט מען זיך אָפּ, לעבט מען באזונדער, אנטלויפט מען, ענדליך, פון דרוק און צוואנג, און מען זוכט זיך א באזונדער לאַנד...

ווערט עס באַצוואונגען. דער פאַמיליען־גאָט ווערט דער גאָט פון אויסגעוועהלטען פאָלק אינ'ם אויסגעוועהלטען לאַנד. עס וואַנ־דערט נישט מעהר, עס האָט זיין טעמפעל אין לאַנד.

נאָר אויסראָטען די איינוואוינער האָט דאָס הארץ נישט גע־לאָזט, ארומצוזימען דאָס לאַנד פאַר פרעמדע, באשווערען זיי דאָס לעבען אין לאַנד, האָט די עהרליכקייט נישט ערלויבט. באַפאַלען און באַצווינגען אנדערע פעלקער האָט די גערעכטיגקייט נישט גע־

קאַנט, אַ קליין פאָלק, אַ באַזונדער שטאַט, — אַ שטאַט פון כהנים און אַ הייליג פאָלק... איז עס מיט דער צייט געפאַלען...

איז אָבער דאָס פאָלק געווען זיין שעפּפער, נישט דער פּראָ־דוקט פון זיין שטאַט; דער בויער פון טעמפּעל פאַר גאָט, נישט דורכ'ן טעמפּעל צונויפגעקליבען און פאַראייניגט, דער איינריכטער פון דער סאָציאַלער קולטור־עקאָנאָמישער פאָרם אין לאַנד, נישט אין איהר טיגעל אַ צוזאַמענגעשמאָלצענער, — לעבט דאָס פאָלק איבער זיין פרייהייט און זיין שטאַט אַזוי ווי זיין שפּראַך און זיין טעמפּעל, מיט אַלע זיינע קולטור־עקאָנאָמישע פאָרמען און געהט נאָך אַמאָל וואַנדערען איבער דער וועלט... און גאָט געהט ווייטער מיט!

ווערט ביי איהם דער אינסטינקטיווער באַגריף פון גאָט און וועלט קלאָרער, באַוואוסטזיניגער; ווערט פון פאָלק אַ וועלט־פאָלק; דער גאָט, וואָס פאַרלאָזט איהם נישט און ליידט גלות מיט איהם צוזאַמען — אַ גאָט פון דער וועלט... ווערט די וועלט, דאָס גאַנצע גלות־פעלד — די אַרענע פון שטרייט צווישען איינציגען ג אָ ט און ג ע ט ע ר... זיגען וועט גאָט!...

די וועלט איז נישט פריי פון דאַנק און קריג, פון צוואַנג־אַרבייט, רויב און פיין און אונטערדריקונג... ווייל גאָט איז נאָך א י ב ע ר דער וועלט, נאָך אין איהר נישט א י י נ ג ע ד ר ו נ־ ג ע ן...

נאָר די צייט וועט ק ו מ ע ן, זי מ ו ז קומען... גאָט וועט משפּט'ען די פעלקער און רייניגען די וועלט, משיח וועט קו־מען... מיר וועלען איהם ברענגען. מיר, די שוואַכסטע, די מאַרטי־רער פון גאָטס נאָמען! און אַריינגעשפּאַרט אין אַלערליי עקאָנאָ־מישע סעפּאַראַט־סטרוקטורען, אַריינגעפלייכט אין אַלערליי סאָ־ציאַל־פּאָליטישע קערפּערשאַפטען, ליידענדיג אונטער דער הערשאַפט פון פּראָווינציאַליטעט־אימפּעראַטיווען, פּאַטריאָטיזמען, מוטוויי־ליגקייט און איבערמאַכט, און ביי דער געוועלטיגונג פון איבער־האַנט און מאַכט, איבערטראָגענדיג אַלע קוואַלען פון דער מינדער־הייט און שוואַכקייט — — לעבט דאָס פאָלק און בלייבט זיך געטריי!

האָט עס זיין געוועזענעם שטאַט הינטער זיך אַלס גאָלדיגע

יוגענד־עראינערונג, און זיין פינפטיגען וועלט־שטאט, זיין משיח־וועלט — פאר זיך, אלס פיהרענדיגען שטערן, שפינט זיך דאס פאלק פוןביידע זיינע לעגענדען, וועבט עס זיינע סימבאלען; באַ־שטראלט פון בטחון, פון הייליגען גלויבען און פאלט קיינמאל נישט אריין אין מרה־שחורה! קומט א וואל אקעגען, בויגט עס א ווײלע אראפ דעם קאפ, און הויבט איהם באלד צום גאט אין הימעל צוריק; און קומט א צרה — האלט עס זי אויס, פארגעסט זי לייכט און באלד... עס וויל נישט געדענקען און דערמאנען זיינע יסורים! אבי ווייטער, אבי איבערלעבען די קוואל, אבי משיח'ן דערלעבען... כאטש די חבלי משיח!

אזוי לעבט, האפט און גלויבט דאס פאלק!

און די אינטעליגענץ? די תינוק שנשבה'ס, די נאשער אין פרעמדע קיכען!

עס איז א טראגי־קאמישע ערשיינונג:

מיר האבען קיין איינציגע פ י ז י ש ע גרענעץ, וואס זאל אונז מאטעריעל אפטיילען פון דער וועלט; פאר דאס — וויפיעל פעלקער, צווישען וועלכע מיר זענען צושפרייט, אזוי פיעל גייסטיג־מאראלישע גרענעצען...

איז אונזער אינטעליגענץ די גרענעץ־באפעלקערונג... האבען מיר „נחת" פון איהר!

שטעלט זי אונז צו „פעלקער" — קאנטראבאנדיסטען, וואס שמוגלען אריין פרעמדע קולטור־ווערטען, מאנכמאל, „חוזק האט דעם טאטען נישט דערקענט" — א ביבעל־ארטיג אגראר־געזעץ, אלס פרעמד געוועב; אפט א שטיק „חובת־הלבבות" פון גראף טאלסטאי איבערגעקייט... איבערהויפט זענען זיי די קולטור־טרע־גער, צווישען אונז און אנדערע — די שתדלנים, די שלום־ און פשרה־מאכער און מליצי־יושר... צעהלען זיי די מעדאלען, וואס אידישע סאלדאטען האבען באקומען, די ארדערען פון קאמערציען־רעטע און דערגלייכען, און פארלאנגען: רעכט! נישט פאר א ו נ ז! און נישט פאר'ן מ ע נ ש, נאר פאר אנדערשארטיגע — רוסען, פאליאקען, פראנצויזען... קאנען מיר נישט שיסען? נישט טויטען, נישט פאליטיש־שווינדלען?

און צו אונז קומען זיי, די אלערליי שפראכען־ אויסער אידיש־רעדנער מיט עצות...

פאַלען אבסורדען:

— קרייציגט דאָס בלוט און פאַרשווינדט!

— ווערט קריסטליכע אידען... איבערקוקען דעם פּראָצעס... אָדער גלאַט „ככל הגוים“...

זוכט איך אייער הערשאַפט, בויט איך אייער מערהייט, זאָל ערגעץ געזעץ ווערען אייער איבערגעוואַלט... אייער פּיזישע קראַפט, — וואָס געהט איך אָן די וועלט און דער גאָט פון דער וועלט?

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

די פּאַרגליווערטע בעל־בת'ישקייט פון איין זייט און די פאַרפרעמדטע אינטעליגענץ פון דער צווייטער — דאָס עפענט די וועגען, וואָס פיהרען אָפּ פון אידישקייט... כדי עס זאָלען פאַרמאַכט ווערען די וועגען, מוז באַשאַפען ווערען א נייע אידישע אינטעליגענץ, וואָס זאָל קולטיווירען אייגענע ווערטען און פריי באַוועגען דאָס פאָלק!

אויפ'ס ניי מוז אויפבליהען א אידיש לעבען, די ביבעל מוז געטראָגען ווערען צום פאָלק אַלס זאַמען, די אידישע פאָלקס־טימליכע סימבאָלען און לעגענדען, אויפ'ס ניי אויפגעפרישט, וועלען זיין טוי און רעגען! אויפלעבען וועט דאָס פעלד, אויפלעבען וועט דאָס פאָלק, אויפוואַכען צום ליידען פאַר'ן אמת און צום פעסטען גלויבען אויף זיין זיג!...

אויפגעהויבען מוז ווערען די פאָן פון אידישען רענע־סאַנס, פון משיח און וועלט־משפט, און וועלט־באַפרייאונג — פון דער קינפטיגער פרייער מענשהייט!

דאָס איז די מיסיע פון אייביגען פאָלק, פון וועלט־פאָלק. דאָס מוז געבען דאָס אידישע לעבען, דאָס אידישע הויז, די אידישע שול, דאָס אידישע טעאַטער, דאָס אידישע בוך און אַלץ, וואָס אידיש איז.

מערץ—יולי, 1911.

אין מיין ווינקעלע.

1.

נאָך דער מלחמה.

אויפ'ן פעלד, וואו עס האָט ערשט נישט לאַנג אַזוי גערוישט און געפילדערט, איז שטיל געוואָרען...

די „שלשה שאוחזין בטלית" — אלע דריי פאַרטייען, וואָס האָבען מיט אַזאַ גוואַלטיגען מסירת־נפש מלחמה געהאַלטען וועגען דער ממשלה אין שטוב פון גרעסטען אידישען קהל אין אייראָפּאַ און געשריען מכלומר'שט „כולו שלי" און געמיינט, וואָס מעהר צו פאַרכאַפּען, זענען אַפּגעטראָטען. און אלע דריי — נישט זעהר צופרידען.

די זיגער, אין אַנהויב שכור פון נצחון, האָבען אַפּמאַרשירט, מיט זאַנג און קלאַנג, טראָמפּייטען־געשמעטער און הורא־געשרייען צום געצעלט פון גרויסען פעלד־מאַרשאַל, צו זעהען זיין שמייכעל, וואָס זיי האָבען כשר פאַרדינט, צו הערען זיין לויב און צו לאָבען זיך מיט זיין געשמאַקען כיבוד...

אָבער נישט לאַנג האָט געדויערט דער רויש, און נאָכ'ן רויש קומען שווערע געדאַנקען: געזויגט, אָבער אויף ווי לאַנג? געזויגט, אָבער די פּאָהן פאַרביטען, אַ פרעמדע געטראָגען: נישט „אַסי־מילאַציע" איז געווען אויף איהר אויסגעשטיקט, נאָר „פּאַסטעמפּ" (פּראָגרעס)... און די „פינסטערע" מאַסע איז געוואָרען אַ טרייב־הויז פון אייגענער אינטעליגענץ. און די היימי'שע אינטעליגענץ, דאָס פלייש פון איהר פלייש, דער ביין פון איהר ביין, מעהרט און פרוכפּערט זיך, און דער דורך־אַרץ פאַר'ן פרעמדען „פּאַסטעמפּ" פאַלט פון טאָג צו טאָג...

דער מאַנאָפּאָל אויף פּריוויניגקייט ווערט פון טאָג צו טאָג לעבערליכער. אום צו בלייבען ביים כבוד פון „פּאַסטעמפּ“, איז שוין ווייניג צו זיצען אויף אייביגע שטולען... מען מוז עפּעס טון, מען מוז ארבייטען. און די טראַגעדיע איז, אז קוים וויל מען טון, קוים וויל מען ארבייטען, מוז מען טון און ארבייטען באזונדער, אידען פאר אידען. די „פּוילישע קולטור“ וויל בפירוש נישט קיין פּיליע אויף די גאַלעוועקעס... און שטעלט מען אידען געגען אידען, וויל מען רעדען מיט דער מאַסע, ווייטער א קללה — מוז מען רעדען אידיש! און אידיש רעדען נאָר ליטוואַקעס. אזוי האָט מען ערשט נעכטען געגלויבט, געוואָלט גלויבען...

און וואו איז תורה אהן קמח? און די מאַסע איז הונגעריג... מען מוז ארבייטען עקאָנאָמיש, הויבען דעם וואָהלשטאַנד, קרעפּ־טיגען די ארבייט, אָרגאַניזירען...

דאָס איז נאָך געפעהרליכער — באזונדער אָרגאַניזירען?

יענע ווילען קיין שותפות נישט, — באַשאַפען אַן עקאָנאָמישע געטאָ?...

אויף דער קעלנע געבליבען, די לייצעס אין די הענט, אבער פיהרען דעם וואָגען אויפ'ן געלען זאַמד פון צוזאַגען אין מדבר פון וויסטע חלומות און מיראַזשען, איז אוממעגליך —

ווערט מען נײשט מוזען אראָפּ אויפ'ן שונא'ס וועג?

— — — — — — — — — — — — — — — — —

די מיטהעלפער זענען באלד צו דער שמחה נישט געקומען. באזונדער און גאַנץ שטיל אָפּגעטראָטען — אין דער שנאה צום פרעמדען ליטוואַק און אין דער הערשאַפט איבער קהל, געהט מען האַנט אין האַנט, איז „יחדיו“, וואַשט איין האַנט די צווייטע צו־ליעב דעם שטילען „יחלוקו“: נעם דיר, דייטשעל, די אלגעמיינע פּאָליטיק, דאָס אָפּקלאַפּען די שוועלען פון די פּריצים און געגער־ראַלען לטובת הכלל; נעם דיר, דייטשעל, אלס צולעג דאָס „בית־עלמין“ מיט די מצבות; מיר לאָז כשרות,—מיר לאָז דעם רב מיט'ן מלמד; און אסור, אויב מיר ווע‌לען צולאָזען אביסעל דקדוק, א נצוץ פון א ליטוואַק... אבער מיט די כלים מישט מען זיך נישט, צוזאַמען אויף שמחות געהט מען נישט...

און די אמת'ע זינגער, די, וואָס האָבען צוגעהאָלפען און דעם

בעסטען בײן באקומען. אממעהרסט אויסגעקאשפערט, — פרעהען זיך באזונדער און פרעהען זיך אויך נישט גאר אינגאנצען. אביסעל קאלאמוטנע אויפ'ן הארץ... אביסעל נישט ווײן דאס געוויסען. אביסעל באשפיגען די בארד... געבראכען דאס ווארט... א שרעק פאר מארגען, א בושה פאר היינט... דערצו — א דין־תורה מיט ליטוואקעס! און וואס ערגער איז: טאמער איז עס אמת?

וואס וועט זײן, אז דער „פאסטעמפ" וועט נישט בלייבען קיין הויל ווארט, קיין צוזאג אין דער וועלט ארײן; נישט נאר א מאסקע, צו פארדעקען די חרפה פון דער אסימילאציע, נאר א ווירקליכער, אמת'ער, ערנסטער, וואס וועט ווירקליך ארבייטען? וואס וועט זײן מיט'ן „יחלוקו"?

און וועט עס געשעהען, וועט מען זיך ווירקליך נעמען צו דער ארבייט, ווירקליך זיך גענענען צו דער מאסע, ווירקליך און ערנסט פארנעמען זיך מיט איהר געברויך, מיט דער ערציהונג פון יונגען דור — וועט דען נישט דאס דייטשעל געפעהרליכער זײן פאר'ן ציוניסטישען ליטוואק? די צילען וועלען זײן די זעלבע, אויב נישט ערגערע, און די אויספיהרונג קרעפטיגער, זיכערער; געוועהנט צו הערשען, צו רעגירען, אויסצופיהרען... און געלט, און אינטעליגענץ, ווי האלץ!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

און די באזיגטע, די אפגענארטע, זענען נאך שטילער אוועקגעגאנגען; א חשבון הנפש מאכען, אונטערצופיהרען די אונטערשטע שורה...

און זיי טומלען זיך אויף שטילע אספות: — פון וואנען איז געקומען די מפלה? האט מען נישט אנגעזאגט קריג צו דער רעכטער צייט? איז נאך דאס אידישע ווארשוי ווייניג אידיש? איז די אידישע פרעסע, וואס האט געשטיצט, מיט איהר אומגעהויערגרויסער לעזער־מאסע, נאך נישט גענוג שטארק קעגען — א באנקיר?

און — האבען מיר נישט געארבייט מיט גענוג מסירת נפש? האבען מיר ווייניג די קעהלען אויסגעריסען שרייענדיג: הידד! אהער און „נידער"! אהין?

האבען מיר נישט זיבען און מעהר מאל ארומגערינגעלט די

טויערען פון אסימילאטארישען „יריחו“ און געשמעטערט אויף די גרעסטע טראמפייטען, — פארוואס זענען זיי, די טויערען, נישט איינגעפאלען? —

און אין הארץ הויבען אן צו פיקען ספקות: — אפשר איז אונזער נאציאנאליזם נישט גענוג אידיש, נישט גענוג פאלקסטימ־ליך און אונזער דעמאקראטיזם נישט גאנץ און גאנץ אמת?...

— אפשר פעהלען אונז מענשען?

— אפשר איז היינט, אין די טרוקענע צייטען, אין צייטען אהן נסים און אהן כשוף, ארומרינגלען א פעסטונג, בלאזענדיג אויף טראמפייטען, ווייניג?

מען דארף אויך עפּעס טון, אויף מויערען קלעטערען, מויערען ברעכען קעגען מויערען, טורמען בויען, און פון זייער הויך די פעס־טונג באשיסען?

— וואס האבען מיר געבויט?

וואס האבען מיר געטאן דא, אויפ׳ן ארט, פאר די, וואס מיר ווילען פיהרען? מיט וואס האבען מיר זיי באוויזען, אז זיי דארפען דעם טויער שפאלטען און ארויסטראגען אונז די גאלדענע שליסעל?

האבען מיר עפּעס געטאן פאר דער אידישער ערציהונג, כאטש איין אידיש קינדער־ביכעל ארויסגעגעבען? האבען מיר פאר׳ן פאלק (נישט פאר זיך) אן אויסגאבע געגרינדעט? דארף מען ווירקליך דערצו א שטול אין קהל־שטוב?

האבען מיר געהאלפען ביי דער שווערער געבורט פון דער אידישער ליטעראטור פאר׳ן פאלק, און לאזען מיר נישט די קינפּעטארין פון אידישער קונסט אין איהרע שווערע וועהען אהן הילף?

האבען מיר עפּעס פאר׳ן אידישען טעאטער געטאן?

„נידער מיט דער אסימילאציע!“ — גוט, עס שרייט זיך פיין. אבער וואס האבען מיר באשאפען קעגען איהר, אין אונזער גייסט, נאך אמאל געזאגט: דא, אויפ׳ן ארט, פאר׳ן פאלק?

און פאר׳ן „נעגריווויטען“ שוסטער, וואס האבען מיר געטאן? און פאר אלע אנדערע, וואס פאלען, ווי פליגען פון קאנקורענץ פון

יענער זייט... כאטש איין אנקעטע געמאכט? אויסגעפארשט דעם תחום?

אויפ׳ן שלאכטפעלד איז שטיל, און אין דער שטילקייט איז געזעסען די פוילישע „פראווּדא״, די אלטע ניאניע פון „פאסטעמפּ״ בכלל און אידישען אין דערמיט, און געטראכט, און דערטראכט זיך, אז דער נצחון פון איהר ווי ס׳איז אנגענעמען „פאסטעמפּ״ איז א האלב אויסגעבלאזען איי, פון וועלכען עס וועט זיך קיין אסימי־לאטארישע טויב נישט אויספּיקען. איינגאנצען צוויי הונדערט שטי־מען מעהר... און — מיט דער הילף פון מענשען, וואס האבען צום „פאסטעמפּ״ גאר קיין שייכות נישט, און האבען געהאנדעלט לויט דער קאמאנדע פון רבנים און גוטע אידען...

און די אלטע ניאניע האט נאך שארפע אויערען און הערט, ווי גראז וואקסט. און זי האט דערהערט: א נייע שפּראצונג האט די פוילישע ערד געשפּאלטען און דאס קעפּעל ארויסגעשטעקט; עס וואקסט א אידישע נאציאנאליטעט, וואקסט פון מינוט צו מינוט, פון סעקונדע צו סעקונדע.

און אויך גוטע אויגען האט זי נאך, די אלטיטשקע — און זי זעהט: דער זעלבער פּראצעס פון פעלקער־באפרייאונג, ווי ביי די בעהמען, ווי ביי רוטענער, ווי ביי אלע...

אידען ווילען א אידיש לעבען, אן אייגען לעבען, לויט אייגע־נעם רעכט און געשמאק... דערויף האבען זיי רעכט...

אבער מ י ר, פרעגט די „פראווּדא״ — וואס ווילען מיר טון, מיר פּאליאקען?

— נאר וועגען דעם שפּעטער.

פריהער מוז מען וויסען, ווער די „פראווּדא״ איז, וואס פאר א ראלע זי שפּילט, וואס פאר א דעה זי האט. —

2.

„די פראוודא“.

די פוילישע „פראוודא“ איז א ראדיקאל־פרייזיניג וואכענ־בלאט. איהר באשעפער, און פיהרער ביז פאר דער לעצטער צייט, איז אלעקסאנדער שוויענטאכאווסקי. איינער פון די טיכטיגסטע קעפ און פרייזיניגסטע מענשען אין פוילען.

זיין ארבייט איז אין פוילישען לעבען נישט געבליבען אהן א טיפען אפקלאנג; ארום זיין פאהן האט זיך געזאמעלט דאס עהר־ליכסטע און קליגסטע פון פוילישען פאלק; זיינע שריפטען און זיין ארגאן די „פראוודא“ וועלען פארנעמען דעם וויכטיגסטען פלאץ אין דער געשיכטע פון דער באפרייאונג פון פוילישען געדאנק.

און באוויזען האבען זיי זיך אין׳ם געפעהרליכסטען מאמענט פון ליידען און שאנד, אפגעשוואכטקייט פון אומזיסט פארגאסענעם בלוט און שטומער פארצווייפלונג.

נישט פארצווייפעלט האט נאר דער גרויסער פוילישער אדעל, דער מאגנאט, וואס האט מיט זיין נארישער פאליטיק, אונטערטע־ניגקייט צו די יעזואיטען און פריוואטע עגאאיסטישע אינטריגען צו דער גרויסער מפלה געבראכט, פוילען אויף שטיקער צושניטען און די שטיקער צווישען מלוכות פארטיילט. ער איינער האט ווייטער פאליטיקירט, ווייטער גרויסע, הויכע פאליטיק געפיהרט, גע׳חלום׳ט אלץ פון גרויסען פאטערלאנד, פון אלטען גרויסען פוילען פון ים צום ים, און אפגעקלאפט די שוועלען פון גרויסע קרובים און גרויסע הויפען, מען זאל זיך, צוליעב גערעכטיגקייט, פאר פוילען מיהען, אין זכות פון אמאל געראטעוועט ווערען, און אין זכות פון אונזערע שעהנע פרויען און טעכטער!...

און אנדערע?

דאס קליינע פריצ׳ל, אויב מען האט ביי איהם קיין „פאוום־טאניעץ“ נישט געפונען און דאס גוט נישט קאנפיסקירט, דאס קליינע פריצ׳ל איז אין דארף געבליבען, אין זיין הויז געזעסען, גע־אקערט און געזייהט, מיט דער הילף פון עקאנאמס קאנטשיק, מיט פויערישע הענט און אליין מיט׳ן גלח פרעפעראנס, אדער טערטיל־

מערטיל געשפילט. די ליטעראטור זיינע איז געווען דער קאלענ־דאר, וואס ער פלעגט טוישען פון יאהר צו יאהר, נישט אינגאנצען אויפגעשניטענע און נישט דאס גאנצע אויפגעשניטענע דורכשטודירט. אויפ'ן ארט פון א צייטונג האבען געדינט דער פאכטער און דער קרעטשמער — די אידישע פאנטאפעל־פאסט...

און איז אמאל געפאלען אויפ'ן הארץ א טרויער, איז פאראן אונגער־וויין ביים שענקער און דער היימישער אלט־פרענקישער בעכער פון „קאמשימישען" ! — און זענען אמאל שווערע געדאנקען געקומען, און דאס הארץ האט נאך טרייסט געלעכצט, האט מען דעם גלח עקסטרא גערופען, און ער האט הימעל־שפיין דערלאנגט... ער, וואס האט פריהער נאך אונטערטעניג געמאכט פוילען צו רוים, אויסגעקוילעט דיסידענטען, אלע אפיקורסים, אלע פרייערע קעפ, און די רעשט אונטער'ן פאפסט'ס פאנטאפלען געווארפען...

דער פויער — בייביידע פארקנעכט ! און פוילען האט גע־פוילט, אהן א האפנונג, אהן א געדאנק, אהן אן ארבייט אין די הענט —

דאמאלט איז שוויענטאכאווסקי געקומען, דאמאלט האט זיך די „פראוודא" באוויזען, דאמאלט איז געשטעלט געווארען דאס פראגראם : ארבייט !

ארבייט ביי די פונדאמענטען, ארבייט טיף אין די שיכטען פונ'ם פאלק ; אויפלעבען מוז דאס פאלק.

אום אויפצולעבען, פריי אויפצועטעמען, מוז עס באפרייט ווע־רען פון אונטערוואורפענקייט דעם פריץ, פון אבערגלויבישער אי־בערגעבענהייט דעם גלח, און פון פוסטע חלומות פון גרויסען אדעל. —

עס איז קיין צייט נישט געווען קיין נייע קולטור־ווערטען צו באשאפען, האט מען פון אייראפעאישען קולטור־אוצר אידעען און אידעאלען געבראכט. ווענינ האט אויפגעזאמעלט דייטשלאנד גע־וועהר קעגען יחוס און אבערגלויבען אין דעם דראנג־פעריאד ? ווע־ניג קלינגענדיגע ווערטער האט באשאפען די פראנצויזישע רעוואָ־לוציע ?

און וועניג פאזיטיוויזם האט געגעבען ענגלאנד ?

שוויענטאכאווסקי פרעדיגט, אבער דאס דארף הערט נישט,

דער פויער לעזט נישט, דער גלח שילט, דער קליינער פריץ זאגט נאך: אמן! —

הערען הערט די שטאדט!

ווער איז די שטאדט?

פריציטלעך, וואס האבען די גיטער פארלוירען, אין שטאדט אריין, פרנסה זוכען געקומען און — אידען מיט א קליינער צאהל אינטעליגענץ... זיי האט שוויענטאכאווסקי גענומען; זיי האבען זיין ׳שטארק ווארט דערהערט און ארום זיין פאהן זייערע קרעפטען געזאמעלט.

און דער יונגער פריץ האט שוויענטאכאווסקי׳ן געהערט און זיך צו דער ארבייט גענומען, צום געווערב, צו מאס און וואג; צו דער ארבייט, וואס ער האט ערשט נישט לאנג פאר א שאנד געהאלטען...

און דער אידישער אינטעליגענט, וואס מענדעלזאן פון בערלין האט פון דער פינסטערער מאסע ארויסגעצויגען און פאר א „מענש" געמאכט, האט פאר שוויענטאכאווסקי׳ס ווארט אפענע אויערען און הארץ געהאט. און אויף׳ן ארט פון פרעמדע, — זיך צו היימישער בילדונג גענומען. מענדעלזאנ׳ען אויף שוויענטאכאווסקי׳ן פארטוישט, ישעיה און ירמיה אויף מיצקעוויטש׳ן, דוד און שלמה אויף קאזשימיערזש און באטארי פארביטען — היימישע פוילישע מלכים! און מאנכע, מיט דער צייט — דאס סידור׳ל — אויף א מאליטעניק...

עס איז צוגעגאנגען לייכט, זעהר לייכט; אומעטום פיהרט די פרעמדע קולטור ביז צו פרעמדער רעליגיאן, דא איז דער וועג גלאטער געווען...

פוילען איז אויך שוין נישט קיין פאלק, וואס שטיצט זיין נאציאנאליטעט אויף באיאנעטען; אויך נישט קיין פאלק, וואס לעבט פון דער פויסט, וואס דריקט אונטער אנדערע פעלקער... דרי טענער האבען נאך אפילו נישט געקרעכצט, טעטאווער קיין מויל נישט געעפענט...

און פוילען איז אויך א פאלק, וואס האפט אויף בעסערע צייטען, וואס ווארט אויף א משיח׳ן, וואס אפעלירט צום אייראפעאישען געוויסען, וואס פארלאנגט גערעכטיגקייט, וואס מאטערט זיך צוואוועהטאגט אונטער א פרעמדען יאך. ווי עהנליך!...

און די שול פון שוויענטאָכאָווסקי'ן איז פול געוואָרען פון אידישע שילער, און דער אָרגאַן די „פּראַוודאַ" — מיט אידישע העלפער און מיטאַרבייטער... דאָס איז געווען די צייט פון גלאַנץ, און איינוועגס, דער העכסטער פונקט פון אסימילאַציע.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

צייטען בייטען זיך.

אז מען האָט, לויט שוויענטאָכאָווסקי'ס רעצעפּט, זיך אָפּגע־זאָגט פון חלומות, פון האָפנונגען אויפ'ן גרויסען אדעל, און שעהנע באַציהונגען אין די גרויסע הויפען; אז מ'האָט אויך פארלוירען דעם גלויבען אין יושר און עהרליכקייט פון איירֺאָפּאַ און איהר פּאָליטיק — אז מען האָט אָוועקגעלעגט די קאָפּ־ און האַרץ־אַרבייט אין דער פרייער לופט און גענומען זיך צו רעעלער, ממשות'דיגער האַנט־אַרבייט, צום אָרגאַניזירען זיך אויפ'ן פעלד פון רעעלע פאָלקס־אינטערעסען, האָט שוויענטאָכאָווסקי און זיין „פּראַוודאַ", שוין פון זיינע שילער געפיהרט, זייער גרויסען גלאַנץ פארלוירען...

די שטאָדט איז אנדערש געוואָרען...

צום געוועזענעם פּריץ, וואָס האָט געזוכט זיין ברויט צווישען די שטעדטישע מויערען, איז צוגעקומען דער פּויער, וועלכען עס האָט, נאָך ירושות און צוטיילען, ערד פארפעהלט. צום געווערב און צו פאַבריק־אַרבייט איז צוגעשטאַנען דער איד; פון שענק, וואָס מען האָט ביי איהם צוגענומען, פון קראָם און געוועלב, וואָס האָ־בען איהם שוין נישט דערנעהרט, און פון דאָרף און פון דער „פּרעמר", פון וואַנען מען האָט איהם געטריבען... אנדערע אינטע־רעסען פארלאַנגען אנדערע ענטפּערען; א נייער קנויל פון נאַציאָ־נאַלע און עקאָנאָמישע אויפגאַבען, — אנדערע פינגער מוזען זיי פאַרנאַנדערקלייבען...

און אנדערע אידעאַלען האָבען פּלוצלונג אויפגעבליהט, און אנדערע ש ט י מ ע ן האָבען זיך דערהערט...

גאַנץ אַנדערע...

נייע צייטען — נייע פייגעל...

טרעטען אבער די אַלטע צייטען נישט לייכט אָפּ — ווערט א רעאַקציע. דער וואַגען ווערט צוריקגעשלעפּט מיט געוואַלט.

די נייע פייגעל מיט די נייע ליעדער זענען זיך צופלויגען...

די נייע מענשען מיט נייער אַרבייט זענען אָפּהענדיג געוואָרען.

שטיל!

און אין דער טויטער שטילקייט דערהערט זיך די ציטעריגע שטימע פון דער געעלטערטער ניאניע פון פוילישען אמאליגען שטאלצען פרייען גדאנק: וואס וועלען מיר טון מיט דער נייער שפראצונג אויף דער פוילישער ערד, — מיט דער אידישער נאציאנאליטעט?

מאכט זי א בייז אויג צו אונז, נאציאנאל־אידען, און ענטפערט: — מיר וועלען אייך ארויסשטופען פון לאנד, ווי די בעהמען שטופען ארויס די דייטשען; באקעמפען, ווי מיר באקעמפען (אין גאליציען) די רוטענער —

און צושמייכעלט זיך צו די אסימילירטע אידען.

— „פאר דאס — זאגט זי זיי צו, — וועלען מיר זיך ענגער פארבינדען מיט אייך, מיט די פאליאקען פון משה'ס גלויבען"... וואס איז ווערט דער „פראוודא'ס" צארן פאר אונז און איהר שמייכעל פאר'ן פוילענטום פון משה'ס גלויבען?

פון דעם אז אנדערש מאל...

3.

די פראגע.

פארוואס איז די „פראוודא" בייז?

ווייל „נישט דאס האט געמיינט וויעלאפאלסקי!"

מיר זענען שטענדיג אפהענגיג פון נישט־אידישען **ווילען**. בפרט פון ווילען פון א שררה „וויעלאפאלסקי", דעם סימבאל פון פוילישען ליבעראליזם. וואס האט אונז צוגענומען אלע פריווילעגיען, וואס מיר האבען זיך אויסגערעדטביים אריינוואנדערען אין לאנד, וואס האט צושטערט אונזער רעכט, וואס מען האט אונז צוגעזאגט, אויף אויטאנאמיע, אויף זעלבסטשטענדיגע קהלות, בתי־דינים, ועדים, ועדי־ארצות, מבטל געווען אונזער שפראך, צוגענומען די רעכטליכע קראפט פון אקטען און קאנטראקטען און אלערליי אפמאכונגען אויף אידיש, און פאר דאס אונז א גרויסע מתנה

עשענקט: א פּאַפּירענע גלייכבאַרעכטיגונג, אויף אויסצוצאָהלען ראַטעס־ווייז מיט א תנאי — מיר זאָלען ווערען דאָס, וואָס מיר זענען נישט, קאָנען נישט און ווילען נישט זיין!

איבער דער פּאַפּירענער בריק האָט אָנגעהויבען אריבערצו־געהן די אידיש־דייטשע אינטעליגענץ על פּי נוסח בערלין, אבי ארויס פון מקום און צושפּרייטען זיך איבער אלע גאַסען, און מיט דער האָפנונג: מיט דער צייט צו געניסען דעם גאַנצען גוי'שען עולם־הבא...

זיי האָבען געזאָלט צופיהרען די רעשט: דעם „פּעבעל“ — די „פינסטערע מאַסע“ און דאַמאַלט —

דער „דאַמאַלט“ איז אָבער נישט געקומען!

דער „פּעבעל“ האָט זיין געזונטען אינסטינקט; די „פינסטע־רע מאַסע“ איהר געפיהל, וואָס לאָזט זיך נישט אזוי לייכט גע־נאַרען.

„נישט פון דיין האָניג, — האָט דער אידישער עולם גע־טראַכט — און נישט פון דיין ביס!“; און נישט געוואָלט ארויס פון שול און חדרים, וואַרטענדיג מיט'ן גאַנצען אָפּטימיזם פון דער אידישער ראַסע אויף בעסערע צייטען, אויף משיח'ס צייטען, ווען דאָס אידישע פאָלק וועט זיך נישט וואַלגערען אונטער פרעמדע, נאַטאַבענע־פאַרמאַכטע פענסטער, און באַגנוגענען זיך מיט'ן אויס־געשטראַלטען ליכט, אייגען ליכט וויל דאָס פאָלק...

וואָס דאָס פאָלק, דאָס אידישע, האָט געטראַכט, האָט דער פּוילישער רעדעל־פיהרער נישט געוואוסט. און דער דאַלמעטשער, דער אידיש־פאַרפּוילישטער אינטעליגענט, האָט געהייסען וואַר־טען; עס וועט קומען, האָט ער פאַרזיכערט, די צייט, זי מוז קו־מען, און מיר וועלען אייך צופיהרען אידען אָהן אידישקייט, אידען אָהן אידישע אינטערעסען; אידען, וואָס וועלען פאַרלייקענען זייערע ברידער פון דער גאַנצער וועלט, אוועקוואַרפען זייער דריי־טויזענט־יעהריגע קולטור אוי קומען צו אייך און בעטען אייך שוץ, „פּראַ־ווען“ און ליכט...

האָט דער פּוילישער ליבעראַליזם געוואַרט, געדולדיג געוואַרט—

פּלוצלונג הויבט אָן די פינסטערע מאַסען צו שימערירען, עס באַווייזען זיך צווישען איהר אייגענע ליכטלעך! פּלוצלונג הויבט אָן דער שטומער פּעבעל צו רעדען — און רעדט נישט פּויליש און

זאָגט נישט דאָס, וואָס דער אידישער אסימילירטער אינטעליגענט האָט אין זיין נאָמען געזאָגט.

פּאַרקערט: די שטומע פינסטערע מאַסע לעבט אויף, באַקומט און זאָגט אַרויס איהר אייגענעם ווילען! די אידישע מינדערהייט וויל זיך דער פּוילישער מעהרהייט נישט אונטערגעבען, זיך צוליעב איהר נישט פּאַרניכטען, לחלוטין נישט!

ווערט מען בייז.

דאָס איז דאָס צאָרניגע פּנים צו אונז געווענדט; מען וויל אָבער דעם „שונא" שפּאַלטען, די „געפאַהר" קלענער מאַכען, — מען מוז די מינדערהייט טיילען; שמייכעלט מען צו דער אסימי־לירטער אינטעליגענץ; וועט מען זיך מיט זיי ענגער פּאַרבינדען...

וואָס איז ווערט דער צאָרן? וואָס איז ווערט דער שמייכעל?

זעהר וועניג. אויב אונזער מזל ווענדט זיך, ליגט אין איין שאָל דער אַלטער פּאָליאַק מיט זיין יחוס, זיינע פּאַראורטיילען, זיין ענגאָאיסטישער פּאָליטיק... און אין דער צווייטער — דער נ י י ע ר פּאָליאַק, וואָס האָט אונז אין די פריע צייטען זעהר פיעל צוגע־זאָגט, און איז נישט מיט'ן אייגענעם ווילען פּאַרשוויגען געוואָרען...

וועט ער האַלטען וואָרט?

ווער ווייסט. אַלע, וואָס געהען קעמפען, זוכען אונזער שותפות. רופען: בראַטשיא! מיר גלויבען, און צאָהלען די בלוּ־טיגסטע קאָסטען פון יעדען באַפרייאונגס־פּראָצעס. און דערנאָך, אַז די געשיכטע גיט אַרויס דעם פּסק, ווערען מיר גאַרנישט אָדער זעהר, זעהר וועניג דערמאָנט צום גוטען...

אָרעמע און שוואַכע פעלקער ציהען מיט די בלויזע הענט קאַשטאַנעס פון פייער אַרויס; קומט צום עסען, איז געגנוג מיילער אָהן זיי...

נאָר אַזוי צי אַזוי, דער מיטעלמענש, דער דור, וואָס שטעהט צווישען אַלטען און נייעם, דער ליבעראַליזם פון שוויענטאָכאָווסקי'ן און זיינע תלמידים אין דער „פּראַוודאַ", — די האָבען וועניג וואָס צו זאָרגען. פון מענשען, וואָס האָבען נאָר קאָנקרעטע פּראַזען, פון מענשען, וואָס בויען נישט און צושטערען נישט, וואָס ווילען און קאָנען נישט ענדערען די באַדינגונגען פון לעבען, און רעכענען צו

היילען די שווערסטע וואונדען מיט אפשפרעכען — הענגען מיר נישט אפ...

און ווען יא, קאנט איהר שוויענטאכאווסקי׳ן צופרידען שטעלען ?

אמת, ער איז א גוטער, שוויענטאכאווסקי. ער האט רחמנות אויף חוה רובין, וואס איז געקומען אין זיין לאנד אריין זוכען ברויט... און לאזט א טרער אויף איהר קבר, ווען איהר קאנקורענט, זיין ברודער, דער בריף־טרעגער, האט זי געטויט...

און פונדעסטוועגען אידען בכלל האט ער נישט ליעב. דער פי־לאזאפישער קאפ פארלאנגט עס, אבער דעם אידישען ריח פארטרא־גען — קאן ער נישט. הלמאי ער קאן נישט פאהרען מיט די פויערען אין איין קופע ! אלץ דער ריח !

אז אנדערער האפט, אז עס וועט קומען די צייט, און דער אידישער קנאבעל וועט פארביטען ווערען אויף א רויז פון די פוי־לישע אינספעקטען — שוויענטאכאווסקי אבער איז א חכם אויך ; געלערענט פיזיק אין לייפציגער אוניווערזיטעט, און ווייסט, אז א געוויסע מאס וואסער קאן צולאזען אין זיך נאר א באשטימטע מאס זאלץ, וואס מעהר — בלייבט זאלץ, און דאס פוילישע פאלק וועט די גאנצע אידישע מאסע נישט פארדייען...

גלויבט איהר איהם, און ווילט איהם צוליעב טון און איהר דערמאנט אייך, איהר האט ערגעץ אמאל א היים געהאט, וואו איהר וואלט געמעגט בלייבען זאלץ און נישט פארזאלצען פרעמדע וואַ־סערען, און איהר ווילט אייך ריהרען פון ארט. שפרינגט שוויענ־טאכאווסקי אויף, די אויגען בליצען :

— ער וועט נישט לאזען באהאנדלען זיין פאטערלאנד אלס א גאסט־הויז צום איבערנעכטיגען. פוילען איז קיין אכסניה נישט !

זאגט איהר :

שוויענטאכאווסקי לעב, אז דו ווילסט, וועל׳מיר בלייבען, אבער וויל מיר זענען אסך זאלץ און דו האסט ווייניג וואסער, וועלען מיר בלייבען זאלץ...

גיט ער א געשריי, ווי א לייב :

— שטשורעס !

ווערען מיר עכברים...

איז נאך ווייניג. קומען זיינע תלמידים און זאגען:

— איהר האט דאס רעכט אויף אייגענארטיג לעבען; אמת, יעדעס פאלק האט עס. אבער מיר, פאליאקען, ווילען אייך מוזען ארויסשטופען פון לאנד, ווי די בעהמען שטופען ארויס די דייטשען, אדער באקעמפען, ווי מיר באקעמפען די רוטענער אין גאליציען...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אז די אלטע ניאניע האט פאר אונז קיין זכרון און קיין יושר נישט, און אפילו קיין ווארט!

אין די פרייע טעג האט מען פארלאנגט דאס רעכט פאר די פוילישע מינאריטעטען אין דער גאנצער אימפעריע אויף אן אייגענארטיג לעבען; אויף אונז אין פוילען איז דער דין נישט חל. „אויסער אידען"...

און דארף מען, ווערען מיר געגליכען צו די דייטשען אין בעהמען; אי וואס, די דייטשען זענען בעהמען באפאלען, בארויבט, באצוואונגען, צושטערט די בעהמישע קולטור, פארניכטעט די בעהמישע שפראך; און מיר זענען געקומען מיט'ן פוילישען ווילען לויט קאנטראקט, ווען מען האט אונז געבעטען... די „פראוודא" וויל נישט האלטען... דער אמת, הייסט עס, איז אן אנדערער; אבער אמת איז אויך אויסער אידען!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ניין, נישט מיט דער „פראוודא" ווילען מיר זיך רעכענען.

מיר זאגען און ווילען אייביג זאגען דער פוילישער געזעלשאפט אפענהערציג און עהרליך:

מיר, די אידישע מינדערהייט, און איהר, די פוילישע מעהרהייט, האבען דיזעלבע לאקאלע, פאליטיש־עקאנאמישע אינטערעסען.

איירע מיטהעלפער ווילען מיר זיין; מעהר, ווי פריינד.

אונז ביידען האט איין מזל צו איין טאטשקע צוגעשמידט, זאלען מיר זי צו־זאמען פיהרען...

„צרות בינדען ענג צוזאמען!“ זאגט ארזשעשקאווא׳ס מענדעל דאנציגער און זאגט אמת...

ווילט איהר אבער אונזער מיטארבייט נישט, איז אייער זאך, איהר וועט אונז ארויסשטופען, מיר וועלען זיך וועהרען. וועהרען מיט דער גאנצער קראפט פון אונזער ראסען־איינגע־שפארטקייט, צו דעם זענען מיר גרייט.

און אויב איהר וועט, נישט דורך אונזער שולד און געגען אונ־זער ווילען, אויפשטעלען אויפ׳ן וועג צווישען אייך און אונז א שלאבאן, איז נאר די פראגע: אויף וועלכער זייט פון שלאבאן וועלען זיך געפינען די פאליאקען פון משה׳ס גלויבען...

מיר האפען: זיי וועלען צוריק קומען. בלוט איז קיין וואסער נישט!

4.

אונזער „אנטראג“.

„בלוט איז קיין וואסער נישט“; אידיש בלוט געוויס נישט!

און איהר טוט אייערס און באמיהט אייך, דאס אידישע בלוט זאל קיין סעקונדע נישט רוהען, זאל באשטענדיג זידען, ווי דעם נביא זכריה׳ס בלוט אין בית המקדש.

אייערע פאליטיקער, די קורצזיכטיגע, פאליטיש לייכטזיניגע מאמענט־מענשעלעך פארשאכערען אונז אין פעטערבורג פאר א שמייכעל פון א שווארץ־מאה׳ניק, פאר א פאלשען צוזאג פון אן אקטיאבריסט — איהר רייסט טאג־טעגליך די פעדים, מיט וועלכע מיר זענען צוזאמענגעבונדען, איהר האלט אין איין בויען די מויער צווישען אייך און אונז, איהר באשאפט אונז בייזווילליג אנדערע לאקאלע, עקאנאמיש־פאליטישע אינטערעסען... אייערע גייסטליכע

הייליגען אלע קאָאָפּעראַטיווען, נישט אלס געוועהנליכע עקאָנאָמי־
שע אנשטאַלטען, נאָר אלס קריגס־פּאָזיציעס קעגען אונז — קעגען
אינערליכע פיינט...

אייערע אונטערטעניגע פון „משה'ס גלויבען" זענען טויב,
אָדער מאכען זיך נישט הערען, זיי זענען בלינד און זעהען נישט,
אָדער מאכען זיך נישט זעהענדיג, ווי איהר טרייבט אונז און באַי־
קאָטירט... מיר אבער הערען און זעהען...

און וואָס טוען אייערע בעסטע, אייערע קלאָרע, ריינע, פרייע
דענקער? זיי עלטערען זיך!

זיי זענען נאָר תלמידים פון אויסלענדישע תורות געווען; אויף
דער עלטער ווערט דער זכרון אָ פּ ג ע ש װ אַ כ ט!

„וואַקסען וואַקסט דאָס געהירען פון אונטען ארויף; צו־
שטערט ווערט עס פון אויבען אראָפּ"; אַ פיזיאָלאָגישער כלל —
חויבט אַן דעם זכרון מטושטש צו ווערען, פאַרגעסט מען פריהער
דאָס שפּעטערע, דערנאָך ערשט, וואָס פריהער און פריהער
אין דער צייט. אַלטע מענשען ווערען קינדיש; ס'דוכט זיך, זיי
מאַכען דעם וועג צוריק... זיי געהען צוריק פון קבר־דאַנד צו דער
וויג.

האָט איהר פריידענקער, וואָס ווערען פון טאָג צו טאָג צוריק־
געצויגען ביז צום מיטעלאַלטער און ווערען מיט זיינע וואָס אמאָל
דיקערע שאָטען ארומגעשטריקט... זיי עלטערען זיך, ווערען גרוי
און גרויער; אבער וואָס ווייסער זיי ווערען פון דרויסען, שוואַר־
צער ווערען זיי אינעווייניג.

אייער שוויענטאָכאָווסקי עלטערט זיך! ער פאַרגעסט! און
פאַרגעסט ער דעם משל מיט'ן זאַלץ־וואַסער, באַשאַפט ער זיך אַן
אנדער משל, אַ משל מיט אַ פויגעל און אַ מאַגען...

„מעגסט זיין, אידעלע, אַ שפּיל־פויגעל, נאָר קום ביסטו אין
מיין מאַגען, מוז איך זיך פאַרדייען!"

דערפיהלט ער אַ ביין, וואָס לאָזט זיך נישט פאַרדייען, שרייט
ער:

— עכבר!

———————————

ער פאַרגעסט!

פאַרגעסט ער זיינע אייגענע דרשות אין די פרייע טעג, אין

דער פיעלהאַרמאָניא, וועגען דעם רעכט פון דער אידישער מינאָ־ריטעט, פארגעסט ער דעם פּאָזיטיוויזם פון ענגלאנד, די קנאָקעדיגע פראַזען פון דער דייטשער דראַנג־פּעריאָדע, אפילו די לייפּציגער קורסען! ס'פאלט פון איהם אראָפּ א הויט נאָך א הויט, ביז עס בלייבט אַן אלט, קליין שליאַכטשיטשעל, וואָס האָט דאָס בייטשעל פאַרלוירען, נאָר א מויל האָט עס נאָך, שרייט עס:

— עכבר!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אמת, געמיינט האָט ער נאָר ליטוואַקעס. אבער „כל ישראל חברים" איז נישט קיין ווארט אין סדור. עס איז פארבאַקען אין אידישען הארץ, עס שטעקט אינ'ם אידישען בלוט... טיילט אונז נישט!

גענוג, אַז די גרענעצען פון אייערע רויב־רעווירען שניידען דורך אונזער לייב; גענוג, אַז דער עולם־הזה מיט זיינע ברויט־פראַגען שפּאַלט אונז אויף קלאַסען און פּאַרטייען, — ריהרט אייך מיט אייערע הענט נישט צו. איהר, וואָס דאַרפט וויסען, וואָס עס הייסט צושניטען און צוברעקעלט צו ווערען, איהר, וואָס וויסט, אַז ווען מען שניידט א לעבעדיג פאַלק, רינט הארציג בלוט!

און פון אייביג אָן טיילט איהר אונז:

— — — — — — — — — — — — — — — — —

צו אַלעם ערשטען האָט איהר אונז געטיילט אויף זכרים און נקבות! עס איז א שאנד, מען מוז עס אבער מודה זיין, אַז נאָך היינט, אין די פרומע הייזער, ביי די אייניקלעך פון די פּאַכטאָ־רעס, פאַקטוירים און וויינהענדלער, ווערען די קינדער ערצויגען צום געפעלען; איינגלעך — זיין ליעבען נאמען, און מיידלעך — דעם פּריץ!

„כל הבת תחיון!" פּרעה'ס אַלטע פּאָליטיק!... און פון די זכרים ווייטער, פלעגט זיך יעדעס פּריצ'ל אויסקלייבען פאר זיך א הויז־ און לייב־מענש א אידעלע, — א מאַשעקל — — —

— אַלע אידען — גנבים. זיין איין־איינציגער מאַשעק איז די עהרליכקייט אליין. געטריי, ווי א הונט! ער דערלאַנגט איהם אמאָל מיט'ן אראַפּניק, „בלוט איז דאָך קיין וואסער נישט" און אַז עס שטייגט אין פּנים, דערלאַנגט מען; דערויף איז מען א פּריצ'ל! דערנאָך, און דערהויפּט אין עסטרייכישען גאַליציען, וואו איי־

ערע הענט זענען פרייער, טיילט איהר זיך אוים פון גאנצען כלל ישראל, וואס איהר האט אריינגעווארפען אין תהום פון ארעמ־קייט, פון שרעקליכער נויט, — ערשטענס, קינדער פון די וויגען, צום אפ׳שמד׳ען... אידישע טעכטער, וואס מען האט ערצויגען אייך צו געפעלען — צום זעלבען צוועק; דער נדן וועט נאכקומען! און אלטע לייט, שכיב־מרע׳ם אונטער כלאראפארם, וואס איהר זענט מכנים, פאר גרוים רחמנות אונטער די פליגעל פון אייער שכינה, צוזאמען מיט׳ן פארמעגען...

און דא — דאס אידישע „גרוים־קאפיטאל“ — די רעהרלער, דורך וועלכע עס פליסט ארוים דאס אידישע געלט אין די טאשען פון דער באנקראטירטער שליאכטע אריין! און אייער ליכטיגסטער שוויענטאכאווסקי נעמט אלע צו, און טיילט נאר אוים — די ליט־וואקעס!

די גרים: די פוילישע אידען, וואס זענען צוריק־געקומען, פון אלע זייטען געטריבען, געיאגט און געפלאגט, און זע־נען אויפ׳ם ניי אין דער אלטער היים גרים געווארען!

„ואהבת את הגר!“

דאס איז דאס אלטע טעסטאמענט! דאס בינדט אייך נישט!

— —

און טיילט איהר אונז, טיילען מיר אייך.

און מיר טיילען אייך אויף אלט, צום פוילען, צום פאר־טיליגט ווערען, אהן אונזער שאדען און אהן שאדען פון פוילישען פאלק, און יונג — צום לעבען און צום פרייען שאפען... צוזא־מען מיט אונז!

און געהן האנט אין האנט מיט אייער יונגווארג וועלען מיר אזוי לאנג, ווי לאנג זיי וועלען יונג זיין, — ביז זיי וועלען נישט אלט ווערען!

אונזער אנטראג צו דער וועלט־געשיכטע איז דער אינגסטער, דער לעצטער — מיר וועלען שטענדיג געהן מיט די אינגסטע. —

מיר האבען די ערשטע געפעדינגט גערעכטיגקייט, באקומען וועלען מיר זי די לעצטע!

אויסגעלייזט וועלען מיר ווערען צו אלער לעצט!

דאס ווייסען מיר. —

5.

שאלות-תשובות.

ארום מיר, הער איך, מורמעלט מען:

— פארשארף נישט די באציהונגען!

— האק אפ די שארפע שפיצען פון דיינע רייד, זיי פאר־ וואונדען די פרעמדע אויערען.

און געבעטען הער איך:

— זאל זיין שטיל!

ווער מורמעלט? ווער בעט?

די „אידישקייט“ פון פריהערדיגען דור. די „אידישקייט“ מיט די אויסגעלאשענע אויגען, אהן א פונק פון אידישען שטאלץ, פון אידישער זעלבסט־שעצונג...

אש און שטויב האט מען פון אונז געמאכט, קוים פון אונז האבען שוין אונזערע אייגענע הענט געמאכט!

— מיר ווילען נישט בעסער זיין פאר אלע!

— אוים „אתה בחרתנו!“

— ככל הגוים!

דאס זענען אונזערע יוגענד־געשרייען; פון דער יוגענד, וואס איז פון דער פרעמד געקומען און תיכף געזעצט זיך פאר אונז פראגראמען צו מאכען!

— כי־כי־כי! — לאכט א אידישער שרייבער: די יאפאנער ווע‌לען אננעמען די אידישע רעליגיע, עסען קוגעל!

— וואויל, — ריהמט א אידישער רעדאקטאר — א כרעס־ טאמאטיע פאר אידען — וואויל, קיין ווארט פון משיח־אידעען... אט די שפל'דיגע „אידישקייט“ ציטערט!

די „אידישקייט“ מיט די איינגעפאלענע באקען, וואס מען האלט אין איין קנייפען, די פארב זאל שטעהן. זאל מען אויסזעהן חדוה'דיג, זאל מען זעהן, ווי גוט מיר לעבען, ווי מענשליך מיר ווערען באהאנדעלט!

די „אידישקייט“ מיט'ן איינגעשרומפענעם הארץ, וואו אונ־ טער'ן אש פון פארברענטע האפנונגען אויף ליבעראליזם, אויף

פּרעמדע משיח'ן, איז שוין נישטאָ קיין אידישער פונק, קיין ציי־כען פון „פינטעלע איד", נאָר אַ שטיק שרעק, אַ שטיק טויב־שטו־מער פּחד — —

אַם, די „אידישקייט" וויל, עס זאָל זיין שטיל!

„וועקט נישט! דערמאָנט נישט דעם שאָטען"! אפילו דער אסימילירטער איד, דער, וואָס האָט זיך שוין באַפרייט פון אַלץ, פון קוגעל און שבת, ביז „יזכור" און יום־כפּור, פון „דריידעל" ביז מצות אויף פּסח; דער אפילו, וואָס קריסטעלט שוין מיט יאַלקעס — דער קאָן זיך אויך פון דער איינגעוואָרצעלטער אַלט־פּוילען־שרעק נישט באַפרייען.

און געמורמעלט ווערט, און געבעטען — שווייג, האָב רחמנות, שווייג!

מיר האָבען רחמנות, ווירקליך רחמנות — אויף אַ י י ד! אויף אַ י י ד, וואָס פאַרגעהט אין שרעק, וואָס ווילט, מען זאָל אייך ווערגען נאַכט אויף נאַכט אין דער שטילער פינסטערקייט, איידער צו קעמפען אין שעהנעם העלען טאָג, קענען דער פרייער זון און — זינגען!

מיר מוזען זינגען!

ווייל מיט אונז איז אַלץ, וואָס איז יונג און בליהט; קענען אונז אַלץ, וואָס איז אַלט, פויל און פיהלט זיך מיט קברים־ערד!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

וואָס איז אַלט? וואָס איז יונג?

אַלט איז דאָס, וואָס פאַרכט זיך פאַר דער פרייער אַרבייט, און מאַכט זיין פאַטערלאַנד, זיך אַליין פאַר אַ פעסטונג פאַר אַנ־דערע — פאַר תפיסה מיט צוכט־אַרבייט!

אַלט איז דאָס, וואָס קאָן נישט און וויל נישט קאָנקורירע מיט אַרבייט ביים פאַרמעהרען דאָס פאַרמעגען פון לאַנד און פאָלק, און וויל בעסער לעבען פון מאָנאָפּאָלען, פּריווילעגיען און — פון דער פויסט.

דער אַלטער און פוילער, וואָס אַרבייט נישט, מוז הערשען, מוז באַצווינגען, מוז רייטען אויף עמיצענס רוקען; און די תאוה דערצו ווערט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, וואָס מעהר ער ווערט באַריטען און באַצוואונגען פון אַנדערע.

יונג איז — — —

נאר דער יונגער וועט אליין רעדען פאר זיך; מיר וועלען הערען.

אונז איז איצט נעהנטער די פראגע:

— ווער איז דער „ליטוואק"?

ווער איז דער ליטוואק, אויף וועלכען עס האט זיך, און אזוי מיט אמאל, אויסגעגאסען דער שווארץ־דרוייכיגער גרימ־צארן פון אלט־פוילען, און פון אונזערע לייט — אלט־פוילענס משרתים?

ווער איז דאס „ליטוואקעל", וואס מען האלט אין איין שמי־רען פון אינעווייניג און אויסענווייניג מיט פעך, און מען פיהרט צום שייטער־הויפען צום פארברענען „למען ישמעו וויראו" — עס זאל זיך מעהר נישט גלוסטען!

דאס ליטוואקעל איז, ערשטענס, ווי געזאגט, א „גר" און ווי געזאגט, „ואהבת את הגר" — א פסוק נאר אין אלטען טעסטא־מענט...

אמת, אין נייעם טעסטאמענט געפינען זיך אויך „דערלאנגט מען דיר אין באק, שטעל אויף די צווייטע" —

נאר אויף וואס איז פאראן „פאליטיק"? און דער פאליטישער שאכער־מאכער פארטייטשט: הני מילי, ווען איז דאס געזאגט גע־ווארען, אז יענער איז שטארקער; ביסט דו אבער שטארקער, דער־לאנג ד ו פ ר י ה ע ר, זאל יענער זיין מחויב אויפצושטעלען די צווייטע באק!

און וועמען איז נאך אזוי לייכט צו פאטשען, ווי א „גר"?

בפרט אז דאס ליטוואקעל איז באמת שולדיג, באמת זינדיג.

מיט טויזענט וואסערען וועט איהר נישט אפוואשען די פלע־קען פון זיין נשמה. מיט'ן כלי־כתיבה פון אקדמות נישט אויפ־שרייבען זיין גאנצען על־חטא! געקומען פון אלדי־שווארצע יאהר: פון מאסקווע, פסקאוו, סיביר; אזוי לאנג געפאהרען מיט דער באהן, אויף דער באנק, צי אונטער דער באנק, און אויפ'ן וועג נישט אויסגעלערענט זיך פויליש, און קומט אריין: „זדראסטיע"!

און דא זייענדיג, און קיין פויליש נאך נישט קענענדיג, ווייל ער נישט רעדען מיט די פינגער אויף שטום־לשון. און איידער ער ציהט זיך איבער פון גענשא אויף נאלעווקעס, פון דארט אויף לעש־נא, אויף קאטצעבו, פון קאטצעבו אין די אלעען אריין — רעדט ער אליץ אין איינעם, ווי ער האט ד א ר ט גערעדט, דארט, פון

וואנען ער איז געקומען. און וואו ער האט מקיים געווען אלע דינים פון אסימילאציע...

איז נאר ווייניג, טרעפט זיך אזא מעשה:

א „ליטוואקעל" קומט, וויל אויסטון יענע הויט, וואס ער האט דארט געטראגען, און אנטון די הויט, וואס ער דארף דא טראגען, און ביני לביני, צווישען איין הויט און דער צווייטער דערפיהלט ער זיך פריי. גיט ער פלוצלונג א קלער: אפשר גאר אהן א פרעמדער הויט? און פרואווט און גיט א רעד א אידיש ווארט, און דערפיהלט אין זיך א קלאפ פון א אידישען הארץ...

און — „א גאסט אויף א ווייל, זעהט אויף א מייל"; ווער עס קומט פלוצלונג אריין בשעת א פארבלענדעניש, א טאשענשפיל, זעהט בחוש, אז עס איז א פארבלענדעניש, א טאשען־שפיל, און נישט קיין האר מעהר. און ער איז ווייניג פאליטיש־קלוג, מאלט די צונג אמת און אמת:

זאגט ער אייך, אייך אלט־פוילען:

— איהר האט נאר ליבעראלע פראזען געהאט. זיי האבען אייך גארנישט געקאסט. איהר האט זוכה געווען, און אייער מלאכה איז געטאן געווארען דורך פרעמדע הענט!

— וואו זענען אידישע דאקטוירים אין פאגאטאוויע? וויפיעל ארבייטען אין די אלגעמיינע שפיטאלען? וויפיעל אידישע אנגעשטעלטע האט איהר אין בשותפות'דיגע קרעדיט־אנשטאלטען? האט איהר כאטש איין איד א קאנטראלער פון טראמוויי אדער פיהרער פון וואגען?

— און באריהמט אייך נישט, אלט־פוילען, מיט דעם, וואס איהר מאכט קיין פאגראמען נישט...

אין אייער מענאזשעריע פעהלען קיין חיות נישט, נאר דער שליסעל, די שטייגען צו עפענען איז נישט אין אייער האנט...

און צו אונז מאכט ער:

— עס איז א פארבלענדעניש!

עס איז נאר א שווארצע קונץ!

איהר מיינט, איהר האט נייע מענשען, באנקירען, אדוואקאטען, דאקטוירים — אלדאס גוטס!

קוקט אייך בעסער צו; דאס זענען מאסקען! דאס זענען די אלטע אידעלעך־משרתים, אידעלעך מאשיקלעך, אידעלעך לעק־

הינט ביים פריצ'ס שטיוועל... נאר פ א ר ש ט ע ל ט ע, מיט „פשעפראשאם!"

און נאך און נאך...

און גלאט א איד איז ער דאך, דאס „ליטוואקעל!" און א איד, נישט פאר אייך געדאכט, וואס שמעקט מיט „עברי"... א איד אפשר, וואס האט, אויך נישט פאר אייך געדאכט, זיך מקריב געווען פאר זיין אידישקייט: די פרנסה פארלוירען, נע־ונד געווארען...

און מיר, היימישע, האלטען מיט ביי דער העצע...

— ער, דאס „ליטוואקעל", פיהרט אפ דעם פוילישען דונער פון אונזערע קעפ!

אבער גענוג — — —

וואס טראכט איהר וועגען קאטאוויץ?

6.

ל י ב ע ר א ל.

„אשר קרך בדרך".

אויפ'ן וועג קיין קאטאוויץ האט מיך אפגעשטעלט דער פאן סטארטשעווסקי — א פוילישער שריפטשטעלער, וואס האט ארויס־געגעבען א בוך וועגען פוילישע אנגעלעגענהייטען...

איך מוז קאטאוויץ דערווייל אפלעגען. —

פאן סטארטשעווסקי באהאנדעלט די אידישע פראגע, אויף א נייעם אופן, לויט א נייער סיסטעם — מיר מוזען הערען! בפרט, אז די נייע סיסטעם פון ה' סטארטשעווסקי ווערט ציטירט אין „קוריער פאראנני" מיט גרויס צופרידענהייט, און מיר רעכענען, אז עפעס רעכטערס פון איהם קאן אויך אונטערשרייבען דאס פראג־ראם מיטביידע הענט.

צום פארענטפערען די אידישע פראגע, זאגט פאן סטאר־טשעווסקי, איז מען ביז אהער געגאנגען אויף צוויי וועגען. איין וועג האט אויסגעטראטען די אסימילאציע, דעם צווייטען — דער אנטיסעמיטיזם.

ביידע וועגען, זאָגט פּאַן סטאַרטשעווסקי, זענען פאַלש...

דאָס אידישע פאָלק לאָזט זיך נישט אסימילירען, דאָס איז א פאַקט! דאָס אידישע פאָלק איז א פאַקט נישט צום פארלייקענען!

די אנטיסעמיטישע סיסטעם איז אָבער דאָגעגען זעהר נישט באַקוועם. ארויסטרעטען געגען א נאַציאָנאַליטעט מיט דער פויסט; זאָגען די מאַכט איז פאַר'ן רעכט קען נאָר א ביסמאַרק — א פאַרשטעהער פון א שטאַרקען פאָלק, וואָס וויל און רייסט שטענדיג דעם ביסען פון דער פרעמדער קעהל ארויס, ווי־סענדיג, אז ער דאַרף קיינמאָל נישט רעדען פון יושר, מענשליכקייט און ליבעראַליזם... ער האָט הענט, נעמט ער!

אַנדערש איז אָבער מיט א שוואַכען, ווען ער טרעט ארויס קעגען א נאָך א שוואַכערען... דאָ ווערט די לאַגע עטוואָס קאָמיש...

מען וויל אונטערדריקען די אידישע מינדערהייט אין פּוילען, בשעת מען פאַרלאַנגט פאַר פּוילישע מינדערהייטען אין גערמאַניע, ווי אין דער רוסישער אימפעריע... איז עס נישט עהנליך צו דער לאָגיק פון ווילדען מענש, וואָס גלויבט, אז ווען ער גנב'עט יענעמס ווייב, איז גוט, און אז יענער גנב'עט זיין ווייב, איז שלעכט?...

טענ'ען, אז אידען זענען מינדערווערטיג, אז זיי זענען א ני־דעריגערע ראַסע, איז געפעהרליך, ווייל די זעלבע טענות האָט דער דייטש קעגען פּויזנער פּאָליאַק...

על־כן:

„מוזען מיר, זאָגט סטאַרטשעווסקי, געבען די אידען דאָס רעכט, זיך צו באַטראַכטען אלס א באַזונדער פאָלק, וואָס איז מיט אונז נישט סאָלידאַר, גאַנץ אָפט קעגען אונז פיינדליך"...

ווי איהר זעהט, גיט אונז דער פּאַן סטאַרטשעווסקי מעהר רעכט, אלס מיר פאַרלאַנגען... מיר האָבען קיינמאָל נישט פאַרלאַנגט קיין רעכט אויף פיינדליכקייט קעגען פּאָליאַקען, מיר האָבען קיינ־מאָל נישט באַשאַפען קיין לאַגע, צוליעב וועלכער עס זאָל מוזען פּלאַצען די סאָלידאַריטעט צווישען אונז און דער פּוילישער מעהר־הייט.

דאָס איז אַן איינפאַכער שקר.

אָבער נישט וועגען אָפענעם שקר געהט עס.

עס געהט וועגען א חכמה!...

פּאַן סטאַרטשעווסקי האָט געפונען א מיטעל צו זיין קעגען

אונז אי עהרליך, אי מענשליך — די קאדעטען זאלען נישט קיין טענות נישט האבען! — און דאך זאלען די אידעלער באקומען א—פייג!

די שטעדטישע זעלבסט־פארוואלטונג איז א פיינער לעקעד... אין מאנכע שטעדט זענען אידען די מעהרהייט, וועלען זיי וועלען ארייננבייסען... טרייבען פון טיש איז נישט מ ע נ ש ל י ך... על כן? מוז מען אזוי מאכען, אז צום טיש זאל מען צולאזען, נאר קיין ביסען זאל צום אידישען מויל נישט צוקומען...

און עס איז אזוי איינפאך:

מען דארף נאר צורעכענען צו יעדער שטאדט די געגענד ארום. וועלען די אידעלעך אין ערגעץ קיין מעהרהייט נישט האבען!

ווי די שעפסען וועלען זיי ליגען געבונדען!

די געגענד ארום איז אויך פאראינטערעסירט, די שטעדט זא־לען אנטוויקלען זיך און בליהען, זאלען זיי א דעה האבען, זאלען זיי וועהלען!

קיין אמעריקא האט דער פאן סטארטשעווסקי נישט אנט־דעקט; קיין פולווער נישט געפונען. מיט אויסשניידען די וואהל־קרייזען אין לאנד ווערט איבעראל געשווינדעלט. דערמיט פאר־קלענערט דייטשלאנד די שטימען פון דער סאציאל דעמאקראטיע. באשאפט עסטרייך א קינסטליכע דייטשע אויבערהאנט, און מען אונטערדריקט אין גאליציען אזוי אונז, אזוי די רוטענער...

דאס נייע באשטעהט נאר דערינען, וואס דער דארפסמאן, נישט צאהלענדיג קיין שטייער דער שטאדט, וועט דאך האבען דאס רעכט ארויפצולעגען שטייער...

אהן בושה, אבער ליבעראל.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

איז אבער אונזער פאלק צו אלט, עס זאל זיך לאזען כאפען, ווי א נארישער פויגעל אין דער ליבעראלער נעץ אריין.

און נאך אמאל מוזען מיר ערקלערען דער פוילישער געזעל־שאפט: דער יונג־פוילישער געזעלשאפט, וואס איז נישט קראנק אויף הערשזוכט, וואס וויל נישט לעבען אויף דער פויסט, נישט גע־ניסען פון מאנאפאלען און פריווילעגיען:

— עס איז דא — זאגען מיר איהר — אין לאנד פרייער פלאץ

פאַר אייך און פאַר אונז און געגוג אַרבייט פאַר אייערע און אונ־זערע הענט.

און אַרבייטען ווילען מיר מיט אייך האַנט אין האַנט; און ס אָ ל י ד אַ ר אין אַלע לאָקאַלע, עקאָנאָמיש־פּאָליטישע אינטע־רעסען — —

אָבער מיר ווילען אַרבייטען פריי, אויף אונזער אייגענעם חשבון, און ווילען דורכאויס געניסען די גאַנצע פרוכט פון אונזער אַרבייט — —

מיר וועלען זיך קיינמאָל פיינדליך, ווי פאַן סטאַרטשעווסקי מיינט, נישט טרעפען, אויב איהר וועט אונז נישט שמעלען, און קיינמאָל, נישט־פּראָוואָצירט, ביי פרעמדע קעגען אייך קיין הילף נישט זוכען...

7.

„ע מ אַ פ ז י ז אַ...“

פרייע און שטאַרקע (אַזוי נאַציאָנען, ווי איינצעלנע מענשען!) מ ו ע ז ז י י ע ר ו ו י ל ע ן.

ווערט ענג אין דעם, וואָס עס עקזיסטירט, באַקומט מען פאַר־שטעלונגען פון בעסערע פאָרמען; באַקומט מען נייע געדאַנקען, אי־דעען, אָדער (אויף אַ ווייטערער מעטע—) אידעאַלען — שטעלט מען זיך צו דער אַרבייט, די געדאַנקען, ווי דער העברעער זאָגט, מוציא זיין מן הכח אל הפועל, — שטעלט מען זיך ב ו י ע ן.

ווערען געדאַנקען און אידעען פאַרקערפּערט אין מאַטעריעלע, שווערע קולטור־ווערטען. בויט מען שטעדט, בריקען, באַנען, שיפען, בערזען, קאַשאַרען, טעאַטער־ און קונסט־געביידען...

שטערט אַ שכן, ווערט געבויט מיט מסירת נפש, מיט דער קעלניע אין איין האַנט און מיט'ן שווערד אין דער צווייטער — ווערען שוין ט ע מ פּ ל ע ן געבויט, מיט'ן פאַרגאָסענעם בלוט געהייליגטע...

דאָס ג ע ש ע ה ע נ ע, דאָס פאַרקערפּערטע, דאָס באַציי־

כענט דעם כאראקטער און דעם ווילען פון פאלק, — דאס איז די קריסטאליזירטע פארם פון זיין דענקען און טראכטען...

ניעשט אייביג אבער רוהט אינ'ם געבויטען טעמפעל, ר ו ה ט די שכינה פון פאלק. עס ווערט איהר מיט דער צייט ענג, אידעען אנטוויקלען און ענדערען זיך. מען מוז פאריכטען, אדער אויפס־נ י י און א נ ד ע ר ש בויען; נייע אינסטיטוטען מוזען באשאפען ווערען. געהט עס נישט אזוי לייכט.

די א ל ט ע שטעהען אויפ'ן וועג, די מאטעריעל־שווער און פעסט־געווארענע געדאנקען שטערען. די שכינה פארלאנגט א נייעם טעמפעל, און דער אלטער שטעהט אויפ'ן וועג, וועהרט זיך מיט דער גאנצער פעסטקייט און פוילקייט פון זיין שטיינערנער מאסע... מוז מען צולעגען הענט, שטרייטען און פריהער צושטערען.

מען מוז איינווארפען, מען מוז רייסען א שטיין נאך א שטיין, א ציגעל נאך א ציגעל, ביז דער פלאץ וועט באפרייט ווערען פאר'ן נייעם טעמפעל...

און דער פארלאנג פון דער שכינה אנטפלעקט זיך נישט דעם גאנצען פאלק מיט אמאל. דער רוח־הקודש קומט פריהער צו יחידי־סגולה! — און די פוילע, די קנעכט פון אלטען, פון דער געוועהנהייט, שיצען די טעמפלען, פון וועלכע די שכינה האט זיך שוין אפגעטאן קעגען די יחידי־סגולה. און די נ י י ע, די יונגע, די אויסדערוועהלטע מוזען באלעגערען, מיט מסירת נפש קעמפען, רייסען ציגעל נאך ציגעל, שטיינער נאך שטיינער, און דערנאך ערשט צוטרעטען צום נייעם בוי.

דאס פארלאנגט צייט, דאס קאסט לעבען! דערביי פארגעהען דורות... מיר האלטען ערשט ביים אויסקעמפען זיך דאס רעכט אויף ארבייט, מיר זענען נאך ווייט פון בויען. מיר האבען נאך נישט קיין פרייע הענט, קיין אייגען מאטעריאל און קיין פרייען פלאץ, וואו צו פארקערפערען אונזערע אידעען.

פליהען ביי אונז ארום הויכע, געפליגעלטע, נאר נאקעטע, אפט אין פארשווארצטע פאפיר, קוים פארקליידעטע, געדאנקען; נישט געמויערטע, נישט געבויטע, נישט איינגעווארצעלטע אין דער ערד.

ברענען זיי די אידעען דורך אין געהירען און ווערען פארלאשען, און נייע בליצען אויף און לעשען זיך... און זיי טוישען זיך.

ווי בילדער אין קאַליידאָסקאָפּ, קומען זיי און פאַרשווינדען, ווי די שאָטען; בייטען זיך, ווי היץ און קעלט ביים פיבער, ווי גלוסטונגען ביי פרויען אין די חדשים...

ביי פרייע און שטאַרקע פעלקער אנטוויקלען זיך, ביי דער אַרבייט, ווילען און כאַראַקטער... ביים דורכבר‏עכען פון געדאַנקען, ווי נאַפּט־באַגאַסענע שטרויעלעך אין געהירען, מעהרען זיך און פּרוכּערען נאַר שטימונגען, מאָמענט־אידעאַלען און פאַרשווינדען באַלד.

דאָס איז דער סוד פון עמא פּזיזא, פון דאַפּעלדיגען עמא פּזיזא; דאָס איז אונזער אומפּרוכטבאַרער אַנאַרכיזם, אונזער געלויף, נעיעג און לופט־כאַפּעניש.

און, ווי דאָס פאָלק, אַזוי זיינע פיהרער, אַזוי זיין פּרעסע...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אין דער צייט פון די וואַהלען צו דער וואַרשעווער „גמינע“, האָט די פּרעסע געשטיצט דעם נאַציאָנאַלען (לעז: ציוניסטישען) וואַהל־קאָמיטעט. און לויט זיין דירעקטיווע, געלעבצט צו שולען און מקואות, פאַרלאַנגט דורכאויס אַ מרא דאתרא — אַ גייסטליכע שטאַרקע אויבער־האַנט. איין געוואַלד־געשריי: מען דאַרף אַ רב! און איין טענה: מיר מוזען די קאָנסערוואַטיווע אידישקייט באַפרייען פון אסימילאַטאָרישען יאָך. „דאָס קאָנסערוואַטיווע איז דאָך דאָס עצם אידישקייט, דער חוט השדרה“...

און פּלוצלונג, נאָך די נישט־געראָטענע וואַהלען, אַז די קאָנסערוואַטיווע פּאַרטיי האָט זיך מיישב געווען און דעם ווילען באַקומען, זיך אַליין מיט אייגענע הענט צו באַפרייען, אַ פּאַרטיי ווערען, און אַ וועלט־פּאַרטיי, האָט זיך די שטימונג אינגאַנצען געענדערט.

א שרעק איז דורך דער מחנה:

— שוואַרצע קראָהען, ראַבען פליהען!

און אַ פּאַפּירענע פּויסט איז געמאַכט געוואָרען:

— מיר קענען אייך!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

און ווי לייכט עס ווערט גע׳משפט! גרייטע שלאַנג־ווערטער, סענטענצען, שאבלאָנען, פון פרעמדען אוצר ארוים!

איך מוז מיך אליין ציטירען:*)

די (אזוי גערופענע) פינסטערע מאסע איז (צום אסימילאַ־טאָרישען שרעק) געוואָרען א טרייבהויז פון אייגענער אינטעליגענץ, וואָס איז א פלייש פון איהר פלייש, ביין פון איהר ביין. און דער דורך ארץ פאר׳ן פרעמדען, פון דרויסענדיגען אינטעליגענט, ווערט לעבערליכער פון טאָג צו טאָג.

דאָס איז אמת.

אמת איז אָבער אויך, אז די היימישע אינטעליגענץ שפראָצט ערשט, און שפּראָצען שפּראָצט זי אומבאהאלפען, פאמעלעך, אהן ליכט און טוי, אהן הילף פון געשיקטע גערטנער, צווישען אַלערליי דערנער...

מיר האָבען קיין שולען נישט, מיר האָבען קיין ווימענשאפט־ליכע ליטעראטור נישט. מיר האָבען קיין ממשות׳דיגע מיטעל דעם וואוקס אונטערצוטרייבען...

באווייזט זיך דאָ און דאָרט און בליצט אויף צווישען די גע־דיכטע אווענט־שאָטען א גליה־ווערעמעל, און נאָך איינס, און נאָך איינס.

און שוואך זענען זיי און צוואָרפען, און דעם פלאץ פון אסי־מילירטען אינטעליגענט האט דערווייל פארנומען דער בעל „תשובה“. דער צוריקגעשטויסענער און ווען אויך דער גערנוויליג צוריקגעקו־מענער, מיט וועלכען איך מוז אזוי אָפט קעמפען, ווי מען מוז קעמפען מיט יעדען סוראגאט, מיט יעדעם נאָכמאכען און אומפּרוכט־באר קאָפּירען. און דאָך פיהרט דער אינטעליגענט דערווייל דאָס רעדעל און דאָס גרויסע וואָרט. און דער קוקט אויף אונז מיט פרעמדע אויגען, דורך פרעמדע ברילען פון דער הויך פון דער אייראָפּעאישער קולטור אראָפּ, און זעהט, נאטירליך, אסך ווע־ניגער, אלס דער „מיט אָפענע אויגען פאַלענדיגער“ פרעמדער נביא. וואָס האט געקוקט אויף די געצעלטען יעקב׳ס פון „במתי מואב“ אראָפּ.

---

*) מיין ווינקעל נומער 1.

יענער האט: „מה טובו“ געזאגט, דעם „עם לבדד ישכון“ גע־בענשט, פאר׳ן „בגויים לא יתחשב“ דרך ארץ און עהרפורכט גע־האט, ווי פאר אן א י ב ע ר פ א ל ק, פאר א פאלק, וואס איז די נארמע איבערגעוואקסען, פון דורכשניטליכען ווייטער אוועק —

דער משכיל פון דער צווייטער סעריע אבער קוקט און פאר־קרימט זיך:

— נישט נארמאל!

נישט אזוי קאכט מען נאציאנאלע לאקשען לויט אמא בויער׳ס רעצעפט! דערלאנגט א טאפ — א פאטערלאנד, גיסט אן זורענדיג וואסער פון עקאנאמישע אינטערעסען, זאלצט מיט שפראך, פעפערט מיט פאליציי... א. אז. וו.

און הערט ער וועגען א צוזאמענפאהר פון קאנסערוואטיסטען, דערמאנט ער זיך: אהא, קלעריקאלען, יעזואיטען... מאכט ער א פאפירענע פויסט:

— מיר קענען אייך!

— קראהען! ראבען שווארצע!

אבער געגוג שאבלאנען.

דאס אייגענארטיגע לעבען איז א סומע פון אייגענארטיגע ער־שיינונגען, די מוזען אויסגעפארשט ווערען...

און דערפון — ווייטער —

מיין ענטפער.

צייטען בייטען זיך.

פאר א יאהר צוויי בין איך געווען אין „קוריער ווארשוואסקי“ א „גרויסער אידישער שרייבער“.

דאס מאל שרייבט ער אין נומער זעקס הונדערט און עלף פון שבת:

„אין „הייגט“ האט אנגעהויבען שרייבען עפעס א פרץ...“

און באלד דערצו א קליין נאריש מסירה'לע:

„אן אנגעשטעלטער פון דער ווארשעווער גמינא..."

— און (האב איך מיך צו אלט־פוילען געווענדעט) שאצט אונז נישט אריין אין יחוס, וואס איהר מאכט קיין פאגראמען נישט! „אין אייער מענאזשעריע פעהלען קיין חיות נישט, נאר די שליסעל צו עפענען די שטייגען זענען נישט אין אייער האנט!"

די ווערטער האבען דעם „קוריער ווארשאווסקי" געטראפען!

ער האט עם אונז אזויערנאר גענעבען אן אנצוהערעניש אויף דער מעגליכקייט פון פאגראמען, אויב מיר וועלען נישט גוט און פרום זיין...

און ער געהט, דער יעזואיטישער „קוריער ווארשאווסקי", און בייסט אוים מיט גיפטיגע ציין דעם משל מיט דער מענאזשעריע אליין, אהן דעם אנהויב, אהן דער ווענדונג צום פוילישען שימעל, און פארשפרייט בייזוויליג די מענאזשעריע איבער גאנץ פוילען.

איך זאג נאך אמאל: חיות אין מענאזשעריע פעהלען נישט... די פינסטערע כוחות פארמאגט יעדעם פאלק...

און דאס, וואס אין די „פרייע" טעג, זענען דא קיין פאגראמען נישט געווען, האבען מיר נישט אייך, נאר יונג־פוילען, וואס האט דאמאלט דאס ווילדע אין צוים געהאלטען, צו פארדאנקען...

ווענינסטענס, נישט ניעמאיעווסקי'ן, וואס שרעקט אונז מיט די פויערען פון דארף... „איך גיב א פייף און זיי קומען אויף אייך..."

און יעצט, אז יונג פוילען שווייגט? איז עס א י י ע ר ווילען?

און וועמעס זענען געווען די פלאקאטען, וואס האבען גערופען צו פאגראמען, בשעת די וואהלען צו דער צווייטער דומא?

און וואס איז געווען דאס גאליצישע דראהאביטש, וואו דער שליסעל פון די שטייגען איז אין א י י ע ר האנט? און וואס איז דאס באריהמען זיך מיט נישט־מאכען קיין פאגראמען?

נישט קיין וואונק אויף זייער מעגליכקייט, אויב מיר וועלען נישט זיין גוט און פרום?

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און צום סוף א לעבערליכער מאמענט:

— דער זעלבער „זשארגאניסט" (שרייבט דער קוריער ווארשאווסקי") איז זעהר צופרידען, וואס דאס נישט ארויסטרייבען די

לאנגע קאפאטעס פון זאקסישען גארטען הענגט אפ, נישט פון פאר־ליאקען, נאר פונ׳ם סטראזשניק ביים טויער !...

איך בין, הייסט דאס, צופרידען, וואס די פאליאקען האבען אפילו קיין שליטה נישט אויפ׳ן זאקסישען גארטען !...

און דאס איז שוין אומפארשעמט אויסגעטראכט. איך האב וועגען קאפאטעס אין זאקסישען גארטען קיין ווארט נישט גע־שריבען.

צי וועט דער „קוריער ווארשאווסקי", וועלכען איך ווארף־פאר פאלשקייט, שקרים און א קליין נאריש מסירה׳לע, — מיך איינגע־בען אין געריכט ?

איך מיין, אז נישט !

דאס, רעכענט ער, קאן אמאל שאטען !

און דאצו שרייבט ער (דער „קוריער ווארשאווסקי" מיינט, ווירקליך, אז ער קאן עמיצען באליידיגען !) : „אן ארגאנט (קעגען פריץ !), א צייטונגס־איד אין ערגסטען זין פון ווארט (! ! !), וואס האט זיך (פאר וואילטאג אפנים, דער פוילישער האבער שטעכט מיך !) געמאכט א ספארט (!) צוצושרייבען די פאליאקען, גאט ווייסט וואס פאר א טירישע אינסטינקטען !" „איהר וואלט געבי־סען, נאר מען האט אייך א מויל־שלאס אויפגעהאנגען". און די ווערטער דרוקט ער אין „גענזענפיסלעך" ; זאל זיין לייכטזיניגער לעזער מיינען, אז דאס האב א י ד געזאגט, אז דער „קוריער" ציר־טירט מ י י נ ע ווערטער !

און דאס האט געזאלט זאגען איך, וואס האב אויפגעשטעלט דאס פראגראם פון סאלידאריטעט מיט פאליאקען !

מיט פארברעכערישע נאטורען וואלט איך נישט געראטען קיין שותפות צו מאכען !

אלא וואס ?

איך האב געזאגט, אז האנט־אין־האנט וועלען מיר געהן מיט יונג־פוילען, וואס בויט נישט אויף באזיץ, נאר אויף ארבייט, וואס וויל נישט לעבען (צו אונזער שאדען !) פון מאנאפאלען און פריר־ווילעגיען, און וויל אונז נישט באצווינגען.

מיט׳ן אלטען פוילען, מיט׳ן באצווינגערישען, הערש־זיכטיגען.

ווילען מיר קיין שותפות נישט מאכען. דאס איז דער שימעל, וואס מוז אראפ, אהן אונזער שאדען, און אהן שאדען פון פ ו י ל י ש ע ן פאלק.

9.

„דער לעבענס-פראצעס“.

— קאנסערוואטיזם און פארטשריט, זאץ און געגענזאץ, — וואס איז אמת, מאראליש אדער — אויב איהר ווילט — נוצליך?

אזוי אין דער לופטען, אזוי ריין-טעארעטיש, אהן ארט און צייט, נישט וויסענדיג וואו און ווען, און אין דער באציהונג צו וועמען — קאן די פראגע געשטעלט ווערען נאר אין א קלייזעל פון „חקרנים“ צוליעב חקר'ענען זיך, דורך מענשען, וואס זענען יוצא מיט טראכטען און ווילען נישט, אדער האבען די האפנונג נישט זייערע געדאנקען ווען עס איז א ו י ס צ ו פ י ה ר ע ן, צו פארקליידען זיי אין רעאלע לעבענס-פארמען...

און אפשר אזוי פרעגען:

— קאנסערוואטיזם און פארטשריט, וואס איז לעבענס-פעהיגער?

פרואווט אייך פארשטעלען איינס אהן דעם צווייטען!

שטעלט אייך פאר א ריין קאנסערוואטיווע ווירטשאפט, א ווירטשאפט אבסאלוט אהן ענדערונגען.

„אלץ אזוי ווי נעכטען און אייער-נעכטען!“

זאל זיין דאס פארהייליגטע געזעץ „ווי דער טאטע איז און ווי דער זיידע איז געווען.“ — די רעגעל אהן אויסנאם און נישט איבערצושפארען.

אזא ווירטשאפט קאן נישט עקזיסטירען. זוכען די באווייזען אין דער צוקונפט איז שווער. דאס, וואס עקזיסטירט נאך נישט, איז נאר פארשטעלונג, אהן זיכערע און פעסטע ליניען... דינען אין דער היינטיגער קאן אונז די פארגאנגענהייט, וואס מיר קאנען לעבע-

דיג מאכען און זיך פארשטעלען, אז זי וואלט עקזיסטירען נאך היינט:

איז איהר עקזיסטענץ מעגליך?

קאן מען היינט נאך באנוצען א הילצערנעם אקער אהן דער שארף פון אייזען? זייהען פון זעקעל ארויס, שניידען מיט א שטיינערנעם מעסער, מאלען מיט האנט־שטיינער?

איינגעשפארטע מענשען, וואס ווילען נישט נאכגעבען דער אזוי גערופענער צייט, וואס ווילען זיך נישט אפזאגען פון זייערע געוועהנהייטען, זענען געוועזען אויף יעדען ארט, צו יעדער צייט, זענען — אונטערגעגאנגען. —

א פוס־געהער וועט זיך נישט מעסטען מיט רייטער. דער רייטער פיהרט נישט די לאסט פון וואגען, דער וואגען מיט'ן געשפאן מוז אפטרעטען דער באן, די לעצטע וועט אפטרעטען דעם פאהר־ווערק אין דער לופט...

איהר וועט שוין נישט וואוינען אין היילען, נישט שווימען איבער וואסערען אויף קלעצער, נישט פארדעקען די שאנד מיט פייגענבלעטער, און פראוועט, ווילט איהר עס טון — וועט איהר אונטערגעהן... דער קאנסערוואטיווער זאץ איז אלזא פאלש.

פראוועט דעם געגענזאץ:

שטעלט אייך פאר אין געדאנק א מענש, וואס שטרעבט שטענדיג און אומאויפהערליך אויף יעדען ארט, צו יעדער צייט, איז נישט אפגעשוואכטע טעמפא נאך צום נייעם: וואס האלט אין איין ענדערען און טוישען — אן אייביגע באוועגונג אהן רוה, א זייגער אהן אן אנקער, א באן אהן סטאציאנען, — א שטענדיג פאהרען.

דער מענש וועט נישט זיצען, נישט שלאפען, ער האלט אין איין טוישען דאס בעט מיט'ן מעבעל.

ער וואוינט נישט. זיין הויז ווערט קיינמאל נישט געענדיגט. קוים דעם עקשטיין געלעגט, א נייער פלאן געבוירען. אן אייביג בויען און קיינמאל נישט צוגעפיהרט צום דאך, שטענדיג אין דרויסען! האט דער מענש א פעלד, קומט ער נישט צום אקערען, דאס געאקערטע פארזייהט ער נישט; דאס פארזייהטע ווערט נישט געשניטען — ער קומט נישט צו זיין ברויט! ער איז יוצא מיט טוישען די מכשירים!

אדער ווילט איהר, שטעלט אייך פאר א מענש, וואס האט

נישט די קראַפט זיינע געדאַנקען צו באַהערשען, וואָס קאָן אבסאָ־לוט נישט טוישען זיינע פאַרשטעלונגען. דאָס, וואָס איז איינמאָל אין זיין געהירן אריין, בלייבט שוין שטעקען, ווי א נאָגעל, אין א וואַנט אריינגעשלאָגען. ער רעגירט איבער'ן גאַנצען געהירן, פילט און קלעפּט אויס מיט זיך אַלע זיינע קעמערלעך, נישט איבערלאָ־זענדיג קיין שפּארע פאר א נייער פאַרשטעלונג, פאר א נייעם גע־דאַנק.

דער געדאַנק, דער קיינמאָל נישט־געטוישטער, ווערט פאַר־שטאַרט, פאַרשטיינערט, און אזוי אויך דער מענש.

שטאַרזיניג, שטיינערען, אין אייביגער מעכאַניש־געוואָרענער גראַד־ליניגער באַוועגונג! און דער געדאַנק אליין לעבט אויך נישט לאַנג! מען ברויכט איהם נישט מעהר! עס באַוועגט שוין די אי־נערציע — די געוועהנהייט אליין! און איהר האָט פאַר זיך א מענש — אַן אויטאָמאַט, וואָס פאַרלירט דעם זין פון זיין אייגע־נעם טון, פון זיין אייגענער באַוועגונג.

און שטעלט אייך פאַר זיין געגענזאַץ.

א מענש, א פּלאַטערקאָפּ. די אידעען, די געדאַנקען און פאַר־שטעלונגען בייטען זיך איהם אין געהירן, ווי די בליצען, קיינע פאַרהאַלט זיך קיין סעקונדע נישט. זיי טראָגען זיך דורך, ווי שטויבלעך אויפ'ן ווינט. ד ע ר מענש איז צו קיין ארבייט נישט פעהיג, די פאַרשטעלונג, וואָס זאָל פאַרפלייסט ווערען אין אַן אר־בייט, וואָס זאָל אויסגעפיהרט און פאַרקערפּערט ווערען, מוז דויערען.

זאַץ און געגענזאַץ — קאָנסערוואַטיזם און פאַרטשריט, וואָס איז לעבענס־פעהיגער?

באַזונדער גענומען, זענען ביידע נישט לעבענס־פעהיג. צוזאַ־מען אין אייביגען קאַמף, זענען זיי דאָס לעבען, דער פּראָצעס, וואָס שאַפט דעם סינטעז, דעם הכתוב השלישי — דאָס נייע לעבען, וואָס ווערט ווייטער א פּסוק, באַקומט באַלד זיין געגענזאַץ, און טראָגענ־דיג ווערט דאָס לעבען מיט א נייעם סינטעז, און עס קומען נייע געבורט־וועהען, דער נייער קאַמף.

דאָס איז אין אַלגעמיינעם. ווי זעהט אויס דער פּראָצעס ביי אונז?

10.

אין קאמף.

און קוקט מען אויפ'ן אידישען אייגענארטיגען לעבען נישט מיט פרעמדע אויגען, איז לייכט צו דערזעהן, אז אונזער פראצעס צווישען קאנסערוואטיווען געפיהל און פארטשריטליכען געדאנק אונטערשיידט זיך פון דרויסענדיגען שוין מיט דעם, וואס ער איז א כמעט ריין קולטורעלער.

די סאציאל־עקאנאמיש־פאליטישע וועלט איז פאר דער ווירקונג פון אידישען געדאנק געשלאסען... ער גנב'עט זיך אריין אין דער פרעמד, פעקעלט די גרענעץ מיט א פאלשען פאספארט, ווערט אריבערגעטראגען דורך אפטריניגע און פארענדערט דאס לעבען דורך אנאנימע ארבייט, מיט פרעמדע הענט — אבער אינערוועניג ווערט ער פארקערפערט אין א גרינגער צאהל קהל'שע קליינע אינטערעסען און דער עיקר אין רעליגיעזע פארמען און סימבאלען.

דארט איז דער פראצעס א פארוויקעלטער. עס גיסען אין איהם אריין זייטיגע סאציאלע, פאליטיש־עקאנאמישע שטראמען, שטיצט זיך די רעגירונג אויף דער קירך, שיצט דער גלויבען די רעגירונג, קעמפען ביידע פאר'ן רייכען און וואלהאבענדען, אויף וועלכע זיי בויען, פון וועלכע זיי לעבען. ווערט א דריי־בונד, פארפלאנטערען זיך די אינטערעסען. און ווער עס איז קעגען איינעם פון בונד, מוז באקעמפען אלע דריי.

אונזער רעליגיאן הערשט נישט; די „סינאגאגע" האט נישט די מאכט צו באצווינגען; איהרע דינער, די כלי־קודש, זענען די ארימסטע, שוואכסטע און אונטערטעניגסטע אין פאלק.

אויף זיי שטיצט זיך קיין פאליטישע מאכט, קיין פראדוקטיווע פארם, און זיי ווערען פון קיינעם נישט געשיצט; ווערט מיט קיינעם קיין יד־אחת נישט געמאכט. אונטערדריקט פון פרעמדע און קיינעם נישט האבענדיג הינטער זיך, מוז אויך דער קאנסערוואטיווער איד פארלאנגען פאליטישע פרייהייט; און זיין רעליגיעז געפיהל קאן אבסאלוט גארנישט האבען געגען אידעען, וואס שטאמען פון שבת, שמיטה, און יובל...

און אויב דער פרומער ברויט־געבער האט לעצטענס גערופען דעם ספר מיט זיין פארטייטשער צו הילף קעגען ארבייטער;

און אויב דער מינדערגעבילדעטער אידישער ארבייטער האט זיך אויפגעלענט קעגען רעליגיעזע סימבאלען און פארמען, פון וועלכע די געבילדעטע בעל־בתי'שקייט האט זיך נאך נישט באַ־פרייט, — — איז עס געווען נישט מעהר, ווי אן אפקלאנג פון דרוי־סענדיגען לעבען, א נאכמאכעריי. און פון זעלבען סארט איז אויך די שרעק פון אונזער פרעסע פאר קאטאוויץ.

איך בין געשטאנען, שטעה און רעכען ביז'ן לעצטען אָטעם־צוג צו שטעהען אין די רייהען פון די קעמפער פאר'ן פארטשריט־ליכען, ראדיקאל־פארטשריטליכען אידישען געדאנק...

און נישט שווער איז זיך קעגען קאנסערוואטיווען געפיהל צו באוואפענען; זעהר לייכט איהם צו שרייבען אן „אבווינימעלני אקט", אויסצורעכענען א גרויסען „על־חטא" —

עס איז וואר, אז דאס קאנסערוואטיווע היט אפט דאס פאס. אין וועלכען דער וויין איז שוין לאנג געפעלשט; געהט ארום אויף דער וואך ביי חורבות, און וועלכע עס ברומט שוין לאנג נישט די פארוואגעלטע טויב — די שכינה!

עס איז וואר, אז צוליעב האלטען דעם אידישען געדאנקען איז קלויז אדער א פארשאטענטען היימישען ווינקעל, איז ער אהן ליכט און לופט, קרענקליך געווארען, דער אידישער געדאנק! און ער ציי־טערט פאר יעדען פרייען לופט־צוג, פאר יעדען ליכטיגען שטראל! ער, וואס איז באשאפען געווארען די ערד צו באצווינגען, דאס לע־בען צו באהערשען און ג ע ר ע כ ט צ ו מ א כ ע ן!

און געווארען איז דער אידישער געדאנק רוח הקודש און שכינה פאר'ן קרענקליכען וואויל־לערנער אין קלויז... און האט זיך דערווייטערט פון פאלק, וואס לעבט און שטרעבט, און אפגערוקט פון המון אין זיין גאס; אויף פרעמד באראט איהם געלאזט!

און נישט מינדער איז וואר, אז א דאנק דעם איינגעשפארטען קאנסערוואטיזם, אזוי דעם מתנגד'ישען, ווי דעם חסידישען, פאר־לירען מיר א האלב אידיש פאלק — די אידישע טאכטער, די אידי־שע פרוי, די אידישע מוטער...

און דאס איז די טראגעדיע, די דראמע און טראגי־קאמעדיע איז אלע אידישע הייזער, וואס גהען דעריבער צו גרונט...

אמת איז אויך, אז דאס בלינד־איינגעשפארטע שטויסט אפ די פעהיגע יוגענד, אז מיר פארלירען זי פון טאג צו טאג אלץ מעהר און מעהר! אז דאס פאטער־הויז ווערט פאר'ן קינד א תפיסה, גאנץ אפט מיט צוכט־ארבייט און קייטען! — און דאס לעבענס־פעהיגע, לעבענס־ד ו ר ש ט י ג ע, מ ו ז דעריבער גאנץ אפט אריבער־שפרינגען די צוים אדער שפאלטען דעם שוואכען, פון פאליציי און ארמיי נישט געהיטענעם טויער, און — איז הפקר ארייז!

און נישט ווענינער איז אמת, אז א דאנק דער ארטאדאקסיע און איהר בלינדער שטארקייט, זענען מיר הינטערשטעליג געבלי־בען אויך עקאנאמיש.

אהן בילדונג, נישט צוגעגרייט צום לעבען, נישט באוואפענט מיט טעכנישען וויסען, קאנען מיר אין קאמף פון לעבען קיינעם נישט ביישטעהן. איז פאר אונזערע ארבייטס־הענט פארמאכט די מעכאנישע פאבריק; איז אונזער געווערב — פושעריי; איז אונזער קאפיטאל נישט פעהיג צו באשאפען אן ערנסטע אינדוסטריע...

דאס אלץ איז אמת.

און דאך!

דעם אמת מוז מען מודה זיין, עהרליך מוז מען שאצען — —

און דאך האט זיך ערשט נישט לאנג באנייט אין אונזער לע־בען אן ערשיינונג, וואס באווייזט זיך נאך יעדען באנקראט פון א פאלש־משיח'ישער פירמע; נאך יעדען קראך פון פרעמדע פילאזא־פיען, נאך יעדען פארבליהען פון נישט צייטיגע האפנונגען —

און דאס גיט אונז זעהר פיעל צו דענקען.

11.

דער סינטעז.

וואס איז געוועזן די ערשיינונג?

אנגעהויבען האט זי זיך מיט „קאצעניאמער".

דאס קליינע בראשורעלע האט באנקראטירט. א טראפען גע־וועז, אויסגעטרונקען, און דעם דורשט נישט געשטילט.

וואו נעמט מען וויסען?

חבר'שאפט מיט אלעם גוטען, מיט אלעם פרייעם און ריינעם און שעהנעם, איז דורכגעגאנגען די קאסע — אן אפגעשניטען פעלד, א גאל פעלד...

ליגט מען אין אפגרונט, און איבער'ן אפגרונט איז פארשפרייט א חושך, דרינגט דעם חושך קיין איינציגער שטערן אין הימעל נישט דורך...

דער שכל איז מחייב, די טעאריע זאגט: עס וועט צוריקקומען, עס וועט צוריק אויפלעבען... די ליפען זאגען עס, שטאמלען עס. דאס הארץ גלויבט נישט... און וועט עפעס קומען, פיהלט עס שוין דאס הארץ — פרעמד, ווייט פון אונז...

עס וועט נישט קומען מיט אויסגעשטרעקטע הענט:

— קום, ברודער, טאנצען...

און נישט מיט גרייטע ליפען צום ברידערליכען קוש...

און א וועהטאג האט אנגעכאפט... און א צארן קעגען נייע חלומות... גיט צוריק די אלטע... די גרויסע! גיט געטער!

און עס איז געווארען א משונה גאט־זוכעניש, קינדער און יונג־ווארג זענען ארומגעלאפען זוכען א סנה, זוכען עפעס א צייכען, א סימן פון יענער וועלט...

און א ליעבשאפט האט זיך אויפגעכאפט, א פלוצלונגע ליעב־שאפט צו מצוות ומעשים טובים, א פארבענקעניש אהיים, צום סדור, צו דער קלויז, אפילו צו דריידעל און המן־טאש...

און איז מען צוריקגעקומען און דאס אלץ געפונען, נישט ווי מען האט דערפון געטרוימט, נישט אזוי הייליג און ריין, נישט אזוי שעהן און מענשליך —

האט זיך דער אינטעליגענט דערפיהלט שולדיג:

— כרמי שלי לא נטרתי!

און א קלאפ געטאן אין הארץ אריין. דאס הארץ האט זיך אפ־גערופען... און עס איז געווארען א רייד וועגען רענעסאנס, ווידער־געבורט, איז מען געקומען און געבעטעלט ביים אלטען איד — א נדבה!

— אלטער איד, דו ביסט היטער אין דער היים געבליבען, דאס

היימישע, דעם היימישען אוצר געשיצט... עפען איהם אויף, גיב אונז פון דארט ארויס לעבענדיגע זאמען, שענק פלאנצען, — מיר ווילען באשטעלען א אידיש פעלד, א אידישען גארטען און אונזערע הענט זענען לער!

און עס האט זיך אנגעהויבען א לויפעניש אין שולען, אין בתי מדרשים אריין, צום אלטען, צום קאנסערוואטיווען, צום פרימיטי־ווען.

זוכט מען דארט מוסטערען פאר געוועב, האפט און שטיקע־ריי ביי אלטע פרוכת'ן... זוכט דער שניצער די אידישע ליניע אויף כתרים און יד'ען. דער בילדהויער — מאטיווען פון צובראכענע מצבות, אויף לאנג־פארגעסענע בית־עלמינ'ס... דערפרישט דער מו־זיקער דאס אלט פרימיטיוו־פרומע וויגענליעד... געהט ער צוריק צום „ברכו“, דעם וויינענדיגען, און צום אלטען „נתנה־תוקף“...! לויפט ארום שטרוק אין בערלין און זוכט צום מאלען אלט־אידישע קעפ, מיט'ן אלטען אידישען צער אויפ'ן פנים, אין די אויגען... און דער דיכטער זוכט אויפלעבונג און דערפרישונג אינ'ם חסידישען און פרומען פאלקסטימליכען פרימיטיוו...

פארוואס זוכען מיר נישט הילף ביי פילון אין אלכסנדריא של מצרים, — טרינקען מיר קיין וואסער נישט פון מיימאנידעס־ברו־נען, פארוואס ווענדען מיר זיך נישט צו דעם דעסויער מענדעל־זאן?... פארוואס געהט מען נישט אין קאר־שול אריין, פארוואס זינגט מען נישט די לידער פון דער השכלה־צייט?

ווייל — און דאס מוז מען איינמאל פאר אלע מאל מודה זיין,
דאס מוז איינמאל פאר אלע מאל קלאר און אפען געזאגט ווערען.
ווייל מיר זענען נאר בליטען, העכסטענס אמאל — פרוכט.

בליטען און פרוכט האבען זייער צייט, זייער פריהלינג און זייער זומער: געהט די צייט פארביי, פאלט מען פון בוים...

דאס קאנסערוואטיווע איז דער שטאם, וואס טרייבט צווייגען, בלעטער און בליטען ארויס, ער איז עס, וואס גיט די פרוכט! ער איז דערווייל דאס באשטענדיגע, — דאס אייביגע.

אומפרוכטבאר ווילען מיר נישט בלייבען; אונטערהאקען דעם שטאם איז זעלבסט־פארניכטונג...

און באווייזט זיך א א י ד י ש ע ר ו ו א ל ד און וואקסען

מיר — די בוימער אין איהם... קומט פון צייט צו צייט די האק...

ווייל די געשיכטע דעם וואלד באנייען, מוז זי פון דער וואלד־שול פלאנצען איבערטראגען, גרוימער זעצען, פרייער און צוואוואר־פענער פלאנצען...

אבער — פון וואלד־שול קומען די בוימער! די וואלד־שול איז די ארטאדאקסיע. דארט וואקסט מען ענג, אהן געניגענדער זאפט פון דער ערד, נישט רייך אין לופט און ליכט פון דער הויך. רייסט נישט פון צייט צו צייט אויס, צום איבערזעצען; פלאנצט נישט גרוימיג איבער, ווערט אלץ פארקריפעלט און דערשטיקט, פאר־ניכטען די וואלד־שול איז זעלבסטמארד...

גערענקט די האק!

גלייכע, אידעאלע ליניען עקזיסטירען אין בוך, אין דער מא־טעמאטיק; דאס לעבען קאן נאר געבראכענע.

„יא" אדער „ניין", אומבאדינגט און באשטימט ענטפערט מען אין קלייזעל פון איבערטראכטער און גארנישט איבערלעבער!

דאס לעבען פארלאנגט אן ענטפער, אפהענגיג פון ארט און צייט, און אין ארט און צייט פארשידען און אפט אקעגענגעזעצט.

כל זמן עס איז קיין אידישע פרייע קולטור נישט באשאפען... כל־זמן באפרייען זיך איז עהנליך צום אפטריניג ווערען; ועט זיין פארבינדען זיך מיט פרעמדע קולטורען, מיט'ן פרעמדען בוך, מיט דער פרעמדער שול —

וועלען מיר אויף יעדען ארט און אין יעדען מאמענט שטריי־טען מיט'ן קאנסערוואטיזם, נישט וועלענדיג פארשטארט און פאר־טריקענט ווערען — און שטענדיג און איבעראל איהם דאנקבאר זיין, פאר זיין איינגעשפארטקייט ביים אפהיטען די אידישע ווער־טען אינ'ם אידישען.

און מיר וועלען זאגען און בעטען זיך:

— טרוקען איז אונזער נשמה, גיב אונז טוי פון דיין גלויבען...

— לעכצענדיג איז אונזער צונג, דערפריש זי מיט איין טראַ־פען פון דיין געבענשטען קידוש־בעכער!

— איינגעהילט אין מרה־שחורה זענען מיר, גיב אונז א טראַ־פען פון דיין שבת און יום־טוב־פרייד...

זאַץ און געגענזאַץ —ביידע באַזונדער גענומען, זענען נישט לעבענס־פעהיג...

לעבען איז קאַמף; לעבענס־פעהיג איז דער סינטעז...

און זאָל ער געזונט און שטאַרק זיין, מוזען געזונט און שטאַרק זיין אי זאַץ, אי געגענזאַץ!

און וויל זיך דאָס קאָנסערוואַטיווע זאַמלען און בויען —

— יישר כח!

מיר ווילען שטאַרק זיין און קעמפען מיט שטאַרקע!

12.

כ ל ל ו פ ר ט.

די קאָנסערוואַטיווע פּאַרטיי עקזיסטירט נאָך נישט; זי וויל זיך ערשט באַשאַפען. דערווייל שוויבעלט און גריבעלט ביי אונז מיט צוואָוואָרפענע פּראָווינציאַנעלע, קליינשטעדטעלדיגע, קאָנסער־וואַטיווע קליינע „אידישקייטלעך" פון „קלייזלעך" און „מנינים".

און יעדער „מנין", און יעדעס „קלייזעל" האָט זיך אַרומגע־קרייזט, אַרומגעגרענעצט; זי איז די אמת'ע, עכטע אידישקייט! וואָס אויס דער גרענעץ, איז נישט „עכט", נישט „גלאַט כשר"...

און יעדעס קלייזעל, און יעדער מנין האָט זיך, האַלט אויף און שפּייזט זיין גליה־ווערעמעל, זיין גדול־הדור, וואָס פיהרט דאָס קליי־נע וועלטעל מיט'ן כח פון אַ מאַנאָפּאָל אויף פּאַרטייטשען גאָט'ס וואָרט און קאָן זיין זיין פאַרטרעטער אויף דער זינדיגער ערד.

איז אַלץ אַזוי שפּל'דיג קליין, אַזוי ווערמיג...

באַקומט יעצט דער קאָנסערוואַטיווער איד אַ גרויסען חלום.

באַקומט ער פּלוצלונג דעם פאַרלאַנג: אַלע קליינע וואַסערלעך זאָלען זיך צוזאַמענגיסען און ווערען אַ ים. פון אַלע מנינים'לעך און קלייזלעך זאָל ווערען איין וועלט־פּאַרטיי. זאָגען מיר, די געגנער פון קאָנסערוואַטיווען געדאַנק: מה טוב!

באוואונדערען מיר דעם קאנסערוואטיווען איד, וואס איז מיט אמאל אויפגעוואקסען, הויך געווארען.

ווייל די גרויס און הויך פון מענש און פארטיי ווערט געמאס־טען מיט דער ווייטקייט פון זייער אונטערנעמען.

מיט דער לענג פון דער ליניע, וואס פיהרט פון פארלאנגען ביז אויספיהרען... ווייל חלומות זענען פארגעפיהלען פון גרויסע אי־דעען... און גרויסע אידעען זוכען מיט מאכט זייער פארקערפערונג אין פאקטען...

איז נאר די פראגע:

איז די ארגאניזאציע מעגליך און ווען?

ווען וועט זיך אויפ'ן ארט פון קליינע גליה־ווערעמלעך בא־ווייזען א ווירקליכער גדול־הדור, א מין ריש־גלותא, וואס זאל זיך שטעלען אין איהר שפיץ און פיהרען?

אבער פון איין זאך מוז מען ווארענען פאראויס...

זאל די קאנסערוואטיווע פארטיי, ווי גרויס זי זאל נישט ווע־רען, קיינמאל נישט פארגעסען, אז זי איז נאר א פארטיי אין אי־דישען פאלק, אז זי איז נאר א פרט, נישט דער כלל. דער זאץ, נישט דער סינטעז, נאר פארטיי און נישט כלל ישראל...

זאל זי קענען כלל ישראל נישט זינדיגען, נישט מעסטען זיך און שטעלען זיך אויף זיין ארט. זאל זי נישט זאגען: כולו־שלי...

דער מענש באשטעהט פון גלידער, דאס פאלק — פון פאר־טייען. דאס איז די פארטיילונג און ספעציאליזירונג פון דער אר־בייט. וועה דעם מענש, וואס איין גליד פון זיינע גלידער וויל זיך איהם נישט אונטערווארפען, וויל זיין אייגענעם ווילען האבען, ציל ווערען, און אלע אנדערע באהערשען; און וועה דעם פאלק, ווען עס טוט עס איינע פון זיינע פארטייען, דערשטיקענדיג די אנדערע...

און ביי אונז איז עס אזוי לייכט!

נאציאנאלע פארמען זענען איבעראל פארקערפערט אין פאלי־טיש־עקאנאמישע אינסטיטוטען; אין לענדער און אין רעגירונגס־פארמען. דאס פראנצויזישע פאלק, דאס דייטשע פאלק, הערט מען, זעהט מען, עס לאזט זיך ממש אנטאפען, — גלויבט מען דעריין. פיהלען זיך אלע פארטייען אלס א טייל פון פאלק. האט יעדע איינ־צעלנע פארטיי א גרענעץ פאר איהר פארלאנג: די נאציאן!

קומט די נאציאָן אין געפאהר, גיסען זיך אַלע פּאַרטייען צו־זאמען קעגען דעם אויסערליכען פיינד; די געפאהר איז אריבער,— צופאַלען זיי צוריק, גראַטען אין שטרייט אריין צווישען זיך, און עס ווערען נייע פראַנצויזישע אָדער דייטשע לעבענס־פאָרמען באַשאפען...

אונזער שכינה איז אין גלות; אונזער פאָלק צוזייהט און צו־שפּרייט. די גאַנצקייט איז געשפּאַלטען, איבערגעריסען און צוברע־קעלט.

„אידישקייט" איז דערווייל נאר געדאַנק, נאר אידעע, — טראַ־פענווייז זויערט זי זיך אריין אין דער געצענדינערישער וועלט און זינגט לאַנגזאם, זעהר לאַנגזאם, און ענדערט פרעמדע פאַרקערפּע־רונגען און אליין ווערט זי נישט געזעהן, נישט געהערט, לאָזט זי זיך נישט אָנטאַפּען, — און מענשען זענען אַלץ נאָך געצענדינער, ווי־לען אפילו זייערע געטער הערען, זעהען און אָנטאַפּען... און גלויבען נאר אין „געדאַנקען", וואָס זענען שוין פאַרקערפּערט און טאָט גע־ווארען, און פאַרלייקענען דעם שעפּפערישען געדאַנק, ווען ער קעמפט פאַר זיין פאַרקערפּערונג...

ווערט דער אידישער נאַציאָנאַלער געדאַנק פאַרלייקענט.

גיט זיך דער אַסימילאַטאָר אונטער דעם פאָלק, וואָס זיין נאַ־ציאָנאַלע אידעע האָט געפונען איהר פאַרקערפּערונג...

און דער פּאָליטישער ציוניסט זוכט א חיים פאַר די, „וואָס ווילען נישט, אָדער קאָנען זיך נישט אַסימילירען" —

דאָס, וואָס ווערט נישט געזעהן און אָנגעטאַפּט, לאָזט זיך שניידען...

ווי קאָן מען שטרייטען פאַר כלל ישראל?

און דאָס זעלבע טוט דער פּראָלעטאַריער.

דער דייטשער, פראַנצויזישער פּראָלעטאַריער פאַרלאַנגט דאָס, וואָס די דייטשע, פראַנצויזישע אינדוסטריע קאָן און וויל איהם נישט געבען. די גרענעץ איז די נאַציאָנאַלע מעגליכקייט; אונזערע שפּרינגט גאַנץ אַפּט אין הפקר אריין...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און אין דעם באַשטעהט אונזער אַנאַרכיע.

דער פּרט שטעלט זיך אויפ'ן אָרט פון נישט געזעהענעם, נישט אָנגעטאַפּטען כלל...

דאס גליד אין ארגאניזם וויל איהם באהערשען און ציל ווערען!

און וויל מען דעם כלל ישראל פארקערפערען אין אידישע קאנגרעסען, וואס זאלען ארויספיהרען דעם סינטעז פון אלע אידישע ליידען, האפנונגען, אידעען און אינטערעסען, שטעלט זיך דער חכם פון קלויז און פרעגט:

— נאך וואס? צו וואס? וואס פאר אן אינטערעסען וועלען באשטריטען ווערען?

איי אינטערעסען זענען פאראן גרויסע, די קעפ אבער זענען פאר זיי צו קליין; די הערצער צו ענג...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

זאלען אבער אונזערע פארטייען וואקסען, ווערען אידישע וועלט־פארטייען, וועט זיך אויך זייער סינטעז געפינען און פאר־קערפערען, וועלען מיר האבען אלגעמיינע אידישע קאנגרעסען. —

און דאמאלט — וועט זיך יעדער פרט אונטערווארפען דעם כלל. —

18.

און אז מען קומט צוריק.

און אז מען קומט צוריק, פאלט מען מיט אמאל אריין אין א ימים־נוראים'דיגער שטימונג, אלץ אזוי ערב־ראש־השנה'דיג. הימעל און ערד, גאסען און הייזער אלץ איז גרוי און נעבעלדיג און פייכטליך, ווי עפעס, וואס האלט זיך איין פון וויינען, און וועט דאך מוזען וויינען...

און אלץ ווערט אין דער שטימונג פארטרונקען: דאס וואונ־דער, פארוואס מען האט נאך נישט באשטעטיגט די וואהלען אין דאזאר־שטוב אריין, און די שרעק פאר די וואהלען צו דער דומא, און די זארג: סוף כל סוף וועמען קלייבט מען אויס? און וואס וועלען זיי זאגען? מען הייסט שוין ביי אידען קיין ביכער נישט קויפען, מארגען וועט מען אסר'ן לייגוואנט און טוך... איבערמאר־

גען — מגע־ומשא... און די פופצעהן טויזענט פּאָגראָם־עקזעמפּלאָ־רען פון טשענסטאָכאָוו און די קליינע „געשלעגען“ פון דאָ און דאָרט... אַלץ, אפילו דאגת פרנסה, ווערט דאָך פאַרטרונקען אין דער שטימונג פון פאַר'ן יום־הדין. גאַנץ אָפט הערסט דו אויף די נאָ־לעווקעס א אידישען קרעכץ, וואָס האָט גאָר קיין שייכות נישט צום שלעכטען סעזאָן. גאַנץ אָפט שטויסט דו דיך אָן אין א פאַרטראַכ־טען איד אויף דער דזשיקאָ־גאַס, און דו פיהלסט, אַז דו האָסט איהם איבערגעהאַקט א חשבון־הנפש, נישט קיין קלער וועגען א שטיל באַנקראָטעל. אויף טוואַרדאַ פאַרקויפט מען סליחות און מחזורים. אויף דער פראַנציסקאַנער רייסט זיך פון צייט צו צייט א קול פון א שופר...

נעבעלדיג, גרויליך און פייכט. און אין זאַקסישען גאָרטען שפּאַצירען ארום נישט פאַרנומענע האַלבע און פיערטעל אינטעלי־גענטען, ארבייטער אָהן ארבייט, מיידלעך אין דער נאָדעל־אַליי פּאָר, נאָך און אינמיטען דער ארבייט... פּנים'ער בלאַסע, אַנגעשטרענג־טע, איינגעשפּאַרטע, ליפּען פאַרביסענע, אויגען מיט בליקען להכעיס'דיגע, שפּיציגע... פון צייט צו צייט רייסען זיך אויף א פּאָר ליפּען און עס פליהט ארויס א וויץ, א שטעכענדיגער, א בייזער. עס דערהערט זיך א ווערטעל, וואָס וויל עפּעס נידעריג מאַכען, פאַר־שוועכען, באַשפּייען...

דאָס האַלט א געוויסער טייל פון אונזער יוגענד מלחמה מיט דער ימים־נוראים־שטימונג, דאָס וועהרט זיך אונזער פּריש־געבאַ־קענער בראַשורען־ראַדיקאַל געגען ימים־נוראים'דיגע געדאַנקען און געפיהלען...

נאָך וואָס? צו וואָס?

פאַראַן מענשען פרייע.

פאַראַן מענשען דענקענדיגע, זעלבסטשטענדיגע; מענשען — מיט אייגענע געפיהלען און באַגריפען, מיט אייגענער בענקשאַפט, וואָס לאָזט נישט צורוה; אויגען, וואָס שטעכען דורך די דיקסטע נעבלען פון דער צייט; אויערען, וואָס הערען קלאַנגען פון די וויי־טעסטע וועלטען... די קאָנען בצבור נישט דאַווענען, און נישט צו דער צייט. די קאָנען מיט'ן עולם נישט געהן... דאָס זענען די אייביגע זוכער פון נייע וועגען, די אייביגע ברעכער פון נייע באַנען. די געהען קיינמאָל נישט מיט'ן טראַקט... געפעהרליך איז זייער וועג;

פיהרער צווישען שלוכטען, איבער בערג־שפּיצען, איבער פעלזען־שפּאַלטען און אָפּגרונטען. זיי שטייגען איבער דער גרענעץ, וואו ווייץ וואַקסט און קאָרן, איבער דער גרענעץ פון טויבען־נעסטען און פייגעל־געזאַנג... געפעהרליך איז זייער וועג, וועלכען זיי געהען איבער אליין פאַר זיך, אויפ'ן אייגענעם חשבון און פאַראַנטוואָרטליכקייט...

פאַראַן מענשען — נאַקעטע נשמות... נשמות, וואָס ליידען קיין פאָרמען, קיין צייכען, קיין סימבאָלען און זענען אליין אינהאַלט, די כונה אליין. זיי עטעמען מיט גייסט און לעבען אינ'ם גייסט — זיי דאַרפען נישט קיין נוסח און קיין מחזור. זייער לעבען אליין איז שוין געדאַנק און געבעט...

און פאַראַן מענשען מיט ווילען. זייער ליפּ האָט א מלאך מיט א ברענענדיגער קויל פון מזבח באַריהרט; די נשמה מיט גאָטס ליעבע און מיט גאָטס צאָרן אָנגעצונדען, און פון צייט צו צייט געהען זיי אַזוינע לעבעדיגע פלאַקערען אַרום איבער דער וועלט און שאַפען... אַלץ, די וועלט און דער מענש, איז פאַר זיי דאָס, וואָס דאָס שטיק ליים פאַר'ן קינסטלער — נייע פאָרמען מוזען ווערען באַשאַפען, אַלטע מוזען אָפּטרעטען, דאָס ליים — איבערגעקנאָטען ווערען...

זייט איהר דאָס?

ניין...

איהר זייט נישט איבער'ן רעליגיעזען געדאַנק, נאָר אונטער איהם... איהר זייט קיין איבערצייגטע אפּיקורסים נישט; איהר גלויבט אין אפּיקורסות. איהר האָט קיין העברעע וועלט־אַנשויאונג נישט געפונען. איהר האָט צושטערט אין זיך דאָס ערדעלע און שעהנע און ווילט עס נאָך אויסוואָרצלען, נישט האָבענדיג קיין בעסערען זאַמען צו פאַרזייהען...

וויסט ווילט איהר ווערען...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

פאָלגט מיך, וועהרט אייך נישט קעגען ימים־נוראים'דיגע שטימונגען... די אידעע, אַז עס איז פאַראַן עפּעס העכערס, פאַר וועלכען א מענש דאַרף זיך אַמאָל אָפּשטעלען, אויף די קני פאַלען און זאָגען: איך האָב געזינדיגט, און וועל נישט מעהר; איך נעם דעם וועג, שטייגענדיג צו דיר... די אידעע איז נישט קאָנסערוואַטיוו,

נישט קענען פראגרעס און נישט קענען דעם אלעם, צו וועלכען איהר שטרעבט!

פאר׳ן רעליגיעזען געדאנק דארפען גאנץ אנדערע ציטערען, פאר׳ן איבערמענשליכען געפיהל — גאנץ אנדערע.

איהר האט, פער טעות, די ראלען פארטוישט...

געהט דאוונען!

וועהרט אייך נישט קענען הארציגע טרערען... זאמעלט זיי ווער אדער נישט — איהר וועט דערהויבען ווערען!

נייגט צו אייער אויער צו די „סיני־נגונים.“ זיי זענען אזוי מענשליך־הארציג און ריין.

ארעם?

ארעם איז דאס פאלק, נישט די שול. ארעם איז דאס פאלק, נישט זיינע רעליגיעזע געדאנקען; אין קעניגליכע קרוינען געפינט איהר אזעלכע בריליאנטען נישט. די פערעל פארמאגט נישט דער ים...

ארעמקייט איז נישט קיין שאנד.

און זייט איהר נאך ארעמער און האט קיין ארט נישט אין שול, און קאנט אפילו פאר אן ארט אין א מנין נישט באצאהלען, און איהר געהט אין פארק, צי אין די „לאזינקעס“ אריין, געהט! נאר נעמט א תנכ׳ל, נעמט מיט א סדור׳ל, קוקט אריין, בלעטערט דאס תנכ׳ל דורך, און זעהט: צי איז דא ערגעץ א געבאט, איהר זאלט הונגערען? צי האט גאט ערגעץ אנגעזאגט, א מענש זאל פרירען פאר קעלט? און קומט צום נביא צו, און הערט זיינע רייד: צי שטימען זיי נישט מיט אייערע געוואלדיגסטע האפנונגען, בריי־טעסטע און וויטסטע חלומות? און דאס סדור׳ל עפענט, צי בעט עס נישט אייער געבעט!

פריי ווילט איהר זיין?

איז אנגעווארפענע אפיקורסות נישט קיין צוואנג? נישט קיין יאך, גלייך מיט אנגעווארפענער פרומקייט?

14.

א זכות.

— דין — דין — דין!

איך שפרינג אויף, עפעז — א גוטער פריינד איז געקומען. יום־טוב, און ער איז עפעס גארנישט יום־טוב'דיג.

„ריהרעוודיג," זאגט ער, זיך זעצענדיג, „איז די אידישע מאסע"...

„ווי א טרוקען זאמד," העלף איך איהם אונטער.

„עס ענדערט זיך אזוי לייכט, ווי: דאס וועטער!"

און, — מיר גלייך אין די אויגען קוקענדיג:

„אין איין שעה קויפסט דו דיר א וועלט; אין איין שעה פארלירסט דו זי..."

איך ווייס, וואס ער מיינט.

עס האט זיך מיר א רגע פארגלוסט א שול־קלאפער צו ווערען. „אין שול אריין" רופען און — אויס ווייזגיך, א האלבע פאפולאריטעט — אביסעל מענשען־שוויים פארלוירען.

מיין גלאק ביי דער טיר קלינגט נישט אזוי אפט. די גאס מורמעלט.

רעד איך, שאקלען זיך שוין אביסעל קעפ אין דער ברייט. נישט אין דער לענג. איך מאך פייער, — נישט אלע ברעמען הויבען זיך אויף. נישט אלע אויגען פלאקערען. שרייב איך—, לעזט מען און מען מורמעלט...

הייסט עס — זאג איך צו מיין אינטערוויוער — אז איך דארף נאך נישט געהן אין מיין רוה אריין. נאך דא עפעס צו טון. מיינע ליעדער זינגט נאך נישט דער הויף. מיין געזאנג האט נאך די קאטערינקע נישט אויפגעכאפט, ביי מיין מוזיק טאנצען נאך נישט קיין פארלעד, און מוטערס וויגען מיט איהר נישט איין קיין קינדער. עס הויבט זיך אן א נייער קאמף!

מיין באקאנטען געפעלט נישט מיין שפאס. טרויעריג קוקט ער מיר אין די אויגען אריין:

„מען דערקענט דיך שוין! אן אנדערער געווארען", זאגט מען... „שוין נישט אונזער!" — —

גלייך איך האב אמאל מיין אידיש פרצוף־פנים פאר'ן עולם פארהילט; גלייך איך האב מיך אמאל עמיצען אין חמץ אריין פאר־קויפט; דער מאדאם פובליקומס פארבען געטראגען, איהרע פענער אין גאס?

אבער וואס אמת איז אמת! א שפאר ביסעל ליעבשאפט צו מיר האט זיך איבערגעשמאלצען אין א בארמהארציג באדויערען:

נעבעך, זאגט מען, פרום געווארען!

איך שטעה אויף, הויב אן ארומצושפרייזען איבער דער שטוב און גיס אוים מיין בייז הארץ:

איך בין נישט פרום געווארען! געה אראפ און זאג זיי!

איך האב קיין שטריימעל־מוסר נישט געפרעדיגט, קיין רעלי־גיעזע פארמען נישט אנגעווארפען...

זאג זיי, אז מיך שרעקט נישט דער פרייער געדאנק, ווען אפילו ער זאל אויסשטרעקען די האנט צום טעלערל פון הימעל...

אז דער מענש, וואס בלאנדזשעט ארום מיט א בלוטיגען פראַ־גע־צייכען, איז מיין פריינד...

אז איך וויים, אז די מלאכים, וואס פאלען פון הימעל אראפ, זענען נישט פון די קליינע; די בלייבען שטענדיג אין שורה און שפרינגען קדוש...

אז מיך שרעקט נאר און שטויסט אפ דאס טעמפע הילצערנע „נייז"! דאס ביליגע, גראשענדיגע שונד־אפיקורסות. דער פאר־גילטער דלות פון בלייערנעם פויגעל, וואס האט זיך אנגעפיקט מיט מאדערנע ביליגע שמות און שרייט: אט פליה איך, אט הויב איך מיך! און ליגט אין בלאטע.

זאג זיי, אז איבער דער רעליגיאן זענען פאראן וועלטען. אבער אונטער איהר — פיהר־ און פערד־שטאלען. אז פריי דענקען איז דראמאטיש, צווייפלען — טראגיש; אבער די הילצערנע, עם־הארצ'ישע זיכערקייט געהערט צום פארס...

אז טרוקענע קעפ ווארפען זיך און פלאטערען, ווי די אמאליגע ציטער־נאדלען אויף דער באבע יאכנעם שלייער...

זאג זיי, אז מיר טוט וועה זייער אפגעריסענקייט פון דער נא־

ציאָן... פאָלק איז נאָך קיין נאַציאָן נישט, ווי א הויפען אנגע־וואָרפענע שטיינער — קיין טעמפעל. אין זייער אָפּגעריסענקייט פון זיך אליין, פונ׳ם טיפען אינעווייניגסטען... אז אפּוואַרפענדיג די ירושה פון דורות מאַגנאַטען, פאַראַרעמען זיי זיך, ווערען זיי קבצנים — — —

זאָגט זיי אליין! — האַקט מיר מיין אינטערוויוער איבער— נאָר רעד קלאָרע דבורים, וואַרף נישט קיין בליצען — — —

און הויבט זיך אויף און גערט אַרויס באַשיינפּערליך — צאָרניג.

— — — — — — — — — — — — — — — —

ניין, און טויזענט מאָל ניין!

איך האָב קיין געדאַנקען נישט צום מאַטריצירען, און איך וויל פון אייך קיין סטערעאָטיפּען פאַר מיינע אידעען נישט מאַכען.— איך וויל אייך נישט פאַר קאַטאַרינקעס צו מיינע ליעדער, און רעד אין אייך נישט אריין, ווי אין פאָנאָגראַפען, איהר זאָלט, ווען מען וועט אייך אָנדרעהען, איבער׳חזר׳ן וואָרט ביי וואָרט און שטענדיג דאָס אייגענע...

אידעען מוזען לעבען! וואַקסען!

ווער עס זייהט, וואַרפט נאָר זאָמען! נישט קיין צוקייט ברויט און נישט קיין בלומען־שטאַנגען.

און איז די ערד נישט קיין שטיק פעלז; נישט דורכגעברענט און נישט א ריהרעוודיג טרוקענער זאַמד, איז זי מוטערליך זאַפטיג און פרוכטבאַר, נעמט זי שטיל דעם זאָמען צו, פאַרשליסט איהם געהיים אין איהר שויס, און נעהרט איהם און גרויסט, און הויכט. און קומט די צייט, שפּראָצט און בליהט עס, שפּאַרט עס אַרויף און אַרויס, און באַפרייט זיך, און לעבט!

און אויף אייך, ווי אויף יעדען איד, אויב נישט מעהר, קוק איך, ווי אויף חנוכה־לעמפּלעך, שולחן־ליכט, און שבת׳דיגע בענש־ליכט, נאָר אויסגעלאָשענע שלעכטע, שלעכטע ווינטען האָבען גע־בלאָזען...

נישט אייער ליכט, אייער צוריק־אָנצינדער וויל איך זיין! מיט בליצען וויל איך אייך אָנצינדען...

ליכטען זיך און אנדערע זאָלט איהר אליין!

— —

און „שכינתא בגלותא“!

פּראָוואָט, געהט אין שול אריין און באַפרייט זיך פון שלעכטע הענט! — —

.1912

15.

צייטען און זייערע וויצען.

יעדע צייט האָט איהר טראַגעדיע און איהר פּאַרס; איהר ערנסט און איהר וויץ.

מיט צייטען צוריק, ווען די שולען און בתי־מדרשים זענען נאָך פול געווען מיט תורה און אידישען כבוד, ווען תורה איז נאָך ווירק־ליך געווען, ווי דאָס אַלטע וויגען־ליעד זינגט, די בעסטע סחורה, און דער בעל־הבית'ישער יחוס — די קאַרפּען־קעפּ פון דער מזרח־וואַנט, האָבען געפיהרט דאָס רעדעל, — האָט זיך געטראָפען, אַז אַ „פּאַר פאָלק“ פון „המון“, פון גרויעם עולם, — ער — אַ שטיקעל בעל־עגלה, דאָס ווייב — אַן איינגעמאַכטס־פּרעגלערין — האָבען גענומען זייער בן — אַ בענאָק — און נישט האָבענדיג וואָס אָנצו־ווערען, אָפּגעשווירען, איבערגעטאָן אין בגדי מלכות און אָפּגעגעבען אין גימנאַזיע!

עס האָט געמאַכט אַ רושם...

איז עס פּונקט געווען עפּעס אַזוי פּורים־צייט, חוזק האָט זיך געוויגט אין דער לופט — געהען צוויי לצים־בעלי־בתים, וואָס דער האָבער האָט זיי געשטאַכען פאַר וואָוילטאָג, טוען זיך אָן אינמיטען דער וואָך בגדי שבת ויום־טוב; געפּוצטע שיך אויף שפּאַנעל־ווייסע זאָקען, אַ קאַפּטען מיט זילבערנע סטראַקעס, אַ שטריימעל מיט זילבערנע האָר, רויטע פראַנצויזישע פּאַטשיילעס אין די הענט, און געהען מיט אַ וויזיט צום פּאַר־פאָלק.

ווערט אַ מהומה אין שטוב: וואָס באַטייט דער האָנער, דער גרויסער כבוד?

איז נישט עפעס שלעכטס דאביי?

נעמען די אידען אן דעם שטיקעל בעל־עגלה ביים קנאפ פון עשור־פעלצעל:

„וואונדערט אייך נישט און שרעקט אייך נישט, ר' יענקעל... און ציטערט נישט. די זאך איז אזוי: איהר האט אייער זוהן אפגעגעבען אין די שקאלעס אריין. ער וועט אודאי בשלום ענדיגען, און ווערען א שררה א גרויסער, א קרוב למלכות... זע'מיר אייך געקומען בעטען, איהר זאלט זעהען, און טאקע מיט'ן כח פון כבוד־אב, ער זאל אידען קיין שלעכטס נישט טון!"

גיט זיך ר' יענקעל א הילכענדיגען זעץ מיט דער פויסט אין הארץ אריין:

„כל־זמן איך לעב!"... און פארכליפעט זיך — —

און די איינגעמאכטס־פרעגלעריו צוכליפעט זיך אין איהר ווינקעלע, וואו זי האט זיך פאר די מכובדים באהאלטען, און שרייט קוים אוים:

„סיידען איך בין קיין מאמע נישט!"

דאס איז געווען פארצייטענס.

און היינט? היינט, אין דער צייט פון אפטריניגקייט, האבען זיך ערגעץ צוזאמענגענומען עטליכע סטודענטלעך, וואס קאנען זיך נאך נישט ראזירען, נאך מיט דער מוטערס, גיכער — דער אמס מילך איבער די פרישע ליפעלעך, — צוזאמענגענומען און ארויס־געגעבען צו כל ישראל א מאניפעסט:

— זיי וועלען נישט אפטרעטען!

זיי וועלען נישט אוועקגעהען צו כל טוב און איבערלאזען די כנסת ישראל עלענד און פארשמאכט. זיי בלייבען!

זיי ווילען קיין איינגעמאכטס נישט!

מיינט איהר אפשר, אז בכאן לאכט מען. אבער גאר „לא"!

עס איז טאקע אביסעל קאמיש. מיט א פאסט־טאג צו שפעט! שמד ווערט אויף דער וועלט־בערזע וואס א טאג ערגער נאטירט. הערט אויף סחורה צו זיין. מען גיט קיין איינגעמאכטס נישט. קאסא טרייבט ארוים פון מיניסטעריום דריי אלטע משומדים. די נייע שרייבט מען אין אטעסטאט „איז יעווריעוו" אפגעשטעמ־פעלט! אבער יונגהייט—נארהייט. ווי זאגט שלום־עליכם'ס אידענע?

— קינדער פלאפלען!

דעם רעכטען וויץ האט אונזער היינטיגע איינגעמאכטס־פרעג־לעריז, מאדאם פלאפעל — אונזער פובליציסטיק, געמאכט. מיט אמאל זיך א הויב געטאן, מיט די אויגען הינטער די גלעזער — א בליץ, די הענט — צוואווארפען, דאס מויל געעפענט און א געשריי געטאן:

— שקצים!

— סטייטש, — צוהיצט זי זיך — די אידישקייט אליין האט גאר קיין ווערט נישט?

— —

דער וויץ איז: חוזק האט זיין איינציגען זוהן נישט דער־קענט! די הוז, וואס האט זיך אזוי לאנג געריבען אן פרעמדע ווענט — איהרע טויטע אייער!

מאדאם פלאפעל, עס זענען דאך אייערע גדולים!

ווער האט מבטל געמאכט די אידישקייט, אז נישט איהר, מאדאם?

איהר פארבט אייך איבער צו יעדער סעזאן אייער קליין בי־סעל האר אויף אן אנדער פארב; אויף אן אנדער קאליר, און געדענקט אפילו נישט, אין וועלכער פארב איהר האט די אייער גע־טראגען, און שפעטער אונטער די פליגעל געווארעמט!

איך וויל, און וועל עס אייך דערמאנען, מאדאם.

אמאל האט איהר זיך געפארבט חבת־ציון׳דיג. אחד העם און זיין אלט־העברעאיש־אידישקייט.

עס איז אויס מאדע געווארען. דער חבת ציון׳דיגער מאנטעל אויפ׳ן ספענסער־אונטערשלאג איז אוועק אין רומפעל־קאמער אריין. איהר האט אייך געפארבט ציוניסטיש, הויך מאדערען פאליטיש: געביטען אידישקייט אויף רעאלע פאליטיק, פאר די, וואס ווילען נישט און קאנען נישט...

האט מען אייך פארגעווארפען, אז איהר טאנצט צוריק אויף הינטער־פיסלעך, האט איהר אייך ראדיקאל געוועהרט. סטייטש, מיר רעוואלוציאניזירען די מאסע, רייסען זיך אפ פון משיח־חלומות, פון ירושלים, אויף נסים געבויט... פון אלטער אידישקייט! פון אלטער הייליגקייט! מיר ווילען לאנד און שפראך!

געוועז אויך א ניטשע מאמענט!

מיר ווילען מעהר נישט ליידען!

די מאראל פון ליידען, איז די מאראל פון קנעכט. מיר ווילען הערען־מאראל, קראפט, מאיאריטעט, הערשאפט!

און האב'מיר נישט איבערגעטוישט און געענדערט די ווער־טען? האב'מיר נישט פון היילינען לאנד פאטערלאנד געמאכט, פון דער הייליגער שפראך — פון דער תורה־ און נביאים־שפראך — א כריסטאמאטיע־ און גאסען־שפראך?

און, אנגעטאן אין א געלעהרטער טאגע:

— דא קאן מען נישט ארויף צום גרויס־קאפיטאל און נישט אראפ צו דער פאבריק! דא מוז מען פארלוירען ווערען, אויסגעהן ווי א ליכט, דא איז אהן האפנונג, דא מוז זיין שמד!

פינקטליך פאראויסגעזעהען, ווי א הונדערט־יעהריגער לוח!

דערנאך — נאציאנאל, ככל הגוים'דיג.

— מיר זענען א פאלק, ווי אלע פעלקער. נישט ווענינער און נישט מעהר.

— א נאציאן, נישט אפהענגיג פון רעליגיאן און וועלט־אנשוי־אונג... מיר זענען נישט נארמאל, מיר ווילען עס ווערען! מיר ווי־לען לענגער אויף אונזער אקסעל נישט טראגען קיין לאסטען: מא־ניזם, מאנאטעאיזם; גענוג גארבאטע! מיר ווילען קיין פלאקער און קיין שטורקאצען פאר די אומות העולם נישט זיין.

„אתה בחרתנו" האט אויסגעקלערט די אסימילאציע (און גע־וויס אריינגעשמוגעלט אין סידור!). די מיסיע האט אויסגעטראכט א דייטשער פראפעסאר (געוויס זענען די נביאים די ערשטע דייטשע פראפעסארען געווען). די פילאסאפיע אין אמעריקא איז נאך ווייטער געגאנגען: משומדים קאנען זיין נאציאנאל־אידען...

„אין פאלעסטינא וועט געשטעלט ווערען די פראגע און זיכער ליבעראל פארענטפערט ווערען! גלויבענס־פרייהייט! רעליגיאן איז פריוואט־זאך, די נאציאן איז סאציאל!"

און אין רויטען מיצעל:

„אידישקייט... פאלקס־נשמה... טראדיציע, ראסען־וועלט־אנ־שויאונגען — אפגעריבענע מטבעות אין סאציאל־שטאט וועט זיי זאמלען דער נומיזמאטיקער. רעליגיאן, מאראל, וועלט־אנשויאונג— אן אפגלאנץ פון דער פראדוקציאנס־פארם און איהר רעכטפארטי־גונג און פארטיידיגונג... נישט פאר אזוינע ווערטען ציהען מיר די

שווערד פון שייד. מיר ווילען א אידישע אלף־בית־שול. אידישע אדרעסען אויף דער פאסט... פון מאטעריאליסטיש ־ היסטארישען שטאנדפונקט געקוקט..."

גערענקט איהר, וואס איהר האט געזעהן, מאדאם? ניין? אבער געפלאפעלט האט איהר, נאכגעפלאפעלט...

און אצינד אייערע גדולים נישט דערקענט!

דאס איז דער וויץ!

דער סעזאן וויל: מען מוז זיך איבערפארבען צוליעב סעזאן אויף גרוי אידיש...

— —

ווייסט איהר וואס, מאדאם?

וואס שאדט אייך, ווערט באמת א בעל־תשובה. עס קומט אזא יום־הדין, געהט אין שול אריין, שלאגט אייך מיט'ן דארען פויס־טעל אין הארץ־ברעטעל אריין, און פלאפעלט: על חטא אויף די פארגאנגענע יאהרען.

און קומט איהר צו... „בטפשות פה" — גיט א שטארקערען קלאפ!

16.

נאך שמחת תורה.

האבען מיר, הייסט עס, זיך מיט דער תורה געפרעהט?

ישראל ואורייתא!

אן אלט פאר־פאלק און פול „חסד נעורים"! נישט גענומען, חס־ושלום, קיין אלמנה, קיין גרושה; ביי קיינעם קיין ווייב נישט אפגערעדט.

און א מיוחסת דערצו.

מען דערצעהלט, אז נאך איידער די וועלט איז באשאפען גע־ווארען, האט זי כביכול ביי זיך אויף דער שוים געהאלטען, געשפילט זיך מיט איהר, און שפילענדיג, זאגט מען, איהר צוליעב די וועלט באשאפען. להראות להעמים והשרים את יפיה. אמת, היינט, נע־בעך א יורדת, נאר, גאר שפל'דיג. גלויבט מען דאך אבער, אז איהר

צייט וועט קומען צוריק, אז אויף איהר גאס וועט א יום־טוב ווע־רען, אז זי וועט צוריק באקומען די לייצען אין דער האנט אריין און כתר־תורה וועט געהויבען ווערען איבער כתרי־מלכים...

ווארט מען...

און ווארטענדיג, איז דאס לעבען א גאנץ געהענדיג יאהר נישט ווי אונטער דער זון!

ווארים א גרויסען חסרון האט זי, די בת מלכה. נאר שפּל'דיג און מישט זיך אומעטום אריין. וויל אין אלעם א דעה האבען, אפילו אין מאס און וואג!

און זי זאל עס האבען דעם מינדסטען באגריף פון משא ומתן. פרעגט זי בחרם, וואס א וועקסעלע איז, וואס פרנסה איז טייטש!

פאלג זי, און דו האסט דריי קישענס, זאלסט דו שלאפען אויף איין קישען און דיין משרת אויף צוויי!

פארשטעהט איהר דאך, וואס פאר א דרך־ארץ עס וואלט גע־ווען!

מילא, קריגט מען זיך.

אפילו א חרפה פאר לייט; וואס זאל מען אבער טון? לעבען לאזט זי נישט!

קומט דאך אבער אויף אלעם א צייט; אויף שלום אויך.

יום־כפור געוועזן!

ערב יום־כפור זיך מיט אלע איבערגעבעטען; מיט'ן תורה'לע אויך!

פון יום־כפור ביז הושענא־רבא פאסט זיך נישט צו קריגען...

איז שמחת־תורה טאקע: הו־הא! אמת זיך געפּהערט מיט'ן תורה'לע! און, דעם אמת זאגענדיג, דאס יום־טוב'דיגע, דאס שמחת־תורה'דיגע תורה'לע, אין יום־טוב'דיגען מאנטעלע געהילט. מיט דעם גארטעלע ארומגעוויקעלט, מיט דער זילבער ברעסט בא־האנגען, מיט'ן כתר מיט גלעקלעך באקרוינט, — איז טאקע א שעהנקייט — א מלכות מיט חסד! גלוסט זיך טאקע צו כאפּען מיט'ן מלכות א טענצעלע.

אין חסידים־שטיבלעך האט מען סופיטען איינגעבראכען...

און נישט נאר חסידים אליין!

פון דער ראדיקאלער יוגענד זענען מאנכע געקומען! דער־פיהלט עפּעס א פּוסטקייט, דערפיהלט זיך עפּעס אזוי פארלאזט,

אזוי פון אלעם ארום פארגעסען, אזוי איינגעטונקט אין גרויקייט, איינגעוויקעט אין עצבות, אז — חרפה אַן א זייט! מען איז געלאָ־פען זוכען יום־טוב־שטימונג ביי די גערער, שמחה — ביי בעלזער. און דעם אמת'ען ברען — ביי זוואָלינער... פאר־א־יאהרען האָט מען אין די שטיבלעך ביי די געסט קעלנער געריסען, ציצית געזוכט און מן־הסתם נישט געפונען און געהייסען קושען די מזוזה פון יע־נער זייט טיר. דאָס יאָהר — אהבה, אחוה, שלום ורעות...

געוואונדערט זיך אביסעל, געקוקט מיט חשד: אפשר אויס־שפּירען געקומען? חוזק מאכען?

ניין! נישט די צייטען פון חוזק! פאַרבענקטע בלאַסע פּנים'ער שפּעטען נישט!

און —

„הענט אויף אַקסעל" צוזאמען — א טענצעל געבאפּט, עפּעל געגעסען, אביסעל משקה גענומען... —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

און דער עיקר שינוי פון א גאַנץ יאָהר איז געווען דאָס ביסעל משקה!

וואָרים, גלאַטע, טרוקענע שמחות אויף כל־ישראל האָבען א גאַנץ קיילעכדיג יאָהר נישט געפעלט.

קיין ישועות ונחמות פון דרויסען ניט געווען! ניין!

אדרבא, דאָס תוכחה־פּעסעל האָט, דאַכט זיך, דעם שפּונט פאַרלוירען און עס האָט געראָנען און עס האָט זיך געשיט, אבער צו דעם איז מען געוועהנט...

געווען פאַר דאָס היימישע שמחות! וואָס זיין ליעבער נאָמען גיט א טאָג! עמיצער פון אונז, אחוץ די צרות הכלל, — עמיצער פון אונז — א פּרט, געהט אין גאַס, גליטשט זיך אויס, שטרויכעלט, פאַלט — פאַרשטעהט זיך: לאַכט מען! כל ישראל האלט זיך ביי די זייטען, אויסער, נאַטירליך, דעם געפאַלענעם!

אַט האָט זיך אויסגעקערט דאָס טעפּעל מיט דער רויטער פאַרב, פאַר וועלכע אַקסען ציטערען און פאַלען אין שנעה. א שמחה! פּטור געוואָרען א חמץ! די „שקצים," וועז זייער צייט איז געווען, האָבען דאָך דעם בעלעמער פאַרכאַפּט! אַלטע אי־דען מיט ווייסע בערד מיט בייטשלעך אין שולען און בתי מדרשים אריינגעטריבען, צו הערען זייערע דרשות!

געהאָלפען האָט דער „בעור חמץ“ נישט! כשר זענען מיר אין פּרעמדע אויגען נישט געוואָרען, אבער אַ נקמה דערלעבט האָב׳מיר. געפרעהט האָט מען זיך. מען פרעהט זיך נאָך!

דערנאָך האָבען די ציוניסטען געכאַפּט אַ שטיקעל מפלה. עס האָט זיך אויסגעוויזען, אַז אין די קאָלאָניען אין ארץ־ישראל אַר־בייטען אַראַבער, און אַ דלות! די קאָלאָניאַל־ מיט דער נאַציאָנאַל־באַנק צוזאַמען האָבען עד היום ווענינער געלט און אַ קלענערען פּאַרטפעל פאַר׳ן מינדעסטען פון די גרעסטע באַנקירען! און דעם פּאַשאַ פון ירושלים, וואָס האָט אין זיין גענאָד לייטזעליג צוגע־שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ צום ציוניזם, האָט מען שיער נישט אַרויסגע־טריבען. — אַ ליעבער שמייכעל האָט זיך עס צוגאָסען איבער כל ישראל, נאַטירליך אויסער ציוניסטען...

דערנאָך האָט זיך געפרעהט כל ישראל, אויסער חובבי שפת עבר. עס האָט זיך אויסגעוויזען, אַז אין פּאַלעסטינאַ רעדען אידען אַראַביש, און בכל תפוצות ישראל די חובבי שפת עבר — טערקיש!

דערנאָך אַ נקמה אין רעדאַקטאָרען און שרייבער — אידי־שיסטען! מען איז געוואר געוואָרען, אַז זייערע אייגענע קינדער קאָנען קיין אידיש נישט; רעדען און לעזען נאָר פּויליש, ממש ווי אין די גרעסטע חסידישע הייזער!

און שפּעטער, די מפלה פון קאַטאָוויץ!

געמאַכט אַ בורא! זיי וועלען געפינען אין קוילען־גרובען אַר־בייט פאַר אידען אין לייבצודעקלעד. אַ בוידעם! ביי דער ערש־טער פּרואוו אַריינגעפאַלען! און כל ישראל אויסער די „משומדים,“ האָבען געקאַכט!

און היינט, די מפלה פון די וואַרשעווער אַסימילאַטאָרען?

נאַטירליך, נישט פון אונזערע הענט. מיר שיסען מיט שטרוי! אבער, ווי עס איז, אַ נקמה דערלעבט!

אַט ערשט נעכטען, דאַכט זיך, האָט גאַנץ וואַרשוי געקלונגען מיט ליטוואַקעס. דאָס האַלב־ און גאַנץ־אַסימילירטע פּוילישע אידיש האָט זיך געפּאַטשט אין בייכעל אַריין: נישט מיך מיינט מען! דעם שעיר לעזאזל — „די געגעשע גאַס!“... נו, אדרבא, נעמט און צינדט אָן אַ לאָמטער און געהט און זוכט היינט אין דער פּוילישער פּרעסע אַ ליטוואַק אויף אַ רפואה!

נישטאַ!

כל ישראל איז איין זאַק אַריין געוואָרפען!

און אַט כאַפּט דמאַוומקי דעם זאַק אויף די פּלייצעס און אַ טראַג צו דער ווייקסעל...

צי ער כאַפּט, אָדער ער מאַכט זיך נאָר כאַפּענדיג, און אויב ער מיינט מיט אַן אמת, צי ער האָט גענוג ברייטע פּלייצעס און וועט דערטראָגען, צי וועט די וואַסער־פּאָליציי לאָזען פאַראומריי־ניגען די וויקסעל, — נישט פון דעם רעדען מיר אצינד!

מיר רעדען פון שמחות, און שמחות זענען געווען...

גאָטס גנאָד איז גרויס!

שטיינער פון הימעל זענען געפאַלען, אָבער נישט מיט אַמאָל אויף אַלע אברים, קיין סקילה איז נישט געווען. — האָט מען זיך טאַקע געפרעהט: אַלע אברים, אויסער דעם, וואָס האָט באַקומען.

און דערביי — אַ גלייכוואָרטעל!

עס האָט באַקומען אַ האַנט —

— אַ מצוה! דאָס אַנדערע מאָל כאַפּ נישט!

אַ פוס: —

— לויף נישט! פון איילעניש קומט קיין גוטס נישט אַרויס!

אַן אַרויסגעשטעקטע צונג:

— רעד נישט! אַ צונג דאַרף זיין פאַרביסען! ליגען בין המצרים, צווישען די ציין!

אַן אויג —

— כשר פאַרדינט! קוק נישט, וואו מען דאַרף נישט...

דער קאָפּ —

— זעהסט? ס'אַנדערע מאָל טראַכט נישט! פאַר חוריות שטראָפט מען!

דאָס האַרץ —

— אַ מצוה! קלאַפּ נישט! זיי קיין נאַר נישט, שלאָג קיין „טרעוואָגע" נישט!

אָבער, — ווי געזאָגט, — קיין סקילה נישט...

אין סך־הכל האָט אפילו מיט דער צייט באַקומען דער גאַנ־צער גוף: אַלע אברים — צוקיילט, צובייזלט, גע'ניזוק'ט געוואָרען כל ישראל. — — —

אבער ווענען געהט אז כל ישראל?
וואס פאר א כל ישראל?
א בלבול!
„כל ישראל" האבען אויסגעטראכט אנטיסעמיטען...

16.

איז עס אמת?!

זיץ איך מיר אין א ווינקעלע און קלייב שטילען נחת.
גובר געווען!
די ווארשעווער אידישקייט האט עקזאמען באלעגט.
דאס אידישע ווארשוי האט צו ווייסען געטאן ווען מען דארף:

אז די, וואס האלטען נאך צופעליג די לייצען אין האנט, זענען פארט נישט איהרע מנהיגים.

אז דאס אידישע ווארשוי זאגט זיך פאר קיין פאל נישט אפ פון איהר בלוטיג-מענשליכע רעכט.

אז דאס קליינע ביסעל אידעלעך, וואס האט זיך אפגעטיילט פון דער עדה, ביי דער ערשטער קרייציגונג פון די פוילישע אינ־טערעסען, לויט ווי דמאווסקי און קוכארזשעווסקי פארשטעהען זיי, מיט די אידישע אינטערעסען, — מיט די אלגעמיין פרייזיניג מענש־ליכע, —

אז דאס קליינע ביסעל אידעלעך, וואס איז באלד פארציטערט געווארען, געקרעכצט שטילערהייט: אוי לי מיצרי, — פאר'ן פריץ, וואס האט מיך באשאפען, פאר א לייט געמאכט, אין פאדערהויז צו זיך אריין אריינגעלאזט און אויף דער ווארשעווער כנסת־ישראל רייטענדיג געזעצט און איז „אפגעשטאנען" —

אז דאס קליינע ביסעל אידעלעך, וואס האלט דאס אידישע ווארשוי פאר טכוירען, פאר האזען־פלייש און איז זיי מבטל כעפרא דארעא —

און אז דאָס נאָך קלענערע ביסעל פון קליינעם ביסעל, וואָס האָט איין זיך מיט אמאָל גובר געווען דאָס יהדות, אפּגעטאָן די בושה און איז געגאַנגען וועהלען קוכאַרזשעווסקי'ן — —

אַז דאָס קליינע ביסעל איז אין די אויגען פון אידישען וואַרשוי — פאַררעטער.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

קיין פּעטערבורג פון וואַרשוי, טראַכט איך מיט נחת, וועט פּאָהרען א איד.

די „מנחה לעשו" איז נישט אַנגענומען געוואָרען. די נאַריש־קייט, וואָס מיר זענען באַגאַנגען, האָט קיין שלעכטע רעזולטאַטען נישט געהאַט.

מילוקאָוו'ס איינרעדעניש, אַז סוף־כל־סוף וועט זיך געפינען אין דער צאָהל פון די פּוילישע וועהלער כאָטש איין פּראָגרעסיווער, וואָס וועט פאַרשטעהן, אַז עס איז אבסאָלוט אוממעגליך צו פאַר־לאַנגען פון א פאָלק, עס זאָל אקצעפּטירען און באַפאָלמעכטיגען זיינע פיינד, אויף זיין פאָהיבעל, און וועט אונז פאַרבינדליך מאַכען דאָס געגעבענע וואָרט—

מילוקאָוו'ס איינרעדעניש, טראַכט איך, איז נאַריש! אין פּע־טערבורג ווייסט מען נישט, ווער עס האָט היינט אין פּוילישען וואַרשוי; אין וועמענס הענט עס איז אריינגעפאַלען די פּוילישע געזעלשאַפטליכע מיינונג, וואָס פאַר א פאַרביסען־שוואַרצע עס פיה־רען דאָס רעדעל.

קיין פּראָגרעסיווער מענש וועט זיך צווישען די פּוילישע אויס־געוועהלטע נישט געפינען!

פאָהרען — טאַנץ איך איבער דער שטוב — וועט א איד!

— ווער?

איך שטעל זיך נישט אָפּ. מיר איז דערוויילי אַלץ איינס ווער. איך קען דאָס מעהרסט אידישע וועהלער נישט; און וואָס איז דער אונטערשיד, ווער עס וועט זיך מוסר נפש זיין און געהען אויף פּיין און לייד, אויף חרפות און בזיונות, אויף אויסהערען בלבולים און לשון־הרע!

אָבער א איד פאָהרט, א איד!

האָבען אָבער מענשען נאָר מיט מענשען צו טון, און שרייבער — מיט רוחות אויך, מיט רוחות, וואָס זיי אליין באַשאַפען!

צווישען טאג און נאכט. איך זיץ אין מיין שטיל ווינקעלע און קלייב, ווי געזאגט, נחת. שיילט זיך מיר פון דער קעגענאיבערדיגער וואנט ארויס דער בדחן; א רוח, וואס איך אליין האב באשאפען.— דער בדחן פון „ביינאכט אויפ'ן אלטען מארק,“ שיילט זיך בולט אויס און לאכט מיר אין די אויגען אריין:

כי־כי־כי! כי־כי־כי!

און הייזעריג פייפט ער:

— א איך וועט נישט פאהרען, נישט פאהרען!

און רייסט זיך באלד אינגאנצען אפ פון דער וואנט און הויבט אן ארומצוטאנצען אין שטוב און רייסט פון זיך די ברייטע און לאנגע שלאף־מיץ פון קאפ אראפ, און פאכעט מיט איהר אין דער לופט:

— נישט פאהרען! נישט פאהרען!

און קומט צו נעהנטער צו מיר צום טיש, און שטרעקט אויס די פלאכע לינקע האנט און טייט אויף מיר מיט דער רעכטער:

— אט דא וועט מיר האר אויפוואקסען!

איך שטוין:

— משוגע, מטורף!

— דאס מזל — זאגט ער — האט אייך א בלינדע שקאפע צוגעפיהרט, א בלינדע צופעליגע מעהרהייט; נאר ארויסשפרינגען און רייטען וועט איהר נישט! בעזעם־רייטער, פרינצעסען־רייטער, — דאס זענט איהר, אבער נישט מעהר!

דער צארן נעמט מיר דאס לשון אפ, און ער רעדט ווייטער:

— א בינטעל שטרוי האט איהר אנגעצונדען! האט עס אויס־געפלאמט, אויסגעברענט, אין װארשעווער גאס איז נאך א רויך! שטיקט איהר אייך אין רויך!

און נאך א ווײלע:

— הערסט?

און איך הער א קלאנג פון גאס.

— דאס — זאגט ער — האבען אונטערגעשיקטע שקצים'לעך אויסגעהאקט א אידישע שויב! ח"ו גדולים א שויב! אט נאך איי־נע אויסגעהאקט. נאך איינע!

קיין ערנסטע פאגראמען וועט מען דא נישט מאכען. אבער עט־ליכע שויבען האקען, איבערשרעקען, אדרבא!... און ביי יעדער גע־

האקטער שויב וועט ביי א אידישען וועהלער דאס הארץ פארצי־טערען!

— פארוואס?

— הערסט דאך, ח"י גדולים א שויב! ח"י גדולים איז געלט! ווייסט, וואס געלט איז טייטש? ווייסט, וואס געלט באטייט? מיינסט, אז אלע וועהלער וועלען מפקיר זיין ח"י גדולים געלט?

— נאר! — שפרינג איך אויף מיט שוים אין מויל, — אזוי רעדט מען פון קדושים'ס אייניקלעך? פון מזרע נהרגים ונטבעים ונשרפים על קדוש השם?

גרינזט ער:

— אמאל איז געווען! און ווייל אמאל איז געווען, איז היינט נישטא! די גרויסע, די הויכע, די שטארקע זענען אומגעקומען על קדוש השם: דערטרונקען געווארען אין אלע ימים, אין אלע טייכען און וואסערען; גע'הרג'עט געווארען אויף אלע מערק, אויף אלע וועגען, אין אלע גאסען; פארברענט געווארען אויף אלע פייערען. און געבליבען זענען — האזען, טכוירען און ווערעם... האזען, וואס ציטערען, וועז עם קלינגט א שויב... טכוירען, וואס קאנען זיך שי־צען נאר מיט'ן שלעכטען ריח, און ווערעם, פאר וועלכע דעם פריצ'ס שטיוועל איז עקסטרא באשאפען געווארען, ער זאל זיי טרעטען. טרעטען, שטענדיג טרעטען. — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

איז עס אמת?
עס איז משוגע צו ווערען! זאגט: איז עס אמת?!

17.

בלאף.

זיץ איך מיר און לעז — א בינעזישען לינקען...
די היימישע זענען פון דער מאדע ארוים!
לעז איך, נאטירליך, אין דער איבערזעצונג:

„וואס נידעריגער עס פאלט א פאלק, אלץ דרייסטער און העכער הויבען די לערע קעפ זיינע אוזורפאטישע פארזארגער!

„וואס דערשלאגענער און שטילער עס ווערט א פאלק, אלץ שרייענדיגער און לארמענדיגער ווערען, אויף שרויפען פון עזות און חוצפה, געשמירטע מיט רכילות און לשון־הרע — די מיילער פון די רעדעל־פיהרער, וואס פאשען זיך אויפ'ן חשבון פון געשווירענע שאף."

און —

„וואס ארעמער, דארער און מאגערער עס ווערט א פאלק, אלץ געוויקסיגער און פעטער ווערען זיינע נישט געבעטענע אפוטרופסים, וואס לעבען פון זיין חרפה, און פיטערען זיך מיט זיין שאנד..."

דערמאן איך מיך אן דער נאראדאווער „דעמאקראציע" און— דער „קאנצענטראציע"... —

טראכט איך, קלעפען זיך מיר די אויגען, צי חלומ'ט זיך מיר — — נישט פון רוחות אליין ליידט א שרייבער; נישט מינ־דער פון חלומות.

חלומ'ט זיך מיר א בלאף:

די קאנצענטראציע וואקסט, וואקסט און וואקסט, ביז זי איז אומגלויבליך דיק און פעט, און הויך געווארען. שטעלט זי זיך מיט א רייט־בייטשעל אין דער האנט, אויף דער קראקאווער פאר־שטאדט, מיט'ן רוקען צו מיצקעוויטש'ן, ער זאל נישט זשענירען!

שטעהט זי אזוי, קומען צו איהר, פון נאלעווקעס און דזשיקא גאסען, פארשטעהער פון די „סעמיטישע" וועהלער; בוקען זיי זיך זיבען מאל און ווילען איהר דערלאנגען א מגלה, מאראליש־פאלי־טיש פארפאסט!

אין חלום בינדען זיך אזוינע ווערטער אויך!

מאכט די נאראדאווקע מיט עכט־פריצישען בטול אוועק מיט דער האנט, און ווייזט מיט'ן רייט־בייטשעל צו די פיס:

— צו די פיס, אידעלע, קריך צו! אויף אלע פיער!

גלייכען זיך אונזערע פארשטעהער אויס, און רופען, די גאנצע קראקאווער פארשטאדט זאל הערען:

— אונזערע הענט זענען ריין! אונזער ווילען איז פריי!

און קערען זיך אפּ, און מאַרשירען צוריק אין קראשינסקי׳ס גאַרטען אַריין, וואו מען וואַרט אויף זיי...

על נהרות בבל — טפו, ווי עס מישט זיך אוים אין א חלום! אַרום וואַסערל אין קראשינסקי׳ם גאַרטען שטעהען — די וועהלער. רוהיג הערען זיי אוים דעם „ענטפער“, וואָס מען האָט זיי געבראַכט, הויבען די הענט אויף צו די וואָלקען און שווערען, טאקע ווי אַמאָל ביי די טייכען פון בבל:

— זאָלען אונז דאַרען די הענט, אויב מיר וועלען נישט וואַרפען קיין שוואַרצע רעשליך קוכאַרזשעווסקי׳ן, און פאַרשוואַרצט זאָלען ווערען אונזערע פּנים׳ער, אויב מיר וועלען נישט געבען דעם אונזעריגען קיין ווייסע!

אַפּגעשווירען געהען זיי ליתר תוקף ועוז אויף אַן אסיפה אונטערצושרייבען די שבועה —

זיי ריהרען זיך פון אָרט, שפּרינגט שטילערהייט אַפיר פון אונטער אַ באַנק ביים וואַסערל, וואו ער האָט אַלץ געהערט, איז בלאַטיגע קליידער און אַ צונויפגעדרעהטען צילינדער — דער קאַפּעלמייסטער פון דער אַסימילאַטאָרישער קאַצען־מוזיק, שפּרינגט אויפ׳ן בערגעל פון גאַרטען אַרויף, כאַפּט אַרויס אַ קלינגענדיגען בייטעל פון טאַש און רופט, די אַפּגעהער זאָלען הערען, איבער די אייזערנע שטאַכעטען אַרוים:

— פינף טויזענט רובעל פאַר אַן אָפּטריניגע שטים, דרייסיג טויזענט פאַר זעקס!

און קלינגט מיט׳ן בייטעל אין דער לופט.

דערהערען עטליכע הינטערשטעליגע און שטעלען זיך אָפּ.

דער בייטעל קלינגט און זיי זאָגען: שלעכטע צייטען, פּראַטעסטען! —

— דער גראָשען איז כשר!

— הלמאי זכה־בגורל געלט!

און געהען צוריק און פאַרשווינדען צוזאַמען מיט׳ן קאַפּעלמייסטער — — —

און —

קוכאַרזשעווסקי פּאַהרט!

כאפּ איך מיך אויף: בלאָף!
נישט מען גיט פון יענער זייט, נישט די זייט וועט נעמען...
דרימעל איך ווייטער איין, חלומ'ט זיך מיר: ווייטער בלאָף!

18.

ווייטער בלאָף.

חלומ'ט זיך מיר ווייטער:

קוכארזשעווסקי פאָהרט; די גאַנצע קאָנצענטראַציע, ווי איין מענש באַגלייט.

ששון ושמחה אויפ'ן פּעטערבורגער וואָקזאַל; געקוויטשעריי און שאַמפּאַניער, ווי וואַסער, און קלינגענדיגע טאָאַסטען:

— קאַכאַמי שען!

— ניעך זשיע מאַרקאָוו, אונזער שטאָלץ אין די ווייסע האַנט־שוה.

— ניעך זשיע נאַראָדאָווא דעמאָקראַציא קאָנצענטראַציא...

— ניעך זשיע ענאַאיזם נאַראָדאָווי!

— ניעך זשיע — קרעהט אַריין אַ הענדעל.

איך דערקען די שטימע פון הענדעל. דאָס איז די שטימע פון אַן איינציג מעגליכען איד, וואָס האָט געהאַט, האָט, און וועט שטענדיג האָבען — — — צוטרויען!

און — צוטרויען פאַר צוטרויען.

און ליעבע און באַוואונדערונג.

זיין נאָמען קלינגט אין אַלע וואַרשעווער גאַסען, איבער דער גאַנצער לענג פון דער ווייקסעל. זיין לויב זינגט דער זאַמד־שלעפּער אויפ'ן שיפעל, אוןביים אַנלאַדען, און ערשט דערנאָך אין הויף ביים צוטראַגען די זעקלעך. קומט אַ קאָמערינקע — באַגלייט זי דאָס ליעד מיט אַ ברען! דאָס ליעד זינגט אויך דער פריזירער ביים מאַניקירען, און דאָס פרעס־מיידעל ביי מאָטילדען, ווען זי פּרעסט אייער קראַגען און מאַנזשעטען. באַקומט איהר זיי מיט

פלעקען, — וווייסט, דאס זענען טרערען פון ליעבשאפט צום איינ־ציגען איד מיט צוטרויען!

איהם האט מען איינגעלאדען; ער איז געקומען! ער זיצט צווישען עולם, א מחותן צווישען מחותנים.

מען פארגעסט איהם אפטמאל אנצוגיסען — זופט ער פאמע־לער, עס זאל נישט פעהלען! פארגעסט מען זיך מיט איהם אנצור־שטויסען, שפרינגט ער אליין מיט'ן האלב לערען בעכער אויפ'ן טיש ארויף און וויל רופען:

— קאכאמי שען!

און קוקט זיך אום, זוכט מיט די אויגען, מיט וועמען זיך אנ־צושלאגען, מיט וועמען זיך צו קושען, — לאזען זיך, וואו ער ווארפט זיין בליק, די אויגען אראפ און די וואנסען הויבען זיך שפיציג אויף, ווי די שפיזען! ווערט איהם די מוטער־מילך געדונען, אנטלויפט איהם די נשמה אין שפיץ־קנעבעל אריין, שלאגט דאס הארץ — א שרעק! דרעהט זיך די צונג איבער. שרייט ער אויס:

— לחיים!

א געלעכטער, א קאסקאדע געלעכטער.

פאר דאס — אויף די נאלעווקעס — חשד!

גרימצארניג ברוינע פנים'ער געהען ארום... אויגען פינסטערע.

דער עולם ברומט: פארקויפט! פארראטען!

עמיץ רופט אויס:

— א טויט די פאררעטער!

— נעמט שטריק, געהט, בינדט זיי, און ברענגט זיי אהער!

משפט'ן זאל די גאס!

און די באריהמטע גמינא־וואהל־פאטשער צולויפען זיך, קומען צוריק און ברענגען אויף די שטריק נישט מעהר

— ווי פינף!

— דער זעקסטער, — ראפארטירען זיי, — איז, ווי מיר האר־בען נאר אנגעקלונגען, געפאלען א טויטער!

ברילט דער עולם:

— כן יאבדו!

און מען נעמט די פינף פאררעטער... און מען חענגט זיי אויף

אויף פינף לאמטערן. לעשען זיי זיך אויס, די פינף, פאר דער צייט.

זיי שעמען זיך צו זיין תליות פאר אזעלכע לייט!

הוידען זיי זיך, וויגען זיך אויף די שטאנגען פון אויסגעלאַ־שענע לאמטערן.

דער עולם ארום — שטיל...

וועקט מיך די שטילקייט, כאפ איך מיך אויף, דרימעל צוריק איין און עס חלומ'ט זיך „נאך מעהר בלאף".

10.

נאך גרעסערער בלאף.

חלומ'ט זיך מיר:

אין „נאווא גאזעטא" איז א באל.

דער לאקאל — אילומינירט.

און די פענסטער — טראנספאראנטען!

אויף די זייטיגע: „ניעך זשיע נאראדאווא קאנצענטראציא" און „ניעך זשיע אסימילאציא!"; די צווייטע וויל זיך עפעס נישט ברענען!

אין דער מיט: קוכארזשעווסקי אויפ'ן פערד!

אזוי רייט ער, ווי דער הייליגער יערזשי, — קיין פעטערבורג!

אויפ'ן וועג רייט ער איבער א ליטוואק. מיט דעם שפיז אין דער לינקער האנט שטעכט ער דורך א ציוניסט אין סאמע מגן־דוד. וואס ער טראגט אויפ'ן הארץ. אין דער צווייטער האנט א פאהן: שלאכטא!

און אינעווייניג ווימעלט פון געסט. דאס זענען די אהין נישט געבעטענע; מאכען זיי זיך זייער יום־טוב אפארט. א גרויסער יום־טוב!

נישט דערלאזט צו לקוי חמה! די אידישע לבנה זאל פאר־שטעלען די פוילישע זון!

אַ חורבה וואָלט געוואָרען: וויפיעל געמישטע משפּחות וואָל־טען זיך צופאַלען, ווי זאמד! וויפיעל געלט־שרענק וואָלטען לער געוואָרען!...

און — מיט דאַמען געקומען.

און געקומען איז דער גאַנצער שטאַב פון „איזראַעליטא", דער „נאָווא גאַזעטאַס" שוועסטער. אַ עלטערע, אַ שוואַכערע; קוים זי עטעמט. ערשט נישט לאַנג אויפגעשטאַנען פון דער הינער־פּלעט. פון דעם זשידאָווסקי אָרגאַן אויף דער לעש — קיינער נישט גע־קומען. געה, געטרוי אַ ליטוואַק! געהייסען דרוקען וואָהל־אויפרו־פען, זאָגט ער: לאָו! אַרוים די אידישע מעהרהייט, האָבען זיי גע־טאַנצט! פאַר דאָס —

עטליכע קאַפּאַטקעלעך פון הייליגען גרזשיבאָוו!...

מען פאַרגעסט זיי אָנצוגיסען. אַלץ איינס! זיי גיסען סיי־ווי אין בוזעם אַריין: ייִן נסך! מען פאַרגעסט זיך מיט זיי אָנצו־שלאָגען! בע! פאַר דאָס בליצט צו פון צייט צו צייט אַ ליעבער דאַמען־שמייכעל; ווערעמלעך קריכען איבער'ן לייב! געהט דורך איינע און ריהרט, נישט גערנוויליג, אָן מיט דער בלויזער האַנט, — אַ היץ געהט דורך די ביינער!

ווערט התלהבות, ווערט אחדות, גרילט מען מיט:

— נאַ פּאָהיבעל ציוניסטאָוו!

— נאַ פּאָהיבעל ליטוואַקאָוו!

— ניעך זשיע אַסימילאַציאַ!

און עס ווערט בגלופין; פאַלען פּלוצלונג שליחים אַריין:

— די נאַלעווקעס האָבען אויפגעהאַנגען פינף פאַרקויפער!

כאַפּען זיך אַלע אויף פון די שטולען, אויסער איינעם, וואָס איז שוין לאַנג אונטער'ן טיש געלעגען, שפּרינגען זיי אויף. שמע־טערען די כוסות, כאַפּען פון די רעדאַקציע־טישען פּענעס, שנייד־מעסער, שערען... דאַמען — די נאָדלען פון די הוט, די טאָפּעלטע — פון די האָר אַרוים...

צעפּ פאַלען צו דער ערד, הויבט מען זיי אויף, אָנשטאָט בייטשלעך...

און מען לויפט —

— די געהאַנגענע אָפּצושניידען!

די טויטע באגראבען אין דער הויפט־אליי, אויפ'ן קהל'שען חשבון!

— די לעבענדיגע דערמינטערען! און — זיך נוקם זיין אן די נאלעווקעס!

לויפען זיי... קומען זיי... ווערען זיי באגעגענט. קומט באלד אן די גיכע הילף, פיהרט מען אפ: ווען אויפ'ן הייליגען ארט, צו די פאמיליען־גרעבער, ווען אין פראסעקטאריום, ווען אין שפי־טאל אריין...

די גיכע הילף פאהרט צוריק, דאס אויטא פייפט, די טראמ־פייט בלאזט...

און אויף דעם פעטערבורגער וואקזאל רוישט!

מען קלינגט, עס פייפט. דער צוג ריהרט, קוכארזשעווסקי אפ!

הונדערטער טיכער געוועהט. די זיגער — די קאנצענטראציע געהט צוריק.

ויבא הפליט — קומט אן אנטרונענער פון די נאלעווקעס, און דערצעהלט, וואס עס איז געשעהען.

פלאמט דער גרימצארן אויף; לויפט מען זיך נוקם זיין. ווי שאמפאניער וועט גיסען בלוט!

יונגע לייט רופען:

נישט אויף אלע גיסט אייער געדעכטעז צארן אוים!

זיי בעטען זיך:

— חסיד'ישע טעכטער לאזט געמאך! קעמען זיך אזוי פיין! די פיינסטע פערפומעס, און בלאסע אזוינע... און אלע לעזען פשי־בישעווסקי און זשעראמסקי, און אלע זענען פארליעבט אין אסטער־ווא... און אויגען האבען זיי, ווי די גאזעלען, און אזוינע ברעמען לאנגע און אזוינע שאטענס אונטער די אויגען...

הערט מען זיי נישט.

— האט רחמנות — קרעהט דאס הענדעל, — אויף קינדער אין די וויגען! זיי האבען נאך צומרויען! פון זיי וועלען פאטריא־טען וואקסען, פאטריאטען, ווי איך!

הערט מען נישט —

דער צארן פלאקערט!

אין א צייט ארום:

איבער די גרינע חורבות פון די נאַלעווקעס יאָגט זיך ד׳מאָווס־קי וסיעתו נאָך העזה...

כאַפּ איך מיך אויף: בלאָף.

בלאָף שבבלאָף!

און דרימעל ווייטער איין, און עס חלומ׳ט זיך ווייטער בלאָף.

„בלאָף מיט פּליאַקעס!“

20.

בלאָף מיט פּליאַקעס.

חלומ׳ט זיך מיר:

אויפ׳ן גאַניק פון ראַטהויז זענען פיער מאַן אַרויס. דריי בלאַ־זען טראָמפּייט, דער פיערטער רופט אויס:

— קוכאַרזשעווסקי האָט גע׳פּועל׳ט פּאָר אידען אין וואַרשוי גלייכבאַרעכטיגונג. זאָלען זיי קומען און דאַנקען!

קומען זיי...

פיער אידען קומען: דער איינציגער מעגליכער איד מיט צו־טרויען.

דער איד פון אונטער׳ן טיש.

דער קאַפּעלמייסטער פון דער קאַצען־מוזיק, וואָס האַלטען זיך שטענדיג פון וויַיטען.

און —

דער פּליט, וואָס איז אַנטרונען געוואָרען פון די נאַלעווקעס און איז געקומען אַנזאָגען אויפ׳ן פּעטערבורגער וואָקזאַל.

בוקען זיי זיך.

דאַנקען.

דער עולם אַרום קוקט אויף און ברומט:

— די לעצטע... די בעסטע...

און צוגעהט זיך.

די פיער צדיקים פון ליטווישען סדום, וואָס האָבען סדום נישט אָפּגעראַטעוועט, בלייבען שטעהן...

וואוהין געהט מען?

אין טעאטער אריין? פארמאכט! פיער מאל אין יאהר עפענט מען עס, געהט: „אבאראנא משענסטאכאווי“...

אין פילהארמאניע? געשלאסען! אמאל אין א יאהר שפּילט מען נאסקאווסקי...

אין א קאנדיטאריי? פארהאמערט, באנקראט!

בערזע אויך!

די קונסט־אויסשטעלונג וויל מען איבערמאכען אויף א צירק!

און דאך געהען ערגעץ מוז מען!

מען מוז באגיסען די גלייכבארעכטיגונג...

האט ווער געלט?

זוכט מען אין די טאשען — לער. מען דרעהט זיי איבער — לייוועגט!

קרעהט דאס הענדעל:

קומט אויף דער לעש. צוטרויען פאר צוטרויען; איך האב קרעדיט אין סלאוויאנקא...

גאר־קיכען זענען געבליבען, געהט מען.

אויף דער לעש שטעלט מען זיך אפּ ביי א הויז.

דאס הענדעל קרעהט ווייטער.

— א היסטאריש הויז.

דריי מינעס — דריי פראגעצייכען.

— געווים.

דא איז אונזער זשארגאנישע צייטונג געווען! גלייך מיט אלע אונטערגעגאנגען... איין צווי גראשענדיגע געבליבען... ווער לעזט? מיר פיער לעזען.

— איז דא געווען די רעדאקציע...

אין שטוב אויף דער וואנט שטארט נאך א שווארצער פלעק!

— פון וואס?

— פון טינט. א מיאוס'ע מעשה געשעהען: מיר הייסען אפּ־דרוקען א פארוואהל־פראקלאמאציע, דער רעדאקטאר, א ליטוואק, זאגט: נייז, בעטלען וועט ער געהן, און דרוקען וועט ער נישט לאזען!

כאפּט אונזער אומפארגעסליכער דאקטאר...

ער שטאמעלט, לאזט אראפּ דעם קאפּ פארשעמט און זיפצט:

— דעם נאמען פארגעסען! פון א צייט צורינגען מיר די גע־הירען...

— און געמאן וואס האט ער?

— ווי לוטער אין זיין צייט! דעם טינטער געכאפט, צום רע־דאקטארס קאפ געווארפען, געטראפען — דער וואנט!

עס ווערט איינשטימיג באַשטעטיגט:

— א היסטאָריש הויז!

— א היסטאָרישער פלעק!

— מען וועט דעם אידישען לוטער אייביג נישט פארגעסען!

און מען ריהרט זיך און מען געהט אין סלאוויאנקע אריין עסען ביליג, אויף קרעדיט פאר צוטרויען — פליאקעס.

21.

פ ר א ג ע ן.

טוט מיר אז, — בעט איך מיך ביי די היגע אומות העולם,— טוט מיר אן געברווינטע לייד, נאר זאגט מיר קיין מוסר נישט, רעדט נישט פון יושר, פארשוועכט נישט מיט פאָליטיק דאָס וואָרט: אי־דעאַלען!

לעג דיך אליין און שמיים דיך אַפּ אליין — דאָס איז אייער מאָראל! אייער יושר האָט איהר געוויזען אין ווילנא.

און אידעאַלען...

אידעאַלען, ליעבע לייט, שטאַמען פון וועלט־אנשויאונגען. אי־דעאַלען זענען — רעליגיאָן אדער פילאָזאָפיע, — פעלקער, וואס שטאַמען פון דער ערד און בינדען זיך מיט אינטערעסען, האָבען — אפּעטיט!

די מיטעל — קריג און פאָליטיק.

שינקע פון א בער איז א מאכל: לויפט אבער נאָך דער בער ארום אין וואלד און טראָגט נאָך די הויט אויפ'ן לייב — אז אידעאל!

דאס אידעאל צו דערגרייכען, געהט — אלץ איינס נמרוד צי עשו — אין וואלד אריין מיט בלי־זיין. דאס איז קריג.

אדער מען גראבט פאר'ן בער גריבער, און מען פארדעקט זיי מיט צווייגען און בלעטער, אדער מען שטעלט פאלען. — דאס הייסט — פאליטיק!

איך קאן דעריבער אכטען דמאווסקי'ן. דעם פראפעט פון נאציאנאלען עגאאיזם... אן אטאוויסטישע ערשיינונג, אן אלטער חלום האט זיך אויפגעכאפט, אן אלט שלאכעצקי רייט־פערד, וואס פיהרט שוין יאהרען־לאנג וואסער, האט דערהערט א טראמייטעל אין אייראפא, און ווען עטוואס ווייטער — פלאמען די אויגען אויף, שטעלט עס זיך אויף די הינטערשטע פיס, שלאגט עס רעכטס און לינקס מיט די פאדערשטע!

איך באקום אין זייט און נעם אן, ווי ווייט מעגליך איז, — פאר ליעב!

ווערט מקוים, טראכט איך, די גאנצע תוכחה, ווערט אויך מקוים ווערען „וזאת הברכה.“ שלעכטע צייטען מוזען אריבער, און איך גלויב אין מיין לאנג לעבען, און אין מיין איבערלעבען אלע אלטע שלאכעצקע פערד!

ערגער איז, ווען דאס יונגוואַרג פון דער „פראוודא“ גיט מיר א מאראלישע לעקציע.

— פע, אידעלע! דו ווילסט זיך באנוצען מיט א צופעליגקייט? וואלטען אבער די וואהלען דעמאקראטיש געווען?

ווייסט דען נישט דאס יונגוואַרג פון דער „פראוודא“, אז לויט יושר, דארף געזיכערט ווערען דאס רעכט פון דער מינדערהייט און אונז קומט עטליכע מאנדאטען פון פוילען?

ווי לאנג איז, אז שווענטאכאווסקי האט עס גע'דרש'נט, און דאס יונגוואַרג, באגייסטערט און אויפגעפלאמט, ווי בונטען שטרוי — בראווא געפאטשט?

און ווייסט דען נישט דאס יונגוואַרג, אז ווען דעמאקראטישע וואהלען, וואלט קיין איינציג לער פאס, וואס רוישט אזוי, געקאַלערט דורך גראבע הענט איבער די גאסען, פון פינסטערען קעלער נישט ארויס, און נישט געקלאפט, — און עס וואלטען זיך אנדערע רעדען געהערט און אנדערע נעמען אויסגערופען?

דאס איז אבער פאליטיק. און חזר'ט עס איבער אונזער אסי־מילאציע, ווערט שוין גאר עקעלדיג.

צי האט זיך אמאל עמיצער פון די „מוסר'ניקעס" אפגעזאגט פון א מאנדאט אין קהל, ווייל די וואהלען זענען נישט דעמאקראַ־טיש, נישט ליבעראל אפילו?

דאס אלץ זענען אבער נישט קיין ערנסטע פראגען. וואס קאן מען פארלאנגען פון יונגווארג, וואס האט נישט דעם מוט צו בלו־טיגען מיט דער יוגענד און איז יוצא מיט מויל־ווערק, מיט איבער־דרעשענע אלטע ליבעראלע פראזען... און וואס קאן מען פארלאנגען פון מענשען, וואס זענען נאר שאטען פון אנדערע, און אמאל גראַ־מאפאנען, אין וועלכע עס רעדט אריין דער פריץ...

פאראן אבער אן ערנסטע פראגע:

די לינקע ווילען פון חסידים, נאציאנאליסטען און ציוניסטען קיין נדבה נישט...

עס איז אפילו נישט מעהר, ווי אונזער נאראדאווע קאנצענ־טראציע, אלס אפווער קעגען אנטיסעמיטיזם, אלס רעטונג, אלס די איינציגע מעגליכקייט, נישט צו לאזען זיך טרעטען, אלס דער איינ־ציג־מעגליכער פראטעסט קעגען: „לעג דיך און שמיים דיך אליין"...

אבער פארט אונזער קאנצענטראציע...

ווי וואלט אבער געווען, ווען די „נדבה," אונזער פטור צו ווע־רען, גיט יענע קאנצענטראציע?...

און נאך אן ערנסטע פראגע:

„איינס און דריי" צוזאמען איז פאר אונז א געפעהרליכע ציִ־פער. זיבען — א ליגען; דרייצעהן — נישט מזל'דיג, — וואס וועט ווערען פון זעקס און פיערציג?...

נישט חרפות ובזיונות?

22.

אונזער דאנקבארקייט.

אונזער בעל־הבית, פארלאזט פון זיין אינטעליגענץ, האט דעם קאפ פארלוירען; פארראטען פון זיינע פיהרער — געבליבען, ווי א

בלינדע שאף, און טרעפענדיג זיך נאך אויג אין אויג דאס ערשטע מאל מיט פאליטיק, — איז ער גאר ארויס פון די כלים. ממש א לאסט־טיר, וואס טרעפט זיך דאס ערשטע מאל אויפ׳ן וועג מיט׳ן אויטאמאביל!

עס איז פאר איהר א חיה רעה. דאס שנויבען — גרימצארן. אט שלינגט עס איין.

שוין די פארוואהל־סטראשונקעס, וואס ווערען איבעראל אויס־געלאכט פון קינדער אין די וויגעז, האבען איהם ארייגעבראכט אין א פאניק. זוכט ער — רעכטס און לינקס נאך הילף, — בליצט דורך א גערדאנק:

— יאגעלא!

קוים געטראכט, באווייזט זיך שוין פון דער זייט א מאניפעסט:

„מיר ווילען ביי ציוניסטען, חסידים עט־צעטרא קיין נדבה נישט נעמען!"

ווער האט עס געזאגט?

ווער האט דעם שווימענדיגען אין ים, וואס איז (און ווען אפילו אומזיסט און אומנישט) איבערגעשראקען, געטרויט נישט זיין אייגענער קראפט, — ווער האט איהם דאס ברעט, אז װעלכען עס קלאמערען זיך זיינע פינגער, פון אונטער די הענט אוועקגענומען און גערופען: טרענק זיך?

ווער האט געקאנט דעם נישט געוועהנטען, נאך שוואכען ראנגלער אין קאמף פאר זיין מענשליך רעכט טראציג אונטערשטע־לען א פוס אויף דער גליטש?

ווער זענען די אויטארען פון מאניפעסט?

ווער איז דער „מיר"?

„יד ישראל באמצע!" איך בין זיכער: דאס האבען מיר גע־זאגט!

מיר — אונזער אייגען פלייש און בלוט, אונזער רויט ביסעל יונגוואַרג!

נאר מיר — נאר אונזער נישט דערוואקסענער, נישט אויס־געשטאכענער אינטעליגענט און האלבער אינטעליגענט, —

נאר אונזער „שרייענדיגער רעדעל־פיהרער", וואס מיינט, ער פיהרט, ווען ער ווערט גאר געשטופט; וואס נעמט שטענדיג מיט

בלויזע הענט קאשטאנען פון פייער ארויס, קיינמאל, נישט פאר־זוכענדיג דעם טעם פון א געבראטענעם קאשטאן...

נאר דער האט עס געקאנט זאגען! זה לעומת זה...

קעגען משרת פון דער הויף, שטעהט דער משרת פון אונטען.

דער קריסטליכער ארבייטער וועט דעם איד אין דער פאבריק, וואס ער האט פארנומען, אזוי לייכט נישט ארייגלאזען: ברויט איז, און בפרט אונטען, א קאנקורענץ־זאך!

אבער ער שטעהט אין קאמף און זוכט מיטהעלפער איבער־ראל, וואו מענשען קעמפען פאר זייער פרייהייט.

האט זיך דאך די פעטערבורגער סאציאל־דעמאקראטיע ער־קלערט אין ליעבע צו פוילען. געוואלט א שידוך שליסען, צוגע־זאגט נדן — די פוילישע באפרייאונג! און נישט מיט'ן פוילישען ארבייטער, און נישט מיט זיין ראדיקאל האט מען געהאנדעלט; זאך זיי אין פעטערבורג מיט ליכט! מיט'ן פוילישען מיש־מאש פון אלע פארטייען, נייציג פראצענט נאציאנאלע דעמאקראטען!

באפרייער זאלען אפשטויסען קעמפער, וואס קעמפען פאר גלייכבארעכטיגונג, דאס איז א נאנסענס, ביי קלארע געדאנקען, אן אוממעגליכקייט! דאס קאן נאר געשעהען ביי אונז, ביי אונזער געפאלענקייט, אונטערטעניגקייט — ביי גלות־משרתים!

דער קלאסען־קאמף קאן נישט און טאר זיך נישט שטעלען קע־גען באפרייאונג פון פעלקער. אין זיין טומעל דארף נישט דער־שטיקט ווערען קיין איינציגער וועה־געשריי פון אונטערדריקטע מענשליכע גרופען.

אפשטויסען אונזער האנט, און נאך איידער זי האט זיך אויס־געשטרעקט, האבען געקאנט נאר מיר אליין, נאר אונזער אייגען בלוט און פלייש, נאר אונזער אין גלות־פארווארלעסיגטע נשמה!

— — — — — — — — — — — — — — — —

משרתים פון אויבען (דריי הונדערט אונטערשריפטען), משרתים פון אונטען (דער מאניפעסט!) און אינמיטען א צושראָ־קענער בעל־הבית, וואס קאן, אויס לויטער נארישער שרעק, באַ־געהן —

פאררעטעריי!

א יוצר משרתים!

ווי די וואהלען וועלען נישט דורכגעהן, דיר, פוילישער פריץ, קומט אונזער דאנק!

אומעטום האט מען אונז געפלאגט, געפייניגט, געטריבען,— דו האסט אונז ווערעמיג געמאכט, פארוואַרלעסיגט!

23.

צופיעל.

איך האב גערופען אין שול אריין; יעצט וואלט איך גערופען: אין מקוה אריין!

ניין, נישט אין מקוה אריין! די מקוות אין ווארשוי זענען צו שמוציג, צו נעפעהרליך פאר'ן געזונט, און די פראגער — די נאַווע מקוה, גאט ווייסט, ווען זי וועט פארטיג ווערען. אפשר וועט מען זי שוין נישט דארפען...

איך רוף אייך צו דער ווייכסעל, צו אנדערע (ווי אש זאגט) רעדט זי פויליש, צו אונז — אידיש!

געהט אייך באדען צו דער ווייכסעל. איהר האט קנאפע דריי הונדערט ווערעם אויף אייער לייב.

קנאפע, ווייל פיעל אונטערשריפטען זיינען געפעלשט. לשם מצוה געפעלשט!...

אבער — צו דער ווייכסעל!

וואשט פון אייער לייב אראפ — די ווערעם! און אפשר — איך קאן אהן ספקות נישט לעבען, — אפשר איז עס נישט קיין ווערמיגקייט, נאר שרעק?

די אלט־אינדישע לעגענדע, נאך פון פאר בורא, דערצעהלט: אטמאן (דער אטעם — די נשמה — גאט) איז געווען אליין!

איינער אליין איבער'ן גאנצען נישט, איבער'ן גאנצען „גאר נישט" איבער אל דער לערקייט.

האט ער זיך איינמאל דערמאנט, אז ער איז איינער אליין, און האט א ציטער געטאן, א ציטער פאר שרעק...

פאר שרעק, וואס ער איז אליין, איינער אליין איבער'ן גאנ־צען נישט איבער'ן „גארנישט", איבער דער אומענדליכער לער־קייט...

האט אטמאן פאר שרעק די וועלט באשאפען!

ווי א שפין שיקט פון זיך פעדימלעך ארויס און באשאפט א געוועב ארום זיך.

ווי ליכטיגע קערפער שיקען ארום און ארום פון זיך שטראלען ארויס און מאכען ארום און ארום זיך א פיינע, ליכטיגע שטראלען־נעץ...

אזוי האט אטמאן די זאכען פון זיך ארויסגעשטויסען און מיט זיך ארומגערינגעלט, — די וועלט באשאפען.

און פון איינהייט איז פיעלקייט געווארען; פון איינהייט די מעהרצאהל געווארען...

פון א יחיד א חברה!

און חברה שרעקט זיך!

און אונזער אידיש־פוילישער אינטעליגענט, דער פאטענטיר־טער, ווי דער נישט פאטענטירטער, איז איינזאם; פון דאנען אוועק, אהין נישט געקומען.

די מוטער פארלאזט, פון דער אם געטריבען, איז ער אליין, שטענדיג אליין.

א לעבענדיגער פאראיינזאמטער יתום...

בלאנדזשעט ער ארום איינער אליין אינ'ם תהו ובהו, אין דער לערקייט צווישען צוויי פעלקער... צווישען פאלק, וואס די ווייכסעל ברומט צו איהם פויליש, און צווישען פאלק, צו וועלכען די ווייכסעל ברומט אזוי מוטערליך אידיש.

און איינזאמקייט איז — שרעק!

ציטערט מען פאר א בלאט, וואס איז מיט דרוק־פארב באַ־שמירט; ציטערט מען פאר פאפירענע שלאנגען...

און וועלטען פון זיך ארויס באשאפען, פון זיך ארויס עפעס ארויסשטראלען, ארומרינגלען זיך מיט זאכען, מיט ממשות'דיגע זאכען, וואס זאלען זיין דער אויסגוס פון זיין „איך", פון זיין נשמה, פון זיין ווילען, — איז ער נישט אימשטאנד!

היברידען — לעבעדיגע וועזען, פון צוויי מינים צוזאמענגע־

שטימטע — זענען אימפאָטענט; היברידען זענען עקרים און עקרות. אין ערשטען, אין צווייטען, העכסטענס אין דריטען דור!

בלאָנדזשעט מען אַרום אין צווישען־פעלקערליכען תהו ובהו און מען ציטערט. די אימפאָטענטע נשמה איז איינגעהילט אין שרעק.

א געגנזענע הויט אויפ'ן לייב, אַ ציטער־שטראַל אין אויג און קני פאַרציטערטע...

אימפאָטענטע איינזאַמקייט איז שרעק; שרייבט מען אונטער פּראָטעסטען פאַר שרעק; ווייל מען פאַרראַטען פאַר שרעק.

אַבער — ווערעם צי מכווירען — קנאַפּע דריי הונדערט די צאָהל!

די „ראָלאַ“ זאָגט: ווענינ! די „פּראַוודא“ דאַנקט גאָט, וואָס אַזוי ווענינ; זיי קומט רעכט, בירגערליכע רעכט, און אויף דעם פלאַדען האָט זי געגוג. אייגענע מיילער!

פאַר אונז אַבער איז קנאַפּע דריי הונדערט — צופיעל!

24.

ב אָ י ק אָ ט.

אויף דער טאָגעס אָרדנונג — —
לאָמיר בעסער רעדען אידיש.

די פלאָג פון טאָג איז דער ב אָ י ק אָ ט. פאַקטען לאָזען זיך נישט מבטל זיין. פון פאַקטען טאָר מען נישט אַפּווענדען קיין אויג; נישט צודריקען.

אמת, די צווייטע זייט איז נישט אַזוי אויסהאַלטענדיג. און אַבוואָל דער אַפּעטיט וואַקסט, ווי דער פראַנצויז זאָגט, צוזאַמען מיט'ן עסען, זענען די ציין נישט אַזוי געפעהרליך שאַרף...

אַבער מען וואונט ביי אַ מייד און דאָס וואַסער הויבט זיך. טאָר מען נישט אַראָפּלאָזען די שלאַפמיץ איבער די אויגען און שלאָ־פען געהן. דער ווינט איז נישט געפעהרליך, דאָס וואַסער נישט

טיף, אָבער אונטערשוועגקען א הייזעל קאָן עס, און דאָס טאָר מען נישט דערלאָזען.

בפרט, אז די צייט איז א שלעכטע. א גראָשענדיגער חיזק — היינט איז אָבער א גראָשען — געלט!

און אויב מען וועט זיך נישט וועהרען, קאָן די צאָהל פון די, וואָס כאַפּען פיש אין טריבען וואַסער, זיך מעהרען און מעהרען... די צאָהל פון די, וואָס שלאָגען קאַפּיטאַל פון יעדער מהומה, קאָן וואַקסען...

דער אַרבייטער שטעהט פון דער ווייטען, דער ווירקליכער פּאַט־ריאָט פון לאַנד פאַרברעכט די הענט. ער זעהט די פיערטע צו־טיילונג פון פּוילען. אבער די האָבען אין יעצטיגען מאָמענט נאָך קיין דעה נישט. מען הערט זיי נישט. מאָרגען וועלען זיי קומען צום וואָרט.

הויבען אָבער אָן וואַקסען די צוריים־נעגעל ביי שוויענטאָ־כאָווסקי׳ן. ליפּאַצעוויטש שרייט:

— א הויז נאָך א הויז! א קראָם נאָך א קראָם וועלען מיר ביי אייך צונעמען.

די פּרעסע העצט. די צוויי־גראָשענדיגע צייטונג ווערט גע־לעזען. דער גיפט גיסט זיך... קיין גוטס הערט מען נישט.

אין „קולטורא פּאָלסקא“ האָט מען גערעדט פאַר און געגען. די שטימען פאַר אונז זענען פאַרשוויגען געוואָרען. די געגען אונז — געדרוקט איבעראַל.

רעכענט איהר, פוילייכט, פאַר גוט די ווערטער פון אַלטען פּריץ אין „קורירער פּאָלסקי“? ער איז א גוטער, דער אַלטער...

ער וויל די ליטוואַקעס דעם כבוד נישט אָנטון, ער זאָל צוליעב זיי אָפּטרעטען פון זיין קריסטליכער ליעבשאַפט!

ווילען מיר אבער, מיר, די אייביגע עקשנים, נישט קיין ליעב־שאַפט. ליעב האָט מען פליישׁ, קען און דאָסגלייכען צום אויפעסען. מיר ווילען גערעכטיגקייט, און די וועל׳מיר אַזוי לייכט און אָהן קאַמף נישט באַקומען. „באַרמהאַרציגקייט“ איז דאָס אידעאַל פון א שוים־הינטעל, וואָס ווערט פון רעשטלעך געשפּייזט. מיט דעם וויל זיך באַגנ־גען די אַסימילאַציע. זי וויל, זאָל זי נעמען קצבה... מיר מוזען זיך וועהרען!

אָבער וועהרען זיך, אָהן שרעק.

שרעק איז אפהענדיגקייט, הינער־פלעט, די רוהיגקייט פון א טויטען, אדער, וואס נאך ערגער איז, — דאס ווארפען זיך פון א חולה־נופל. מען שלאגט — מיט'ן קאפ אן דער ערד!... מען ווארפט מיט הענט און פיס, קיינעם נישט טרעפענדיג, אין דער לופט. א רויבער קומט אונז בארויבען, לאמיר איהם נישט צו־ווארפען אונזער געזונט, אונזער ענערגיע, אונזער ווילען, אונזער לעצטע פעהיגקייט צום אפוועהר.

מען וויל נעמען אונזער האב־און־גאב; די שרעק וועט אונז אויסזויגען דעם מארך פון די אדערען, בארויבען פון פארשטאנד! אזוי לויפען, ווען עס ברעכט אויס א בראנד, קיה און פערד און פייער אריין.

פאקטען מוזען באטראכט ווערען, פיקסירט ווערען קאלט, מיט קלארע, איינגעשפארטע אויגען. מען מוז זיי פארשטעהען!

און האט מען פארשטאנען, און ווערט דער דיאגנאז ריכטיג געשטעלט, איז שוין א האלבע געפאהר אוועק.

25.

אהן חרטה, אהן טענות.

אהן חרטה, אהן טענות, אזוי מוז באטראכט ווערען די לאגע.

חרטה איז איבערהויפט א נארישע זאך. „העטיד איז א פעטיד!“ — זאגט דאס אידישע ווערטעל.

היינט קאן מען אמאל האבען א דעה אויף מארגען; דעם נעכ־טען קאן גאט אליין נישט ענדערען.

האט אויך קיין טענות נישט; זוכט נישט קיין שולדיגע.

אמת, ווען די אסימילאציע וואלט זיך אזוי שענדליך נישט געוועזען אונטערגעגעבען, דערנאך אזוי פשט'עלדיג אויסגעטייטשט דעם באיקאט, אז ער איז נאר חל אויף א וואהל־קאמפאניע. אבער וועהלען מעג יעדערער קובארזשעווסקים, און ביז דער לעצטער רגע נישט איינגערעדט דער קאנצענטראציע, אז זי האט דרייצעהן וועה־

לער אין טאש — וואלט צו דעם אלעם נישט געקומען. די „קאנ־צענטראציע" וואלט פארשטאנען, אז עס איז אוממעגליך צו פאר־לאנגען פון אידען, זיי זאלען לאזען זייערע א שונא ווערען איבער זיי געזעצגעבער מיט אדער אהן זייערע שטימען. זי וואלט גאנץ גיך איינגעזעהען, אז וועהלען קוכארזשעווסקי'ן איז שענדליך. אבסטענירען, ווען מען קאן זיך וועהרען, — אפזאגען זיך פון וואהל־רעכט איז זעלבסטמארד, און נאכ'ן שטאלצען אויסרוף: „מיט אידען רעדט מען נישט", וואלט מען גערעדט! אין פאליטיק האנדעלט מען. אין פעטערבורג האנדעלט מען רעכטס און לינקס...

עס איז אבער קיין צייט נישט צו זוכען שולדיגע... „צייט איז געלט", זאגט דער ענגלענדער. צייט איז אבער מעהר; צייט איז גאט, צייט איז לעבען... לאמיר איבערלאזען די אסימילאטארען דעם נחת, אפצושיקען דעם באיקאטירטען אידען צו די נאציאנא־ליסטען... פון ארעמע לייט ווערט מען פטור אויף אלערליי אופנים, פאראן ערגערע...

און דער עיקר:

די וואהלען האבען נישט באשאפען דעם באיקאט!

שוין יאהרען און יאהרען, אז די באיקאט־טענדענץ באלעבט דעם פוילישען בורזשוי אויף אלע געביטען פון לעבען. דער באיקאט איז געפרעדיגט געווארען במשך פון יאהרען אויף אלע פוילישע פארזאמלונגען. אין זיין נאמען זענען געעפענט געווארען אלע פויליש־עקאנאמישע אינסטיטוטען. „אידען ריין" איז אלץ, וואס איז די לעצטע יאהרען באשאפען געווארען: די פאנטאטוויע, דער טראם... און אונזער „פעסטונג" — דער האנדעל איז שוין באלע־גערט פון אנגעלאפענע פון דארף אפגעקומענע פריצים, וואס ווילען עסען.

געשווינגען האט נאר די פרעסע. ערשט נישט לאנג יעלענסקי'ן. דעם ערשטען פיאנער פון אנטיסעמיטיזם, אין נאמען פון פראגרעס און מענשליכקייט אין חרם אריינגעלענט. געה יעצט און לעג א בלומענקראנץ אויף זיין קבר!

און וואס וועט זאגען „איירפא"?

היינט איז פעטערבורג די האפנונג. היינט ווערען אימפאר־טירט געדאנקען פון „נאוואיע וורעמיא". — דאמאלט איז נאך מאָ־דערען געווען צו וואס איינרייסען?

און צו וואס ארויסטרעטען עפענטליך, אז מען קאן שטילער־הייט? צו וואס וועקען דעם, וואס מען וויל באַרויבען, ער זאל זיך וועהרען? ווי שוואך ער זאל נישט זיין, א שאד די ענערגיע!

זענען געקומען די וואהלען...

דער פריץ איז בייז געווארען, שיכור פאר כעס, און וואס ביי א ניכטערען אויף דער לונג, איז ביים שכור אויף דער צונג. די מאסקע איז פון פנים אראפ. דאס וואסערל, וואס האט שטיל אונטער דער ערד אונזערע הייזער געשווענקט, האט זיך באוויזען! די מחשבות, דער „הבה נתחכמה", וואס מען האט געטראכט וועגען איך, זענען אנטפלעקט געווארען, ארויס, ווי בוימאויל אויפ'ן וואסער.

און אייגענטליך נאך פאר די וואהלען.

שוין די מעגליכקייט אליין, אידען זאלען האבען דאס ווארט ביי וואהלען, האט פאר'שכור'ט.

— „מיט אידען רעדט מען נישט!" —

דאס איז געווען דער רוף פון עק ביז עק, אין דער גאנצער קאנצענטראציע...

זאלען מיר חרטה האבען דערויף, וואס מיר האבען באקומען צו זעהען די האנט, וואס שלאגט, צו הערען דאס מויל, וואס לעסטערט? זאלען מיר באשולדיגען די, וואס האבען אריינגעטראגען ליכט, און וואס מען טראכט וועגען אונז און וואס מען טוט איז אנטפלעקט געווארען?

איבערהויפט די וואהלען דארפען אין אונזער געדאנק ליקווידירט ווערען.

נישט וועגען די וואהלען געהט עס.

דער באיקאט וועט שוואכער ווערען, די שארפקייט טעמפ...

אבער, דאס, וואס איז אנטפלעקט געווארען, וועט נישט פארשווינדען. עס וועט אריבער אין א כראנישע קרענק. א זומפ וועט ווערען. און אויב מיר וועלען זיך נישט ווערען, נישט שיצען. וועלען מיר אין איהם זינקען לאנגזאם, פאמעלעך. —

די „פראוודא" (וואו ערענבערג פון „קוריער פאראני" איז אריינגעטרעטען!) — דער טוב שבגויים, פרעדיגט שוין היינט:

— „אהן נקמה, אהן צארן!"

און א משל מיט צוויי בוימער:

„צוויי בוימער — זאָל זיין א דעמב מיט א בעריאָזע — וואַק־סען אויף איין שטיקעל ערד. וויל יעדער בוים, און ער מוז וועלען, זיין חיונה האָבען. וואָס מעהר זויגען פון דער ערד, וואָס מעהר אריינציהען זאַפט. אויבען אין דער הויך, אין דער לופט אונטער'ן הימעל, — קאָן זיין שלום צווישען צווייגען און בלעטער. אונטער דער ערד, ביי די וואָרצלען, מוז זיין א קאָנקורענץ אויף יעדען טראָפּען זאַפט. אונטען מוזען זיך די בוימער מעסטען און — אויף טויט און לעבען!"

אזוי ווערט היינט באַצייכענט די לאַגע אויף יענער זייט.
צי איז ווירקליך די ערד צו שוואַך ביידע בוימער צו שפּייזען?
אָט דאָס איז א פראַגע, פון דעם מוז מען רעדען.

26.

בוימער און מענשען.

דער משל מיט די בוימער איז נאַטירליך נישט אויסגעהאַלטען.

א משל קאָן זיין מיט עפּעס עהנליך צום נמשל, אבער נישט איינגאַנצען. נישט פאַראַן קיין צוויי גלייכע זאַכען. און מעהרסטענ־טיילס ווערט ער ווירקליך באַנוצט דעם אונטערשיד אונטערצושלאָ־גען, פון איהם די אויגען אָפּצואָווענדען.

מענשען זענען דאָך קיין בוימער נישט: דער בוים לעבט פון גרייטען; דער מענש פאַרמעהרט און באַשאַפט זיינע גיטער. פאַראַן לענדער מיט א געדיכטערער באַפעלקערונג ווי אין פּוילען און די קאָנקורענץ איז נישט אַזוי שאַרף. דאָרט ווערט אינטענסיוו געאַר־בייט, דאָרט ווערט געשאַפען.

ביי אונז מיט גאַנץ קליינע אויסנאַמען, ווערט אַלט־מאָדיש געלעבט. מיר זענען פויל. מיט גאַנץ קליינע אויסנאַמען ליגען די גרויס־פּריצישע קאַפּיטאַלען און אויסלענדישע בענק. און מען רע־כענט זיך פאַר א גרויס פאַרדינסט דאָס בויען פון איינקונפטס־היי־זער און האָטעלען אין דער היים. פּראָצענט, רענטע, — דאָס זענען

די אידעאלען. דאָס אינדוסטריעלע, די פאַבריק, לאָדז, טאָמאַשאָוו — דאָס זענען פּרעמדע הענט!

און „ווי עס קריסטעלט זיך, אַזוי אידעלט זיך." אונזערע קלע־נערע קאַפּיטאַלען ליגען אויך, אויסער קליינע אויסנאַמען, אין בענק אָדער אין הייזער. ווי קליין אונזערע קאַפּיטאַלען זאָלען נישט זיין, וואָלטען זיי געקאָנט פּיעל פּראָדוקטיווער פאַרווענדט ווערען און זיי וואָלטען פּיעל מיטגעהאָלפען צום איבערגאַנג פון אלט־בעל־הבת'יי־שען שטייגער צום מאָדערנעם גיטער־שאַפען; צו אינדוסטריע, ווע־ניגסטענס צו העכערע געווערב־פאָרמען.

דערוויייל זענען מיר: באַנקירען, אינטעליגענטע פּראָלעטאַ־ריער, און פאַרמיטלער אין געשטאַלט פון קויפער אָן פאַרקויפער, באַזיצער פון לעדען און געוועלבער, אָדער — אין דער איינפאַכער פאָרם פון פאַרמיטלער צווישען דאָרף און שטאָדט און — געלט־מעקלער. נישט צו פאַרגעסען: מיט קליינע, זעהר קליינע אויס־נאַמען, מיר האָבען דאָך אַ חלק אין לאָדז און טאָמאַשאָוו; אין אל־געמיינעם אָבער זענען מיר צו ווייניג פּראָדוקטיוו און דעריבער שוואַך און אָפּהענגיג, ווייניגער אָפּהענגיג זענען די, וואָס פאַרטיי־לען די עקאָנאָמישע ווערטען צווישען לאַנד און אימפּעריע, צווי־שען לאַנד און אויסלאַנד; אָפּהענגיגער און דעריבער שוואַכער — די פאַרמיטלער צווישען פּראָדוצענט און פאַרברויכער אויפ'ן אָרט. און אין דער שוואַכער לאַגע קומט מען און מען שרעקט אונז.

— מיר וועלען אויף אייך אָנשיקען דאָס דאָרף! די פאַר־אָרעמטע פּריצים און די פּויערים, וואָס זענען, צוליעב פאַרטיילען די ירושות, געבליבען אָהן ערד, און זיי וועלען אייך פון אייער אָנ־געזעסענע ערטער פאַרטרייבען און אייער ברויט אַרויסרייסען פון מויל...

איז עס איינפאַך פּלוידעריי.

איז דאָס אַ נאַריש איבערשרעקען. אין עקאָנאָמישען לעבען שפּילט אַ גאַנץ קליינע ראָליע דאָס געפיהל; זאָל עס זיין ליעב־שאַפט אָדער האַס, דאַנקבאַרקייט אָדער נקמה.

אָבער דער פאַקט עקזיסטירט אויסער דער געפּלוידעריי.

דאָס פּריצי'שע קינד און דער פּויער אָהן ערד, די געהען און קומען אַליין.

זיי מוזען קומען! דער הונגער טרייבט!

די נאַכוואַהלען־העצע איז שוים איבער דער פּאַליע; זי ברענגט זי נישט! אָבער די פּאַליע באַוועגט זיך; זי מוז, דאָס איז איהר גאַנג. דער אַנטיסעמיטיזם, אַזוי דער רעליגיעזער, ווי דער סאָ־ציאַלער, פאַרלירט פון טאָג צו טאָג זיין רעזאָן—ד'עטר—זיין באַ־רעכטיגונג. די „ראַלא" איז נפטר געוואָרען. די געזעלשאַפט איז דאָס אַלץ שוין איבערגעוואַקסען.

אָבער עסען ווילען אַלע, און דאָס העמד איז נעהנטער צום לייב!

דאָס פּריצישע קינד און דער פּויער אַהן ערד, די מוזען געהן פון דאָרף, קומען אין שטאָדט אריין און אונז ענג און ענגער מאַכען.

זיי קומען נישט נייע וועגען צו זוכען. דאָס זענען נישט קיין מוטיגע פּיאָנערען פון נייע לעבענס־פאָרמען. זיי וועלען קיין נייע פאַרדינסטען נישט באַשאַפען, זיי קומען צום גרייטען; זיי באַפאַ־לען אונז, ווי אַמאָל די בערג־באַוואוינער — די איינוואוינער פון טאָל: איהר האָט פעלדער און פּיה — מיר נעמען צו!

אַזוי קומט דאָס דאָרף אין שטאָדט אריין.

דאָס איז דער פּראָצעס. עס וואַקסט אַ נייע, וואָס אַמאָל אַ שטאַרקערע קאָנקורענץ. און אין יעדער קאָנקורענץ מוז דער עקאָ־נאָמיש־שוואַכער פאַלען.

אויף דעם פּראָצעס מוזען מיר קוקען מיט אָפענע אויגען. וואַהל־צאַרן, קנאה־שנאה, אַנטיסעמיטיזם — דאָס אַלץ איז נעבעל, וואָס פאַרדעקט די ערשיינונג צו אונזער שאָדען. דאָס איז די מאַסקע, וואָס פאַרשטעלט די ווירקליכקייט. דאָס איז העכסטענס שטימונג; שטימונג פאַרגעהט...

פאַקטיש מוזען מיר די נייע וועגען זוכען. מוזען מיר די נייע ווערטען באַשאַפען, מיר האָבען קאָנקורירט מיט קליין פאַרדינסט. דאָס פאַרדינסט, ווי קליין עס זאָל נישט זיין, וועט מיט יעדען טאָג געפינען אַלץ מעהר בעלנים.

מיר מוזען אָנהויבען פּראָדוצירען. מיר מוזען איבערגעהן צום פרייען שאַפען, צו אומאָפּהענגיגקייט — —

אונזער ווירטשאַפטליך לעבען מוז זיך ענדערען. צום אַלעם

ערשטעו — די באציהונגען צווישען אידישען פאבריקאנט און אי־דישען ארבייטער —
אסימילאציע, לעבען אונטער א פרעמדער פירמא, אין פרעמ־דען זכות — א נארישער חלום געווען.

27.

פאבריקאנט און ארבייטער.

מיר טארען אונזער לעבען נישט בויען אויף פרעמדען יושר. אויף פרעמדער בארמהארציגקייט.

די צייט, ווען אונזערע עלטערען האבען לויט דער עצה פון א גוט־הארציגער מטרוניתא, זיך אנגעטאן זעק איבער די קעפ און ארויסגעגאנגען ביינאכט, און ארומגעלאפען אין די גאסען פון רוים, שרייענדיג:

— זענען מיר דען קיין ברידער נישט, קיין קינדער פון איין טאטען נישט? האט אונז נישט איין גאט באשאפען? פארוואס יאגט איהר אונז און פלאגט, פארוואס פארגיסט איהר אונזער בלוט?

די צייטען זענען פארביי.

אן אלגעמיינע, צווישען־פעלקערליכע פרעסערייי האט ארומגע־כאפט די וועלט; איהר וועט אין אכזריות'דיגען קריג קיין יושר נישט וועקען; נישט וועקען קיין געוויסען...

און נאך מינדער קאן מען בויען די נאהנטע צוקונפט אויפ'ן געפיהל פון געזעצליכקייט און רעכט... בפרט אויף חזקות!

אליין איינס, ווער עס איז פריהער אהער געקומען און זיך בא־זעצט. צי די, צו וועלכע די וויינסעל רעדט פויליש, און זייערע מלכי חסד זענען גרויסע מכניסי־אורחים געווען און אונז, פאר א געוויסען אפצאהל, אין לאנד אריינגעלאזט, ווי מען לערענט אין „פוילישען" חדר... אדער, לויט דער נייער אויספארשונג: פריהער זענען געקומען מיר, מיר, צו וועלכע די ווייכסעל ברומט אידיש, און

מיר האבען אהער אָ הויכע ציוויליזאציע געבראַכט, דאָס לאַנד קול־טיווירט, די צוגעקומענע געצענדינגער ארבייטען און שאַפען גע־לערענט... און ערשט שפּעטער, אז דער המון האָט אנגענומען דאָס קריסטענטום, האָט זיך דאָס רעדעל איבערגעדרעהט און מען האָט אונז, אין נאָמען פון קלויסטער, אונזער רעכט געטאָן: באַרויבט פון אייגענטום, פון מענשליכען שטאַלץ, געיאָגט און געפּלאָגט און פאַר פאַכטער, פאַקטוירים און שענקער געמאַכט און מיט גרויס געגאַד די רומעניש קלויסטער אָפּגעגעבען אין ארענדע —.

אַלץ איינס!

מיר זענען געוועהנט אין אונזער פּאַלעסטינא פון טערק רוימע פּעסער צו באַקומען... מיר ווייסען, וואָס צווישען פעלקער רעכט און גערעכטיגקייט באַטייט...

און האבען מיר איינמאַל פאַר אַלעמאָל אָפּגעריסען מיט דער פאַכטער־ און שענקער־אידעע צו לעבען פון פריץ'ס געגאַד, קאָנען מיר שוין נישט האַנדלען און וואַנדלען אונטער א פרעמדער פירמאַ; פּאַרלאַנגען מיר שוין אידישע רעכט; קאָנען מיר שוין נישט ליגען, ווי א הונט ביי פרעמדע פיס און סקאַמלען: באַרמהארציגקייט!

— מוזען מיר, ווי ווייט עס איז מעגליך, אין גלות אויספעכטען, וועניגסטענס, אונזער עקאָנאָמישע זעלבסטשטענדיגקייט!

ווער עס וויל לעבען און קאָן נישט און וויל נישט באַצווינגען, און עס איז איהם נמאס געוואָרען די קעסט אין הכנסת אורחים שטיבעל, מוז עקאָנאָמיש זיין שטאַרק, נישט הענגען אויף א האָר, צום איבעררייסען אין יעדער מינוט פון פרעמדען צאָרן...

מיר מוזען פּראָדוצירען און פאַר אונזערע ארבייטער מוז זיך עפענען, וועניגסטענס, די אידישע פאַבריק!

זאָל צום באַיקאָט פון דרויסען נישט צוקומען דער באַיקאָט פון אינעווייניג.

עס איז ערשט נישט לאַנג שווער, כמעט אוממעגליך געווען.

דער פּובליציסט האָט זיך אויסגעריסען דעם האַלז, שרייענ־דיג: פּאַררעטער! די צייטונגען זענען פול געווען מיט געוואַלדען און דער שדוך צווישען אידישען פאַבריקאַנט מיט'ן ארבייטער האָט זיך געריסען און געריסען. דער ארבייטער האָט געשטרייקט; דער פאַבריקאַנט האָט געטריבען.

די סבה איז געווען אַן איינפאַכע. אז עס האבען זיך אויס־

געשיילט פון טונקעלען נעבעל ארויס די קלאסען־אינטערעסען, האט זיי דער אידישער ארבייטער דער ערשטער דערזעהען, דער ערש־טער דערפיהלט.

דער קריסטליכער חבר זיינער האט א טראדיציע פון פיזישער. אונטערטעניגער ארבייט. און די פאבריק איז פאר איהם א באַ־פרייאונג פון נאך שווערערער ארבייט; ער קומט פון דארף און פון נאך טיפערער און שארפערער אונטערדריקונג; ער קען דעם פריץ מיט זיין ארדינאריע, און זיינע רימער, און דעם עקאנאם מיט זיין אראפניק... און דאס מעהרסט — בעזונדערס...

דער איד, אפשר א רב'ס, אפשר א דאנציגער סוחר'ס א זוהן, גלאט א בעל־הבית'יש קינד, „גראמאטנע", נערוועז, אהן טראדי־ציע פון געהארכזאמקייט און שווערער ארבייט, אבסאלוט פריי פון יעדער אינערליכער דיסציפלין, — אזא בחור קומט פון בית המדרש, פון שטיבעל, פון קלויז, אדער פרייער מעקלעריי, און פאלט אין פאבריק, ווי אין א קאזארמע אריין, און נעמט זיך גלייך צו ברענ־גען משיח'ן, דעם סאציאלען שטאט צו בויען...

דער פאבריקאנט קאן און וויל זיך נישט לאזען רואינירען, אפילו נישט מאגערער מאכען דעם ביסען! שריי חי וקים: אי־דישקייט! נאציאנאלע געפיהלען! „געשעפט איז געשעפט" און ער טוישט דעם אומרוהיגען אידישען ארבייטער אויפ'ן קריסטלי־כען, רוהיגען, נאך נישט געוועקטען.

און וואלט ווער געפרואווט רעדען צום אידישען ארבייטער: רואינירט נישט די נאלעווקעס, לויפט נישט פאראויס, געהט טריט ביי טריט מיט אייערע חברים, די אידישע אינדוסטריע איז נאך צו שוואך, ערשט אויסגעשפראצט.

— אידישקייט? נאציאנאלע געפיהלען? — וואלט איהר גע־הערט א תשובה: — נעבעל און דונסט, וואס פארטונקעלט נאך דעם קלאסען־קאמף...

היינט האט זיך די לאגע אביסעל געענדערט.

דער קריסטליכער ארבייטער האט דעם אידישען ארבייטער דעריאגט, און אפשר איבערגעיאגט, און זיין פארטיי־דיסציפלין איז ער שטארקער, ער שטרייקט שוין עפטער, פארלאנגט מעהר, שטעלט אייזערנע פאדערונגען... און דער אידישער — הונגערט.

און אידישער איז ער אויך געווארען...

אויסער אייניגע שטארע דאגמאטיקער, פארשטעהט שוין דער אידישער פראלעטאריער, אז ער איז אידיש.

ער האט זיך דערפיהלט!

ער ווייסט שוין, אז אויסער און נישט־אפהענגיג פון דער ברויט־פראגע זענען פאראן נאך אנדערע, פילייכט נישט וועניגער צואוועהטאגטע לעבענס־פראגען, אז אויסער ברענענדיגע פיין און לייד פון האלב פארהונגערטער איבערארבייטונג, זענען פאראן נישט וועניגער קרענקענדיגע און צואוועהטאגטע פראגען פון אונטער־דריקטע ראסען און פעלקער, אז דאס לעבען איז נישט קיין גראדע ליניע, נאר א פלאנטער פון טויזענטער, טויזענטער פראגען און פראבלעמען, און אין דער צייט זענען אלע געשטעלט געווארען צום פארענטפערען מיט אמאל...

דער אידישער ארבייטער האט דערפיהלט און געמוזט דער־פיהלען, אז אין זיינע אדערען שלאגט אידיש בלוט, אז עס באלעבט איהם א אידישע נשמה, אז ער רעדט אידיש, לעזט א אידיש בוך, א אידישע צייטונג, זאגט א אידיש גלייכווערטעל, זינגט א אידיש ליעדעל און (שווער צו פארלייקענען) ער בענקט צו אלץ, צי וואס אלע אידען בענקען, ער קאן זיך נישט אפרייסען פון שטאם און קאן זיך אפילו נישט אפנארען מיט אסימילאטארישע חלומות און נישט טרעטען אויפ'ן וועג, וואס פיהרט פון שול צום קלויסטער... ער וויל און מוז פארבינדען און געפינען דעם סינטעז פון זיינע קלאסען־ און פאלקס־אינטערעסען...

היינט קאן דער שדוך צוריק אויפגעריכט ווערען.

איז דער לאזונג „זעלבסטהילף“, מוזען זיין — אידישע פאב־ריקען מיט אידישע ארבייטער.

28.

דער סנדק.

איך קום אריין צו מיינעם א באקאנטען איך — א שטיקעל עושר און א כלל־טוער; אנדערע, גערן צי נישט גערנוויליג, זענען זיך צופאהרען. — לויפט ער ארום, דער באקאנטער מיינער, אי־

בער דער שטוב, דאס פנים שטראלט, די אויגען גלאנצען און רייבט זיך די הענט:

— געלויבט איז גאט! געלויבט איז גאט!

— עפעס א נחת אין דער משפחה?

א קינד חתונה געמאכט? אן אייניקעל צוגעקומען?... ניין? וואס דען? פאפירען זיך געהויבען? א הויז געקויפט, אויף דער לאטריי געוואונען?

שטעלט ער זיך אפ אביסעל באליידיגט:

— מיינט איהר טאקע, הייסט עס, אז אזא איד ווי איך, לחלוטין נישט קיין רויטער, דאנ'ע שוין גארנישט פאר כלל און בין מיר מיט איהם צוזאמען נישט משמח?

— חלילה, איך מיין גארנישט... אבער וואס פאר א גוטס איז געשעהען פאר'ן כלל?

ער שווייגט, איך פרואוו טרעפען:

— איליאדאר האט תשובה געטאן? באגיסט זיך מיט טרערען און בעט איבער פאר'ן בלוט פון אידישע קינדער, וואס מען האט דורך איהם פארגאסען? די חרטה זיינע?

דער איד מאכט אוועק מיט דער האנט.

— אי, — איז ער א בטל — דער משוגע'נער! פלוידערט עמיצען להכעים!

— וואס דען? אהא! טרעפאוו האט אפגעשטעלט די גירושים ביז נאכ'ן ווינטער!...

— ווי לאנג וועט נאך זיין ווינטער?

וויל איך ווייטער טרעפען:

— איבער דער נעווא בלאזט א לינדער פאליטיש ווינטעל? דערשמעקט?

דער איד שטעלט זיך פאר מיר אפ, פארלעגט די הענט איבער'ן אידישען הארץ און מאכט באשיידען:

— איך קוק גארנישט אזוי ווייט...

— דא א שטיקעל נחת? אויפ'ן ארט?

וויל ער מיר שוין העלפען טרעפען:

— איהר באשעפטיגט אייך גארנישט מיט'ן באיקאט? — פרעגט ער.

— איהר לעזט נישט קיין בלעטער?

— די גאסען־בלעטער?

ער לעזט פויליש, ער פלעגט באקומען „נייעס“ — מען האט צוגעשיקט, פלעגט ער די נומערען שיקען אין קיך אריין; א כשר'ע קיך, א אידישע דינסט, זאל זי לעזען. ער פיהרט די גאס (א „כלל טוער“), וואס דארף ער וויסען, וואס די גאס טראכט? ער טראכט שוין פאר איהר... מינטער איך איהם:

— נו?

— נו, וואס איז מיט'ן באיקאט?

— ער ווערט שמילער!

— זאלט איהר וויסען! — באשטעטיגט ער מיט גדלות — דער באיקאט פאלט: נישט מיט אמאל, פאמעלעך, נאר ער פאלט, ווערט פון טאג צו טאג שוואכער. מען הויבט אן פראטעסטירען געגען באיקאט: „נישט אלע האבען געזינדיגט!“

— צוריק געקומען צום „ליטוואק“?

— נישט גראד דער „ליטוואק“, נישט אלע האבען זיך אקעגען געשטעלט —

— פאראן צדיקים אין סדום? און קעגען ווען זיך געשטעלט?

— קעגען פוילישען ווילען?

— און איהר האט גאר קיין חלק נישט אין פוילען?

— איך? מיר?

— און דעם פויערס דעה — פרעג איך ווייטער — האט מען אויסגעהערט? און דעם ארבייטער אין פאבריק?

— אזוי, דאס מיינט איהר?

און ארפלאזענדיג זיך אויף א שטול:

— מיט אייך איז גארנישט צו רעדען... דאס איז פוילען!

און, זיך צוריק אויפשטעלענדיג:

— אבער מען פראטעסטירט שוין געגען באיקאט...

— ער ברענגט שאדען?

ביידע צדדים ווען קאנען אריינפיהרען דעם באיקאט אין דער שול... קאנען פארגיפטען דאס קינדעריש ריינע הארץ... און קאנען אפטרייבען דאס אידישע קינד פון דער פוילישער שול צו אן אנדערער, און אפשר צו דער אידישער... און קאנען פארטריי־

בען אונז פון דער ארבייט ביי דער פוילישער קולטור בכלל, מיר זענען נוצליך, דאס זענען זיי מודה...

— און ארבייטען אומזיסט!...

ער מאכט זיך נישט הערענדיג.

איך פרעג ווייטער:

— און מכח דער הענדלערין?

— דער אידישער שטעל מיט געבעקס... מיט אויבס?

— עס וועט צו דעם אויך קומען — האט דער איד בטחון — נאר פאמעלעך... מען הויבט אן איינצוזעהען...

— אז ער גיט נישט צו קיין גלאנץ דעם פוילישען נאמען אין אויסלאנד... אז עס איז פאלימיש נישט קלוג אפצושטויסען פון זיך דרייצעהן—פיערצעהן פראצענט איינוואוינער, און נויטען זיי צו זוכען הילף און שוץ אויסער'ן לאנד... אז מיט פעטערבורג איז מען שוין אויך נישט זיכער, עס ריהרט זיך עפעס דארט... פאר יעדער מעגליכקייט פון א קריג ווערט מען ליבעראלער...

— לעזט איהר דאך, — דערפרעהט זיך דער איד — פויליש אויך? איהר ווייסט דאך אלץ? אמת, עס פאלט?

— איך בין מודה: דער באיקאט פאלט! פאמעלעך, נאר די פאליע לעגט זיך; געהט צוריק, דער פאראקסיזם איז אריבער...

— אבער, — פרעג איך, — דער שטילער באיקאט. דאס רייסען דעם ביסען פון מויל שטילערהייט...

— נו, דאס — פאלט אפ ביי זיך דער איד — דאס איז געווען פאר יאגעלא, דאס וועט זיין נאך יאגעלא... צו דעם איז מען געוועהנט... אבי נישט טומלען...

— און דער פרייז וועט נאך אמאל בייז ווערען?

— אויף וואס?

— א דאגה אויף וואס...

— וועט ער ווייטער שרייען... זאל מען איהם טאקע נישט דערצערנען... שרייען טויג נישט... אט, דאס איז די פסיכאלאגיע:

— שטיל זאל זיין!

שטילערהייט מעג אלץ געשעהען...

— און וואס וועט זיין — פרעג איך — מיט'ן אידישען אר־בייטער, וואס האט פאר זיך א פארמאכטע פאבריק? און וואס

וועט זיין מיט'ן אידישען געוועלב, מיט'ן אידישען בעל־מלאכה, וואס זינקט אלץ טיפער און טיפער צום לאַטוטניק, צו דער טאנ־דייט, צום שוויץ־סיסטעם? און וואס וועט זיין מיט'ן אידישען סוחר, וואס בלייבט אהן הילף, אהן קרעדיט און אהן וויסען? און וואס וועט זיין מיט'ן עמיגראנט, וואס לויפט, ווי א בלינדע שאף...

— וועגען דעם, — ענטפערט דער בעל־הבית — מוז מען א טראכט טון... היינט האב איך קיין צייט נישט... איך וועל גע־פינען צייט... איך וועל מוזען געפינען... היינט געה איך אויף א ברית...

און ער הויבט זיך גלייך אויף מיט א גדלות:

— ב'בין סנדק!

20.

עס איז געשעהען א וויכטיגע געשעהעניש.

ענדע 1912 איז פון היינטיג־פוילישען פנים אראפ די מאסקע.

— יאגעלא?

און דער פריץ האט א ציטער געטאן, אונטערגעשפרונגען, און די מאסקע איז פון פנים אראפ!

און פארלאשען איז געווארען ביים ליבעראל דער ווארעם־מענשליכער שטראל אין אויג, אראפ פון ארום די ליפען איז דער ליעב מענשליכער שמייכעל.

אויפגעוואכט האבען קעגען אונז די ערנסטע אינסטינקטען, אויפגעוואכט דער זאאלאגישער האס.

אויסראטען! מיט פויסט און געביסט... מענש צי חיה?

און אן איבערקערעניש האט געמוזט געשעהען אין דער נשמה פון פוילישען איד. געלעגט זיך שלאפען רוהיג, געוועהנט צום פרי־צישען בטול; אויפגעשטאנען, און פריץ נישט דערקענט.

— מענש צי חיה?

מאשקע'ן האט דער פריץ נאך ווי עס איז געליטען און מיט שטאלצען גנאד געשפייזט. מאשקע איז נוצליך, ער האלט די פאכט (פריצישע טעכטער וועלען דאך נישט מעלקען), ער האלט די קרעטשמע, (פריצישע הענט וועלען דאך נישט מעסטען קיין י"ש). האט אן אכסניא אין שטאדט, — א קעלער מיט אונגער־וויין, אנצו'שכור'ן דאס קלענערע פריצ'על פאר'ן סיים, ער זאל קלינגען מיט'ן שווערדעל און שרייען: ניע פאזוואלאם!... ער האלט „די אידישע פאסט, ברייננט ידיעות פון אייראפא" — דער פריץ איז יוצא מיט'ן גוי'שען סדור'ל אין קלויסטער. ער איז מעקלעה ביים על חטא, און — האט נישט קיין פאליטישע טענדענצען...

נאך ליעבער איז יעקעל, וואס שפילט אויף פריצישע חתונות אויפ'ן צימבעל! ער איז גאר צום דערליידען. פת עכו"ם עסט ער נישט, יין־נסך טרינקט ער נישט. אפגעשפילט, שיקט מען איהם אין קיך אריין נאך עטליכע האזענע פעלבלעך; פראלאנגירט מען איהם דעם אפצאהל פון שענק. משה איז געפעהרליך, משה הויבט דעם קאפ העכער פאר'ן פאכטער, פאר'ן שענקער; פאר'ן פאקטאר ביים על חטא אודאי! — דער קאפ מוז געבויגען ווערען... און דער פוילישער איד האט דוקא דערפיהלט, אז פון בעטענדיג „קאפ־אראפ," ברעכט איהם האלז און אקען. נישט אלע נאטירליך. דער אנגעקומענער, דער גאסט אויף א ווייל׳ע און — דער איינגערער דור, דער היגער עלטערער דור באוועגט זיך נאך גאנץ צופרידען אין די געגילטע קייטען; נישטערט נאך אלץ אין דעם פויליש־מצרים'דיגען פלייש־טאפ... וויל נאך אלץ און האפט נאך אלץ צוריק צוקניפען דעם איבערגעריסענעם פאדעם. דער דור המדבר; די, מיט שמאך און ערנידערונג אנגעזאפטע טעפ, זיי שטעלען זיך נאך אין די רייהען פון פיינט, פאלאניזירען שטעדט און שטעדטלעך! „געדעכט, פריץ לעב! מיר העלפען מיט! מיר, דיינע אלטע פאקטוירים. דו רופ מיך, מיר געהען, מיר פאלגען. מיר פארשטעהען די חוצפה פון די יאנגעלא־וועהלער, מיר זענען גלייך,

און אפשר מעתר פאר אייך, עמפערט פאר׳ן שטעלען זיך קעגען אייער ווילען... זעהט, מיר באיקאטירען אויך! אט שרייבען מיר רעפּרעזענטאנטען צו אייך און אונטערטעניגע, מיט טרערען דורכגעווייקטע תחינה און מיר זאגען זיך אפּ פון זיי, שפּייען אויף זיי. ביי אונז זענען זיי אויך אין חרם! „נאציאנאליזירען" דעם קרעדיט? אדרבא! זעקס און פיערציג יאגעלא־וועהלער האבען אין אונזערע בענק די קאנטאָס פארלוירען! נעמט אונז מיט אין קריג אריין קענען אונזערע אייגענע ברידער, מיר װעלען טרינקען און זאטלען אייערע פערד — שארפען אייערע שפּיזען און אנלאדען אייערע ביקסען, אונזערע טעכטער װעלען מיר געבען אלס מארקעטאנטען! זאל זיך די ארמיי, וואס געהט אויף אידען און אידישקייט, מעהרען און פרוכפּערען אהן אונטערשיד פון רעליגיע און געבורט"...

און דאס אלטע, פוילע, פארשימעלטע, מוז װערען אונטערגעבראכען; פון פלאץ אפּגערוימט, און דאס נייע שטאלצע מוז װערען געבויט.

עס װעט זיך נישט באגעהן אהן קרבנות...

זעלטען װערען נייע טעג געוואָרפען שטיל, אין פארבייגעהען, ווי ביי קיה און שטוטען... זעלטען װערען די דורות געטוישט, ווי די האר אין דער צייט פון לינירען ביי ווייסע פערד. מעהרסטענטיילס זענען די היסטארישע געבורטען שווער. גאנץ אפט קומט צו קייזער־שניט. פרעגט אונזער געשיכטע!

זאלען שוואר־קעפּיגע ציטערען, ענג־הארציגע וואקלען זיך, — זאלען די שרעקיגע זיך רעטען. „האיש הירא ורך הלב" אין — קלויסטער אריין! אין די צייטען פון ניקאליי פלעגט מען דעם געטויפטען פארברעכער פון טורמע באפרייען; פון קלאץ, פון תליה. דער היינטיגער קלויסטער באפרייט (װעניגסטענס אויף א צייט) פון באיקאט — געהט! די שטארקע מוזען און װעלען בלייבען. —

דער אידיש־פוילישער יונגער מאן האט זיך אויפגעכאפט. ער זעהט, ער האט דא אויפ׳ן וואסער געבויט! אין זאמד געקריצט, קארטען־הייזלעך געשטעלט, שלעסער אין דער לופט גע׳חלומ׳ט!

ער מוז קעמפען אויפ׳ס ניי אליין און פאר זיך...

נישט קיין שלום! נישט קיין פוילע, בעל־בת׳ישע שטילקייט!

משה קומט נאך אמאל פון סיני אראפ: הויבט די שווערד געגען די, וואס טאנצען ארום גאלדענעם קאלב. הויבט זי קעגען מאן, קעגען ברודער, פריינד און פארוואנדטע... טרייבט זיי, ווי קרעציגע, אויס׳ן לאגער ארויס.

ריינע הענט מוזען אויפ׳ס ניי און אויף נייע פונדאמענטען דא, ווי איבעראל, דאס אידישע נייע לעבען בויען.

דאס נייע, ארעמע, נאר עהרליך שטאלצע אידישע לעבען!

30.

דער אידיש־פוילישער, צי דער פויליש־אידישער הימעל ווערט זיך אויסלייטערען: איינצעלנע שוואלבען זאגען שוין אן דעם שלומ׳דיגען זומער...

דער גאט־שלעגער פון „איזראעליטא“ זאגט אן די בשורה פאר זיינע לייט: דער זומער געהט, דער זומער קומט. די באגראבענע אסימילאציע וועט צוריקטרייבען איהרע שטענגעלעך און בליטען פון דער ערד ארויס; צוריק אויפבליהען וועט דער בלומען־שטרויס...

דאס אידישע אויפלעבען איז געווען א ווילדער חלום פון דול־הויז; מיר, ניכטערע, וועלען זיך נישט לאזען אראפפיהרען פון וועג צו דער גאנצער פארניכטונג אין אידענטום און אויפלעבונג אין קריסטליכען פוילענטום.

שווער געהט צו דער גלגול, אבער דאס איבערקייקלען זיך איז א נאטירליכער, אומפארמיידליכער פראצעס...

געהט פאראויס, מיר ווינשען אייך גליק!

נאר קוקט אייך נישט אום, איהר קאנט דערזעהען הינטער

זיך און צווישען אונז אזוינס, וואס וועט אייך פארבייטען אין א זייל פון זאלץ, ווי לוט'ס ווייב... דער „קוריער פאראנני" האט אויסגעשטרעקט א פינגער אויף שלום. מיר כאפען דעם פינגער נישט, און ווען אפילו די גאנצע האנט! הענט, איידער זיי שטרעקען זיך אויס, מוזען ריין געוואשען ווערען...

א גרויסער מאגנאט איז ארוים קעגען באיקאט, פון דער הוי־כער הויך... צו ווייט איז פון אונז די שטימע. מיר ווילען הערען שטימען פון פאלק, נישט פון זיינע נישט לאנג געוועזענע הערשער און באצווינגער, וואס קאנען זיך מיט די חלומות פון הערשען און באצווינגען נישט שיידען...

אבער עס הערען זיך אויך שטימען פון פאלק! איינצעלנע — זיי וועלען זיך מעהרען...

די פויסט גלייכט זיך אויס אויף א האנט... פאמעלעך, גאנץ פאמעלעך...

די האנט וועלען מיר אננעמען גאנץ הארציג און ברידערליך, אבער —

אבער דער שלום מוז זיין א גאנץ אנדערער, אלס דער גאט־שלענער פון „איזראעליטא" שטעלט זיך פאר...

גלויבט נישט די, וואס טוישען חנוכה־ליכט אויף קריסטען־בוימלעך...

אז איבערקערעניש איז געשעהען אין דער פסיכיק פון פוי־לישען איד, פאראלעל צו דעם מוז געשעהען אן איבערקערעניש אין דער פסיכיק פון פוילישען קריסט.

דער פוילישער קריסט מוז זיך געוועהנען צום געדאנק, אז עס איז פאראן אין לאנד א פוילישער איד.

אז דער פוילישער איד האט דאס רעכט אויף עקזיסטענץ, אויף זעלבסט־באשערונג, און אויף א גלייכער דעה אין אלץ, וואס איז שייך צום לאנד אין דער געגענווארט, און אז ער וויל און מוז אויך צוגעלאזט ווערען צו דער ארבייט ביים בויען די פרייע צוקונפט פון לאנד.

אז פארלאנגען אפפער פון פוילישען איד, קאן מען נאר אין נאמען פון פוילישען לאנד, און די וועט ער גערנוויליג און פריי־

הארציג געבען, און מיט גרויסער פרייד; — אבער לחלוטין נישט אינ׳ם נאמען פון פוילישען קריסט; נאך ווייניגער אין נאמען פון פוילישען פריץ, וואס האט, נישט געדנווייליג, אויפגעהערט צו באצווינגען דאס דארף און קומט מיט׳ן זעלבען אראפניק באצווינגען די שטאדט...

אז מיר זענען גרייט צו אלץ, וואס די צייט וועט פון אונז פארלאנגען, אבער נישט צו אונטערוואַרפען זיך דעם מוטוויל פון די, וואס ווילען לעבען אויפ׳ן חשבון פון פריווילעגיעס און מאנאפא־לען... איבער אונז!

מיר און איהר געהען אויף צווייערליי וועגען, אבער צו איין ציל... אלע פעלקער געהען צום מענש! אבער אונזער וועג וועלען מיר קיינמאל נישט פארלאזען.

מיר האלטען איהם פאר׳ן קירצעסטען וועג צום מענש. ווע־ניגסטענס איז עס פאר אונז. פאר אונז נישט פארמאסקירטע אי־דען אין פוילען־לאנד, דער נאטירליכסטער און דארום דער איינ־ציג מעגליכער...

און ווען מען וועט אויסרופען:

— אהן אידען!

וועלען מיר זיין די פאליאקען און טוען לויט אונזער ווילען...

מיר האלטען זיך גלייך! און מיר וועלען פאר דער גלייכהייט קעמפען!

וויל דער „פריץ" עקאנאמישען קריג, מיר נעמען אן! עס טוט אונז וועה דאס הארץ, זעהענדיג, ווי מען פארשווענדט די ענערגיע, אין וועלכער עס נויטיגט זיך דאס לאנד, אויף טיילען און אפשוואכען...

אפטרעטען וועלען מיר דאך נישט, קאנען מיר נישט! מיט׳ן „מה יפית" האבען מיר שוין לאנג געענדיגט...

און אויב שלום, איז — שלום צווישען צוויי גלייכבארעכ־טיגטע. געאכט מוז ווערען אונזער אידישע מינדערהייט! דעם שלום ווילען מיר, אזוי אונז, ווי אייך אליין צוליעב... איהר האט אויף עפעס אנדערש אנצואווענדען אייער קראפט...

וואו זענען אייערע הויך־פאליטישע אידעאלען, אייערע

חלומות? ווילט איהר זעטיגען אייער אפעטיט מיט איינגעמען דעם באזאר און ארומפאנצערען א קרעדיט־געזעלשאפט? ווילט איהר דורכאויס, אז צווישען אונז און אייך זאל ריכטען פעטערבורג?

31.

פארנעם, פריץ, מיינע רייד.

פאר׳ן לאנד — אליין!

איך בין דאס פאלק פון דער וועלט, אבער איז די וועלט אויף לענדער געטיילט, גילט ירמיהו׳ס צואה: ודרשו את שלום העיר!

פאר׳ן לאנד אוממיטעלבאר, דירעקט אהן דיין אפוטרופסות...

„העיר“ איז נישט איהר באצווינגער דער פריץ... דו אליין ביסט פון דער פרעמד געקומען, דאס לאנד באצוואונגען, יאהרען און יאהרען זיין בלוט געצויגען, זיין מארך געזויגט. יעצט קומסט דו אין שטאדט אריין, אונטערטעניג צו מאכען די שטאדט, מיך צו פארקנעכטען... מיר צוברעכען דיין יאך... און רעדען מיר וועגען שלום, איז נישט מיט דיר!

גלויב נישט דיינע שמייכלער! גלויב נישט די, וואס טראגען מאסקען אויף די פנים׳ער...

גלויב נישט די, וואס טוישען, דיר צוליעב, דיר עהנליכער צו ווערען, זייערע שבתים און ימים טובים, און מנהגים.

„וואס טוישען חנוכה־לעמפלעך אויף קריסטען־בוימלעך.“

גלויבט נישט די, וואס פארגעסען, ווען ראש השנה איז און פראוועז סילוועסטער.

מעג עס זיין, דעם באיקאט צוליעב, אין א כשר׳ען רעסטא־ראן, וואו, צו זייער גרויסער פרייד, די בעסטע שאמפאניער מאר־קען זענען אזוי ביליג.

גלויבט נישט די, וואס טוישען גרינגערע זאכען: המן־טא־שען אויף לאטקעס...

דער מענש, וואס דענקט, קאן זיך אפווענדען אזוי פון אלטען לוח, ווי פון נייעם אפרייס־קאלענדער; זיך העכער שטעלען אי־בער געברויכען און סימבאלען...

ווער עס טוישט זיי, האנדעלט!

גלויב נישט די, וואס האנדלען מיט רעליגיעזע און נאציאָנאלע סימבאלען, ווי מיט הערינג און אייער...

איז ווער רעליגיעז אדער קינסטלעריש געשטימט, און וויל זעהען די האפנונגס־בילדער אויף מאָרגען ביים שיין פון א לאַנג־פאַרשוואונדענער פאַרגאַנגענהייט;

בענקט ווער צום פרימיטיוו, צום נאַאיוו־פרומען, צו דער קינדהייט פון מענשען און פעלקער און רופט זיך ארויס די מאָמענטען דורך צייכען און סימבאָלען —

וועט ער זיי נישט זוכען אין א פרעמדער שטוב. האט ער זיינע אייגענע צייכען, היימישע היראָגליפען צום באַלעבען...

מיט דעם איז באַשטימט אונזער רענעסאַנס, דאָס איז די אויפגאבע פון אויפלעבען אין דער צוקונפט, וואס מוז ארויסשפּראַצען און אויפבליהען אין דער צוקונפט, וואס מוז ארויסשפּראַצען און אויפבליהען פון אלטען היימישען זאָמען...

האבען מיר אונזערע שבתים ימים־טובים, אונזער נשמה יתירה.

דאָס פריש איבערגעקומענע איז קאַלט, ווי אייז, אדער צר־שיט זיך, ווי אש, אהן א פונק וואַרעם צו מאַכען דאָס קיהלענדע האַרץ.

גלויבט נישט די, וואס טוישען!

דאָס קריסטמען־בוימאויל באַגייסטערט אייך. איהר דערמאַנט אייך, אז איהר האט זיך געהויבען, געמאַכט א שריט העכער, פון געצענדינערייי — נעהנטער צום איינציגען גאָט... פרעהט עס אייך...

מיר האבען קיין שריט, אייך אַקעגען צו קומען, נישט גע־מאַכט, נישט געקאַנט מאַכען, צאָהלט איהר אונז דערפאַר...

איז פאַר אונז דאָס אומשולדיגע, גרינגע, ווייס באַשיטע, מיט ליכטלעך און מתנות פאר קינדער באַהאַנגענע כאַאינקע א זכר פון די בלוטיגע רדיפות, וואס מיר זענען אמאָל פון אייך אויסגע־שטאַנען.

צינדען זיך די ליכטלעך אָן, דערמאָנען זיי אונז אן די פייערען, אין וועלכע מיר זענען אומגעקומען על קדוש־השם...

און די הענגענדע מתנות דערמאָנען אונז אן די מתנות, וואס די כנסת ישראל האט אמאָל באַקומען; די פאַפירענע קיוועדס

אויף די קעפּ, די געלע לאַטעס אויף די אַקסעל און די בלוט־בלבולים, און די גערויבטע טעכטער...

מיר קאָנען נישט טוישן מיט סימבאָלען...

צוריק אין דער צייט איז פאַר אונז קיין שלום נישט פאַראַן. מיר קאָנען צו איהם גענן... וואָס ווייטער אין דער צייט, אַלץ נעהנטער קומען זיך די פאַרשידענע וועגען...

אַלטע סימבאָלען טוישען שווינדלער!

און קומען זיי צו אייך, קלאַפּען אָפּ אייערע שוועלען, רייסען, קלינגענדיג, אָפּ די גלעקלעך ביי אייערע טירען, און קומען אריין און בוקען זיך פאַר אייך און רעדען מיט אייך אין אונזער נאָמען, אלס אונזערע רעפּרעזענטאַנטען, אמבאַסאַדאָרען, אלס שליחים, גלויבט זיי נישט!

נישט צו אייך, פּריצים, און נישט די, וואָס געהען אויפ'ן וועג פון אָפּטריניגקייט, האָבען מיר געשיקט.

דאָס זענען סוחרים!

סילוועסטער, ווען די קאָנטאָס ווערען געשלאָסען, דער א"ת און ל"ח איז זייער יום־טוב! פאַר פרעמד צי פאַר אייגען געלט.

און סוחרים מיט צווייערליי מאָס און וואָג, מיט א טאָפּעלטער בוכהאַלטעריע.

אייער קניזש איז פעטער, איז אייער נאַציאָנאַל־געפיהל, זאָגאר ווען ער ווייזט איהם אליין פויסטען און נעגעל, ווען ער אונטערדריקט, ווען ער שטילט זיין דורשט מיט בלוט — הייליג...

אונזערער, אויפ'ן וועג פון באַפרייאונג — שאָוויניזם! דעמאַגאָגיע! און וואָס אין דער קאַרט, און דאָס וועט ער באַקעמפען מיט דער גאַנצער מאַכט פון זיין פאַרטפעל!

קראָקאָדיל־טרערען גיסט ער אוים אויפ'ן גלות פון אייער שכינה אין — פויזען! אויף אייער מוטער־שפּראַך, פון וועלכער דאָס קינד ווערט באַרויבט אין דער דייטשער שול; אויפ'ן קוואַל און פּיין, וואָס דאָס קינד ליידט, לערנענדיג אויף א פרעמדער שפּראַך, נישט אויף דער, וואָס זיין פאָטער רעדט און זיין מאַמע... אויף די טראַדיציאָנעלע פיינע פעדים, וואָס ווערען מיט דער פרעמדער האַנט איבערגעריסען אינ'ם קינדס נשמה, —

און עפענט אזוינע צוואַנג־שולען פאַר די קינדער פון זיין פאָלק דיר צו געפעלען. אָפּפערט זיי דיין ענג־פּאַטריאָטישען

מולד. די שפּראַך פון קינד, די שפּראַך פון זיינע פאָטערס און מו־טערס, ברידער און שוועסטער איז דיר צוליעב שוואַרנאַט!

דאָס זעלבע, וואָס דער דייטש רעדט פון דיין שפּראַך!

און רעדען זיי אין דיינע אויגען פון דער „טשיעמנאַ מאַסאַ". גלויב נישט!

זיי, די אַפּטריגינע, לעבען נישט מיט אונזער לעבען, ווייסען פון אונז פון דיין מויל. הערען, וואָס דיינע קוריערס דערצעהלען. צום נוצען פון דיינע פּריצישע אינטערעסען, אין דיינע געלע בלעטער...

בשכנות מיט דיר וואוינט אַ היבשער טייל פון אַלטען, קלוגען פאָלק, פון פּראָפעטען־פאָלק, פון משיח־פאָלק, וואָס לעבט אויף נאָך יאָהרען פון שווייגען און ליידען און שמאַד!

און ווען די יונגע ל"ג בעומר־פעלקער שפּילען זיך נאָך אינ'ם בלוטיגען שווערדלעך־ און ביקסלעך־שפּיל...

און ווען איהר, די אָרעמערע, פונ'ם שפּילצייג באַרויבטע, חלומ'ט דערפון, לעכצט און בענקט און האָפט עס צוריק צו באַ־קומען, —

געהט דאָס אַלטע פאָלק אין דער שפּיץ פון די בעסערע פון אייך און אַלע אַנדערע פעלקער צום מענש, פון וועלכער דער פּראָ־פעט האָט גע'חלומ'ט...

פון משיח'ן חלומ'ט מען אין אונזער סוטערניע. דאָס מענש־ליכע געפיהל רויטעלט די הונגער־בלאַסע באַקען, די מענשליכע האָפנונג בליהט פון די ברענענדיגע אויגען אַרויס, משיח איז אין יעדען טראָפּען בלוט...

קיין פאַרקערפּערטע געדאַנקען, קיין קולטור האָבען מיר נאָך נישט!

צום וואַרשטאַט לאָזט איהר נישט צו!
אין דעם עבען געהט עס!
דאָס איז דער קאַמף!

32.

אין פּרק אבות שטעהט:
„ווייס, פון וואַנען דו קומסט און וואוהין דו געהסט"...

בנוגע צום אידישען פאָלק איז אומגעקערט דער סדר. צום אַלעם ערשטען:
„וואוהין?"

צוליעב א קעלבעל, האָט זיך (א געניאַלער ישיבה־בחור) אָפּ־געשטעלט און געפרעגט:
— „לאָן"?

גלאַט אַזוי אין דער וועלט אריין...

דערוויל איז אינ'ם רוסלענדישען גשן ענג געוואָרען, דער־שטיקט צו ווערען. די „ברייטע נאַטור" לאַנגווייליגט זיך, מאַכט זיך מיט די הענט א ווינט־מיהל אין דער לופט, און וואו א האַנט פאַלט, טרעפט זי, א אידישען אַקסעל, א אידישע באַק; בלייבט איהר צווישען די פינגער א שטיק אידישע באָרד...
— לאַהליך ישראל! — שרייט גאַרדאָן.

און באַלד א קאַפּולער אַנצוהערעניש פון א פּראָקוראָר ביי א פּאָגראָם־פּראָצעס:
— די מאַרגענלענדישע גרענעץ איז פאַר אייך אָפען!

פאַרגעסט מען דעם „פון וואַנעט" און מען האַמפּערט זיך איבער דער שאלה:
— וואוהין?

ענטפערט מען פאַרשידען:
— אהיים! צום טאַטענס ווייַנגאָרטען, אין שאָטען פון זיין פייגענבוים!

„מחזיר גרושתו" — א מצוה!

ווילען אנדערע א בתולה! א קרקע בתולה... שדבנים פעהלען נישט... מען זוכט... מען רעדט שדוכים...

און אַלץ וואָס וויים איז, ציהט: אפילו סיבירער שנייען, בפרט דער לאַטיינישער קוואַרטאַל אין פּאַריז, ווייטשעפּעל אין לאָנדאָן, דער פרייער פעלקער־קעסעל — דאָס ניו יאָרקער גיהנום.

דאָס שוואַרץ־ברענענדיגע אפריקא... אפילו איהרע פיבער־זומפּען, אבי נישט די ווינט־מיהל פון דער ברייטער נאַטור...

וואו עס איז... וואו א שפּאַרע, אַריינצוקריכען... וואו ד׳ אמות, דעם קאָפּ אנידער־צולעגען, און זרע אברהם, יצחק ויעקב ווערט צו־שפּרייט איבער שבעה ימים, צוזייהט אויף ארבע כנפות הארץ...

און עס בלייבט אַלץ ענג און ענג, און מען קלערט נאָך אַלץ, און מען שרייבט און מען חקר׳נט זיך:

— וואוהין? וואוהין?

און וואוהין מען קומט, קומט מען ווי אויפ׳ס ניי... איבעראַל מוז מען אויפ׳ס ניי זיך אויסגרינען...

און אז מען פרעגט:

— מאַין באת?

ווייסט מען נישט! כאַטש אין דער ווירקליכקייט, וואו מען קומט, קומט מען נאָר צוריק, פון ווינט אַוועקגעיאָגט, פון ווינט צו־ריקגעטראָגען! אומעטום שוין געווען, געוויסע ארבייטען אפּגעטאָן, די ערד מיט שוויס און בלוט פּייכט געמאכט. נאָר פארגעסען און געקומען א — גרינער!

צרות טרייבען, צרות וויל מען פארגעסען... געווען קהל׳שע פּנקס׳ן — פארברענט געוואָרען; געווען קינות, סליחות, תעניתים געווען, די נייע צרות מאכען פארגעסען די אַלטע... מען מאכט שוין אפילו קיין נייע נישט!

קומט מען איבעראַל אויפ׳ס ניי, און איבעראַל קלאַפּט מען אַן אין מויער, ווי ווילד־פרעמדע.

„זייט אַזוי גוט, עפענט, לאָזט אריין!" מיט׳ן קול פון „שענקט א נדבה!"

און — געווען זע׳מיר פריהער פאר׳ן היימישען! פאַר דעם, וואָס לאָזט אריין מיט דער זויערער גרימאַסע. דער זאמדיגער וועג האָט אבער די צייכען פון אונזערע אמאָליגע טריט נישט באהאַל־טען. די וואַסערען, וואָס האָבען אונזערע אמאָליגע, נאָך טרויע־ריגערע פּנים׳ער אפּגעשפּיגעלט, זענען אפּגעשוואומען. די לופט, אין וועלכער אונזערע אַלטע קינות האָבען געקלונגען, האָט זיך פאר־מישט, סובב סובב הרוח...

און — די ארבייט, וואָס מיר האָבען אפּגעטאָן, איז פארשרי־בען געוואָרען אויף אַנדערע נעמען... אַנדערע שרייבען די געשיכטע,

„מחה תמחה“ איז קעגען אונז א מצוה! מיר ווערען נישט דער־מאנט.

און ווי לאנג מיר זאלען נישט האבען געזעסען אויף איין ארט, קומט ווער און גיט א פרעג:

-- וואס טוסטו דו דא? פון וואנען קומסטו דו? ווייז דיין פאספארט? מיט וואס פאר א רעכט?

ווייס מען נישט. האט מען נישט וואס צו ווייזען, שטאמעלט מען:

— איך? א פאספארט? איך בין נישט איך. לחלוטין נישט. איך בין דו! דו האסט א פאספארט, איז ער מיינער אויך, דער זעלבער רעצעפּים! נאר א נאז א לענגערע... אבער איך בין דו! און נאר דיין ארבייט טו איך דא! זעהסט נישט? איך טראג דאך דיין פאן און דיינע פארבען! הערסט דען נישט? איך רעד דאך דיין שפראך! און געהען געה איך אין דיינע קליידער, פארריכטען פארריכט איך נאר דיינע שטיוועל... זעהסט טינט און פעדער? האב איך צייט, שרייב איך דיינע זכרונות און לויב דיך און דיינע אבות, די גרויסע פּריצים, איין טאג אריין... איך בין נישט איך! האסט מיך דיך אליין נישט דערקענט? ניין? נו, בין איך דיין שאטען! דיין אפּגלאנץ!

און מען ווערט לייטען געלעכטער!

מיר שווייגען, און פעלקער דערצעהלען און שרייבען געשיכ־טען. אפּט העלפען מיר זיי... פרעגט אשכנזי'ן. וואס איז געשיכ־טע? דאס קאנטא־בוך פון פעלקער, און ווער עס פיהרט דאס בוך, דער פעלשט עס. דער בלאזט אויף זיין אייגענע קאנטא, ווי א לונג־און לעבער, אנדערע קירצט ער; אונז פארשווייגט ער; לעבען אלע אויף אונזער חשבון און מיר געהען ארום מיט פוסטע טארבעס...

הער, ווי זיי פראלען:

— אונזער וויסענשאפט... אונזער מאראל... אונזער קונסט... לעצטענס אפילו: אונזער האנדעל...

בארויבט א יתום! דריי פיערטעל איז אונזער! אחוץ דעם, וואס אלץ, וואס וויסען און ערפינדונג איז, שפּראצט און בליהט ארויס פון איינהייטליכען אידישען געדאנק... דער געצענדינערישער איז קולטורעל אימפּאטענט! ער שאפט נאר א לוסטיג קינדער־לעבען!

זענען מיר שטענדיג ארעם, ווייל שטענדיג און פון אלץ באַ־רויבט... אפילו אין קאנטאַ־דיווערן נישט דערמאנט...

זיצען מיר שטענדיג ביים וועלט־טיש פארשעמט, אויף א פער־טעל בענקעל ביים פארשאַטענטמען עק, אהן א נומער... דרעהען מיר זיך שטענדיג ארום מיט לעדיגע הענט, צווישען פראלעריש־שטאַלצע פעלקער מיט געפעלשטע יחוס־בריף, וואס האבען אונזער האב און גאב איינגעשלונגען. דאס מויל אפגעווישט און פרעגען אונז אלץ אין איינעם:

— פון וואנעט? א פאספארט פאראן? ! אז אקט, א טיטעל אויף עפעס?

צייט אפצורייסען מיט'ן וואנדערען אהן געשיכטע!

וואנדערען, דאס איז אונזער מזל! נאר מיט'ן ספר זכרונות אין דער האנט. געדענקען אלץ, פארשרייבען און געדענקען! זאלען די געשיכטע פון גרויע צייטען שרייבען געלעהרטע; פון די נאהנטע צייטען — עלטערע לייט.

נישט „ליטעראריש", נישט געקינסטעלט. איינפאך זאל ווע־רען דערצעהלט, כדבר איש אל רעהו, ווי מען דערצעהלט פאר זיהן און אייניקלער.

ווי יחזקאל קאמיק'ס „זכרונות".

33.

עס דאכט זיך אויף זיכער, אז דער נעבעל, וואס האט איינ־געהילט די פויליש־אידישע באציהונג האט זיך אפגעצויגען, און אלץ איז קלאר געווארען, ווי דער טאג, און בולט.

טויבע הערען שוין, בלינדע זעהען באַשיימפערליך.

יאגעלא, וואס האט א צייט לאנג ארומגעטאנצט אויפ'ן טיש מיט דמאַווסקי'ס הענט אויף א שנירעל געצויגען, איז אראפ פון טיש.

מען דארף שוין קיין תירוצים נישט.

אפגעטאן די בושה פאר איירָאפּאַ.

איירָאפּאַ איז פארנומען מיט דער טערקישער סעודה, האט קיין צייט נישט, זיך אומצוקוקען... די דייטשע האנדעלס־ און אינ־

דוסטריע־וועלט, דראָהט אַפּצוציהען פוילען דעם קרעדיט; דייטש־לאַנד באַיקאָטירט מען דאָך אויך! און ליידען וועלען מעהר די נאַ־לעווקעס מיט דער דזשיקא גאַס. דער טורעם, וואָס דער ליטווישער דור־הפלגה בויט; זאָגט דער פוילישער שמשון — דמאָווסקי עט קאָמפּאַני — תמות נפשי עם פלישתים. זאָל צוריק אויפשטעהען אַלט און ריין פוילען, אָהן נאַלעווקעס, אָהן דזשיקא גאַס, און טאַ־מאַשאָוו, לאָדז און זגערזש, נאָר מיט — הוסאַרען!

און אין חלום זעהען זיי שוין די הוסאַרען־פליגעל פליהען קע־גען פליגעל פון איינזאַמע ווינט־מיהלען, און טראָגען זיך איבער'ן עכטען אַלט־פוילישען, שטימונגס־פוילען „קראַמאַ אַבראַז"... זאַמ־דיגע האָבער־פעלדער פון הייס־געליעבטען פויערל...

— הוסאַרען!

און די לופט פון דער „בעסערער" פּרעסע איז ריין געוואָרען פון שאַלען, פון טראָמפּייטערען, פון העצעררייען:

— „נישט לאָזען פאַראידישען פוילען!" „נישט לאָזען די ליטוואַקעס פאַרפּליצען די שטעדט!" „פוילען פאַר פּאָליאַקען!" מען דאַרף שוין נישט וועקען; די חיה איז געוועקט!

דעם גולם אין דער טשאַמאַרקע האָט מען שוין איינגערוימט דעם נאַציאָנאַלען שם. ער איז שוין אַרוים אין גאַס אַריין, טרייבט דעם קרעמער פון מאַרשאַלקאָווסקאַ, די עפּעל־ און הערינג־אידענע פון באַזאַר...

מען האָט אונטערגעצונדען. עס ברענט שוין אַליין; מען האָט געהויבען דאָס ברעט, דאָס וואַסער האָט זיך אַריינגעריסען און עס רייסט ווייטער...

אַדרעסען געבען?

דערויף איז געגוג דער „דזשיען", צי „דוואַ גראָשע"...

פילאַטוס מעג זיך שוין וואַשען די הענט...

דער „ערנסטער" פּאָליטיקער, דער שווערער לייט־אַרטיקעל־שרייבער איז שוין פריי פון מצות העצען: ער מעג זיך שוין צוריק נעמען צו זיין אַרבייט — מיט דער שער צו דער אויסלענדישער פּרעסע! און — נאָך דער „שווערער," „עכט־פוילישער." קולטורע־לער שער־אַרבייט, געהן אין אַ אידען־ריינע קריסטאַל־קנייפּע און

דערכאפען די נשמה מיט שוסטאוו'ס קאניאק; אויך א נאציאנאלע מצוה...

דער באיקאט אליין איז אויך נאר א מצוה, אויך א נאציאנאלע — ווער איז נישט קעגען אונז?

א קליין ביסעל אויבען אין דער הויך, א גרעסער ביסעל אונטען...

אויבען דער פוילישער מאגנאט. וואס האט זיינע גיטער און שלעסער אויסער דער שטאדט אינ'ם פרייען אידער־פרייען! און זיינע קאפיטאלען אין דער ענגלישער באנק!

מאשקע. כל־זמן דער מאגנאט קומט נישט אין שטאדט אריין בויען האטעלען און איינקונפטס־הייזער, מאשקע קאן איהם נאר באדינען; אויסהערען זיינע באפעהלען צום דערפילען אין — פעדער־הויז, פיליכט אין דרויסען פאר'ן גאניק, — מאשקע קאן און וועט מיט איהם נישט קאנקורירען... און געזעלשאפטליך נישט לעסטיג ווערען...

מוז מען איהם אמאל צוליעב א דעליקאטען געשעפט, וואס ליידט נישט קיין פרעמדע אויגען, אריינרופען. אבער דאס וועטער איז שלעכט, מאשקע — געפרווירען. און די עכט־פוילישע גאסט־פריינדליכקייט, אדער די קריסטליכע מענשען־ליעבע פארלאנגען. מען זאל איהם געבען א גלאז טיי. — שטעהט ביי יעדען פריץ אין קיך־בופעט גרייט דערויף אן עקסטרא גלאז, מיט אן עקסטרא „ספאדעקל“ און אן עקסטרא לעפעלע... דער לאקיי ווייסט דערפון... פריציש־טראדיציאנעל! ווער נאד פון דער הויך?

דאס ביסעל גרויס־קאפיטאל, וואס האט, ווי מען זאגט, קיין פאטערלאנד נישט, נאר אדער היימישע אדער פרעמדע מערק—דאס זענען עטליכע געמישט פויליש־אידישע קאפיטאלען, אין די הענט פון עטליכע פויליש־אידישע פאמיליען — די עכטע „אסימילאציע“.

אונטען?

דאס הייפעל באוואוסטזיניגע ארבייטער, וואס געהט צום קלאסען־קאמף און וויל זיך נישט פארדרעהען דעם קאפ מיט נאציאנאלע פראגען, זיין כפרה — דער קרעמער, יענער קרעמער, וועט זיך צוליעב דעם מחלוקת צווישעןביידע פוקסען,

נישט אפגעזאגט פון דער א י ד י ש ע ר הילף אינ׳ם קאמף... ווער נאך?

נאך א שפאר ביסעל א ו מ ב א ו ו א ו ס ט ז י נ י ג ע אר־בייטער, די, וואס שטעהען אונטער יעדער פאליטיק, נאציאנאלע, ווי קלאסישע, און אין זייער קלויסטער פרעדיגט נישט דער גלח קיין האס, און דראהט נישט מיט קיין חרמות און נישט מוחל זיין די זינד פאר נישט באיקאטירען. זענען זיי צופרידען מיט מאשקע דעם קליין־קרעמער, וואס פארקויפט ביליגע קליידער (די צייטען, ווען „יאנוש" פלעגט אליין נעהען פאר איהם, פאר זיך און פאר די קינדער, זענען פארביי! יאנוש איז אויך אין פאבריק, די קינדער — אויך! אדער גרייטען זיך דערצו) און ביליג עסענווארג און — ק ר ע ד י ט...

די גאנצע מ י ט, מיט איהרע גייסטיגע משרתים, לויב־זינ־גער, קולטור־טרעגער און דיכטער — דער גאנצער מיטעל־שטאנד איז קעגען אונז געוויס, דער גאנצער מיטעל־שטאנד איז נישט די צ ו ק ו נ פ ט; דאס זעהט א בלינדער. אבער „איידער א פעטער ווערט מאגער, נעהט דער מאגערער קאפוט!"

און דער מיטעל־שטאנד, וואס פלעגט זיך, צוליעב פאריז און וויז, פודערן ל י ב ע ר א ל... ביי די לעצטע וואהלען איז אביסעל ווינט געווארען, דער פודער איז אראפ!...

איז פון יענער זייט אלץ קלאר געווארען, ווי דער טאג, איך מיין: שווארץ, ווי די נאכט! די פאליטיק, וואס פלעגט אפען געפיהרט ווערען נאר אין גאליציאנער בעדער מיט עקסטרא היל־צערנע וואנעס און שפאציר־גענג, — עקסטרא שטונדען ביים ארצט און די שמוציגסטע ברוטאלסטע אידען־העצע — די גאליציאנער בערד־פאליטיק צושפרייט איצט פראנק און פריי איהרע פליגעל איבער שטעדט און שטעדטלעך...

דארט איז אלץ קלאר, אלע הענט פארנומען מיט פרייער „ארבייט".

און ביי אונז?

וואס ט ו ע ן מיר? וואס טראכטען מ י ר?

די אסימילאציע, דער נאציאנאליסט, דער ראדיקאל?

34.

„נעם א פידעל, גרימפעל ארום שטאדט, פארגעסענע — —"

איך וויל נישט ארויסזאגען, איך וויל נישט פארנארגראפירען די צייטונג; איך בין קיין נביא נישט!

— „שפיל גוט, זינג פיין, מען זאל דיך דערמאנען!"

ניין, די אלטע, פארגעסענע קאקעטע — די זינדיגע אסימי־לאציע, נעמט קיין פידעל נישט, זינגט נישט אין די גאסען, נישט אזויערנאך וויל זי זיך דערמאנען...

גוט און פרום ווערען וויל זי אויף דער עלטער... אין טרערען צוגיסט זי זיך. „יזכור" זאגט זי און רעכענט אויס איהרע קדושים. וואס זענען אומגעקומען על קדוש השם, פון גוי'שען שם... און „על חטא" קלאפט זי זיך אין אלטען הארץ אריין...

תשובה וויל זי טון...

געזינדיגט. זי האט נאר „קולטור־ארבייט" געפיהרט... צוויי־שען דער „טשעמנא מאסע" נאר דעם פוילישען א"ב פארשפרייט... נישט קיין ה ו י ז ־ א ר ב י י ט...

נישט אפגערייניגט דאס פעלד פון קרעמער, פון דער ארעמער זיצערין...

ציינד וועט אנדערש זיין! ווילסט פריץ־לעב, פארפוילישען די שטעדט... מיר האבען אנדערש גערעכענט, אנדערש געמיינט. אבער דו ווילסט? הייליג איז דיין ווילען! מיר וועלען א פ ט ר ע־ ט ע ן און פארשפרייטען הויז־ארבייט!

פאררעדט האט זיך די אלמע!

זי האט פארגעסען, אז דאס איז איהר זעלבסט־פארלייקנונג, איהר טויט, איהר זעלבסט־מארד, אז דאס איז — הימעל, שפאלט דיך! — סעפעראטי.ם! סע־פע־רא־טיזם!

וואס טייטש ארבייטען ב א ז ו נ ד ע ר?

וואלט, פיליכט, גוט געווען... איז אבער די אלטע נישט אר־בייטס־פעהיג... צופיעל מענער געהאט (איז דאך פויליש נישט דער ערשטער ביישלאף) און אן עקרה געבליבען! קיין גאט וועט איהר די טראכט נישט עפענען!

די צייטען פון ארבייטען איבער'ן פאלק, פון דער חויז. די

ציימען פון „טשענסטעכנעווער“ צדקות — זאָל זעהען דער גוי! — און טשענסטעכנעווער באַנקראָטען... די צייטען פון וואַרפען דער „טשעמנע מאַסע“ מטבעות פון פענסטער אַרויס אין מיסט אַריין— זאָלען זיך די ווערים צוזאַמענשלאָגען מיט די קעפּ און כאַפּען! — די צייטען זענען איין מאָל פאַר אַלע מאָל פאַרביי. אַרבייטען מוז דאָס פאָלק, מיט דער פאָלקס־מאַסע צוזאַמען, הערען, וואָס זי וויל, וואָס איהר פאַרלאַנג און איהר ד י נ ע ן. אַמאָל — אַ עצה געבען, נישט זעלטען אויפקלערען... מיט׳ן פּנים צו דמאָווסקי עס קאַמפּאַני, און מיט׳ן רוקען צום פאָלק, לאָזט זיך נישט אַ ר־ ב י י ט ע ן...

די אַלטע פּ ל אַ פּ ע ל ט.

זי רעדט אין איהר טרויעריגער איינזאַמקייט פון וועג.

הויז־אַרבייט — און וואָס וועט זיין, אַז דמאָווסקי עט קאָמ־ פּאַניע וועט דאָס אויך נישט ערלויבען? אַז דער „דזשיען“ און די „דוואַ גראָשע“ וועלען זאָגען:

— אונזער הויז — אונזער הויז־אַרבייט! אַז עס וועלען קו־ מען נייע פּריצים פון דאָרף אין שטאָדט אַריין נאָך ברויט, און פּרישע פּויערען, וואָס עס וועט זיי נאָך ערגער ווערען אין דאָרף, און ליפּאַצעוויטש וועט זיך שטעלען אין דער שפּיץ פון דער נייער תיישעריק־אַרמיי און רופען:

— אַ וואַרשטאַט נאָך אַ וואַרשטאַט! קעראַמיק? עס איז אוּ נ ז ע ר ליים פון אונזער הייליגער ערד! קווישען־פלעכטען? אונזערע וועלדער, פּוילישע ביימער — דאָס אַלץ וואַרט אויף אונ־ זערע הענט... אויף אונזער פעלד וואַקסט דער פלאַקס, אין אונזער ווערקשטעטל מוז ער ווערען איבערגעאַרבייט. מיר רופען דעם פּויער צום באָיקאָט!

וואָס וועט זיין דאַן?

דער טאָג מ ו ז דאָך קומען!

ווייטער אָפּטרעטען וועט די אַלטע. נייע טרערען פון די אַל־ טע אונטערגעפּאַרבטע אויגען גיסען, אַ נייעם „יזכור“ זאָגען, צו די אַלטע קדושים נייע צוגעבען, נייע, פון פּרישערע קברים אויפ׳ן פּאָוואָנזעק, און וועט געהן אָרגאַניזירען, וועמען? דעם אידישען לומפּען־פּראָלעטאַריאַט!

און אפשר וועט די אַלטע אַ גוסס טון און — נפטר ווערען...

און פאר פטירה, ווען דאס אויג איז פארקוקט צום הימעל, דאס הארץ ווערט ווייך, א צואה שרייבען, איבערלאזען א גרויס קאפיטאל אויף עולמות...

פאר דעם פראצענט זאל מען די וואנדערער, וואס וועלען אוועק פון די ווייכסעל־ברעגען איבער ימים צו די הרי־חושך, — לאז מען די ארעמע וואנדערער שטיוועל קויפען! און א טארבע מיט א שטיקעל ברויט געבען... אבער נאר — איבער ימים...

נישט איבער דער י ב ש ה ! זאל איהם אויפ'ן וועג נישט צ י ה ע ן צו דער א מ א ל י ג ע ר היים...

וואלט איך דאמאלט נאך געלעבט, וואלט איך אויף איהר קבר א דרשה געהאלטען און מיט דער האנט צום הימעל געצויגען, איהר צדקה דערמאנט. און אין גראמען דערנאך א מצבה געשריבען, אויף א שטיין, אויף א גרויסען, שווערען שטיין —

ת נ צ ב "ה...

35.

ד"ר. נוסבוים.

מיר שטעהען נישט, מיר רוקען זיך, פון מאשקע איז אין א קורצער צייט געווארען „מאריץ" — פאן מאריץ, פון פאן מאריץ— דר. דער, דר. יענער. און מיט דער ענדערונג פון נעמען און באַשעפטיגונג ענדערט זיך אויך אונזער באציהונג צום ארומיגען, צו די אומות העולם, וואס זענען נישט אזוי באוועגליך, ווי מיר! ווע־ניגסטענס בנוגע צו אונז... בנוגע צו אונז שטעהען נאך די חסידי אומות העולם גאנץ פארגליווערט אויפ'ן אלטען, גאנץ אלטען שטאנדפונקט.

אבער ווי אנדערש רעאגירט דערויף א דור נאך א דור ביי אונז!

אז דער אלטער פריץ פלעגט זאגען זיין מאשקען: אידען— גנבים! אויסער דיר, מאשקע! דו ביסט מיין רעכטע האנט! וואס [illegible] מאשקע, מהדיפית. געטאן? דעם קארק געבויגען, צו די פיס

זיך גענבוקט, די שפיץ פינגער געקושט און איז אהיים געלאפען. זיך קיהלען דאס אידישע הארץ, זיך נוקם זיין בסתר. אפגעגעבען דעם ווייב און קינד די פארדינגטע פאר גראשען, לויפט ער אין בית המדרש אריין, דאוועגט „אתה בחרתנו!“ לערענט: עם הדומה לחמור“ און „אתם קרויים אדם...“ און וויל ער, מאכט ער אויך א שטיקעל אויסנאם, פאר זיין פריץ...

זיצט פאן מאריץ צווישען קריסטען שוין אין קנייפע, אין וואגאן (וואו דען טרעפט מען זיך מיט א קריסט?) און דער יונ־גערער פריץ שיט, מעשה אבות, די זעלבע פעד און סמאלע אויף כל ישראל, אבער שוין א טאקטישער מענש, וויל פערזענליך זיין צופעליגען שכן נישט באליידיגען, און גיט צו מיט א חנ׳דעל:

— „באליידיג דיך נישט, שכן מיינער... דו ביסט אז אויס־נאם... דו ביסט אין מיינע אויגען גאר קיין איד נישט! נישט קיין היישעריק צווישען דער מחנה היישעריקען, וואס פרעסען אונז אפ די גיטער און פעלדער“...

האט שוין דער פאן מאריץ קיין „אתה בחרתנו“ אין הארצען, און דאס נאציאנאלע באוואוסטזיין פעהלט איהם נאך, פון נאציא־נאלען שטאלץ איז קיין רייד, — פיהלט ער זיך געשמייכעלט און גערייניגט, געפרעגעלט אויפ׳ן פייער, אבער אויף פוטער, אין א קופערנער פאן... פינטעלט, ער, נאטירליך, מיט די אויגען, צוגיסט זיך איהם אן אידיאטישער שמייכעל איבער׳ן פנים פון אויער צו אויער, און די צונג שטאמעלט עטוואס, א מין שוואכען פראטעסט און א שעהנעם דאנק, — פאן מאריץ...

ציגד, זאגט מען, וועקט זיך דאס נאציאנאל־אידישע געפיהל, און דער אידישער שטאלץ... לעבט אבער נאך דר. דער און דר. יע־נער און — דר. נוסבוים!

מאריץ־לעב, דער דר.!

אין דער צייט פון דער וואהל־קאמפאניע דינט ער דעם פריץ מיט׳ן גאנצען אלטען, צאפעלדיגען מה־יפית־הארץ...

אין זיין געגענווארט, — איהם לאזט מען אריין! — ווערט פעסט געשטעלט דאס פאליטישע פראגראם פון אפצווינגען א הויז נאך א הויז און א געוועלב נאך א געוועלב, פון פארפוילישען די שטעדט און אויסאידישען דעם האנדעל; מיט איין ווארט, פון

„אויסראַטעז"... געהט אבער צו איהם צו א פוילישער גראַף, לעגט איהם ליעבליך די אריסטאָקראַטיש־שמאָלע האַנט אויף זיין איד־דיש־שמאָלער אַקסעל, און זייערט פון צווישען די ציין...

— „דיך, דר., מיינט מען נישט... אַז איינציגע אויסנאַם ביסט דו, דיך וועל'מיר אייביג מצרף זיין צו אונזער מנין! א י י ן עהרליכער איד אין דער מחנה היישעריקען"...

און דר. נוסבוים הענגט זיך נישט, טרענקט זיך נישט פאַר חרפּה; פאַרקערט, דאָקטאָר מאַריץ שמייכעלט זיין אַלט־נאַרישען שמייכעל, פינטעלט מיט די וואַסעריג־בלויע אויגעלעך און זיין ווייך־פליישיגע צונג שטאַמעלט: אודאי, אודאי, איך בין... איך בין... איד... איד...

און האַט שוין אויפגעפלאַקערט דער באָיקאָט, און פון אַלע זייטען ווערט ג ע ה ע צ ט... קריכט ער ערשט אין גרעסטען העץ־ און שמוץ־בלאַט אריין, אין „קוריער וואַרשאַווסקי", מיט אַן ערקלערונג אין ליעבע צום — פ אַ ט ע ר ל אַ נ ד...

אביסעל זינדיג איז עס, אביסעל האַרט קענען זרע אברהם, יצחק ויעקב זיינע ברידער. און זיין פלייש און בלוט האַט ער ליעב, אבער דאָס טייכעל פון וואַסעריגער ליעבשאַפט צו זיינע ברידער, צו זיין פלייש און בלוט, ווערט פאַרטרונקען אינ'ם קאָכענדיגען ים פון ליעבשאַפט צום פּ אַ ט ע ר ל אַ נ ד, צו דער „אימשיזנא"... זיין האַרץ צוגעהט! און ווילט איהר בלוט ביז'ן לעצטען טראָפּען! זיינע ברידערס בלוט... געפונען דעם אָ ר ט, געפונען די צ י י ט!

די פראַגע איז נאָר: וואָס פאַר א „פאַטערלאַנד" מיינט ער? וועמענס פאַטערלאַנד? אַלע מיילער רופען: „גאָט!" און יעדער האַט זיך זיין גאָט! פאַראַן אַלערליי פאַטערלענדער!

ביים אַלטען (נאָך נישט פאַרשקלאַפטען) פוֹיער האַט דאָס פאַטערלאַנד געהייסען: „אימשאַוויזנא". דערפון ערשט שטאַמט „אימשיזנא"!... זיין פאַטערלאַנד איז געוועזן זיין שטיקעל פעלד, די נחלה פון זיינע אבות, זיין ירושה פון דור צו דור — זיין שפּייזערין ערד. צוגעבונדען איז ער געוועזן צו ווייב און קינד. נאָך מעהר צום אינווענטאַר, צום הייליגסטען איז איהם אבער געוועזן דאָס שטיק פעלד... דאָ איז געשטאַנען זיין וויג, דאָ וועט זיין זיין קבר! און איבער'ן גאַנצען וועג פון וויג ביז'ן קבר טרעט ער אויף

זיין מאַמע־ערד, וואָס זאַפּט איין זיין שווייס און זיין בלוט, און זיין מאַרד פון די ביינער, און גיט איהם דערפאַר פלאַקס, די חרפּה צו פאַרדעקען, ברויט, און ווען בדוחק, פאַר איהם און זיין פאַמיליע, און פּאַשע פאַר'ן געליעבטען אינווענטאַר!

וואָס איז דעם אַלטען פויערס פּאַטערלאַנד? זיין אַרבייט און זיין ברויט!

וואַקסט אַבער דאָס „פאַטערלאַנד". אין דער לענג וואַקסט עס און אין דער ברייט וואַקסט עס מיט דער צייט! איין פריץ שלינגט איין הונדערטער פויערן, און הונדערטער איטשיזנעס ווערען זיין גוט, זיין מאַיאָנטעק... זיין גרויס פּריציש פּאַטערלאַנד!

דער פּירשט איז נאָך גרעסער! פּאַטערלאַנד גיט שוין נישט נאָר בלויז ברויט און פלאַקס! עס גיט מאַכט, האָנאָר און אַ גאַנצע מאַסע עולם־הזה! אַ שמאַלץ־גרוב, צו וועלכען מען דאַרף נישט צו־לעגען קיין האַנט, דערויף זענען קנעכט פאַראַן — דער פויער!

דאָס פּאַטערלאַנד איז שוין אַן אַלגעמיין־פּריצישע זאַך, אַ רזשעץ־פּאָספּאָליטאַ! זי שיצט און פאַרגרעסערט דעם פּריץ, דעם פויער פאַרטרייט מען קיין פערד, ער וועט אַנטלויפען, וואו דער פעפער וואַקסט, און בפרט קיין ביקס, גאָט ווייסט, וועמען דער כאַם וועט שיסען... און באַצווינגט איין פאָלק אַנדערע, גיסען זיך אין גרויסען לאַנד אַריין טויזענט קליינע פּאַטערלענדער, דער שטאַט!...

פּוילען פון ים צו ים! איז זיס דעם אוקראַינער, האָט אַ האָ־ניג־לעבען דער ליטווער, דערלעבט זיך דער ווייסער רוס...

און דאָס מאָדנע גרויס־קאַפּיטאַל האָט אויך זיין פּאַטערלאַנד! זיין היים, פון וואַנען ער פאַרשפּרייט זיין נעץ איבער מערק און לענדער... און זאָגט דמאָווסקי: „פּאַטערלאַנד!" מיינט ער דאָס אַלטע שליאַכעצקע פּאַטערלאַנד פון ים צו ים. ווערט אומרוהיג דער רוטענער, שאָקעלט זיך אָפּ דער ווייסער רוס, קריצט אוקראַינאַ מיט די ציין, מאַכט דאָס איינגעשפּאַרטע ליטאַ אַ שווערע גרי־מאַסע...

זיי ווילען שוין דעם כבוד נישט איינגעשלונגען צו ווערען פון גרויסען העכט!

אַבער וועלכעס פּאַטערלאַנד מיינט זיין דינער — דר. נוס־בוים?

דעם היינטיגען פויערס. פיליכט? דעם ארבייטערס?

אין דעם פאטערלאנד איז זיין פריץ דמאוווסקי, וועלכען ער דינט אזוי הארציג — פ א ר ש א ל ט ע ן !...

— — — — — — — — — — — — — — — —

ווען די גרויסע, די וואויל־טאניגע קלאסען, ריהרען דעם גרויסען גלאק און קלינגען: „פאטערלאנד!“ ווייסט מען: פאר זיי א חנא, פאר'ן פאלק א שרפה! דאס פארשפרייט מען א נעץ פאר די קליינע פישלעך, דאס גיסט מען פאר'סמ'טען האניג פאר ארעמע פליגען...

קלינגט „וושעד־פאלסקא“, הייסט עס: קום, אוקראינא, ליטא, וויים־רוסלאנד, צוריק, לאזט אייך אויסמענשלען און פארפוילישען... אביסעלע, א קליין ביסעלע באצווינגען... שוין נישט די אלטע צייטען... קיין ק י י ט ע ן, קיין אייזערנע באנוצט מען שוין נישט!

קלינגט אויפ'ן גרויסען גלאק פון פאטערלאנד דער פריץ, מיינט ער דעם פויער אהן ערד! אי, פויערל, פויערל, פארלאז נישט דיין פאטערלאנד, זוך נישט קיין ערד מעבר לים, זוך נישט קיין ארבייט, שניט־צייט, ביי דיין פארשאלטענעם שונא, דעם שוואב, און געה אפילו נישט אין דער זינדיגער שטאדט, אין פאבריק ארייין... איך דארף דיינע הענט!

ער אליין פאהרט אין די — ב ע ד ע ר, הוליעט אין אלע גרויסע שטעדט, שפילט אין — מאנאקא... בלייבט איהם געלט, האלט ער עס אפילו אין א שוועדישער באנק, אבי נישט אין דער היים. ער דארף אבער א ביליגען שניטער, א ביליגען „מענש“ צום פלוג און צו זיינע פערד און קיה, און וואס מעהר פויערען און ערד עם געהען אפ, מעהר צאהלען מוז ער, מעהר ארדינאריע געבען! אלץ אין א גרעסערער געפאהר איז זיין פאטערלאנד!

און קלינגט, ערגעץ־וואו, אויפ'ן גרויסען גלאק די גרויס־אינדוסטריע: דאס פאטערלאנד איז אין געפאהר! זיין כבוד פארשוועכט! הויבט די פאן פון הייליגען פאטערלאנד! —

הייסט עס:

גיב, פאלק, קאנאנען־פלייש צו באקומען פאר מיר נייע מערק,
צו שיצען מיין האב און גאב אין דער היים און אין דער פרעמד!
דער, וואס א ר ב י י ט און לעבט פון א י י ג ע נ ע ר

ארבייט. דער האט אן אנדער פאטערלאנד; דער בוים עם אנדערש, שיצט עם אנדערש און קלינגט קיינמאל נישט אויפ'ן גרויסען גלאק; זיין חגא איז נאך נישט געקומען!

אין דייטשלאנד שטימט ער אפילו קעגען איינשליגנגען די פוילישע גיטער אין פויזען אינ'ם נאמען פון הייליגען יונקער־לאנד!

מיט וועמען געהט דר. נוסבוים? וועמעס פאטערלאנד ליעבט ער? ווען איז זיין חגא? נאך וואס קלינגט ער אויפ'ן גרויסען גלאק?

פרעגט'ם בחרם...

מען קאן, דעם פריץ צו געפעלען, נישט שרייען: „אני פאליאק!"; עס איז געווארען די באצייכנונג פון אפשטאמונג, דאס ווארט באטייט דאס בלוט, וואס רינט אין וועמענס אדערען, וועקט מען דאס פאטערלאנד...

אן אלטער מענש מיט אלטע ווערטער...

מאריץ, אפשר נאך צוריק — מאשקע...

א פאליטישער בר־מנן...

האט מען אבער פארגעסען זיין רעכט צו טון, פון חברות איהם אפצוזאגען...

36.

עשו שפילט...

„וואס מיר זענען, זענען מיר, אבער"... אבער צו וואס זענען מיר געגליכען? „געגליכען צו שטערען, געגליכען צו זאמד"... מיר, זאגט מען, לייכטען דער וועלט, ווי שטערען, און זענען אזוי צוזייהט, ווי שטערען; איין שטערן טרעפט דעם אנדערען נישט; יחידים לייכטען... ווי גרויס עס זאל נישט זיין די צאהל...

און מיר זענען אויך, ווי זאמד, ווי זאמד ביים ברעג פון ים; טרוקען צונויפגעדריקט, אומפרוכטבאר און — ג ע ט ר א ט ע ן...

מיר זענען אויך גלייך צו אוילבערטען! וויל מען בוימאויל, מוז מען זיי פרעסען; וואס מעהר געפרעסט, מעהר בוימאויל...

און נאָר אַן אַלטע גמרא: בני ישראל נמשלו כדגים... מיר זענען אויך געגליכען צו פיש, „וואָס זייער פאַרזאַמלונג, איז זייער שחיטה!" נישט אומזיסט ציטערען אומעטום די איינגעזעסענע „יאהודים", צו וועלכע מען האָט זיך צוגעוועהנט, פאַר א נייעם שטראָם פון ברידער איינוואַנדערער. זיי ווייסען: דער גוי'שער מאַגען קאַן פיעל נישט פאַרדייען...

„פן ירבה" — די אייביגע שרעק פון אַלע פרעה'ס, פון יעדען מצרים...

נישט אומזיסט זענען מיר אויך געגליכען צום זאַלץ פון דער ערד. מיר גיבען איהר דעם געשמאַק... אָהן אונז זענען די פון ערד געקנעטענע פעלקער נישט צו נעמען אין מויל אַריין; אָבער פאַרזאַלצען וויל קיינער נישט ווערען...

מיר זענען נישט אומזיסט אויך זויער־טייג...

ליגען זיך די פעלקער רוהיג, יעדעס אין זיין מולטער, און מיר ווערען צוביסלעד צוגעגעבען, עס זאָל יעהרען, עס זאָל וואַקסען. וויל מען נישט צופיעל; זאָל דאָס טייג נישט פון מולטער אַרויס!

און געגליכען, מאָדערען גערעדט, זענען מיר אויך און אפשר מעהר פאַר אַלץ — צו נאַקעטע נשמות: הוילע געדאַנקען, לופטיגע אידעען, לויטער גייסט־אידעאַלען!

והידים, און די הענט, וואָס א ר ב י י ט ע ן, וואָס פ אַ ר ק ע ר פּ ע ר ע ן די געדאַנקען, פ אַ ר פ ל י י ש ע ן די אידעען, וואָס פ אַ ר ו ו י ר ק ל י כ ע ן די אידעאַלען — ידי עשו! אונז לאָזט מען צום וואַרשטאַט נישט צו!

דרעהען מיר זיך שטענדיג אַרום צווישען פ ר ע מ ד ע קולטורען — דרעהען מיר זיך אַרום, פרעמדע, פאַרגעסענע, נאַקעטע און בלויסע, און ב ע ט ל ע ן — קולטור!

מצרים האָט א קורצען זכרון. יוסף ווערט פאַרגעסען און די שפייכלער, וואָס מען האָט אָנגעפילט אויף הונגער־יאָהרען, ווערען פאַר אונז פאַרמאַכט, און אויך פתום ורעמסס — מצרים־ליים און אונזער שוויים און בלוט איז — עגיפּטישע קולטור.

האָבען מיר קיינמאָל נישט קיין אייגענס... קויפט מען ביי אבימלכ'ס קנעכט וואַסער פון די ברונענס, וואָס יצחק האָט געגראָבען, און קויף איך צוריק אָפּ ביים גראַמילאַ מיין אייגען העמד צום

ליב, בין איך געבליבען צום בלוט־איגעל, צו דער פּיאַווקע, וואָס לעבט אויפ׳ן פרעמדען חשבון, זויגט פרעמד בלוט...

און ווערט דער „פון ירבה״ גרעסער, ווערען מיר אין מויל פון בעסטען זוהן פוילענס: שטשורעס... ווערען מיר אויך געגליכען צו ווערים... וויל ער בעסער אנדערע פעלקער — חיות רעות זאָלען זיין פאָלק צורייסען, איידער מיר, די ו ו ע ר י ם...

און אמאָל דאַכט זיך:

גאָט, דער באַשעפער פון דער וועלט, האָט זיך אמאָל אומגע־קוקט און דערזעהן: קיין מענש נישטאַ דאָ, נאָר פעלקער. און פ אַ ר ח אַ ל צ ט ווערען די פעלקער און גראָבען זיך איין אין דער ערד און שאַנצען זיך ארום, און ווערען פאַרגליווערט און פאַר־שטיינערט, און עס קאָן נישט געבוירען ווערען דער מ ע נ ש, דער פ ר י י ע ר מענש, וואָס דאַרף פאַרפילען די ערד, זי באַהערשען און באַצווינגען און מענשליך בויען... האָט ער, אין זיין גערעכטען צאָרן, דעם האַרטסטען בוים, דעם צעדער פון לבנון אויסגעריסען, געשפּאָלטען, פון איהם קלינעם געמאַכט, און יעדען פאַרהאַלצטען פאָלק, אין יעדען פאַרגליווערטען קלאָץ א קלין אריינ־געזעצט...

מיר זענען די קלינעם אין פרעמדע קלעצער. א בענקעניש, א האַרץ־דרייסעניש צום לבנון צוריק, און די זייטען פון פרעמדען קלאָץ דריקען: ארויס! ארויס! און דער האַמער פון דער הויך קלאַפּט: אראָפּ! אריין! וואָס טיפער אין שפּאַלט!

סאָלאָן־מעסיג, מאָדערען:

מיר זענען געגליכען צו קלאַווישען...

האָט זיך דער באַשעפער זיין פּיאַנאָ געהאַט — זיין פאָלק ישראל, וואָס האָט, פון זיין האַנט באַריהרט, זיין לויב געשפּילט!

ג ע פ ע ל ש ט האָט איינמאָל די פּיאַנאָ...

אל קנא — האָט מיט׳ן דונער די פּיאַנאָ צושמעטערט; דער קאַסטען — צושפּרונגען, די קלאַווישען צושפּרייט און צוזייהט...

ליגען זיי איבעראל אין גלות־שטויב, אין גלות־מיסט, פאַר־שטומטע, פאַרגליווערטע, אָהן א קלאַנג...

און דאַך — ווערט א קלאַוויש געדריקט פון א פרעמדער האַנט, וועקט ער זיך און גיט זיין טאָן, זיין איכה־ און קינות־טאָן, זיין אויסרוף פון בענקשאַפט און שמערץ...

און א וואונדער: ווי פון כישוף געוועקט, כאפען זיך אלע צושפרייטע און צוזייהטע קלאווישען אויף און ציטערען און לאזען זייערע איכה־ און קינות־טענער ארוים און עס הערט זיך דער קלאנג איבער גאנץ מצרים...

נישט געגלעט ווערט דער קלאוויש, נאר געדריקט...

והידים — די הענט, וואס ריהרען זיך צו — ידי עשו...

עשו שפילט!

37.

קאפ און האנט.

האבען מיר זיך אליין, צו אונזער אייגענעם אומגליק, א ווער־טעל, אויסגעטראכט:

„אין חבוש...“

„דער געבונדענער באפרייט זיך נישט אליין“, טוען מיר פאר אלע אנדערע מיט מסירות נפש, און פאר זיך אליין זענען מיר אפ־הענדיג, אהן ראט.

קאפ פעהלט נישט; אין קאפ פעהלט קיין געהירען נישט.

די הענט זענען אויך נישט אזוי קורץ, אויך נישט אזוי שוואך.

איינס פעהלט:

קאמוניקאציע צווישען קאפ און האנט!

דער קאפ טראכט, די הענט אבער ווייסען נישט דערפון און פאלגען נישט דעם קאפ און טוען דאס זעלבע, וואס נעכטען און אייער־נעכטען.

קאפ פעהלט נישט. ווי אין דער הגדה שטעהט: כלנו חכמים, כלנו נבונים. און וויפיעל קעפ, אזוי פיעל עצות, אזוי פיעל פלע־נער. עס איז נאך קיינמאל ביי אונז אזא גערעטעניש אויף פרא־יעקטען נישט געווען...

אבער די פלענער בלייבען געדרוקט שווארץ אויף וויים אויפ'ן

בלאָט. די אידעןְ שוועבען אַרום נאַקעטע אין דער לופֿט, און ווערען מיט מעשים טובים נישט באַקליידט.

מיר האָבען צו לאַנג, גערנוויליג אָדער געצוויט, אין צווייערליי וועלטען געלעבט, אַהן אַ בריק צווישען ביידע, אַהן אַן איבערגאַנג.

אין איין וועלט, אין דער גייסטיגער, האָבען מיר „מיט'ן אָטעם פֿון די לעפֿצען" בערג אויסגעריסען און „איינס אינ'ם צווייטען גע־ריבען אין שמורעם!" ווינט־מיהלען געשטעלט און אין געדויש גייסטיג־שטרוי געמאָלען. אַלץ נאָר די מחות געשאַרפֿט, מחות, ווי בליצענדיגע חלפֿים באַקומען...

און אין דער צווייטער — אומפּרוכטבאַר, אומבאַהאָלפֿען.

אין דער וועלט זענען מיר דאָס פֿוילע טיר, וואָס ריהרט זיך נישט פֿון צוויינג, ביז אַלע בלעטער ווערען נישט אָפּגעריסען, און דערנאָך ערשט קוקט עס זיך אום...

און דער אָפּטימיזם: משיח וועט קומען! משיח'ן מוז מען אָבער ב ר ע נ ג ע ן! און פֿאַר'ן א מ ת ' ע ן קומען פֿ אַ ל ש ע...

ווער איז נישט אונזער משיח געווען?

אייגענע — וואָס האָבען „געאַרבייט" מיט קאָפּ און האַרץ. אָבער אַהן הענט. סודות, תעניתים, השבעות — אַ ניי געוועב פֿון גאָלדענע חלומות. און פֿ ר ע מ ד ע, וואָס האָבען אונז מיט ניצליכער מענשליכער אַרבייט באַשעפֿטיגט אָבער נישט פֿאַר אונ ז...

האָט דער קעניג דעם מאַגנאַט באַקעמפֿט, זענען מיר שויץ־אידען געווען.

האָבען מיר שפּעטער אין זכות פֿון גוטע, פֿיינע מאַגנאַטען געלעבט, האָבען אונז טייל פֿון זיי אויף בוימער אַרויף געיאָגט און ווי פֿייגעל געשאָסען. אַנדערע האָבען אונז זינגען אויסגעלערענט. דאָס מה־יפֿית־ליעדעל...

האָט אונז שפּעטער דער פֿרייער געדאַנק מיטגענומען אין שטרייט מיט דער קירכע, מיט גלויבען און אָבערגלויבען. גע־זיגט! באַפֿרייט די וויסענשאַפֿט פֿון אונטער'ן יאָך פֿון גלויבען, די שולע — אַ וועלטליכע, די ערציהונג — אַ מענשליכע! און מיר זענען אַהן ערציהונג געבליבען, פֿאַר אונז איז די שולע טיילווייז, אָדער גענצליך פֿאַרמאַכט...

און וואס טוט מען מיט די באקומענע פאטענטען? אז אלץ — פארזויערט! האט אונז מיטגעשלעפּט דער ליבעראליזם, די פּ א ל י ט י ש ע באפרייאונג, דאס באפרייען בעל־הבת'ישקייט פון מאגנאטען־יאך, פון הערשער־אונטערדריקונג... א יושר! געגאנגען, געקעמפט, געזיגט און — די בעל־הבת'ישקייט שטעלט זיך צו אונז מיט'ן רוקען. די בעל־הבת'ישקייט באיקאטירט... דעמאקראטיזם...

דאס אידעאל — אמעריקא!

און דארט ערשט פארשפּרייט זיך דער קאפּיטאליזם, און וואורצעלט זיך פון טאג צו טאג אלץ טיפער איין, און די אידענרייניגע האטעלען מעהרען זיך, און אונזער אפּגעזונדערטקייט וואקסט... אונזער קראפט אויך. נאר הערט מען שוין: פון ירבה, ועט מען באלד הערען: הבה נתחכמה! —

געהט א נייער מ ש י ח: דער פּראלעטאריאט!...

וועט אמאל קומען משיח אין פאבריק אריין, דעם ארבייטער באפרייען, און וועט קיין אידישען ארבייטער נישט טרעפען!

— קליינינקייטען", ענטפערט די „קוזשניא". „פארוואס נעמט מען קיין אידען אין פאבריק נישט אריין? פארוואס לאזט מען אידען נישט צו דער מאשין? ווייל דער פויער פון דארף איז געזינטער, ארבייטזאמער, אונטערגעבענער, פאלגט, טוט אלץ און איז ב י ל י ג ע ר! און דער שטראם פון דארף פליעצט אין שטאדט אריין אלץ מעהר און מעהר!

„און נאך א שטערונג — שבת!"

„הויבט זיך אבער אן דאס דארף צו אנטוויקלען, עס מעהרט זיך און באצאהלט זיך וואס א טאג בעסער די ארבייט אין דארף. דעם פויער וועט שוין נישט ציהען די פאבריק, דאס דארף וועט נאך ארויסציהען ארבייטס־הענט פון די שטעדט... דאמאלט וועט אפשר שטעהן פאר אידען די פאבריק! דאמאלט וועט שוין אויך קיין רייד נישט זיין פון שבת!"

און אז משיח וועט קומען צופריה, איידער דאס דארף וועט שלעפען מענשען צום אקער פון שטאדט, און איידער שבת וועט בטל ווערען?

— — — — — — — — — — — — — — — —

לעבען איז א פּראצעס פון קאמף און אנטוויקלונג. ווער עס

ווייל לעבען, מוז מיטמאכען אלע פראצעסען... אבער פארוואס אז זיך פארגעסען?

פארוואס, ווען מען דערמאנט זיך שוין, פאלגט נישט די האנט דעם קאפ?

פארוואס אזוי אפהענגיג?

38.

פורים.

האבען מיר אלערליי ימים־טובים. גוטע יאהרען — ווייניג; גוטע טעג נאך פאראן!

האבען מיר פארשידענע גוטע טעג:

האבען מיר פסח זכר ליציאת מצרים! דער יום־טוב פון באפרייאונג! קנעכט האבען פארשטרייקט! קנעכט האבען זיך אויפגעהויבען, פארלאזט דעם פלייש־טאפ מיט דער בייטש צוזאמען און געלאזט זיך אין סטעפ, אין מדבר אריין; פריי ווערען, א פאלק ווערען, א לאנד בויען!

האבען מיר שבועות — זמן מתן תורתנו!

שטאלצירען מיר דאך נאך היינט מיט איהר; ווערט זי דאך נאך היינט פון שווארצען געוויסען אייראפאס באזידעלט און באשמוצט! נישט אומזיסט האט דאס מאראלישע פארזעהעניש דעם עהרליכען שפיגעל פיינט!

לעבען מיר דאך אין א צייט פון קריג. פרואווט, גיט די באלקאנישע פעלקער, ביי גאנץ אייראפא, וואס מישט זיך אין קריג אריין, דאס געזעץ פון קריג:

„באלענערסט דו א שטאדט, די בוימער ארום הא. נישט אוים; זיי זענען דאך קיין מענשען נישט, זיי זאלען קאנען אנטלויפען פאר דיר!"

— — — — — — — — — — — — — — — —

דאס געזעץ ווערט געגעבען אין מדבר, אין דער צייט פון

„ויסעו־ויחנו", אויפ'ן וועג פון קנעכטשאפט צו פרייהייט, פון גשן צו פאלעסטינא...

נאך דאס לאנד נישט באקומען, און א „סאציאל־שטאט שוין געבויט"...

נאך אין סטעפ, נאך איןביידלעך געוואוינט, און די מענש־ליכסטע אידעאלען געשאפען, געוויגערט זיך צווישען „אפס, כי לא יהיה בך אביון" און „כי לא יחדל אביון מקרב הארץ"!

פייערען מיר די ביידלעך...

איז אונז ליעב אונזער ארעמע, פארוואָרפענע סוכה; נעמען מיר אין איהר אויף אונזער אושפיזין, די ליעבע געסט פון דער ווייטער, ליעבסטער פארגאנגענהייט!

קומט נאך א ש פ ע ט ע ר ע ר און דעריבער שוין א האל־בער יום־טוב... חנוכה!

דאס פאלק געפאלען, פארלאשען, צו אש געווארען!

נאר אינ'ם הויפען אש איז א פונק געבליבען; איז פון דער טיפער נאציאנאלער באליידיגונג אויפגעפאכט געווארען, האט ער אויפגעפלאמט. איז „בית יעקב" געווארען פייער און יון — שטרוי! און — —

— א קליינע ארעמע אילומינאציע פאר'ן אלטען, גרויסען וואונדערליכען זיג!

קומט אבער נאך צו — פורים!

דער יום־טוב פון — „זאגען" און „נישט זאגען"!

אניט וואלט דער נס נישט געשעהען:

דער גורל איז אפהענגיג פון אחשורוש... און —

וואלט מרדכי נישט אויסגעזאגט, וואלט ער אחשורוש'ס קלייד נישט געטראגען, אויף זיין פערד נישט געריטען!

וואלט אסתר י א א ו י ס ג ע ז א ג ט, וואלט אסתר זיך אין איהר שטאם נישט פארלייקענט, וואלט זי קיינמאל קיין קרוין אויף איהר קאפ נישט געהאט, וואלטען אחשורוש און המן אין איהר געצעלט קיין וויין נישט געטרונקען...

און דאס טרויעריגסטע איז: אלע ימים טובים, זאגט מען, וועלען בטל ווערען, נאר איין פורים וועט בלייבען!

דער יום־טוב פון „אויסזאגען" און פארשווייגען!

און צום זכרון:
דער יום־טוב פון מאסקען און פורים־שפילער...
איז עס אין בלוט אריין!
אויף „אויסזאגן“ שטעהט זעהר פיעל! און דאס נישט אויס־זאגען, דאס פארלייקענען?

פאראן אין א גרויסער אידישער שטאדט א שולע פאר מיידלעך, פאר אידישע, דאס מעהרסטע חסידישע מיידלעך, די מאמעס טראגען נאך שייטלען, די טאטעס — שטריימלעך מיט אטלעסענע קאפאטעס... קיין איינציג קריסטליך מיידעל. קומט אין דער שולע אריין א אידישער לעהרער און פרעגט:
ווער קען אידיש?... ווער קען אלף־בית?!
אלע שווייגען!
„אין אסתר מגדת!“
דאס פארלייקענען איז אין בלוט אריין!

39.

אויך א סדר־נאכט.

(א ווארשעווער הומאָרעסקע)

סיראטא (דארף איך אייך צוגעבען; דער חזן אויף טלאמאצקע) האט אפגעדאווענט; עקסטרא צוריק געקומען פון ניו־יארק.
— א שעהן ביסעל געלט פארדינט, — זיפצט נישט איין באיקאטירטער סוחר.
— וואלט איך זיין האלז געהאט...
אמעריקא ציהט נישט נאר ליטעראטען.
סיראטא האט אפגעדאווענט.
דער היימישער עולם רוקט זיך ארוים שטילערהייט. מען ווייסט נישט ווי אזוי צו זאגען. די פוילישע פארם פון ווינשען לכבוד יום־טוב, בפרט „וויעלקאנאץ“ — איז נאך נישט געפונען געווארען.

„ליטוואקעס“ פון דאס לעדעז אוים די שול רוישענדיג:

— גוט יום־טוב, גוט יום־טוב!

דער היימישער עולם מורמעלט, נישט צופרידען:

— ווי דאס רודערט...

וו'דאמו באזשים — קיין דרך נישט...

פאלט נאך איין א ליטוואק אויסצורופען:

— לשנה הבאה בירושלים!

איז שוין דאס געווען איבער דער מאס, מורמעלט מען אויף פויליש העכער; שוין אויסער דער שול, אויף די טרעפלעך!

— אלץ פארכאפט... די גאלעווקעס... צינד — די שול...

— און די הויפט־אליי — קלאגט זיך א צווייטער — אויפ'ן צמענטאריזש... ער איז אויף קבר אבות געווען: „א ליטוואק ביי א ליטוואק“...

— — — — — — — — — — — — — — — —

די לעצטע פאר:

א היימישער צילינדער, ווייסע קראוואטע, האנטשוה, פיין ראזירט, נאר אויפ'ן פנים, נישט זעהר יום־טוב'דיג, ווארט אפ אויפ'ן פלאץ א צווייטען (אויך א היימישער צילינדער, ווייסע קראוואטע, האנטשוה, א פיין צוקעממטע באָרד און אויפ'ן פנים אויך גאר נישט יום־טוב'דיג), וואס הינקט ערשט אראפ אויף א קוליע פון די טרעפלעך.

— געהסט אהיים? — פרעגט ער — שוין אויפ'ן לעצטען טרעפעל, און, נישט דערהערט, עטוואס העכער:

— געהסט אהיים, מאריץ?

דער געפרעגטער כאפט זיך אויף, ווי פון א טרויער:

— און דו, איגנאץ!

זיי שטעלען זיך אפ א ווײלע:

— אהיים? וואס וועל איך טון אין דער היים? האסט א סדר, מאריץ?

— אי... — מאכט מאריץ אוועק מיט דער האנט.

— איך זאג, מיינער: גלייך געווען כאטש אביסעל מצות קוי־פען. מעסט זי אפ מיט'ן אויגעל פון קאפ ביז'ן קרומען פוס:

„וואס איז ביי דיר גלייך?“

— פרואוו איך מיך: די קינדער צוליעב... זי געהט מיט די קינדער אין טעאטער אריין... שוין געגומען א לאזשע...

— מיינע — ענטפערט מאריץ — האט מיך געפרעגט, צי איך וויל דער לאקיי זאל אנטלויפען, אז ער וועט דערזעהען מצות...

— עבדים משלו בנו...

זיפצעןביידע אפ און מען שטעלט צוריק די פראגע: וואו געהט מען?

— קום — איראניזירט מאריץ — אויף די גאלעווקעס, צו דער פראנציסקאנער... „כל דכפין ייתי וייכול", אפשר וועט עמיץ...

— א ליטוואק — —

— פארבעטען צום סדר...

געהען, געהען זיי דאך שוין, אויס געוועהנהייט, צום טעאטער פלאץ צו.

— נישט געדארפט זיך אויסציהען פון יענער זייט...

— מען וואלט אזויפיעל פון באיקאט נישט געליטען...

— האסט פאר יום־טוב עפעס געלייזט, מאריץ?

מאריץ דריקט מיט די אקסעל.

זיי געהען ווייטער, שווייגענדיג, איבער דער סענאטארען־גאס. פאראויס געהט א יונגערמאן.

— דערקענסט? — ווייזט מיט'ן פינגער מאריץ — אונזער אדוואקאט!

— אנגענומען, פראוואסלאוויע...

— דער סודיא'ס טאכטער צוליעב...

זי האט זיך אינ'ם פארליעבט צום טויט. „ווילסט — זאגט זי — וועל איך מיך מגייר זיין"...

— היינטיגע צייטען...

זיי דעריאגען איהם:

— דאברי וויעטשור!

— גוט יום־טוב, גוט יאהר! — ענטפערט יענער דערפרעהט.

— פון ווען רעדסט עס אידיש, אלבערט!

— זייט כ'האב מיך אפגעשוועכט...

— ציגד מעג ער! — מיינט מאריץ.

זיי קומען צו צו א טויער:

— דא וואוינסט דו, אלבערט?

— דא. קומט ארויף צו מיר...
— נאך וואס?
— איהר וועט קיין חרטה נישט האבען. מיין ווייב, ווייס איך, מאכט מיר א סיורפריז אויף יום־טוב... וועט זיין פאר אייך אויך...
— א גלאז טיי וועט זיין?
— און צוביסען אויך, אז א סיורפריז...
— א געבראטענער קוויטשער?
— דאס גיט מען אייך אין דערהיים. מען זאגט אייך: קעל־בערענס, עסט איהר...
נישט האבענדיג, וואס מיט זיך צו טון, געהען זיי. ארויפ־געקומען, לאזט דער אדוואקאט איבער אין קאבינעט. ער געהט אנ־זאגען, פרעגען, צי מען מעג שוין.
זיי זעצען זיך און באמערקען אויפ'ן שרייב־טיש פרישע בלו־מען און נייע בראנזענע וואזען.
— בצלאל, — גאפט מאריץ.
— דער דיוואן אויך! — באמערקט איגנאץ. — זעה: אם אשכחך ירושלים...
— דאס האט מיין ווייב געקויפט... מאריא אנדרעיעווגא — ערקלערט אלבערט צוריק קומענדיג.
און שטארק צושמייכעלט:
— זי איז אידישער פאר אייערע ווייבער...
— אויף מיין וואטענמאכערס טאכטער!
— און באלד — שלאגט זיי איבער דערווירט — וועט זיין דער סיורפריז. איך שטוים מיך, וואס עס וועט זיין... עס וועט זיין... עס וועט זיין — —
אין דער רגע אבער עפענט זיך ראש די טיר פון עס־צימער. א שטראם ליכט פאלט מיט אמאל אין פארשאטענעם קאבינעט אריין. דורך דער ברייט געעפענטער טיר באווייזט זיך א בלאנק־געדעק־טער טיש... זילבער און קבּיסטאל... און פלעשער וויין.
— מצות! מצות! — שרייט אוים אויסער זיך מאריץ...
— זעה, זעה, — קנייפט איהם איגנאץ אין דער זייט — א קערה מיט מינים —
די בעל־הבית'טע האט זיך דערווייל אין טיר געשטעלט:

— מילאסטי פראסים!

און נאך איהר אלבערט:

— זעצט אייך, רבותים!

נאכ'ן פארשטעלען די געסט, דערלאנגט זי איהם אז הגדה מיט רוסישער איבערזעצונג:

— א טי סמאטרי, וו'פאריאדקע לי! פראוועריי!

— זעה נאר דעם גרויסען בעכער!

באקומט מאריץ נאך א קניפ פון איגנאצ'ען — אויך א בצלאל!

— עטא — ענטפערט מאריא אנדרעיעווגא — דליא פראראקא איליי... יעווא יא סטראשנא ליובליו!

— א טיעפער — קידוש! — קאמאנדירט זי.

— — — — — — — — — — — — — — — —

אראפגעקומען זענען איגנאץ און מאריץ שוין שפעט נאך האלבער נאכט און זיך איינס אז אנדערען האלטענדיג. אז אויסגעשטערנטע נאכט.

— אויבען פינקעלט! — מאכט מאריץ באגייסטערט.

— ליל שמורים! מען שלאפט נישט! — פארטייטשט איגנאץ.

און שטעלען זיך אפ נאך א ווילע:

— איך זאג דיר, ער וועט אויסקומען; ער וועט זיך מגייר זיין —

— אדער יא, אדער נישט. — ענטפערט מאריץ, און מיט א בליק צום הימעל:

— נאר אזא יאהר אויף מיר, רבונו של עולם, סאר א וואוילע אידלעך דיינע משומדים זענען!

40.

אלטווארג און אלטערטימליכקייטען, וואוהין שיקען? ווארשוי, ווילנא, פעטערבורג?

סיי־ווי־סיי:

— אלטווארג!

אונזער לעבענס־ליניע ברעכט זיך איבער. איין עפאכע מיט

איהר גלויבען אין איהרע האפנונגען און חלומות אין אוועק, א נייע, נאך אהן גלויבען, מיט קוים, קוים אנגעצייכענטע נעבעלדיגע האפ־נונגען און צומישטע, צוקנוידערטע שאטען־חלומות קומט אן...

זאל דאס פארגאנגענע נישט פארגעסען ווערען...

זאמעלט אלטווארג, אלטערטימליכקייטען פאר׳ן מוזעאום. ווארשוי האט, ווילנא געהט עפענען, פעטערבורג זאמעלט געלט אויף א מוזעאום צו עפענען...

דער אויפרוף פון געוועהנליכען אלטווארג, פון דעם, וואס האט נאך א ווערט אין מארק און נאך קיין ווערט נישט פאר א מו־זעאום, פאלט.

וועניגסטענס ביי אונז:

מיט בעזימער באוואפענט, שטעהען די טויערען־היטער פאר די טויערען אין די בעסערע גאסען, און לאזען קיין אידעל, מיט א זעקעל איבער די מאגערע אקסעל געווארפען, נישט איבער דער שוועל.

— באיקאט, הארציג־זשידיקעל, באיקאט! נישט געדארפט זיך לאזען אנרעדען און אראפ פון גלייבען וועג... מיך ארט עס נישט, דער בעל־הבית צירנט!...

פאר דאס, דער אינערליכער פ א ר ק ו י ף פון אלטווארג שטייגט פון טאג צו טאג...

עס „ליקווידירען״ אזויערנאך די „געשעפטען״ די, וואס מוזען צוריק אין תחום; מען פארקויפט, וואס מען קאן, פון ש ט ו ב. פון ז י ד אראפ, דאס גאנצע אלטווארג...

און די, וואס מען טרייבט פון דארף...

וואס מוז פון וואלד און פעלד, פון אונטער׳ן פרייען הימעל צוריק אין שטאדט אריין, מיט א שמאלען הימעל־פאס, וואס אי־בער אייזערנע דעכער, און א געלער, געלער לבנה איבער עלעק־טרישע לאמפען...

און די באיקאטירטע... די קרבנות, וואס ווערען גאנץ און גאר פארברענט אויפ׳ן מזבח פון דמאווסקי׳ס פאטריאטיזם... און די קרבנות פון דער שלעכטער צייט, פון קריג, נישט גערעטעניש, און וואס איהר ווילט...

און צוזאמען מיט'ן געוועהנליכען אלטווארג געהען אין קויף און פארקויף אויך די אלטערטימליכקייטען...

די לעצטע פארשאכערט נישט!

צווישען בעל־הבת'ישקייט געפינען זיך „זאכען", וואס האבען קיין ווערט נישט אין מארק און זענען „אוצרות" פאר א מוזעאום. די זאכען זוכט אויף!

זייט נישט פויל, זוכט אין אלע פארווארפענע ווינקעלעך...

אויף די אויוועגס, — איהר האט געקאנט אמאל ארויפווארפען א רעהרעל פון אן אלט חנוכה־לעמפעל...

אויף די בוידעמס, אין די קעלער, וואו דער אויפגעקומענער עושר האט ארויף אדער אראפ געשיקט די ספרים פון בלאגוי פאמיענטשי דעם טאטען, דעם זיידען, דעם עלטער־זיידען, מוטער, באבע און עלטער־באבע.

עס האט זיך אפשר דארט פארוואלגערט אן אלט טלית־ותפילין ביימעלע, א שטערנ־טיכעל, א ברוסט־טיכעל, אן אלט חלה־טישטעכעל...

זוכט, געפינט, שטויבט אפ...

און זענט איהר אליין שטומפיג אויף דער עברי...

אין ביי אייך שעהן נאר דאס קלייד פון דער לעצטער מאדע, און דאס מעטאל פון דער שטאנצע, באארבייט אין א מאדערנער פאבריק, דאן — רופט א מבין!

איהר וועט קיין חרטה נישט האבען...

צווישען די אלטע פארלעגענע, פארגעסענע, שטויב־געשפייזטע און מילב־צופרעסענע זאכען, וועלען זיך געפינען אוצרות פאר א מוזעאום, פאר דער גרויסער מ צ ב ה פאר די ערשט נישט לאנג, אין בלוט און צער אפגעגאנגענע דורות...

און דאס זענען געווען דורות מיט מעהר הארץ און געהירן און פארשטענדעניש פאר אידישער שעהנקייט! אבוואל פרעמד איז זיי געווען דאס פרעמד־נארישע ווארט „קונסט", וואס דערמאנט פון פאבריק און פארקויפט זיך אין קראם.

אין די אלטע אויסגעטעפטע שטערען־טיכלעך, אויסגעוועבטע ברוסט־טיכלעך, פון דער זון אויסגעצויגענע געשטיקטע חלה־טישטיכלעך און טלית־ און תפילין־בייטעלעך, וואס וואלגערען זיך ביי אייך.

און אין די אלטע פרוכת'ן, כסא־של־אליה־דעקען און תורה־העמדלעך און גארטעלעך אין די חורבות פון שולען און בתי־מדרשים.

שטעקט „קונסט“. שטעקט נשמה!

אין זיי האט, פיליכט, אייער באבע, אייער עלטער־באבע, — פרומע, ריינע און ווירקליך שעהנע אידישע טעכטער, ארייגגע־שטיקט זייער שטיל־הייליגע ליעבע צו נישט געקאנטע חתנים, זיי־ערע ווירקליך ריינע, ליכטיג־נעבעלדיגע פרומע חלומות און האפ־נונגען; און די הארציגע תמימות זייערס, זייער הארציג־שטילען גלויבען און צוטרוי צום לעבען און צו גאט, דעם האר פון לעבען — זייער גאנצע פרומע, נאאיווע, נישט נאכגעמאכטע יונג־פרעהליכע „קונסט“!

און זאכען וועט איהר געפינען, פון האלץ געשניצטע, פון בלעך געבויגענע, פון אייזען און קופער געשמידטע (זילבער און גאלד האט איהר שוין לאנג אויף בראד פארקויפט...) הענגעל־לאמ־פען, חנוכה־לעמפלעך, שאבאשניקעס, מנורות, בשמים־שקעטאלעך, אתרוג־ און צדקה־פושקעס, אין וועלכע דער שטילער, וועלט־פארגעסענער, זיך אליין אומבאוואוסטער, לאנג־פארשטארבענער, פרום־אידישער „קינסטלער“, — אהן דעם נארישען נאמען, נאר בצלאל'ם אן אייניקעל — האט ארייגעקריצט, אויסגעבויגען אדער אויסגעשמידט זיינע, פיליכט נישט קלארע אבער הויכע אידישע, דאס הייסט: ריין־מענשליכע און איבערמענשליכע און געטליכע חלומות וועגען משיח און זיינע צייטען, פון וועלכע דער נביא האט גערעדט, און מיט וועלכע ער האט דאס פאלק און דעם מענש גע־טרייסט...

און ווען שטיקער נאר, קלעפט זיי! שטויבט אפ, פוצט אויס, דאס זענען, ווי געזאגט — אוצרות!

און שיקט זיי...

יא, וואוהין שיקט מען זיי?

איך מיין:

נישט צום ווארשעווער מוזעאום, אזוי לאנג, ווי עס איז פאר'ן ברייטען פובליקום געשלאסען...

ווילענדיג, אדער געגנויט...

דאס זענען „זאכען“ פון פאלק, „זאכען“, אין וועלכע דאס

פאלק האט זיינע חלומות פארפליישט, זיינע געטראכטע שעהנקיי־
טען אויסגעשמידט, אריינגעשטיקט. אין וועלכע ער האט זיין
נשמה פארקערפערט, און — זיי געהערען דעם פאלק! זיי מוזען
פאר איהם זיין אפען און פריי צו יעדער צייט...

און נישט צום קאלטען פעטערבורג שיקט, אזוי לאנג ווי עס
איז אויסער'ן „תחום“, אזוי ווייט פון אידישען אויג...

דאס מוזעאום וועט זיין פאר אונז פארשלאסענער, ווי דאס
וואַרשעווער. און דאס מוזעאום מוז זיין אונזער! פאר אונז אלע!
נישט קיין מוזעאום אויסשליסליך פאר געשוואוירענע אדוואקאטען
און קויפלייט פון ערשטער גילדע...

ווי הויך עס זאל נישט קלאפען זייער אידיש הארץ, און ווי
ווארעם עס זאל נישט שלאגען זייער פולס פאר אידען און אידיש־
קייט אינ'ם קאלטען „מלוכה־צענטער“, אהין קומט נישט דאס
פאלק און זיי — זענען נישט דאס פאלק!...

זיי האבען געלט? און האבען גוטע הערצער צו געבען געלט?
ווילען געבען אויף א אידיש מוזעאום?

זאלען זיי געבען, נאר בויען און עפענען א אידיש מוזעאום
אין — ווילנא!

עס איז א אידישע שטאדט — „עיר ואם בישראל“. דאס
הארץ פון דער אידישער ליטא — „ירושלים דליטא!“

41.

פּאַרט ווילנא.

ווען מענשען רעדען שוין די זעלבע שפּראך, רעדען זיי דאך
פארשידענע שפּראכען. בפרט ביי אונזער דור הפלגה, אינ'ם
מיש־מאש פון מענשען און אלערליי פלעצער און אלערליי חדרים...

די זעלבע נעמען, די באגריפען זענען דאך פארשידען; די
זאכען, וואס ווערען מיט די זעלבע נעמען באצייכענט, ווערען דאך
פון יעדען אויג אנדערש געזעהען...

און וויפיעל אויגען, בפרט ביי אונז, ליידען אויף דאלטאניזם. און זעהען געוויסע פארבען לגמרי נישט?

לעזט אונזער פובליציסטיק און איהרע וכוחים! און איז א שלעכט וועטער, דאס טעאטער יאנג'ס אויספארקויפט און איהר האט מיט'ן אווענט נישט וואס צו טון, קומט אין „הזמיר" און הערט דיסקוסיעס...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

נאר — צו דער זאך:

ווער, צום ביישפיל, רעדט עס נישט פון — פאלק?

ווער פון אונז איז זיך עס נישט מקריב, כאטש דריי מאל אין טאג פאר'ן פאלק? ווער מיינט עס נישט די טובה — און ווער רעדט עס נישט אין נאמען פון — — — פאלק?

אלץ איינס, צי דאס פאלק האט א נשמה, צי עס איז נאר א גולם, צי עס האט נאציאנאלע אידעאלען אדער נאר א לערען מאגען, א משיח' צי א קרופניק־פאלק. — — —

אלץ פאלק און פאלק! א פול מויל — פאלק! און אז עס קומט דאצו, האט יעדערער זיין פאלק, זיין טייל באלק, זיין פארטיי אדער זיינע לאנדסלייט, וואס זענען זיין פאלק, אדער די יחידי סגולה פון פאלק... רייכע לייט, אינטעליגענטען...

למשל:

איך אן ארטיקעל וועגען מוזעאום האב איך געזאגט, אז א מוזעאום דארף זיין „פון פאלק, פאר'ן פאלק!" און „אז דאס ווארשעווער מוזעאום איז פאר'ן פאלק פארשלאסען."

דאכט זיך, קלארע דבורים?

קומט עמיץ, וואס האט, באשיינפערליך, א גאנץ אנדערען און זעהר אן ענגען באגריף פון פאלק און לייקענט מיר אפ, פון א זייט, מיט א קורצער אנאנס:

דאס מוזעאום ביי דער אידישער געמיינדע אין ווארשוי איז אפען צו צוויי שעה א טאג, צוויי מאל אין וואך...

אפגעלייקענט, און דאך?

און דאך איז דאס ווארשעווער מוזעאום נישט פון פאלק — ער איז א מתנה פון **איין** מענש, א רייכען, וואס האט זיינע זאמלונגען פארשענקט, און די **אידישע** זאמלונג — דער **אידישער** געמיינדע.

נאָר א חסד!

און די געמיינדע האָט די מתנה אָנגענומען און פאַר איהר אַ צ י מ ע ר אָפּגעטיילט.

צום פּאָלק עס זאָל פאַרגרעסערען די זאַמלונג, האָט זיך די געמיינדע נישט געווענדט; אַז עס ווערט געעפענט אַ מוזעאום, נישט צו ו ו י ס ע ן ג ע ט א ן דעם פּאָלק.

ווילענדיג (ווי איך האָב געגעבען אָנצוהערען) אָדער נישט ווילענדיג — אויס פּחד פאַר אַן עין־הרע פון דרויסען, צי איז דער פּחד באַרעכטיגט אָדער איבערגעטריבען, — סיי ווי סיי און דער־וויילע ווענינסטענס —

איז דאָס וואַרשעווער מוזעאום נישט פון פּאָלק און נישט פאַר׳ן פּאָלק; עס האָט דעם פּאָלק גאָרנישט צו פאַרדאַנקען, און עס האָט פאַר׳ן פּאָלק נישט קיין פּ ל א ץ און נישט קיין צייט...

עס איז דאָך לעבערליך: אַ צימער, צוויי שטונדען אַ טאָג און צוויי מאָל אין וואָך, און אויך ביז אַהער — ב ס ו ד... ציגט אַ קליי־נער אָנאָנס, אַ שטילער, אַ באַשיידענער... צום — אָפּלייקענען!

בלייב איך דעריבער ביי דאָס מייניגע:

אויב „פון פּאָלק, פאַר׳ן פּאָלק“, איז נישט פּעטערבורג, נישט וואַרשוי, נאָר — ווילנא!

גיט פּלוצלונג בעל־מחשבות אַ פרעג:

— פאַרוואָס נישט ירושלים?

— פאַרוואָס ירושלים־דליטא און נישט דפּאַלעסטינא, דאָס אמת׳ע ירושלים?

פאַרוואָס אין לאָקאַל פון צדקה־גדולה און נישט אין בית־נאמן פון דר. כאַזאַנאָוויטש?

— האָט דען דר. כאַזאַנאָוויטש געמיינט דוקא ספרים, און נאָר ספרים און נישט —

און רעכענט מיר נאָך מיט אַן אַריסטאָקראַטישער גרימאַסע די שטערען־טיכלעך, ברוסט־טיכלעך און אַנדערע שעהנע זאַכען פון דער באָבען און דער באָבעס־באָבען...

די גרימאַסע מאַכט נישט אויס, אָבער אַ קאַצען־שפּרונג איז עס.

אַ קאַצען־שפּרונג פון פּאָלק צו נאַציאָן, פון אַ פּאָלקס־מוזע־אום צו אַ נאַציאָנאַלען מוזעאום...

פאַנטאַזיע פעהלט מיר נישט, פון קבוץ גליות חלומ'ט זיך אפט, אַבוואַל אויף אַן אַנדער שטייגער, און צוצויגען ווערט מיר ארץ־ישראל, צוצויגען...

אַבער געדערט האָב איך צופעליגערווייזע וואכענדיג: ווענען א מוזעאום פאַר'ן פאָלק דאָ אויפ'ן אָרט.

צוצוקומען, אָהן אַן אויסלענדישען פּאַס.

נישט גערעכענט דעריבער אַנדערע לענדער, מיט אַזוינע שטעדט, ווי פּאַריז, לאָנדאָן, וויין, בערלין און זייערע מוזעאומס. אויף מתנות פון נדבים אויף די פּאַרמאַכטע, ממש פּאַרמאַכטע...

און מיר שווינדעלט פון פאָלק ביז נאַציאָן, פון מוזעאום אין פּעטערבורג, וואַרשוי אָדער ווילנא, ביז א נאַציאָנאַל־מוזעאום אין — ירושלים...

איך האַלט נישט דערביי...

אַגב — א קליינע פראַגע:

— ווי וואָלט אויסגעזעהען, וואָס פאַר א פּנים וואָלט געהאַט אונזער יונגע, ערשט פריש־געבאַקענע אַלטערטימליכקייט דאָרט... ביי דער כותל מערבי? ביי די קברים פון מלכים און נביאים? ביים לבנון?

— — — — — — — — — — — — — — — —

מען האָט גערעדט פון א מוזעאום פאַר אונז. דאָ אויפ'ן פּלאַץ! פאַר'ן פאָלק אין תחום, און פאַר זיין יונגען קינסטלער, וואָס קאָן זיך און זיין אייגענליכקייט נישט געפינען און וועט אפשר אין מוזעאום טרעפען א היימישע ליניע, אַן אייגענס, עפּעס א האַרציגס און עס וועט עפּעס אין איהם אויפטויען...

און איך מוז בלייבען ביי מיינעם:

אויב מען האָט צו וועהלען צווישען „א ו נ ז ע ר ע" שטעדט, איז נישט פּעטערבורג, וואָס איז אויסער'ן תחום, נישט וואַרשוי, וואו אידישע עפענטליכקייט איז, ווי מען דאַרף, נאָר כמעט ווי אוממעגליך, נאָר —

— ירושלים דליטא, נאָר — ווילנא.

42.

גם זו לטובה...

איך געה פריה שלאפען, — איך אנטלויף פון די אווענט־גאַ־סען, וואס זענען פול מיט פערפום און שוויים, — און שטעה פריה אויף, און לויף אין גארטען אריין פריה, דעם פריהלינג צו געניסען, דעם יום־טוב, דעם יום־טוב פאר אלע —

טרינקען לייט מינעראל־וואסער...

אן אפגעלעגענע אליי, די בוימער — צוגרינט און צובליהט. און פריש באנאסען. ווי די פריש־געצוואגענע כלה־מיידלעך, וואלט מענדעלע געזאגט. שרעקיגע טרערען־טראפען הענגען און ציטערען אויף די לאנגע בלעטער־ברעמען... א ווינטעל וועקט זיך, פליהט דורך, גיט, אינ'ם דורכפליהען, א גלעט... אין געוויסע יאהרען — דער איינציג... נאטירליכער.

אויף פלאט־פוס־בלעכלעך, דאך שפאצירט זיך לייכט. דער יום־טוב טראגט, דערווירקליך גרינער יום־טוב. די פיס פארגע־סען זיך און ווילען אונטערטאנצען.

שטיל. אויך אין דער הויך. אין מיט שטאדט נעסט צווישען בלעטער אויף צווייגען קיין פויגעל נישט.

דאס הארץ זינגט. עס פארגעסט זיך אויך וויפיעל דער זייגער איז, און צוזינגט זיך...

פארבלאנדזשעט אין דער אליי אריין א וואסער־טרינקער...

א באקאנטער.

א געל פנים — א שלעכטער מאגען... אין דער האנט א גלאז. אין גלאז א רעהרעל; ביטער־וואסער טרינקט ער.

ער דערזעהט מיך, און כאפט מיך אן ביים אקסעל, דערנאד ביים לאץ, און צולאכט זיך. די קליינע אויגעלעך פינטלען, דאס געל פנימ'על שיינט, דאס בייכעל ציטערט, דאס רעהרעל אין גלע־זעל קלינגט, און די אפגעבלאקירטע ליפען:

— כי־כי־כי! און כי־כי־כי!

די צייטונגס־סקאנדאלען מיינט ער.

— עפעס — זאגט ער — איז צו שאנדע אין אייער דעניש

קעניגרייך. צושרויפט זיך די זיבעטע מאכט. די מאשין שרייט! קנאקט!

און ער רעכענט מיר אויס דעם על־חטא פון דער ליטערארי־שער צייטונגס וועלט:

— צוויי שוועסטער — צוויי לאדזער צייטונגען... כי־כי־כי! צוויי מארק־אידענעס ביי פייער־טעפ! שרייען זיך איינער דער אנדערער דעם אמת אין אויער אריין, קהל זאל הערען... און לאדז קייכט!...

— לאדז! — וויל איך מבטל זיין.

— און דא איז בעסער? די היגע ערציהער פון פאלק — פייער? מיט א בעסער באנעמען?

און ער זאגט מיר נאך די סטאטיסטיק פון „הזמן“ וועגען א צייטונגס־ארטיקעל.

א רעליגיעזער פילאזאף און — אכט און אכציג מאל גנב. נישט, חלילה, זילבערנע לעפעל... געדאנקען; שטיקער גאנצע פון צייטונגען און ביכער געשלעפט... זעכציג מאל „עם־הארץ“... שתי פעמים ח״י...

ער פארפלייצט מיך מיט ציפערען...

וויל איך איהם איבערהאקען:

— פאראן דאך.

ער ווייסט! און לאזט מיך צום ווארט נישט קומען.

— פאראן ערנסטע און עהרליכע... א גאנץ קלייזעל אזוינס... כי־כי־כי!

— זיצט דאס קלייזעל — כי־כי־כי! און — גענעצט!

און דער עולם ארום קלייזעל — גענעצט... מיילער אפענע. ווי ביי געפאנגענע שלייען... רוקט זיך דער עולם ביסלעכווייז אפ. עס ווילט זיך גענעצען... די באקען קאנען ארויס פון די געלענקען... וויל דאס קלייזעל דעם עולם פארהאלטען. קלערט מען: ווי מאכט מען זיך אינטערעסאנט? מיט אינטערעסאנטע אידעען? וואו נעמט מען זיי? א טרוקען יאהר. א שלעכט גערעטעניש... באטש לאבענדיג מאכען... אבער ווי אזוי? קלערט מען ווייטער. קלערט מען: וועמען גיט מען תיינט א שנעל אין נאז? ווער לויפט, מען זאל איהם אונטערשטעלען א פוס און — אין בלאטע אריין?! און מען קוקט זיך אום. אפשר דרימעלט ווער? וועט מען איהם מאכען א

פאנפע! ווער האט זיך פון חברה אפגעווענדט, אפשר קאן מען איהם עפעס אנהענגען אויף די אקסעל?

און געפינט מען נישט, ווערט מען בייז, ווערט מען גאליג. קריצט דאס קלייזעל מיט די ציין. קלערט מען ווייטער, שוין מיט די ציין קריצענדיג: וועמען געבען א שטאד אין א ריפ? אדער א בים? וועמען אפרייסען כאטש א שטיק פאלע? אויף וועמען כאטש א ביל טון? מאכען: וואר, וואר, זאל מען מיינען... איך וויל נאכקלערען, וועמען ער מיינט: ער לאזט נישט קלערען:—

— כי־כי־כי! א פראצעס וועט זיין, אן אינטערעסאנטער פראצעס! דער רעליגיעזער פילאזאף האט באליידיגט דעם טעאטער־קריטיקער... ד ע ר מוז זיך פארטיידיגען... זיין עהרע באשיצען: מיט ווערטער — אוממעגליך. דער רעליגיעזער פילאזאף האט אלע ניין מאס רייד און א גרויסען טייל פון דער צעהנטער... און אין די אויערען — וואטע, רעליגיעז־פילאזאפישע, פעסטע: וואס געהט איהם אן, אז יענער רעדט? נישט ער, נישט זיין עולם הערט. מוז ער קלאגען אין געריכט. וועט זיין א סצענע. א באליע וועט מען אויפשטעלען אין זאל, א גרויסע, און זיי ביידע וועלען צוטרעטען, און איינער וועט וואשען בריש גליה דעם צווייטענס שמוציגע וועש... כי־כי־כי! כי־כי־כי!

דאס געלעכטער האקט זיך דאך אפ. איבער'ן געלען פנים ציהט זיך אן אומזיכערער שאטען. — און אפשר וועט נ י ש ט זיין אינטערעסאנט... ער וועט זיין א קלוגער, נישט איינגעבען וועגען א שקר־בלבול, יענער זאל נישט פרואווען אויסווייזען, אז ער האט געזאגט אמת... נאר גלאט: טי מעניא דוגאל! און זיין באליידיגט! יא אמת, נישט אמת, דו האלט ס'מויל! און האסט דו נישט געהאלטען, געה, מעלק די קאזע...

צו מיין גליק, האט זיך מיין מינעראל־וואסער־טרינקער דערמאנט, אז עס איז צייט צום צווייטען גלאז ביטער־וואסער.

ברוך שפטרני!

אפגעהענדיג, דרעהט ער זיך דאך נאך איין מאל איבער און שרייט מיר צו:

— איהר פארלירט דעם כבוד און אייערווארט, דעם קרעדיט! פריע!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

איך טראג מיך אפ אין א נאך שטילער ווינקעלע, אין א נאך ראמאנטישער: פון וויטען וויגט זיך א שטיק וואסער־גלאנץ... ווייסע שוואנען־פלעקען ציטערען... אין דער הויך — א שטיקעל הימעל, צוריסענע וואלקענדלעך, ווי שטיקער וואטע.

און איך זעץ מיך אויף א באנק און טראכט:

— גם זו לטובה!

זאל מען פארשפילען דעם כבוד, פארלירען דעם קרעדיט!

ביידע זענען שענדליך!

שרייבער האט מען ביז אהער באהאנדעלט, ווי מען פלעגט באהאנדלען פרויען — נישט מענשליך.

העכסט ראמאנטיש: אדער שדים, אדער מלאכים! נישט־מענשען!

ראמאנטיש:

מיט קיין מענשליכער מאס נישט געמאסטען.

נישט געפרואווט פארשטעהן; געלייקענט אדער געגלויבט!

מען האט צו פרויען און שרייבער קיין מענשליכע באציהונג נישט געהאט. אויף יענער זייט פון גוטס און שלעכטס געשטעלט, ווי דעם אקטיאר, ווי דעם טענאר... קיין ערנסטע באציהונג; אבער פון צייט צו צייט געפאלען איבער'ן האלז! אהן לעבענס־באציהונג, געפייפט אדער בראווא!

און דאס געדרוקטע ווארט האט מען פארהייליגט. פארגעסען, אז עס איז שוין נישט דאס געשריבענע, פון סופר נאך תבילות געשריבען! אז עס איז פון סטערעאטיפ אראפ, סחורה געדרוקטע!

פאראן אין מארק דאס געזאגטע ווארט, האט מען אויפגעהערט איהם צו גלויבען, קליגער געווארען; פאראן ליגנער, און מען לייגט צוליעב כבוד, צוליעב ברויט, צוליעב אנדערע אינטערעסען. האט מען זיך פון געזאגטען ווארט באפרייט. קעגען געזאגטען ווארט קריטיש געווארען. עס העלפט קיין שבועה נישט, קיין עהרען־ווארט!

דאס זעלבע מוז געשעהען מיט'ן געדרוקטען ווארט.

עס איז סחורה, און סחורה קאן זיין גוטע און קאן זיין שלעכטע...

שרייבען איז די קונסט שעהן צו מאכען, און שעהן קאַן גע־מאכט ווערען די עברה, ווי די מצוה... שרייבען איז קונסט, זיך איז פרעמדען הארצען אריינצושלייכען, אבער אזוי מיט א שלעכ־טען, ווי מיט א גוטען מיין... שעהן איז די פ א ר ם, די זאך אליין קאַן זיין נישט־וואר און זינדיג, ווי ריין און וואר...

זאל פלאצען דער קרעדיט פון געדרוקטען ווארט מיט'ן כבוד פון שרייבער און — זאל מען אונז באהאנדלען מ ע נ ש ל י ך !...

גם זו לטובה!

וואס מעהר — סקאנדאלען!

43.

נאָך א וואָרט (דאָס לעצטע, זאָל זיך די וועלט איבערקערען!) וועגען „אונזערע" סקאַנדאַלען.

זעלבסטפאַרשטענדליך האט אמעריקא, געוואר־ווערענדיג פון פּראַצעס צווישען טעאטער־קריטיקער און רעליגיעזען פילאזאף, ש ו י ן ארויסגעשיקט איהר קארעספאנדענט. אפוואַרטענדיג דעם פּראַצעס, באטראכט ער דערוויל אונזער זיבעטע מאכט און שרייבט קארעספאנדענציעס... אמעריקא קוועלט! דאס גלע אמע־ריקא! באזיגט דאס טעאטער, ווי א דבוק אריין אין דער ליטערא־טור, — „מיר פייפען אויף אייראפּא!"

די לעצטע קארעספאנדענץ גיב איך אייך איבער ווארט ביי ווארט, אזוי שרייבט ער:

פאראן אין יוראפּער ווארשוי א צייטונג, מאכט זי קיין ביזנעס נישט, ערגא: די עהרליכע צייטונג...

עס איז א דריי־בונד פון: ראדיקאלעץ, דעמאקראטיזם, און — ע ה ר ל י כ ק י י ט ; מאכט קיין ביזנעס נישט!

געפיהרט ווערט די צייטונג פון א פיער־קעפּיגען אדלער. די, פיער פאר פיס — ארומגעבונדען מיט א לענטע! אמאל געווען אז אויפשריפט, א גאלדענע: „ראדיקאל, דעמאקראטיש און עהר־

ליד," היינט אפגעריבען. די קעפ פריי! געווען מעהר. פון צייט צו צייט ווארפט מען עמיצען ארויס. קלענער דער עולם. שענער די חתונה. זוכט זיך יענער זיין ארט. וואו א ווארט צו רעדען. זיפצט מען: מען פארלאזט אונזער ארעם עהרליכקייט. ווי געזאגט: גע־בליבען פיער. דער „פיער־קעפיגער אדלער"! איך וועל זיי אייך אויסרעכענען אויף די פינגער (איינער וועט בלייבען!): א קאדעט. — איינס! א מארקסיסט — צוויי! א ציוניסט — דריי! און א טעריטאריאליסט (מען זאגט אין זיין אייגענעם נאמען: לשם ספארט!) — פיער!

נישט קיין בלאף!

איך קום אריין. די געבונדענע פיס — אונטער'ן טיש. די קעפ. ווי געזאגט. פריי אין דער לופט;

איך קוק מיך אום — חושך...

אויף די ווענט — א גרויליכע טויטקייט.

— אבער נישט געל! — רופען פיער מיילער פון פיער קעפ.

— אבער. אהן פארב?!

— איז אהן פארב!

— האט יעדער קאפ. ווי אנגעצייכענט. זיין מויל. האט יעדעס מויל זיין אינסטרומענט. נעמען זיך די מיילער צו דער ארבייט. בלאזט יעדעס מויל אין זיין אינסטרומענט אריין זיין מעלאדיע... בלאזט יעדעס מויל עהרליך. געטריי. לשם שמים. לשם מצוה. לטובת הכלל (אין ביזנעס מאכט מען נישט...)

אל'ץ צוזאמען — (איך מאך די אויערען צו. די פייקלעך פלאצען) — א קאקא־פאניע! א שעטנז־כלאים'דיגע...

לעגען זיי די אינסטרומענטען אוועק און אלע פיער מיילער שרייען אויס מיט אמאל:

— ניין!

א פיער־פאכיגער. צוזאמענגעשלאסענער: „ניין", מיט א ברום און א בליץ פון א בייז אויג; „ניין". א הארט־מתנגד'יש־שולחן־ערוך'דיגער. פארשטעהט זיך לויט'ן ערפורטער פראגראם; „ניין". עפעס א מין בן־יחיד'יש־אריסטאקראטישער. „פון צווישען די ציין געזייערט." און גלאט „ניין". א וואויל־יונגערישער. מיט א קוויטש...

פרעג איך. לחכעים:

— און וואָס, יאָ?

— נישט דאָ, זאָגען זיי, קיין „יאָ“!

אויף וואָס עס איז פאַר אַ „יאָ“ איז לכל הפּחות איין קאָפּ נישט מסכּים (די אומגאַנגס־שפּראַך — האַלב־העברעאיש) און מיר געהען (אייגענטליך: זיצען) ווי איהר זעהט — צוזאַמענגעבונדען. איז ביי אונז אַלץ: ניין און ניין... פרעגט, וואָס איהר ווילט!

פרעג איך אומישנע:

— ארץ ישראל?

— ניין!

— אַ טעריטאָריע?

— ניין, ניין!

— דאָ אַ סיים?

— ניין!

— איהר האַלט פון פעטערבורגער בעלי־טובות, פון קאָוונער צוזאַמענפאָהר, פון יק"אַ, יט"אַ...

— ניין! ניין! ניין!

פאַלט מיר איין צו פרעגען:

— פון אַטלעט ווילדמאַן?

— ניין! „פּייט“ נישט פרייטאָג־צו־נאַכטס!

— פון אַש'ס „מערי“?...

ווערט דאָס בוך, אַפּנים פון „פיער־קעפּיגען אדלער“, אינ'ם דריי־בונד, אויף טויט פאַרשוויגען. מן־הסתם אויס ע ה ר ל י כ־ק י י ט. דער „עולם“ ענטפערט נישט, די מיילער פאַרמאַכען זיך, און פיער פּאָר הענט כאַפּען זיך פלוצלונג צו פיער שערען...

— אונזערע קאָרעספּאָנדענטען! מיר מאַכען קיין ביזנעס נישט...

— און פון וואָס — פרעג איך — לעבט איהר?

קווענקעלט מען זיך אביסעל, דאַך ענטפערט מען:

— „פון זכות אבות“... פון „אַמאָל איז געווען“...

און — פון צופעליגקייטען. אַט, זעהט, — אָפענע פענסטער. זומער־לעב, אַ ווינטעל בלאָזט, פליהט אַמאָל אריין פון די ארומיגע ווינט־מיהלען אביסעל דונסט, קנעט מען מיט ניכטערען שפּייעכץ און מען באַקט ביים קאַלטען אויווען. אַמאָל מען ברענגט אין הויף אריין מולטערס צום פלומפ, כאַפּט מען אביסעל אויסקראַצעכץ...

איך האב פארגעסען אייך צו זאגען, ווי די „קארעספאנדענץ" הייסט. א דריי־גארענדיגען טיטעל האט זי, מיט פיער־ארשינענדיגע אותיות:

ווארשעווער סקאנדאלען —
צי דלות מאכט פסלות
אדער
דער שטילסטער און הימעל־שרייענדיגסטער סקאנדאל.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

און איך זאג ווייטער: גם זו לטובה!
זאל דער אידישער ליטעראט פארלירען זיין האנער, דאס גע־דרוקטע ווארט דעם קרעדיט!
זאגט אבער די דעמאקראטישע צייטונג: דאס איז די שטימ־ פון גאס, באשטעטיגט פון פאעט!
ליעבע, ליעבע מאדאם!
פאר'ן פאעט — מערסי!
א גרויס ווארט — לאו כל אדם זוכה!
פאעט, דאס איז דער כהן־גדול אין יעדען ליטעראַרישען בית־המקדש...

בין איך אבער נישט שולדיג, וואס אונזער קליין־ליטעראריש בית־המקדש'ל איז, בנוגע צו א ר ב י י ט, אזוי ארעם אין מ ע נ־ ש ע ן, ומקום שאין אנשים, כהן גדול צו זיין, מוז מען אויפהוי־ בען די פאלעס, פארקאשערען די ארבעל, כאפען דעם בעזעם און— אויסקערען...
און בנוגע צו דער גאס: —
די גאס האט ר ע כ ט, מאדאם!
און דאס רעכט האבען „מיר" איהר געגעבען, „מיר", די עהר־ ליכע, די שער־ארבייטער, „ניין"־זאגער און טערטעל־מערטעל־שפי־ לער... ווארים — די גאס איז דערווייל געוואקסען... אונז — דער־ וואקסען... זי דארף זיך אויף די נעגעל נישט שטעלען, דעם קאפ ארויפבויגען ווייל זי נישט, קוקט זי אונז גלייך אין די אויגען אריין...
מיר וועלען ווייטער שפילען טערטעל־מערטעל און ארבייטען מיט דער שער און די גאס וועט אונז א י ב ע ר ו ו א ק ס ע ן און אנהויבען קוקען פון אויבען אראפ...

און אַ קול האָט זי... זי קאָן אויך דאָס מויל עפענען, און אַ געשריי טון:

— פּאַשאַל וואָן...

און איידער אַזאַ האַרב וואָרט צו הערען, פאַלגט מיך, באַ־פרייט די פיס פון דריי־בונד... שטעלט אייך אויף, איינער צום צווייטען מיט די אַקסעל, אַ קאַרעי מאַכט, אייער הערליכקייט לאָזט אין דער מיט, און איהר ווענדט אייך מיט די פּנים'ער יעדערער אין זיין זייט אַריין און שפּיצט די אויערען...

און ווען איהר דערהערען, אַז אייער שוואַכע, אויסגעהונגערטע עהרליכקייט קאָמאַנדירט:

— מאַרש!

צוגעהט אייך, יעדערער אין זיין וועג...

איך מיינט נישט, אייער שונא רעדט. אויך אַן עהרליכער. לכל הפּחות „אויך", אַבוואַל אַן אַרויסגעוואָרפענער...

און איך בין נישט, ווי חבר סקאַנדאַליני מיינט. איך בין איי־נער פון די ב—נ—יד בו—נ—יד... קאָן מען אָבער נישט בויען. ביז עס ווערט נישט אָפּגעריינגט דער פּלאַץ.

44.

פּרט וכלל.

די באַציהונג צווישען פּרט וכלל, צווישען דעם איינצעלנעם און דער נאַציאָן, איז ביי אונז אַ גאַנץ אַנדערע, אַ גאַנץ פאַרקער־טע, ווי ביי אַנדערע פעלקער.

דאָס איז אויך איינע פון די פאָרמען, אין וועלכע עס גיסט זיך אויס אונזער נאַציאָנאַלע טראַגעדיע.

די טראַגעדיע פון אַ נאַציאָן, וואָס האָט איהרע אידעאַלען נאָך נישט אויסגעלעבט און קאָן פון סצענע נישט אַראָפּ, און האָט נישט

די פיזישע קראפט די אידעאלען אין לעבען אויסצופיהרען, און מוז זיצען מיט פארלעגטע הענט ביים ים, אוןווארטען אויף זונען־שיין...

די טראגעדיע פון א פאלק מיט א מאקסימום פון מענשליכע אידעאלען, ביי דעם מינימום פון מאכט, זיי צו פארקערפערען! וואס מוז ווארטען אויף פרעמדע הענט און לעבט „דערווייל" (איהר קענט דאס שפאר שטיק אייביגקייט!) צווישען הערש־ און אייפער־זיכטיגע מעהרהייטען פון אנדערע פעלקער...

איז אונזער כלל, וואס אידעאלען אמבאלאנגט דער העבס־טער. זענען אבער די אידעאלען — נביא'שע חלומות, נאקעטע נשמות, אהן פלייש, ביינער אהן בלוט. איז דער זאמען פון די אידעען אין דער ערד נישט געפלאנצט, אלץ נאך דער שפיל פון די לייכטסטע ווינטלעך אונטער'ן הימעל.

און דער פרט?

דער פרט, דער איינצעלנער איד, מוז, נישט טעארעטיש, נאר פאקטיש און פראקטיש לעבען! ווירקען, און דאס לעבען צו דער־האלטען אין דער פרעמדער, און ווער ווייסט, ווי לאנג נאך אין פרעמדער סביבה! בויט ער אין באשטענדיגען גלות מצרים פתום ורעמסס פאר פרעה, קלייבט אליין דאס שטרוי און זיפצט: אולי ירחם...

לעבט מען אין קנעכטשאפט.

מאכט די קנעכטשאפט נידעריג...

רייסט זיך אין פלייש, אין בלוט און אין דער נשמה אריין...

אזוי די, וואס מישען זיך מיט די כלים א ו י ב ע ן, אזוי די, וואס ט ו ע ן ע ס א ו נ ט ע ן...

ביי אונז איז דער פרט נידעריגער פאר'ן כלל. אומענדליך ני־דעריגער. ביי אנדערע — פארקערט! איבעראל איז דער פרט העכער, בעסער, מאראלישער פאר'ן כלל...

דאס איינצעל־לעבען פאלט אונטער דער געזעלשאפטליכער מיינונג, דער אויפזיכט פון פאליציי און געריכט; נארמירט זיך לויט אלגעמיינע, נאציאנאלע, קלאסישע אדער בארופס־נארמען פון מאראל... פעלקער אבער און שטאטען באוועגען זיך פריי! האבען איבער זיך קיין אויפזיכט פון קיין אויבערהאר! דייטשלאנד האט מורא פאר גאט. אבער גאט ווערט צוגעשניצט לויט די דייטשע

אינטערעסען. ער ווערט פארהיימישט, וואוינט רוהיג און שטיל אין דער נאציאנאלער קירכע...

פעלקער אין דער יוגענד זענען נאך ראמאנטיש! רעדען וועגען מענשליכקייט און מענשליכער גערעכטיגקייט, פון מענשליכער קולטור! ע ל ט ע ר און פ ר א ק ט י ש ע ר געווארען. דער ערשטער, וואס האט דעם דורכזיכטיגען שלייער, וואס האט נאר פאר גאנץ קורצזיכטיגע אויגען פארשטעלט דאס אמת'ע פנים — אראפגעריסען, איז געווען — ביסמארק. דער זשעני פון ניינצעהנטען יאהרהונדערט.

ער האט זיינע ר ע כ ט ע אויפ'ן אייזען געלעגט און געזאגט: דאס איז מיין ר ע כ ט!

פעלקער־רעכט איז — זייער פיזישע מאכט, די פויסט. דער קריג ווערט פארעדעלט, דער רויב ווערט פאטריאטיש... און צווישען איין איידעלען און פאטריאטישען אקט און א צווייטען באקומט דאס פובליקום ליכט, און הינטער די קוליסען ווערט געפיהרט שווינדעל־געטריבען פאליטיק! ווי אומענדליך אומשולדיג זעהט געגען דעם אויס דער איינצעלנער „בירגער“, ווי ריין און מאראליש זיין פריוואט־לעבען!

שליסט אויס די פארברעכערישע נאטור — דאס אומגליק, וואס בויגט זיך און ברעכט זיך אונטער דער לאסט פון א פארברעכערישער ירושה... שליסט אויס דעם צוגעהויבענעם, דעם נאך אלץ געזעלשאפט און נארמע מאגנאט, וואס האט זיך איבערגעלעבט און וויל מיט געוואלד איבערלעבען זיין פיזישען און מאראלישען אונטערגאנג...

שליסט נאך אויס דעם, וואס די געזעלשאפט אליין האט, צוליעב איהרע פארשטארטע נארמען, ערנידעריגט, אראפגעלאזט, געשליידערט א ו נ ט ע ר זיך, אין אפגרונט אריין פון פינסטערקייט און פארברעכען. —

שליסט דאס אלץ אויס, וועט איהר באקומען דעם דורכשניטליך־מאראלישען בירגער! וואס זיין עהרע איז — זיין ווארט צו האלטען, עהרליכע מאס און וואג! זיין אידעאל — אן עהרליך און שטיל לעבען...

פארברעכעריש וועט ער ווערען, די אינסטינקטען פון בלוטגיער וועלען זיך אין איהם וועקען ערשט דאן, ווען איהר וועט איהם

קינסטליך הויבען איבער, אדער אהן בארמהארציגקייט שליידערען ארונטער אונטער דער געזעלשאפט און איהרע נארמען. אדער ווען איהר וועט איהם פון דער געזעלשאפט דער־ווייטערען און שיקען אלס קולטור־טרעגער צו פרעמדע, אלץ איינס געלע צי שווארצע ראסען, אדער — ווען איהר וועט איהם מאכען פאר א שליח־צבור, שיקען אונטערהאנדלען מיט אנדערע — פעלקער!

א׳זיסט — א שטילע שאף, מיט זיין פוסט שטיל לעבען, מיט זיין ליעבשאפט, זיין היים, זיין ביסעל וויסען און ביסעל קונסט... דינט ער געטריי זיין פאלק, זיין נאציאן!

ווי זעהט עס ביי אונז?

דאס טרויעריגע בילד — שפעטער.

45*)

צום רבונו של עולם.

— איך רעד צו דיר, רבונו של עולם, פה אל פה, ווי צו א טאטען.

און אויף מאמע־לשון רעד איך צו דיר. אזוי האט מיך ר׳ לוי יצחק מבארדיטשוב געלערענט און איך טו קיין פרעמדע גדולים נישט נאך... און זאגען זאג איך דיר, רבונו של עולם:

— ס׳אי גוט!

בעסער געווארען.

דיין עדה שאף וועט שוין נישט אזוי געמינערט ווערען!

ווארים כל־זמן זייערע פאסטוכער זענען רבנים און לומדים פרומע געווען, — „הבל על דאבדין!״ פיעל פון דיינע שעפעלעך זענען פארלוירען געגאנגען, אויף פרעמדע ציין געקומען... שוואך זענען דיינע היטער געווען!

---

*) די פאלגענדע פיער פעליעטאנען זענען פארעפענטליכט געווארען נאכ׳ן טויט פון י. ל. פרץ.

שוואַד איז דער קול פון דיינע רבנים; זיי האָבען געררופען און ביי קיינעם איז האַרץ קיין אָפּקלאַנג פון זייערע רייד נישט געפונען...

און שוואַד זענען די הענט ביי דיינע וואויל־לערנער, די פרומע:

זיי האָבען זייערס געטאָן. אַרום דיינע הערט מיט די כשר'ע שעפּעלעד גראַבען געגראַבען, צוימען געשטעלט... שוואַד און נישט הויך זענען די צוימען געווען; נישט טיף און נישט ברייט די גראַבען...

און תינוקות של בית רבן האָבען לייכטע פיסלעך געהאַט... זע־נען זיי איבער צוימען און גראַבען, ווי די קאַזען געשפּרונגען, צו דער פרעמדער פּאַשע אין פרעמדען פעלד אריין...

און פון טאָג צו טאָג זענען וויסטער געוואָרען די פלעצער פון דיין הייליגער תורה, לערער געוואָרען די חדרים, טויב שטומער דיינע בתי־מדרשים... און צו דיינע ספרים אויף די ווענט האָט זיך קיין יונגע האַנט נישט אויסגעצויגען...

איז מקוים געוואָרען אַ שמיק פון דיין תוכחה:

דער יצר־הרע, דער שונא, ימח שמו, האָט אונז אונזערע זיהן און אונזערע טעכטער, פאַר אונז אין די אויגען, געפאַנגען און אוועקגעפיהרט. „ואין אומר: השב!" קיינער האָט נישט אָפּגע־שטעלט!

האָסט דו אָבער צינד שומרים מחוץ למחנה געשטעלט...
פאַרצוימט דעם וועג — קאַסאַ!

זאָגט קאַסאַ, משומדים זענען איהם אויך נישט ניחא... זיי זי־כער, רבונו של עולם, דיין הייליגע סטאַדע וועט שוין אַזוי געשווינד נישט געמינערט ווערען! די מגפה פון שמד וועט אויפהערען, דאָס אַנטלויפעניש וועט אָפּגעשטעלט ווערען... און צוריק אַנגעפילט וועלען ווערען דיינע חדרים, אין דיינע בתי מדרשים וועט קלינגען דער קול פון תורה און פון דיינע גמרות וועלען פון אונטער די הענט בלעטער פליהען...

און נאָך אַ בשורה טובה, רבונו של עולם! היינט מאָרגען וועט בעלם מיט דער סביבה אַנטגילטיג אָפּגעריסען פון פּוילען און צו דער אימפּעריע באַהעפט...

פאר פוילען א עולה.

אפגעריסען אז אבר מן החי...

זיי וועלען אודאי שרייען צו דיר אין דער נויט, און דו וועסט הערען. זיי וועלען בעטען צו דיר, און דו וועסט זיך פאר זייער תפילה, ווי דו טוסט אונז, מיט קיין וואלקען נישט פארשטעלען...

פארגעס אבער נישט, אז פון שלעכטען קומט אמאל ארויס גוטס... פון ביטערס — זיס, און טאקע פאר דיינע בעלעמער אי־דעלעך...

דיין עדה אידעלעך פון בעלם און דער סביבה וועלען זיך שוין נישט אפקערען און נישט אפווענדען פון דיר! פרום וועלען זיי ווערען ב י ז ה מ צ ר י ם, צווישען ים און מצרים. א וואלף פון איין זייט, א בער פון דער צווייטער. און דאס שעפעלע, פון ביידע זייטען געצופט, וועט בלייבען ביי דיר אין דער מיט, מיט די פייכטע פרומע אויגעלעך צו דיר, צום הימעל ארויף געווענדט, און וועט שטענדיג שרייען צו דיר!

און נאך וואס?

זיי וועלען אלע מיט אמאל „ליטוואקעס“ ווערען!

זיי קאנען אפשר געשטרויבעלט ווערען אין „דקדוק“, אבער זיי וועלען שוין אין פינסטערען עם הארצות נישט זינקען.

„עברי“ וועט מען קענען!

און האב איך שוין א ליטוואק דערמאנט, מוז איך דיך, רבונו של עולם, דערמאנען אין דער מעשה מיט'ן ליטוואק, וואס האט אמאל א פערדעל געהאט...

דו ווייסט אלץ, און „אין שכחה לפניך“, איך ווייס!

ווייס איך דאך אבער אויך, אז דו האסט ליעב מען זאל דיר זאגען, מען זאל דיך דערמאנען. אויף דעם זענען דאך די תפילות געמאכט, דער סידור געשטעלט!

ווייסט דו דען נישט אליין, וואס אונז פעהלט, וואס דו דארפסט אונז געבען... וואס אין הארץ פון דיין כנסת ישראל טוט זיך — און דאווענען מוז מען!

דו ווילסט, מען זאל בעטען, דריי מאל אין טאג דיך דער־מאנען...

וויל איך דיך, רבונו של עולם, אז ליטוואק מיט'ן פערדעל דערמאנען...

א פערדעל האט א ליטוואק געהאט. האט ער עס געוואלט אפּ־געוועהנען פון עסען. האט ער איהם יעדען טאג געשיט א קליין ביסעלע האבער וועניגער; א קליין ביסעלע קלייען און היי וועניגער — „עס וועט זיך צוגעוועהנען"...

עס איז אפּגעפאלען אביסעל פון לייב — אבער עס געהט!

נאך אביסעל, מען קאן פון אונטער דער פעל דיביינער צעהלען, עס געהט...

די אויגען ווערען טריבער, דער קאפּ געבויגענער, די פיסלעך שטרויכעלדיגער, די קני צאפּעלדיגער — עס געהט!...

מען דארף נאר אמאל א ריהר טוהן, מיט'ן בייטשעל א שמיץ אין דער אדער יענער זייט: אמאל איבער'ן קעפּעל, איבער די אויגען. — עס געהט!

ביז עס האט שוין געהאלטען ביי גאר, ביי גאר, גארנישט!

א קליין כזית'ל היי, קלייען — א משהו, פון האבער שוין לאנג קיין זכר נישט, און עס געהט! עס שלעפּט זיך, און עס געהט!

נאך איין טאג אינגאנצען! נאך איין טאג און עס וועט אינגאנצען זיין אפּגעוועהנט פון עסען...

פּלוצלונג — —

פּלוצלונג גיט עס א ציה אויס די פיסלעך...

קענען וואס איך דערמאן דיך עס, רבונו של עולם? קענען דיין התנהגות מיט ד י י ן קליאטשע, רבונו של עולם...

קריג, באנקראטען, באיקאט... און — עס געהט צו פּסח!

טראכסט עפּעס דערפון, רבונו של עולם?!

46.

אן אלטע געשיכטע.

איך ווייס, איהר זייט מיך מקנא!

איהר מיינט, אז אויפשרייבען א ווינקעלע איז א קלייניגקייט.

א מלאכה נקיה וקלה, ווי מען זאגט. וואס צו שרייבען, טראפט איהר, פעהלט נישט; פאראן „בלעטער", גיבען זיי „פערעל" —

ווי אזוי צו שרייבען? אויך, טראכט איהר, אן עסק: מען כאפט א געשעהעניש — א „פערעל", און מען פרעגעלט אויף אייגענעם שפייעכץ...

פעהלט א „ווינקעלע", איז עס, זייט איהר זיכער, פוילקייט.

מוז איך אייך ארויספיהרען פון טעות.

פון פוילקייט זאלט איהר גארנישט רעדען. „יותר ממה שהעגל רוצה לינק" — מעהר ווי דאס קאלב וויל זויגען, שטעכען די מילך־גיסער ביי דער מוטער.

אבער „פון וואס", און „ווי אזוי צו שרייבען", דאס זעהט איהר, איז שוין נישט אזוי לייכט.

א ווינקעל איז אמאל קריעת ים־סוף!

איי די בלעטער?

פאראן!

און איך בין אייך מודה, ביי מיר אין ווינקעלע האט דער קא־לענדאר קיין דעה נישט. אין מוקדם ומאוחר אין ווינקעלע — נישט פאראן פריהער און שפעטער. עס קאן זיין פורים, און פון וואנט־קאלענדאר ביי מיר, אין ווינקעלע, איז נאך נישט אפגעריסען דאס בלעטעל פון פאריאהריגען תשעה־באב, און די בלעטער לען איך פון היינט, נעכטען און פון פאריאהרען, און ווי א פרומער איך שניידט די נעגעל — בסירוגין, לען איך, ווען און וואס עס קומט אונטער דער האנט, און כאפ — געשעהענישען פערעל!

און כדי איך זאל קיין טעות נישט האבען, נישט נכשל ווע־רען אין א פאלשע פערל, ווארף איך באלד אן אויג צום שפיגעל. איך שרייב שטענדיג קעגענאיבער א שפיגעל. זעה איך, אז מיין פנים האט זיך פון געשעהעניש געענדערט, בין איך זיכער, אז פון ווינקעלע, וואו די פערל וועט אריין, וועט מיר אויך ווערען גרין און געל, און אלע קאלירען...

און ציינד הערט די געשיכטע פון היינטיגען ווינקעלע. דער יצר־הרע צום שרייבען האט זיך אין מיר צוברענט.

דער יצר־הרע ברענט, ווייסט איהר דאך, וואס מען טוט.

מען גיט איהם נאך.

זעץ איך זיך צום טיש.

דאס פאפיר פאר מיר, אויפ'ן טיש, בלאנקט ווייס; די פעדער הינטער'ן אויער — געטונקט שווארץ...

אבער וואס?

און — ווי אזוי?

דער עיקר, ווי אזוי. אין ווינקעלע איז דער עיקר די פארם!

זיץ איך און קלער:

עס וועט ארויספליהען א ווארט איבער תפוצות ישראל, אבער ווי אזוי?

כנשר? פליגעל ברייטע, מעכטיגע, — וואו נעמט מען פון געשעהענעם קראפט?

כיונה? — ווי א טויב פון נח'ס תיבה ארויס? האט זיך ווירקליך דער גרימצארן געלאשען, דאס וואסער זיך געשטילט?

אדער „כרביבים" — ווי א שפיי רעגען, פון דער הויך, וועלען מיינע ווערטער פאלען אויף די טרוקענע לייבער און הערצער, זיי צו דערפרישען. זאל דארטען אויפבליהען די „חבצלת השרון" — די רויז פון אלט־אידישען בטחון?

און אפשר וועקען? ווי א שופר זאל עס שאלען? בלאזט מען, ווער ציטערט נישט? זאלען אויפציטערען די הערצער פון אונזערע פארזארגער, וואס שלאפען זיי?

און אפשר ווי א דונער, למשל — אויף קאוונער־לייט, פון צארניג ברוינעם וואלקען א דונער אויף זייערע קעפ...

און אפשר גאר, א פאסטוך פייפערל... פריהלינג... די זון שיינט, די וואלקען פארטריבען... די תלמוד־תורה־קינדער וועלען קרינען לייכטע רעקלעך...

וואס נייז?

אבער וואס העלפט קלערען?

„פוק חזי מה עמא דבר", וואס רעדט דער נביא פון גאס? וואס דערצעהלט דאס בלאט?

און איך שטרעק אוים די האנט, גיב א גראבעל — א פערל:

„דער קעניג פון מאנטאנעגרא געפאלען! דער העלד פון אונטער סקוטארי! צווישען געדונער פון ריזיגע הארמאטען, הוראגעשרייען, פון העלדישע באלעגערער..."

איך ווארף אן אויג צום שפיגעל; אליין א העלדיש פנים באקומען...

א פערל!

און איך וועל זי דראמאטיזירען.

ליתר תוקף ועוז, וועט עס ביי מיר געשעהען ביינאכט, אין קעניגליכען געצעלט. דער קעניג פון מאנטענעגרא, דער העלד שטעהט,ביידע ארעמס, ווי אייזערנע שטאנגען, אויסגעשטרעקט! איין אייזערנע האנט קעגען סקוטארי, די צווייטע מיט נאך א פעס־טער געביילטער פויסט, קעגען איירא פא, קעגען איהר קאנצערט! און די ברוסט די העלדישע — אויסגעשטעלט! און אין די אויגען (איין אויג אויף סקוטארי, דאס צווייטע אויף איירא פא) א העלישע בראנד און פלוצלונג —

— באץ!

אונטערגעהאקט, ווי א בוים; געפאלען, ווי סנאפ! פארוואס? פאר ווען?

„א שוואד הארץ געהאט"...

האט דאס שוואד העלדישע הארץ געפלאצט? פאר צער און צארן געפלאצט?

ניין, פאר א „ווינקעלע" איז בעסער — פון א פרעמדער האנט! א מעסער האט א בליץ געטאן אין שוים פון דער נאכט, און מערדערישע אפגלאנצען געווארפען איבער די שטילע שאטען, פון וועלכע זי האט זיך אויפגעוועבט... א מעסער אין דער האנט פון... פון...

האב איך אבער אויך א שוואך הארץ, א שוואך־העלדיש הארץ, הויבט עס אן פלאטערען:

— טאמער א איד?

טאמער וועט די פעטערבורגער אגענטור אויסטראכטען א איד!

טעלעגראפירען: סאלאניקער קהל אדער איישישאקער? גיב איך נאך א גראבעל אין פאפירענעם אוצר; ווייזט זיך אוים —

— להד"ם!

דער קעניג פון מאנטענעגרא לעבט, ער שטעהט נאך אין גע־צעלט; א בערזען־שווינדעל געווען...

גיב איך א נייעם גראבעל.

ווייטער — א פערל.

א חסד: די דרייַ הונדערט רובעלדיגע שטראָף אראָפּגענומען.

אַ אויג צום שפּיגעל: אויסגעלויטערט האָט זיך מיין פּנים. א פֿאָדעם פֿון חסד לעגט זיך דארויף, ווי א רעגען־בויגען איבער א פֿארכמארעטען הימעל...

„לא בפירוש אתמר" — שווארץ אויף ווייס אין מאניפעסט שטעהט עס נישט, אבער דער סענאט, דער מפרש, האָט אויסגע־טייטשט געזאָגט: מכלל אתמר. אידעלעך קומט אויך עפּעס...

איך וויל שוין שרייבען, האָט אָבער — איהר ווייסט דאָך וואָס — דער מיניסטער פּראָטעסטירט, דער סענאט — איבערגע־טייטשט!

אַ בליק צום שפּיגעל: דער רעגענבויגען, דער חוט של חסד לעשט זיך...

ווייטער, פינגער, ארבייט אין די בלעטער... אָט א פּאַק! אז אויסטערלישער!

אַ מודעה רבא פֿון אונזערע פּאסטוכער: פֿון זיבען רועי צאן ישראל — פֿון זיבען רביים קעגען ליטווישע מלמדים, קעגען (ווי נאָמבערג זאָגט: „באָרוך אתאָ")... גיב איך א ציטער, שריי אויס: הוי הרועים! און א בליק צום שפּיגעל! מיין פּנים ברענט, מיינע אויגען פֿלאַמען מיט גערעכטע צאָרן! איך באָרג מיר דאָס וואָרט ביים נביא, די פּעדער ביי ביאליק'ן! צער און צאָרן!

ווי שטיינער פֿון א שליידער, וועלען מיינע ווערטער איבער די זיבען שטריימלעך פֿאַלען! סטייטש! — הייַנט! אין א באַלע־גערטער שמאַדט, וואָס דער שונא וויל נעמען מיט הונגער, אנציַנ־דען א פֿייער? מאַכען א מחלוקת...

פֿאַלט מיר אבער אין אויג אריין א נומער „הצפירה" — — —

בוידעם!

געפֿעלשטע חתימות!

דער גערער איז גאָר אין מאַנטרע!

און דער יצר־הרע צו שרייבען טוט זיך זיינס און ברענט... איך זוך ווייטער, געפֿין ווייטער! אַ אויג אין שפּיגעל אריין: מיין מויל איז כמעט פֿיער־קאַנטיג אָפֿען! דאָס גאַנצע פּנים — א פֿראַגע־צייכען, אַן אָפֿענער; היכא דמי? און אויגען ברייטע גע־גלאָצטע!

דאָס פּראָגראַם פֿון ראַיאַליסטען...

חערט!

אפגערעכענט די טשיעמנא מאסע, טיילען זיך די אידעלעך אויף צוויי טייל: אויף נאציאנאליסטען, וואס בויגען און בוקען זיך, קומט זיי באיקאט! און אויף נאציאנאליסטען, וואס בויגען זיך נישט און בוקען זיך נישט — קומט זיי וואס?

— באיקאט!

איך וועל פילדערען אויף אזא אומגערעכטיגקייט? היכא דמי? היכא דמי?

גיט פלוצלונג א קלונג אין טיר. דער בריף־טרעגער! „אידישע לעגענדען“ פון אדעס. דאס צווייטע העפט. איך גיב א בלעטער. דאס אויג פאלט אויף א מעשה'לע... א מעשה מיט אדריאנוס קיסר... א מדרש!

זיצט אדריאנוס קיסר אין גאס (מן־הסתם אויפ'ן פארטאל פון פאלאץ). געהען אידעלעך פארביי, געהט דאס ערשטע אידעלע פאר־ביי און בוקט זיך...

פלאמט אויף זיין צארן:

— א העזה פון א איד! ער בוקט זיך נאך!

ברילט ער:

— קעפט איהם!

געהט א צווייטער פארביי, און בוקט זיך שוין נישט...

וויטער גרימצארן:

א העזה פון א איד: ער בוקט זיך נישט!

און דער זעלבער ברילל:

— קעפט איהם!

ניין! אבסאלוט — אלט! אוים מדרש פליטה!

פשוט! פאראן צווייערליי אידען, אזוינע, וואס בוקען זיך יא, און אזוינע, וואס בוקען זיך נישט..

האט מען די קרוין אויפ'ן קאפ, ברילט מען:

— קעפען!

פארלוירען די קרוין פון קאפ:

— באיקאטירען! — — —

„איינע אלטע געשיכטע“, ווי הייגע זאגט.

47.

באדוען-דע-קורטעניי.

באדוען דע קורטעניי, דער אלטער אינדיווידואליסטישער אפּיקורס רעדט. ער שמייסט די פּוילישע קולטור, איראניזירט איי־בער׳ן ווילדען באיקאט, און איך זעה פאר מיר אמאל (זאל עס מיר דער אלטער אפּיקורס מוחל זיין) דעם פרומען פּערסישען קיסר, וואס שמייסט דעם צואווילדעטען ים מיט ריטער — שטיל זאל זיין! און אמאל (דאס וועט איהם שוין זיכער נישט באליידיגען) א לופטיגען שפּיל־פויגעל, וואס האט זיך פארהאלטען איבער א מארק, פול זידלעריי און געשלעג, און וויל איהם שטילען מיט זיין ל י ע ד!...

באדוען דע קורטעניי אבער פּראטעסטירט... איך רעד נישט צום מארק, נישט צום המון... צו מיינע נאהנטע רעד איך, צו די וועניגע!

איך קוק מיך אום — א פולער זאל מיט אידען...

עס ווערט מיר ווארעם; איך ווער שטאלץ: אט די אלע, די ברידער מיינע, פון נאציאנאליזם, פון דער אסימילאציע און אזוי פון גאס זענען די ו ו ע נ י ג ע, די נאהנטע פון באדוען־דע־קורטעניי!

און באדוען־דע־קורטעניי רעדט פון דער מענשהייט...

ער איז א י נ ד י ו ו י ד ו א ל י ס ט; נישט דא קיין בוימער, נאר וואלד...

און איך זעה די מענשהייט זיינע: ווי זאמד ביים ים, פון איינציגע טרוקענע קערנדלעך ליגט זי אויסגעשפּרייט...

ניין! באדוען־דע־קורטעניי איז א ג ר ו י ס ע ר מענש, ער קוקט צו דער הויך...

און איך דערזעה זיין מענשהייט, ווי די שטערען אין הימעל... יעדער שטערן געהט זיין וועג, האט זיך זיין ליניע. קיינמאל טרע־פען זיך נישט צוויי צוזאמען, עס רעדען זיך נישט אפּ צוויי קעגען א דריטען. שטיל, רוהיג און אזוי ליכטיג... און אזוי איינפאך:

זאמד אדער שטערן, פיזיק אדער אסטראנאמיע... קיין ביאלאגיע, קיין סאציאלאגיע... קיין קאפ־דרעהעניש. אין שאפענעם ראד קיין סטאדע־קולטור, קיין שטאנדען, קיין פעלקער. א מענשהייט פון באדוען־דע־קורטעניי'ם!

אן עקסטער אינדיווידואליסט. פון ידעם שטאנדפונקט איז לייכט צו קומען צו שטירנער'ס עגאאיזם, צו ניטשע'ס איבער־מענש, צו הארטמאנ'ס אויסראטען; דערצו איז אבער באדוען־דע־קורטעניי צו פיין, צו עדעל... ער וויל גערעכטיגקייט! און פאר אלע, בפרט פאר די וועניגע, פאר זיינע נאהנטע! האט שטירנער ז י י ן איד „אויף ניכטס געבויט" און באדוען־דע־קורטעניי מ י י ן איד אויף קאנאפניצקא'ס „מענדעל דאנציגער"!

ווער איז מענדעל דאנציגער, אויף וועלכען מיין איד ווערט געבויט?

א ווארשעווער, עכט ווארשעווער איד (קיין ליטוואק נאד דא־מאלט אויף קיין רפואה נישט געווען), און אן עהרליכער. א בעל־מלאכה, שיקט דאס אינגעל זיינם אין שקאלע אריין, זיין שכל וועט צונויז קומען דעם ל א נ ד! א מענש צו גאט (דאווענט זעהר ערנסט, דער גלח אליין אז ער געהט פארביי, הויבט, פאר דרך ארץ, דאס היטעל אפ) און צו לייט: לעבט זעהר גוט מיט שכנים... א איד ווי באדוען־דע־קורטעניי וואלט געבאטען: אהן נאציאנאלע אידעען, אהן ציוניזמען, טעריטאריאליזען און אהן פראגען וועגען זעלבסטשטענדיגקייט, וועגען אן אייגענער היים. — פארוואס קומט ש ל א ג ע ן?

— א פאגראם, — פרעגט מענדעל דאנציגער — אויף וועמען? אויף גנבים? אויף רוצחים? — אדרבה! ער געהט מיט!

ער פיהלט נישט, אז קודם־כל האט ער עמיצען איבערגעגעבען דאס רעכט, איהם צו משפט'ן און צו שטראפען. — ער וועט נאר מיטגעהן! אינ'ם בלוט ליגט שוין די א ו נ ט ע ר ט ע נ י ג־ק י י ט, ד א ס ב י ר ג ע ר ט ו ם פ ו ן ד ע ר צ ו ו י י ט ע ר מ ד ר ג ה. אמת, דאס האט אבער באדוען־דע־קורטעניי נישט אקצענטרירט! אבער אזוי איז עס. אמת איז אויך, אז מענדעל דאנציגער איז אן עהרליכער איד און אן אמת'ער. צוליעב פאר־היטען א פאגראם, וועט ער קיין צלם אין פענסטער נישט אריינ־שטעלען. אבער ווען עס זאל קומען צו פאליטישע וואהלען, וועט

מענדעל דאנציגער, לויט זיין אייגענעם, לויט זיין אידישען ווילען נ י ש ט ווערלען! — א בירגער פון דער צווייטער מדרגה פאלגט! ער ד י נ ט ד ע ם ל א נ ד! אבער באדוען־דע־קורטעניי האט דאס אויך נישט אקצענטירט. ער האט עס גארנישט באמערקט. אדרבא: אידען, באשטעטיגט ער, האבען רעכט געהאט צו וועהלען יאגעלא'ן... געוועז נאר — גיט ער צו — א קליין ביסעל טאקט־לאזיגקייט: נישט געדארפט זיך ארייננמישען — ווינאוועך...

ווער איז באדוען־דע־קורטעניי, וואס מישט זיך יא אריין?

א פראנצויזיש פארפוילישט בלוט, וואס קיהלט זיך שוין לאנג ביי דער נעווא אין פעטערסבורג, וואו ער איז פראפעסאר און דעקאן!

ווער איז ווינאוועך?

א פארפוילישט א י ד י ש בלוט! קיהלט זיך שוין אויך לאנג ביי דער נעווא; אויך פראפעסאר, נאר זיינע לעקציעס, קא־סאן צוליעב, לעזט ער אין ברוקסעלא!

דער אונטערשיד איז דער, וואס ווינאוועך איז יוריסט און א סאציאל־פאליטישער מענש, בשעת ווען באדוען־דע־קורטעניי איז א שפראך־געלעהרטער!

און פילייכט הענגט עס אפ פון'ם אונטערשיד צווישען פ ר א נ צ ו י ז י ש און אידיש בלוט?

באדוען־דע־קורטעניי מיינט עס זיכער נישט, אבער אביסעל סאציאל־פאליטיק וואלט איהם נישט געשאדט!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

באדוען־דע־קורטעניי רעדט און איך הער האמערען!

נישט ער האמערט! ער זינגט...

גענומען און אויסגעהאקט א צעדער פון לבנון, אויף קליינעם צושפאלטען, אין יעדער פעלקער־קלאץ א קליין ארייננגעזעצט: זייט נישט פויל, קלעצער, שפאלט אייך, ריהרט אייך, בינדט אייך אין דער מענשהייט!

ווער האט עס געטאן?

איך ווייס ווער? רופט איהר, ווי איהר ווילט! אפשר דער. וואס האט געהייסען: פארפולען די ערד, און האט צוטריבען דעם דור הפלגה, וואס האט נישט געפאלגט און געוואלט זיך דרשהען

אַרום געבויטענע טורם? און דערנאָך אפשר, אַז מען האָט ווייטער נישט געפּאַלגט, אויפגעשטעלט סנהירוב׳ען, ער זאָל אויסמישען די פעלקער! — פאָלגט מען ווייטער נישט, איז אַ יאָמער!

דער קלין בענקט צוריק צום לבנון, אָדער ערגעץ אַוועק וואו דער פעפער וואַקסט! די זייטען פון די קלעצער, וואָס ווילען זיך נישט שפּאַלטען, נאָר אויף אייביג פאַרהאַלצט און פאַרגליווערט ווערען — דריקען! און דער האַמער אין דער האַנט פון אַלץ איינס, ווי איהר וועט איהם רופען, קלאַפּט פון דער הויך...

און באַדוען־דע־קורטעניי שטעהט דערביי, שמייכעלט און זאָגט:

— מען קאָן אַלץ גוט מאַכען... מען דאַרף נאָר אויסאידישען, דאָס הייסט אויך — אויסקריסטליכען די וועלט.

אַ גרויסער מענש און אַ גרויסער געלעהרטער באַדוען־דע־קורטעניי, נאָר אביסעל סאָציאָלאָגיע און וועניגסטענס אַ טראָפּען פּאָציאַל־פּאָליטיק וואָלט איהם נישט געשאַדט. —

48.

שלום מיט׳ן נייעסטען, מיט׳ן פריעסטען, געוויס, נאָר אַ באַוואָפענטער שלום! אַ שלום צווישען גלייכבאַרעכטיגטע קאָנקורענטען, און קאָנקורענטען פּאַקטישע, נישט טעאָרעטישע, נישט אויפ׳ן פּאַפּיר, איז רייכטום — גיטער און געלט, זען׳מיר גיטער און געלט־קבצנים, נישט דער גלייכער שדוך, איז יעדער שלום — אַ דלות! וועט זיין רייכטום — אַרבייט, וועל׳מיר, אויב מיר ווילען פאַר זיך אַליין נישט טראַכטען, בלייבען אַרבייטס־קבצנים און וועלען אויסקוקען אויף אַן איבערקערעניש פון לומפּען־פּראָלעטאַריאַט...

שלום, האַנט אין האַנט... שותפות! אָבער שלום מאַכען גלייכע מיט גלייכע. די האַנט, וואָס מען זוכט זי אויף תקיעת־כף, מוז זיין אַ שטאַרקע, אין שותפות מוז מען האָבען וואָס אַריינצולעגען!

פריהער מוז געשטאַרקט ווערען די געגענוואַרט, און פון איהר אַרויס אָרגאַניזירט ווערען די צוקונפט! און דאָס איז די שרעק!

וואס אידישקייט פאר'ן ליבעראל, סעפאראטיזם פאר'ן אסימי־לאטאר און „כל ישראל פאליטיק" פאר'ן ראדיקאל!

איז דאס פיליכט אונזער „מיסיע"? מיר זענען דאס משיח־פאלק, אויסגעלייזט וועלען מיר ווערען גאר צום סוף, ערשט מיט'ן לומפען־פראלעטאריאט צוזאמען...

ביז דער צייט וועלען מיר זיין די אקושערן, וואס העלפען ביי יעדען געווינען, וואס ציהען מיט צוואנגען, מאכען, ווען מען דארף, קייזער־שניט און קומט דאס גיי געבוירען אויף דער ליכטיגער שייז, לעגט מען עס איין דער מאמעס בעט אריין, דעם אקושער דאנקט מען, שענקט א מטבע און מען עפענט איהם די טיר...

און „זה הקטן גדול יהיה", וועט פון שטוב איין גאס ארומלוי־פען, א קונדאס ווערען, שטיינער ווארפען און טרעפען אמאל דעם אקושער אין פענסטער, אמאל גאר אין קאפ אריין...

מיסיע? משיח? מאדערנער אתה בחרתנו?... כע!

פאר מיר נישט!

אבער „אני מאמין" זאגט מען יעדען טאג, „בכל יום אחכה" און צו משיח'ס צייטען איז אזוי ווייט, אזוי ווייט...

וועט מען דערלעבען? וועט נישט די ראסע די אויגען אויפ־עסען, איידער עס וועט שיינען די זון?

מיר האבען אזוינע ברייטע הערצער פאר אלע ל י י ד ע ן, און אפענע אפטייקען מיט שמירעכטס און פולווער פאר אלע קרענק.

— פארוואס איז פארגליווערט אונזער הארץ פאר אייגענע ליידען און פיין? פארוואס האבען מיר קיין רעצעפט פאר אייגענע צופא־לען? פארוואס איז „כל ישראל" אנטי פראגרעס?

— אבער עס עקזיסטירט פארט נישט קיין כל ישראל פאליטיק.

— עס עקזיסטירט!

מיר מוזען שטענדיג געהען מיט אנדערע!

— ביז א געוויסען פונקט אין וועג... ווייטער וועלען מיר עס פראווען דעפינירען...

1912—13

צווישען געדאַנק און דיכטונג.

שוין לאַנג נאָך האַלבער נאַכט;
עמיץ קלאַפּט אין טיר.

און קלאַפּט אַזוי שטיל, אַזוי זאַכט...
ווער דאַרף אַזוי שפּעט צו מיר?

מיין האַלבען דרימעל ווער שטערט?
און נישט דאַס אויער הערט. —
דאַס האַרץ, וואָס אייביג וואַכט...
ווער קלאַפּט אַזוי שטיל און זאַכט?...

און מיט אַזאַ ליעבהאַרציגער ווייכקייט... קיין מאַן; דאַס איז קיין באַריהרונג פון מענער־פינגער, און נישט קיין פיבערדיג קלאַפּען פון אַ פרוי, וואָס קומט אין שאָטען פון נאַכט, פון אַ זינדיגען פערלאַנג געטראָגען...

אַ מוטער קלאַפּט אַזוי; אַ שוועסטער, אָבער מיין שוועסטער היט איהר קראַנקען־בעט, און מיין מוטער איז ווייט... ווייט.... און איך פרעג, אָהן ליפּען פרעג איך:

— ווער קלאַפּט?

איך ווייס, אַז די, וואָס קלאַפּט און מיין האַרץ הערט, וועט אויך הערען מיין האַרץ־באַוועגונג, אָהן ליפּען־קלאַנג.

און דערהערט, ענטפערט זי:

— איך!

רחל? שולמית? שרה־בת־טובים? — ווער פון מיינע געליעבטע געשטאַלטען?

אָבער פרעגען פרעג איך נישט; אַ בענקשאַפט האָט מיך שוין אַנגעכאַפּט.

א דורשט צום זעהען, א הונגער... איך עפען און לאז אריין די געשטאַלט.

און דערמאַן זיך ערשט: איך האָב קיין ליכט געמאַכט, און וויל עס טון.

מיט א שטילער האַנט־באַוועגונג פיהרט זי מיך אָפּ פון גע־דאַנק:

— איך בין נישט — זאָגט זי — די געגענוואַרט, זאָלסט מיך בעסער זעהן ביי איהר שטראַליג ליכט...

— איך בין די פאַרגאַנגענהייט — זאָגט זי — וואָס איז צו־ריק אין איהר שאָטען־וועלט...

— און אין איינוועגס די צוקונפט, וואָס האָט זיך נאָך פון דער שאָטען־וועלט נישט אויסגעשיילט... גענוג דער בלאַסער לבנה־שטראַל פון פאַרהאַנג־שפּאַלט.

זענען מיר נאָך די אויגען צו, וואָס איך זעה נישט און הער נאָר איהר שטים?

און זי פליסטערט:

— איך בין מיך... פון ווייטען וועג. לאָז מיך זיצען א וויי־ל...

— פון ווייטען וועג? — פרעג איך איבער שטיל.

פון דער צוקונפט צוריק... אהין איז מיין גאַנג און דער גאַנג פון פאָלק... געהט דאָס פאָלק נישט נאָך, אליין געהן קאָן איך נישט, אליין בין איך נאָר טרוים־געשטאַלט, מוז איך געהן צוריק...

און לייכט אָפּזיפצענדיג:

— און אויף א ה י ן, צו א י ה ם, האָט מיר זיין ליע־בער נאָמען פליגעל געגעבען, טראָגען זיי מיך... איבער וועלטען פון טרוימען, און חלומות זיס־שטראַלענדיגע... צוריק צום פאָלק פאַר־בענקט, דינען מיר די פליגעל נישט... איינגעשרומפּען ווערען זיי. קוים ווענד איך מיין פּנים צוריק... און זיי דאַרען אָפּ, די פליגעל מיינע... מוז איך געהען; ווער איך מיד...

זי שליסט די אויגען צו, און מיר דאַכט: גאָט האָט אין זיין ה׳מעל צוויי שטערען אין הימעל פאַרלאָשען...

— לאָז מיך רוהען — בעט זי זיך מיך — איך מוז א ה י ן... צו א י ה ם...

צוריק אין וועג אריין מוז איך... איך האָב נאָך קיין פּלאַץ צווישען אייך... לאָז מיך רוהען, אין דער רוה וועלען מיר צוריק

אויסשפּראַצען פליגעל מיינע, צום ווייטען, ווייטען וועג... צו א י ה ם...

זי בלייבט שטיל, שטרענג איך די אויגען אַז און דערזעה די געשטאַלט...

לופטיג, א נעץ פון שאָטען און שטראַלען, איז זי.

דערמאָן איך מיר:

שאָטען פון פאַרגאַנגענעם,
קוים איבערגעלעבטען קוואַלען...
און אריינגעהאַפטען ווערען בלאַסע, בלאַסע שטראַלען
פון קוים געהאַפטען,
נאָר אין נעץ נישט געפאַנגענעם...

כאַפּט מיך אַן א שרעק.

— ווער ביסט דו? — שריי איך אויס.

זי עפענט די אויגען, וואָס האָבען שוין אויפגעשטראַלט, און ענטפערט מיט א האַרפען־שטים:

— כנסת ישראל!...

— דו לעבסט? דו ב י ס ט ? דו האָסט א ממשות?

זי האָט אָבער שוין געהאַט זיך אויסגערוהט, די פליגעל — שוין אויפגעשפּראַצט, און איז — ווי געקומען, פאַרשוואונדען.

1913.

די ירושה.

מען האט צו וויסען געטאן דעם גערטנער, אז די שענסטע, די ווייסעסטע ליליע, וואס ער האט געפלאנצט און ערצויגען, די שענסטע פון זיין גארטען, זיין שטאלץ און זיין פרייד, איז איבער נאכט פארשוואונדען —

דורכגעפלויגען איז א ווינט און האט זי ארויסגעווארצעלט, מיטגעריסען, אוועקגעטראגען, און אין ווילדען טרייב געווים ערגעץ אויפ'ן וועג פארלוירען — —

עס האט איהם וועה געטאן, דעם גערטנער.

עס איז זיין ליעבסטע בלום געוועזען — זיין שטאלץ, זיין טרייסט; האט איהם וועה געטאן דאס הארץ.

ביים ברעג פון ים ליגט א שיפער און שלאפט... ער האט זיך אין מילדען אווענט געלעגט... אויף דער קייט האט זיך שטיל זיין שיפעל געוויגט, און שטילע זיסע חלומות האבען איינגעוויגט דעם שיפערס הארץ־רייסענדיגע בענקשאפט...

אריבער וועט די נאכט... אנהויבען בליהען וועט דער טאג... אויף די וועלען־רוקען וועקען זיך גלאנצען, אפגלאנצען פון מאר־גען־רויט אין מזרח — באפרייען וועט ער דאס שיפעל! און פון נאכט און פינסטערקייט ערלעזט, וועט ער אריינשפרינגען מיט לוסטיגער קראפט, רודערען — די רעשטלעך שאטען און שלאף פון די וועלען־רוקען פאריאגען — פערעל וועלען אויפשווימען און ארומרינגלען זיין שיפעל —

העי! העי! אין דער וויים, אין דער ברייט — איבער וועלען, איבער גלאנצען, העט! חעט! צו נייע ברעגען, צו נייע וועלטען —

און עמיץ געהט דורך, ריהרט'ם אָן ביים אַקסעל:

— שיפער — דיר חלום'ט, און דער ווינט האָט זיינס געטאָן, ער האָט אָפּגעריסען די קייט! די צאָרניג אויפגעברויזטע פאַליע האָט דיין שיפעל פאַרכאַפּט און פאַרטראָגען — און דער הימעל, דער הימעל צירנט, און דער ים צורודערט זיך — רוק זיך אָפּ פון ברעג —

דער שיפער ערוואַכט.

און זיין האַרץ־וועה ערוואַכט אין זיין אייביגער בענקשאַפט...

די זון געהט אונטער, און דער פאַסטוך אין וואַלד קאָן זיך זיינע שאָף נישט דערצעהלען. איינס פעהלט, איינס האָט זיך פאַראירט... איינס — דאָס ווייסעסטע, דאָס יונגסטע און דאָס בעסטע...

ער רופט עס מיט די ליעבסטע נעמען, מיט אַן אומרוהיגער פאַרבענקטער שטימע. פיער־פאַכיג וואַרפט איהם דער וואַלד זיין שטימע צוריק — דאָס שעפעל ענטפערט נישט. פון איהם קיין קלאַנג...

און די זון זינקט אַלץ טיפער און טיפער, דיקער און דיקער לעגען זיך די שאָטען, און נעבעל פאַרוויקלען זיך די בוימער...

געשווינד טרייבט ער אַהיים די הערט, פאַרשפּאַרט זי, און כאַפּט א לאַמטערען, צינדט'ן אָן, און לויפט מיט האַרץ־קלאַפּעניש צוריק אין וואַלד אריין, זוכען זיין געליעבט שעפעלע, דאָס ווייסעסטע, דאָס בעסטע, דאָס יונגסטע — —

קומט ער אין וואַלד אריין, ציטעריג־שטראַלענדיג איז דאָס שוואַכע פלעמעל, און פלוצלונג וועקט זיך דער ווינט, גיט א יאָג און לעשט דאָס איינציגע ליכטעל אויס — —

אין פינסטערניש און שרעק פאַרזונקען בלייבט דער פאַסטוך אין וואַלד.

און דעם גלויביגען איז מען געקומען אָנזאָגען:

— א דונער האָט אריינגעשלאָגען אין דיין היילינקייט... דיין

גאָט, אַז וועלכען דיין נשמה איז געהאַנגען, צו וועלכען דיין האַרץ האָט געבענקט, דיין איינציגע האָפנונג און רעטונג, — דיין גאָט איז אַראָפּגעפאַלען און האָט געפּלאַצט, און איז צושטויבט געוואָרען... און אַ ווינט האָט זיך אויפגעהויבען און זיין שטויב אויפגעכאַפּט און צושפּרייט און צווייהט...

צוריסען איז געוואָרען דאָס האַרץ ביים גלויביגען.

און איך בין דער גלגול פון די אַלע...

איך האָב גע׳ירש׳נט די וועהטאָגען פון גערטנער, פון שיפער, פון פאַסטוך, פון גלויביגען — דאָס אַלץ צוזעצט מיר די ברוסט.

1906.

מיינע זכרונות

1.

נעבעלדיגע קינדער־יאָהרען.

ליעבער הער רעדאַקטאָר!

איהר פאַרלאַנגט פון מיר, איך זאָל אייך שרייבען וועגען זיך אליין, איך טו אייך צוליעב.

אין דער איינלאַדונג, ווי שמייכעלהאַפט זי זאָל נישט זיין, שטעקט אפילו א ביטערליך קערענדעל: נאָר פון עלטערע — אַלטע גלוסט זיך מיר נישט זאָגען, איך האָב אפילו ערגעץ מיין מעטריקע פאַרוואָרפען — נאָר פון עלטערע לייט פאַרלאַנגט מען זכרונות.

צו מיר, הייסט עס, זאָגט איהר:

— האָסט אָנגעפילט א שייער, דערלאַנג אונז דעם שלימעל...

איך טו עס דאָך גערן. איך האָב נישט איין מאָל פאַר'ן פובליקום פון זיך אליין גערעדט, געפרואווט איבערגעבען דעם שליסעל.

דעם אמת זאָגענדיג, די נאָכשליסלען פאַסען מיר נישט. קיין וואונדער: קיינעם געפעלט נישט קיין אייגענע פאָטאָגראַפיע. קיינער געפינט זיך נישט אינגאַנצען אין א געטראָפענער סעקונדע, ווי טריי עס האָט נישט געזאָלט זיין דאָס גלאָז אין אפאַראַט... דערנאָך קומט ערשט דער רעטושער, דער פאַרגלייכער און פאַרגלעטער... זיי מאַכען די רעשט צו שאַנדען.

וועל איך אייך שרייבען, איבערגעבען דעם שליסעל שריפטליך. וועט בלייבען צייט, וועל איך מיר א נייעם שייער בויען און אָנפילען, און וועט דער אַלטער שלי־

סעל נ י ש ט פאסען, און עס וועט נאך בלייבען צייט, וועל איך געבען א נ י י ע ם... דאס לעבען האב איך ליעב.

אבער שרייבען וועל איך נישט א ל ץ.

ווייל נישט א ל ץ איז אריין אין מיינע ש ר י פ ט ע ן, און נאר די געהערען דעם לעזער. פאר'ן דאווענען געהט א פרומער איד אין מקוה אריין און שווענקט אפ פון זיך די זינד. גייסטיג טוט עס דער שריפטשטעלער פאר'ן שרייבען.

אויסער דעם „מאדערנעם", וואס פאראדירט מיט זיין זינ־דיגקייט, און אויב ער פארמאגט נישט אזוי פיעל אייגענס, ווי־פיעל דער מארק פארלאנגט, טראכט ער אביסעל צו, אנטוויקעלט ער די מעגליכקייטען, וואס האבען נאך קיין צייט נישט געהאט, זיך צו אנטוויקלען און ארויסצושפראצען... אפט נעמט ער ביי אנדערע...

א י י ך וועל איך דעם אפפאל נישט געבען...

די ג ע ש י כ ט ע דארף קיין ליגען נישט זאגען, אבער נישט אלץ דערצעהלען, ווייל א ל ץ איז דער גרעסטער ליגען. ווייל נישט א ל ץ איז דער מענש. פראטעסטירט דארף ווערען נאר דאס כ א ר א ק ט ע ר י ס ט י ש ע ; דאס עכטע, נישט דאס צופעליגע, וואס געהערט גארנישט צום מענש.

און נאך וואס:

ערגעץ טיף אין מיר (אונטער דער באוואוסטזיניגער שוועל, ווי מען זאגט) ליגען ז כ ר ו נ ו ת. איך וויל זיי פון דער טונ־קעלער טיפעניש ארויסציהען אויף דער ליכטיגער שיין, — ליגען זיי אבער נישט, איינס נאכ'ן צווייטען, ווי א שנור באגראבענע, געפרוירענע ראבען, מויל צו עק... זיי פליהען דארט ערגעץ פריי ארום, ווי אייזען־שטויב, טראגען זיך לויז. און די מאגנעטען, וואס ציהען זיי ארויף און גרופירען ארום זיך, זענען נישט קיין ד א ט ע ן, נאר אויך פ א ק ט ע ן, הויפט־פאקטען, ג ע נ ע־ר א ל ע ן, אדער אידעען און שטימונגען... איך געדענק קיין איינציגען דאטום. וועט ווער נאכקומען און צושרייבען, וואו מען דארף דעם „יום", — זעהר גוט.

איך קען עס נישט.

2.

קינדער־יאָהרען און מלמדים.

געווען בין איך, ווי מען האָט געזאָגט: אַן עלוי. א פליג־קען לאַגישען קאָפּ געהאַט און — פּיעל געמיט.

ווי אַזוי בינדט זיך דאָס צוזאַמען? עס בינדט זיך נישט. עס גיסט זיך נישט צוזאַמען... א פּראַצעס פון צוויי עלעמענטען (א לאַגישער מח און א האַרץ פול געמיט) — אין איין „בעל כרחך אתה חי...“

אין „מאַניש“, צווישען אונז גערעדט, האָב איך געוואָלט מיך אליין קאַפּירען. האָב איך מיך אָבער פאַרשעגערט; איך בין געווען מאָגער, שוואַרץ, נאָר ברענענדיגע אויגען געהאַט (פונקען זענען נאָך געבליבען) און גרויסע. דער „וואָס טרעפט באַלד אריין אין קאַרב, מעג דער רמב"ם זיין ווי האַרב" — בין איך! נאָר דער דערצו נאָך א „בעל קורא“ איז צוגעגעבען צום גראַם. קיינמאָל קיין בעל־קריאה נישט געווען, נישט רעכט אפילו „מעביר געווען די סדרה“. דער עיקר איז ביי אונז געווען ל ע ר נ ע ן...

פון חורבה ארויסגעזוגען האָט מיר נישט איין „מאַריע“. די מאַריעס וועלען קומען. נישט אלע... ווי געזאָגט: אפּפאַל וועל איך נישט געבען. זיי זענען נישט אריין נישט אין מיר, נישט אין מיינע שריפטען... די אַנדערע — ווי וויט מעגליך. עס האַלט אָבער נאָך נישט דערביי. דער פּרק הייסט קינדער־יאָהרען...

און געדענקען געדענק איך מיך נאָך גאָר א קינד: 1) צווישען אינגלעך און מיידלעך אויף א הויף, 2) אויף א פּאָדלאָגע אין חדר. דער מלמד האָט געהייסען חיים־קעלבעל. א אידעל, זעה איך איצט פאַר מיר, א קליינס, א קליין בערדעל, קליינע אויגעלעך און א קליין ספּאָדיקעל. און 3) ביים בעלפער אונטער'ן אָרעם. א זאַווערוכע — און ער טראָגט מיך אין חדר אריין...

צו דריי יאָהר — אָנגעהויבען (גלייך מיט אלע חברים) חומש. געלערענט „ויקרא“. זאָגען פלעג איך: „ויטרא“, נישט געקאָנט ארויסברענגען קיין „ק“; קיין „ג“ אויך נישט. יאָהרען־לאַנג פלעגט מען מיך רופען „דד דדוד ידודנו (גד גדוד יגודנו)...

שבת נאך דער סעודה האט געזאלט זיין ביים זיידען אין שטוב די שמחה. בשעת סעודה נעמט מיך דער זיידע (א קליין אידעל, מיט א ציטעריג קעפעל, ווי איך בין געוואר געווארען, פאר עלטער). זעצט מיך ארויף אויפ'ן טיש, אין דער מיט. די מאמע דערשרעקט זיך און כאפט געשווינד אוועק פון אונטער מיר א גאפעל. ארום טיש זיצט די גאנצע משפחה: א זוהן, צוויי טעכ־טער, צוויי איידעמס און אן אלמנה, מיינע אן עלטער־מומע, (פון וועלכער איך האב געמאכט די „סקולער רביצין", גארנישט אי־בערטרייבענדיג), אחוץ'ן זיידען מיט דער באבע. צו וואס מען האט מיך ארויפגעזעצט, ווייס איך נישט. מיר געפעלט עס. א וואזע שטעהט אויפ'ן טיש, פרואוו איך, צי וועל איך זי ארומנעמען מיט די הענט. נעמט אבער די באבע די וואזע צו און פרעגט מיך, צי איך וועל קענען שפעטער די דרשה?

— טענען! (קענען) — ענטפער איך און וויל שוין אראפ פון טיש; לאנג אויף איין ארט זיצען קען איך נישט. פארהאלט מיך א פעטער, שוין דאמאלט א שטיק משכיל, אין א שווארצען קאַ־פעליוש, — דערזעלבער, וואס וועט שפעטער זיין דער מבין אויף מיינע אינגעלשע שירים און וועט זיי זאמלען און באהאלטען, און פרעגט:

— און אויסלעגען „ויטרא" (ער מאכט מיר נאך) קענסטו?

ווייס איך נישט, וואס אויסלעגען איז. פרעג איך:

— ס'טייטש?

— ווי אזוי ש ר י י ב ט מען ויקרא?

מיין איך, ער מאכט חוזק.

— „ויטרא" — ענטפער איך פארדראסיג — שרייבט מען נישט. „ויטרא" איז א פסוק און א פרשה אין דער הייליגער תורה.

מען האט מיר קוים אויסגעטייטשט, וואס מען מיינט, און איך דערזעה פלוצלונג פאר די אויגען שוועבען אין דער לופטען די פרשה, א ווארט נאך א ווארט, און רוף אן איין אות נאכ'ן צווייטען, אויסערן שם הויה.

דער מאמען ווערען די אויגען פייכט (נישט צו גלויבען, ווי איך האב אלץ געזעהן). עפעס האבען ביי איהר אנגעהויבען צו פינטלען די אויגען, און זי הויבט זיך אויף און געהט אין א ווינקעל אריין צום אויוון. די באבע קוקט איהר נאך און שמייכעלט:

— שעמט זיך נאר אלץ!

מיך נעמט דער זיידע פון טיש אראפ צו זיך אויף דער שויס, און גיט מיר א קניפ אין בעקעל. איך זיץ אבער נישט לאנג, — בייניגע פיס געהאט, איז מיר נישט באקוועם — און געה איבער צום טאטען, וואס קושט מיך. —

מעהר פון זיידען ווייס איך נישט, געדענק איך נישט. געהייסען, ווייס איך, האט ער שלמה. געווען אמאל א דאנציגער סוחר. דערצעהלט האט מען, אז איינמאל איז ער אהיים געקומען, ווי מען זאגט, מיט'ן בייטשעל... געווען איז עס פרייטאג. געגאנגען איז באד אריין, דערנאך צו קבלת שבת. „אפגעפראוועט" דעם שבת, ווי אלע מאל, קיין סימן פון עניות. און ערשט מוצאי־שבת נאך הבדלה צוזאמענגערופען אלע בעלי־חובות זיינע און געזאגט: „רבותי, איך בין געקומען אהן א גראשען, נעמט אייך צו אלץ, וואס איז שטוב!"

— חנה'לע, דערלאנג! — האט ער זיך געווענדט צו דער באבען.

און די באבע חנה'לע האט אויסגעטאן די צירונג און געלעגט אויפ'ן טיש. געעפענט די שאנק מיט זילבער און גאלד, אריינגעבראכט די חפצים פון אנדער שטיבעל... קיינער אבער האט נישט געריהרט.

די באבע האט איהר קראם געהאט, האט מען פון קראם געלעבט, איינציגווייז די חובות באצאהלט, מיט פראצענט. און קינדער אויסגעגעבען.

ווי ווייט די מעשה איז אמת, בין איך אייך נישט ערב. אז די באבע איז פעהיג געווען דערצו, דאס ווייס איך. דעם זיידען געדענק איך נישט מעהר, ווי דאמאלט ביים טיש, ווען איך האב אויסגעלעגט. איך זעה זיינע אויגען, קליינע, נאר הארציג ליכטיגע...

ווען און ווי אזוי דער זיידע איז געשטארבען, ווייס איך אויך נישט. מען האט מיך געמוזט האלטען בשעת מעשה פון דערווייטענס, אזוינס פארגעסט מען נישט. געהערט האב איך, אז ער איז קראנק געווען, האט איהם דער דאקטאר געהייסען מאכען א הייסע וואנע, און אין דער וואנע איז ער געשטארבען...

לאז איך פאמיליען־אנגעלעגנהייטען אויף שפעטער און געה צוריק צו מיינע מלמדים...

צו זעקס יאהר האב איך אנגעהויבען גמרא. דאמאלט — אלע אזוי.

דעם גמרא־מלמד געדענק איך בעסער.

אויך א קליין, מאגער אידעל. גערופען האט מען איהם דער־ריבער: בערישעל. א בייז אידעל, שלאגען אבער קאן ער נישט. אז ער קומט אין כעס אריין, הויבען איהם אן די הענט צו ציטערען.

— הענע! — רופט ער דאמאלט צו דער רביצען — כאפ די קאטשערע און שפאלט דעם עם־הארץ דעם קאפ!

הענע ריהרט זיך נישט. זיצט ביים אויווען, פליקט פעדערען אדער שטריקט א זאק. געהט עס וועגען מיר, ענטפערט זי:

— הערסט, ריהר לייבושלען נישט אן... איך וועל פארצעה־לען ריוועלען...

ריוועלע איז מיין מאמע. און די רבי'צין איז געווען אן איינ־קויפערין פון ציבעלעס, גרינס... און פלעגט טראגען צו אונז אויך, א דריסת הרגל געהאט. און ליעב געהאט די מאמען און מיך, אפנים, דער מאמען צוליעב.

— א אידענע, פלעגט זי זאגען, א צדיקת... קארגט אויף זיך און אויפ'ן הויז־געזינד — און גיט צדקה, אבער צדקה! און ער, דער גזלן, וויל שלאגען איהר לייבושלען!

— נו, נו, — ברומט דער רבי, — זאג איהר, וואס פאר א תכשיט זי האט...

זי פלעגט זאגען... נאר קאפויר.

דער טאטע מיינער (ער לעבט שוין נישט) האט אויך נישט געהייסען שלאגען. איז דאמאלט נאך א קעסט־קינד געווען, אין דערהיים געזעסען, און בטבע א ליבעראל, אפשר אן אנארכיסט.

אז עס איז ארויס א קלאנג, אז מען וועט נעמען צום מי־ליטער, און מען האט זיך אנגעהויבען שרעקען, האט ער געראטען: נישט שרעקען זיך און נישט געהן. קיינער זאל נישט געהן...

— מען וועט שמייסען!

— א וועלט שמייסט מען ניט!

— שמידען אין קייטען!

— נישטא אזוי פיעל קייטען!

— איינזעצען אין תפיסה!

— אכיבא מאכען די וועלט פאר א תפיסה!

ער אליין האט מיך אין לעבען צוויי מאל געפאטשט.

פון געבווירענהייט אן האב איך פיינט געהאט זיסע זאכען. אין מויל אריין נישט גענומען. „איך וויל, מען זאל מיך האלטען פאר קלוג", האט מען זיך גערייצט מיט מיר. די באבע פלעגט באקען מכל המינים גוטע זאכען: ווייסען לעקעך, האניג־לעקעך, טארטען, שטעפענס, פרעגלען איינגעמאכטס... פאר זיך, פאר די קינדער... פאר קראנקע אין הקדש, — אלע איינינקלעך פארדאר־בען זיך פון צייט צו צייט די מעגעלעך. מען באקומט און מען גנב'עט אביסעל צו; איך איינער — אן אויסנאם. איך עס עס נישט ביז היינט.

מאכט זיך מיין אינגערען ברודערס ברית.

קומען ארעמע לייט אויף לעקעך און בראנפען, פארזאמלען זיי זיך אין מיטעל־שטוב. רעכטס — די מאמע די קינפעטאריז, אין דער שטוב לינקס — די בעלי־בתישע געסט. איז געווען ביי אונז א סארוועך, זאל ער מיר מוחל זיין, א „כלב שבכלבים". אזוי האבען איהם אלע גערופען. געווען איז ער, איך זעה איהם פאר מיינע אויגען, אן אויסטערליש הויכער, א דארער און א ווייסער, אהן א טראפען בלוט אין פנים. געווען איז ער אן אלמן און א חשוד בנים. עטליכע ווייבער געהאט און קיין איינציג קינד. אז די לעצטע איז געשטארבען, האט ער זיך שוין מיאש געווען פון לעבען און געמאכט זיך תכריכים. ביינאכט, האט מען דערצעהלט, שפאצירט ער ארום אין די תכריכים אין הויף... שרעקט איבער לייט. ארעמע לייט האט ער פיינט געהאט שנאת מות. טראגט דער רשע פון דער מאמעס שטוב ארויס, הויך איבער'ן קאפ, א טאץ מיט לעקעך צו די בעלי־בתים אריין, איבער דער מיטעל־שטוב. און איך זעה, ווי א קראנק מיידעל קוקט מיט פארברענטע אויגען צו דער טאץ ארויף. פלינק בין איך געווען, שפרינג איך אונטער, כאפ א שטיק לעקעך און דערלאנג דעם בלאסען מיידעל... דער טאטע, — איך האב נישט געוואוסט דערפון, — איז געשטאנען אין טיר פון דער מאמעס שטוב. דעם שפרונג אין דער הויך האט ער גע־זעהן, וואס איך האב מיט'ן לעקעך אין דער נידער געטאן — נישט. געהט ער צו און דערלאנגט מיר אין באק. צו־מארגענס, מיר

זיצען אלע ביים טיש, פארקלאגט ער מיך פאר דער מאמען:

— דער קאמעדיאנט, עסט מכלומר'שט נישט קיין זיסע זא־בען און כאפט לעקעך פון טאץ!

קומט אריין די דינסט מיט דער יויך, — געהערט האט זי, אפנים, הינטער דער טיר, — און דערצעהלט, וואס איך האב מיט'ן לעקעך געטאן. זי האט געזעהן.

די מאמע האט די ברעמען אראפגעלאזט איבער די אויגען. זי האט שטענדיג געהיט איהר געמיט פאר פרעמדע און אפילו פאר היימישע אויגען. דער טאטע איז בלאס געווארען, די אויגען ווערען איהם פייכטלעך. און ער הויבט זיך אויף און געהט אפ אין צווייטען צימער אריין. פיהל איך מיך שולדיג, וואס איך האב באלד נישט דערצעהלט, וויל נאכגעהן און איבערבעטען — און קאן נישט. ביז'ן היינטיגען טאג קאן איך מיך אליין נישט פארטיי־דיגען און קיינעם נישט איבערבעטען...

דערפון אן אנדערש מאל.

דאס צווייטע מאל האב איך געלייזט, ווען איך בין שוין א „אינגעל", נישט קיין „קינד" געווען — א „בחור" (א יאהר פער־צעהן אודאי!). אבער שוין דאמאלט א „חוקר" געווען, געלערנט „מורה נבוכים" (ווי איך קום דערצו, וועט ווערען דערצעהלט) און בין ארומגעגאנגען אין עולמות העליונים, פאר'מרה'שחורה'ט, מיט וועלט־טראגישע חלומות און געדאנקען! וואס פאר א תכלית האט דער מענש? די וועלט? ידיעה ובחירה... פון וואנען נעמען זיך און צו וואס די יסורים, דער צער? — דערביי האט געווים געשפילט א גרויסע ראלע דער אידישלעך־פריהער איבערגאנג צו די מענער־יאהרען. נאר א געמיט האב איך געהאט א שווארצס, גע־זוכט התבודדות און געקראצט מיט נעגעל אין דער נשמה...

איינמאל פרייטאג בין איך פארפאלען געווארען אויף א גאנ־צען טאג. איך געדענק שוין נים, וואו איך בין געווען. געקומען אין בית־המדרש אריין צו קבלת שבת בין איך גלייך פון שפאציר, אין דער וואכענדיגער קאפאטע, און וואכענדיגען היטעל און נישט־געפוצטע שטיוועל, אנגעקלעפטע מיט ליים פון אונטער דער שטאדט. דעם טאטענס פנים האט אויפגעפלאמט. ער האט זיך דאך איינ־געהאלטען פאר'ן עולם. נאר ביים קידוש קען ער קיין אויג נישט אפרייסען פון מיין פאר'חושכ'טען פנים און גיט פלוצלונג א שטעל

אוועק דעם כוס און דערלאנגט מיר אין באק מיט דער באפרייטער האנט.

— שעהנע שבתים מאכט ער מיר! — און געהט ארוים אויף א ווײלע. די מאמע ברומט:

— גלייך א קינד האט נישט זיינע וועהטאגען...

אז מיין וועהטאג איז געווען גאר נישט קינדיש, איז איהר נישט איינגעפאלען...

איינגאנצען צוויי מאל געשלאגען.

א פרעמדען ארויפלעגען אויף מיר א האנט וואלט ער געווים נישט געלאזט. פון דעם ווייסט ר' בערישעל און די רביצען, וואס זיצט שטענדיג ביים אויווען, טוט עפעס, פארקוקט אין די תלמידים און פארהערט איג'ם לערנען.

איבער דער רביצען, אויפ'ן גזימס פון אויווען, ליגט שטענדיג אויסגעצויגען די קאץ, א גרויסע, א פוילע...

טרעפט זיך אבער, אז די רביצען דרימעלט איין ביים שטריקען א זאק, אפשר איינגעוויגט פון גמרא־נגון, און פארלירט די קנויל. גיט שוין די קאץ, וואס האט דארויף געלאקערט, א שפרונג אראפ פון גזימס צו דער קנויל און הויבט זיך אן מיט דער קנויל צו שפילען, ווי מיט א מויז, און פאריאגט זי ביז אונטערן בעט...

מיר פלאצען אוים מיט געלעכטער... די רביצען כאפט זיך אויף. דער רבי ווערט בייז...

פאר אזא געלעכטער (איך פלעג לאכען צום שטארקסטען) האט ער מיך שוין איינמאל געוואלט ערנסט שלאגען. איז אבער פונקט אריינגעקומען דער טאטע... די סצענע בייט זיך מיט אמאל.

—אה, ר' יודעל! וואס מאכט איהר, ר' יודעל? זעצט אייך, ר' יודעל...

די רבי'צין פרעגט: וואס ריוועלע מאכט. און דער טאטע ווענדט זיך גלייך צו מיר און פרעגט:

— וואס שוויצסט דו אזוי, לייבעלע?

— וואס הייסט? פארכאפט דער רבי, אוים מורא, איך זאל נישט דערצעהלען: — ווי הייסט, די תורה הקדושה, ברוך השם, ווארעמט... און א זומער־טאג...

באקומט דער טאטע א ליבעראלען איינפאל און זאגט צום רבי'ן:

— ווייסט איהר וואס, ר' בערישעל? לאזט יעדען טאג ארויס די קינדער פאר דער טיר אויף א שעה!

גלייך א דונער וואלט אין בערישלען ארייגעשלאגען...

גלאצט ער אוים א פאר אויגען און הויבט אן שטאמלען:

— וואס רעדט איהר? ווי הייסט? זיי זאלען זיך שפילען אין ליים?

מען האט געוואלט ארויפציהען א נייעם שטאק, האט מען אנגעלעגט ליים פאר'ן הויז.

— פארוואס נישט? — ענטפערט דער טאטע צוריק.

גיט זיך ר' בערישעל האלב אונטער:

— מילא, בנוגע צו אייער לייבושלען... אז איהר ווילט...

— איך אויך! איך אויך! — רופט זיך אן מיין גליד־שוועסטערקינד יחזקאל...

— פאר ר' מרדכי'ן בין א י ך אייך ערב! רופט זיך אן דער טאטע. יחזקאל'ס פאטער האט געהייסען מרדכי.

וכך הוה. מיר צוויי באקומען רשות און געהען טאג־טעגליך ארויס אויף א שעה פאר דער טיר, צום בארג, צום ליים, זיך געשפילט, געגראבען (ערגעץ א לאפאטקע באקומען), טאלען, גרי־בער געמאכט, א פעסטונג געבויט.

און די ארבייט איז אונז שפעטער צונוץ געקומען א מצוה צו טון. אין א קורצער צייט ארום האט מען איינגעלעגט די זא־מאשטשער פעסטונג. די מויערען האט מען צושאסען און געדונגען ארבייטער אראפצושיטען די וואלען אין די פאסען אריין. גע־צאהלט האט מען פון קלאפטער. האבען זיך אויך עטליכע אידען צו דער ארבייט געשטעלט. אלטע, צעבראכענע אידען, וואס האט בען שוין צו עפעס אנדערש נישט געטויגט. נאהענט צום חדר איז עס געווען. פלעגען מיר אויף דער שעה לויפען אויפ'ן וואל ארויף און ארבייטען פאר די אלטע לייט.

וואס איך האב געלערנט ביי דעם ר' בערישלען, געדענק איך נ י ש ט...

נאך צוויי זמנים בין איך מיט מיין גליד־שוועסטערקינד יחזקאל איבערגעגאנגען צו מיכל מלמד. ער האט אויך נישט גע־שלאגען.

א מאדנער איד געווען דער „געלער מיכל" — א בלאנדע

בארד געהאט. א מלמד געווען און דערביי שמש אין בית־המדרש. געווען איז ער א גרויסער בעל־חשבון און געקאנט „מדידה". לערנען, אויסער מיט אונז אין חדר, האט איהם קיינער נישט געזעהן.

אין בית המדרש פלעגט ער קיינמאל נישט רעדען, און גע־פרעגט, נישט ענטפערען ווענען לערנען. אויסער, אז עס איז געגאנ־גען ווענען א גמרא מיט חשבון אדער א משנה מיט מדידה. אין אנדער מענש געווארען. גערעדט, און מיט ליעבשאפט צום עניז. אזוי לערנען איז ביי איהם קיין עסק נישט געווען. אויף א „גראב" אינגעל פלעגט ער קוקען מיט גרויס רחמנות: „פארשטאפט נע־בער". אויף א „וואויל אינגעל" — גלייכגילטיג. „וועסט זיין א למדן" — און אין טאן איז געלעגען: הכלל וואס? מאי כולי האי? אמאל האט ער נאך געזאגט נישט אהן באהאלטענעם בזיון: „וועס־טו זיין א רב!" — דאוונען האט איהם אויך קיינער קיינמאל נישט געזעהן. „א באהאלטענער קאצקער", — האט מען געזאגט; קאצ־קער פלעגען נישט האלטען פון דאוונען. געמוזט האט עס זיין בסוד, — א מתנגד'ישע שטאדט, א מתנגד'ישער בית־המדרש. איך דערמאן מיך א מעשה. ביים שולחן איז געשטאנען א קליין אידעל, ר' עזריאל'כעל האט ער געהייסען. א דאמאלטיגער שענקער גע־ווען — א שם־דבר. אן אלט אידעל, א קרענקליכס, מיט א בלאז אוועקצויאגען. קומט אמאל אריין צו מעריב א פרעמדער איד, א הויכער, א דיקער, א גבר, שטעלט זיך זאגען יתום־קדיש און כאפט זיך ארויס: ויצמח פורקניה... פלאמט דאס אלטע ר' עזריאל'כעל אויף, גיט א שפרונג איבער טיש און באנק, א לויף צו צום עמוד, צום פרעמדען גבור צו, א חויב די נעגעלעך, א שפרונג אונטער און דערלאנגט דעם איד אין באק...

באהאלט, זעהט אויס, ר' מיכל זיין קאצקער חסידות, דרעהט זיך בשעת'ן דאוונען ארום צווישען עולם אין טלית ותפילין, נאר ער זאל עס א ריהר טון מיט די ליפען. די תלמידים ריהרט ער נישט אן, מיך אודאי נישט. ביי דער רביצען בין איך א חשוב. איהר שוועסטער דינט ביי אונז! איך געדענק זיי בײדע און וואונ־דער מיך נאך, ווי עהנליך די שוועסטער זענען זיך געווען. איך, א צעווארפענער, פלעג זיך גאנץ אפט טועה זיין, זאגען אין חדר דער רביצען: „חנה, דערלאנג מיר אביסעל וואסער", און אין דערהיים דער דינסט: „זייט־זשע מוחל, רביצין"... און שעהנהייטען, אי־

דישע, צנועה'דיגע, זענען (אין מיינע יונגע אויגען, ווענינגסטענס)ביידע געווען: לענגליך־בלאַסע, דין־הייטיג־דורכזיכטיגע פּנים'לעך, לאַנגע ברעמען, איבערגעצויגענע, סאַמעטענע בליקען פון שמאָל־לענגליכע מאַנדעל־אויגען... און שוין. זיי פאַרשווינדען מיר ביידע פון זכרון. וואו זיי זענען אהינגעקומען, ווייס איך נישט. איך ווייס שוין אויך נישט, וואָס איך האָב ביי דעם מיכלען געלערנט. געווים נישט מעהר, ווי אביסעל נאַכטראַכטענדיג שווייגען, געווים זיך אַנגענומען מיט אביסעל שטילען, גוט־האַרציגען אומעט, וועל־כע איך דערקען אין מאַנכע פון מיינע זאַכען. אפשר האָט ער מיר מיט די שטילע אויגען איבערגעגעבען אביסעל חסידות?

איך און מיין גליך־שוועסטערקינד שטייגען ווייטער און קומען אָן צו ר' יודלען — צו א העבערען גמרא־מלמד. ביי איהם זאָגט מען שוין א „לייענען" אויך.

צוויי זאַכען האָט ער ליעב געהאַט, דער ר' יודעל:

שמייסען איבער די פינגער מיט ריטלעך און — פּיראָגעס, וואָס די רביצען פלעגט איהם מאַכען אין א יומא דפגרא — און אוועקגעהן... זי קען נישטליידען, „ווי דער בעל־תאוה פרעסט, ווי דאָס שמאַלץ רינט איבער'ן פּיסק"...

די רביצען מישט זיך ניט צום לערנען און איז אויך נישט קיין איינגעהעריין ביי מיין מאַמען, זי זאָל סטראַשען, זי וועט דער־צעהלען. דער טאַטע איז שוין סוחר, זעלטען אין דערהיים. און ר' יודעל לאָזט זיך וואויל געהן, און איך געה אַרום מיט געשוואָ־לענע פינגער גלייך מיט אַלע, און פיהר מיט איהם מלחמות גלייך מיט אַלע. דעם צווייטען זמן, אז מען איז אריבער פון בבא־קמא צו יבמות, וואָס איז אונז נאָך שווערער געווען, איז אויך די מלחמה שאַרפער געוואָרען. און באַקומען האָט מען גאַנץ אָפט בחנם. ר' יודעל איז א בלינדליכער געווען, קיינמאָל נישט געזעהן און גע־וואוסט, ווער איז שולדיג, — האָט ער, פאַר וואָס עס איז, אַלע איבער די פינגער געשמיסען. די ריטלעך האָט ער מיט גרויס פאַרזיכטיגער ליעבשאַפט אויסגעקליבען פון נייעם בעזים, וואָס די רביצען פלעגט ברענגען פון צייט צו צייט. דאַכט זיך מיר, זי האָט גאַר געהאַנדעלט מיט בעזימער, נאָר אויף זיכער געדענק איך נישט. אויסקלייבען פלעגט ער די ווייכסטע, די דינסטע און געשמיסען האָט ער בניחותא, פאַמעלער, גאָר לאַנג.

מיר האבען איהם אויך נישט געקארגט.

געהאט האט ער א לאנגע ווייסע בארד, האבען מיר זיך איינמאל גענומען זי צוצוקלעפען צום טיש. אווענט געווען, נאך די פיראגעס. איז ער איינגעדרימעלט געווארען. חתימה און טריוואקס גרייט, דאס ליכט אויפ'ן טיש ברענט. מען ריהרט זיך צו. האט ביי עמיצען, זעהט אוים, פאר שרעק א ציטער געטאן די האנט, א צופ געטאן א האר פון בארד. ער האט זיך אויפגעכאפט און געכאפט זיך צו די ריטלעך. דערפאר אבער האבען מיר דעם צווייטען יומא דפגרא געכאפט דער רביצענס קוואקעדיגע הון און געזעצט אויף דער שיסעל פיראגעס אונטערן קישען. ער קומט, נעמט די שיסעל, שטעלט זי פאר זיך, קוקט מיט די בלינדע אויגען, און צושמייכעלט זיך פאר נחת:

— אי, אי, אזוי פיעל געריישטע ציבעלעס! — און האט אריינגעביסען...

איינמאל האבען מיר איהם אויף א גליטש פארנארט. הינטערן בית־המדרש איז געווען א גליטש. האבען מיר זי צווישען מנחה ומעריב פארשיט מיט שניי און געשיקט א חבר אין בית־המדרש אריין, ער זאל די רעשט פאר'ן רבי'ן פאר'מסר'ן, אז מען גליטשט זיך... געהט ער אראפ, קומט אויף דער גליטש, קערט זיך איבער: א שווערער מענש געווען, הויבט ער זיך און פאלט, הויבט זיך און פאלט. מיר לאכען... ווילען אנטלויפען. שרייט ער נאך: רחמים! שווערט, ער וועט אונז נישט שלאגען, גאר נישט טון...

האבען מיר איהם אויפגעהויבען, און ער האט ווארט געהאלטען. פאר דאס צום דריטען זמן אין אנדער קנעלונג זיך געשאפט. מיר (איך און מיין שוועסטערקינד) זענען מיר אריבער צו גאר א בייזען מלמד.

דער האט שוין געקניפען. א מוהל געווען, א נאגעל געהאט! און מיר האבען נישט געשווינגען. א ספאדיקעל האט ער געטראגען, האבען מיר איהם אין ראנד אריינגעשיט שניי. זיצט ער ביים טיש, הויבט איהם אן רינען איבער'ן פנים... טיי האט ער ליעב געהאט. די רביצען שטעלט איהם יעדען טאג א בלעכערנעם סאמאווארל

אויף אהן א טשייניק, שיט אין סאמאווארל אריין עטליכע קערנד־לעך טיי, ער ברומט: צו ווייניג; זי הערט נישט. און די טיי איז ווירקליך וואסערדיג. האבען מיר איינמאל געבראכט שמירעכטס פון א ראד און צונעשיט... דאס סאמאווארל קאכט אויף. ער גיסט זיך אן א גלאז: שווארץ ווי טינט. א מחיה. ער ווארפט דער רביצין א דאנקבארען בליק און זעצט זיך און שטעלט דאס גלאז פאר זיך אויפ'ן טיש. ער וויל זיך שוין צוריהרען מיט די ליפען, קריגט מען מורא, ער זאל זיך חס ושלום נישט סמ'ען. גיט עמיץ מיט א פוס א זעץ אין טיש אריין פון אונטען, דאס גלאז קערט זיך אום דעם רבי'ן אין שוים אריין. דער טיי איז געווען קאכעדיג.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער גרעסטער להכעיס איז אבער געווען אן אנדערער: גע־לערענט האט מען איזהו נשך, און ער האט געפייניגט מיט קשיות און פארלאנגט מיט'ן מוהל־נאגעל תירוצים... קיין גרויסער למדן איז ער נים געווען. מיר האבען געוואוסט, אז עס איז ניט זיינע קשיות, נישט זיינע תירוצים. פלעגט מען זיך אמאל א שבת אריינכאפען אין בית־המדרש אריין, דורכקוקען אויף אויפדער־וואך די סוגיא מיט תוספות, מהרש"א און אנדערע מפרשים און זונטאג פריה האגלען אויף איהם מיט קשיות. א קיילעכדיג, פעט אידעל געווען, — ער שוויצט, דרעהט זיך ווי א ווארעם, די קיי־לעכדיגע אויגען ווארפען זיך אין שרעק, און מיר פלאצען דערנאך ארויס מיט א געלעכטער... נעמט ער און קנייפט...

פרייטאג פלעגט ער אלע איבערשמייסען, מכלומר'שט אויף קאטאוועס: אן אלטער מנהג, מען זאל געדענקען שבת. עס פלעגט אבער אפט וועה טון...

און דאך האבען מיר איהם טיילמאל ליעב, זעהר ליעב גע־האט...

אין א יומא דפגרא פלעגען די אינגלעך ברענגען קליינגעלט (צווייערס, דרייערס, העכסטענס, צעהנערלעך). דערפון פלעגט מען מאכען א סעודה. די סעודה איז באשטאנען פון דער רבי'צענס סחורה: הערינג, קיכלעך און הייסע באבעס... זעצען צו דער סעודה פלעגט זיך צו אונז אויך דעם רבי'נס איינציגע טאכטער... א בלאס טרויעריג מיידעל מיט לענגליך פארנעבעלטע אויגען... און דער רבי פלעגט זי גלעטן איבער'ן געלבלעך־גאלדיגען קעפעל [illegible] און

אונז מעשיות דערצעהלען פון עין־יעקב, פון מדרשים... אן אנדער מענש געווארען. אזוי ווייך, אזוי הארציג, און דער קול איז אנגע־זאפט געוועזן מיט אזא טרויעריגער גוטסקייט, אז די בייזע רביצען, ביים באזונדערען טישעל, האט זיך די אויגען געווישט...

אוי, האבען מיר איהם דאמאלט ליעב געהאט...*)

דערנאך האב איך געליטען גלות: געלערנט ביי א מלמד אין דער פרעמדר, אין שעבערשין, דריי מייל פון דערהיים; דערנאך אין דערהיים ביי א דיין געלערנט; פון דעם אין צווייטען פרק. —

3.

נאך נעבעלדיגע יאהרען.

תהו ובהו. באקאנטשאפט מיט הינט. די ערשטע ליעבע. שיער גיט אין ברונען אריין. מען פארשיקט מיך.

ווייטער נעבעלדיגע יאהרען, א קינדעריש תהו ובהו... אמאל א שטיקעל וואקס, פון אלערליי הענט געקנאטען; שטענדיג מיט צייכען פון פרעמדע פינגער אויף דער נשמה. און אמאל וועקט זיך, אויף א צייט, אויב נים צייכען פון ווילען, — קאפריזען און פארלאנגען. און איך וואקס ארויס, ווי מען זאגט, ווילדע שטיק... דאס אינערליכע לעבען איז זעהר שוואך. איך בין א שוואם און זאפ איין. דאס איינגעזאפטע פאלט ערגעץ אריין אין מיר, איך וויים נישט דערפון, גלייך איך וואלט דערביי נישט געוועזען... דאס אויג זעהט, נאר איך קוק נישט; דאס אויער פארנעמט, איך הער מיך נישט צו. און ראש מישט זיך אליין, און איינס לאגערט זיך אויפ'ן צווייטען... ווערט עפעס אינערליך געבויט, קומען אן נייע קינדערשע מאמענטען מיט'ן ווינט, און פארשיטען יענע — בויען זיך הייזלעך אויף הייזלעך... דא און דארט שטארט עפעס ארויס, א שפיץ דאך, א וועטער־פעהנדעל, א שטיק קוימען...

א „קאלטע“ מומע האב איך געהאט, מיין חבר יחזקאל'ס

*) זעה „וואס הייסט נשמה?“

מוטער. א וזויכע, מאגערע אידענע, א בלאסע, א קרענקליכע. פון איהר האט דר. עטינגער זיין „סערקאלע" געמאכט. שרייט שטענ־דיג „אוי, מיינע כחות!" טרינקט אלץ אינאיינעם מאנדעל־מילך פאר'ן האלז און באקט באשטענדיג קעז־קוכען (דאס איינציגע פון זיסקייטען, וואס איך האב ליעב) און עסט... און באהאלט איהם אויף א הויכער שאנק, די קינדער זאלען זיך, חלילה, די מעגעלער נישט פארדארבען. און איך, אוים ליעבשאפט צום קעז־קוכען, איהר להכעים, און גלאט, א קונץ צו באווייזען — שפרינג אונ־טער, כאפ מיך אן אן גזימס פון שאנק, שלעפ שטיקער און פאר־דארב מיך ווירקליך דעם מאגען. און עס קומט דער אלטער ביי־זער דאקטאר סקשינסקי, וואס וועט מיך שפעטער באפרייען פון מיליטער, און פארשרייבט מיר עפעס ביטערס און געזאלצענס אין א פלעשעלע, א ווייסע פליסיגקייט. און איך, אז מען ווענדט זיך נאר אפ פון מיר, גיס אוים די מיקסטור, גיס אריין אביסעל מילך מיט וואסער און נעם איין אלע שעה איין עס־לעפעלע, און בעט מיר יעדעס מאל אוים אן אנדער מתנה און פארקרים מיך דערביי. גלייך איך שלינג גאט ווייסט וואס... קוים ווער איך געזונט, — סקשינסקי וואוינט צו אונז ווי־זא־ווי, א פענסטער קעגען א פענס־טער, — ווארט איך איהם אפ ביים פענסטער, און ווי ער באווייזט זיך, שטרעק איך איהם ארוים די צונג. כאפט ער א שטעקען און לויפט צו אונז ארויף, מיר מקיים פסק זיין, און אין שטוב בין איך אליין... אט לויפט ער שוין אויף די טרעפ... רייס איך אויף א גרויסע רויטע שאפע אין שטוב, שפרינג אריין און טרעף מיט איין פוס אין א טאפ אייער אריין...

פאראן ביי אונז א שטיקעל גרין באוואקסענע חורבה, מן הסתם אין א פראצעס געשטאנען. שפיל איך מיך דארט גאנץ אפט פארנאכט מיט קליינע מיידלעך אין חתן־כלה. דער חתן בין איך. איך מיט די פייערדיגע אויגען. די כלה — מיינס א קוזינע, א מיידעל מיט לאנגע צעפ. און אז דאס שפיל פארלאנגט, חתן־כלה זאל זיך קריגען, ווארפען זיך מיט די מתנות, כאפ איך א שטיינדעל, ווארף, טרעף איהר אונטער'ן אויג, און זי בלייבט ביי א צייכען ביז צו דער אמת'ער חופה... און דערביי בין איך גע־נעראל און האב אונטער מיר א גאנצע מתנה חדר־איינגלעך... באנקא־צעטעל האבען דאמאלט פארפעהלט, קליין־געלט — ווענינ, ערלויבט

די רעגירונג, סוחרים זאָלען לאָזען אין קורס „קוויטלעך“ אויפ'ן אָרט פון קליינגעלט, — מאַכט דער טאַטע קוויטלעך, און איך — „שניעף“. און גיב אוים אויף הילצערנע שווערדען מיט פּאַפּי־רענע שיידען, אויף געפּלאַכטענע שטריקלעך צו די לענדען פון מיינע גבורים, און גרייט מיך צו אַ מלחמה מיט די „לעשניטיקעס“. ווי מען פלעגט רופען די „יונגען“ פון דער נייַ־שטאָדט, צוויי וויאָרסט אונטער זאַמושץ. דאָס „טרעפונג“ וועט זיין אין מיט וועג, אונטערן בשותפות'דיגען בית־עלמין... און האָב דערביי נחת פון אַ צופלאָסען שטיק ר"ן, עגמת נפש פון פרי־מגדים'ס איבער־שטרעכלעך, טראַכט אוים פּשטלעך און זאָג פאַר די יונגע לייט — קעסט־קינדער, וואָס שלענדערען זיך אַרום אין בית־המדרש... און עס איז דער פריה קיין אָנבייסען נישט, איך טרינק גאָר די קאַווע, און טראָג אַוועק די ביינגעל מיט פּוטער פאַר אַן אָרעם אינגעל, אַ יתום, וואָס וואַלגערט זיך אין בית־המדרש אַרום. אביגדור'ל־מלמד'ס יתום... אַזוי האָט מיר געהייסען דער חובת־הלבבות. און דאַווען על פּי הנוסח פון „יד החזקה“, און שטעה שמונה עשרה, ווי דעם רמב"ם וויל, ווי אַ סאָלדאַט אין פראָנט, די הענט ביי די נעט... און וויים שוין, על פּי הרלב"ג, אַז עס הויבט זיך נישט אָן: אליהו הנביא איז גאָר נישט געפלויגען אין הימעל אַריין...

און אַז על פּי הרמב"ם זענען די נסים עפּעס כמעט גאָר קיין נסים נישט, קיין „שדוד המערכות“. און וויים חדושים אין בית־המדרש אין דאַמען־ און שאַך־שפּיל. דאָס ברעט — אויסגע־צייכענט מיט קרייד אין דער הויך, אויף דער פּאָדלאָגע פאַר'ן ארון קדש (ריינער!), די שטיינדלעך און די פיגורען — געקנעטען פון וויים און ראָזאָווע ברויט, און געטריקענט אדער אויסגעשניטען פון קאַרטאָפּלעס, די שוואַרצע — אין די שאָלען! און לויף אָפּט דאַווענען אין בעלזער שטיבעל אַריין; עס ציהט די התלהבות — דער ברען, מיט'ן געשריי, מיט'ן קלאַפּען קאָפּ אָן וואַנט ביי שמונה עשרה... און צוליעב (ווי איך וואָלט היינט געזאָגט) דער שטילער שטימונג — צום גערער שטיבעל, צו שלש סעודות... און טרעף שוין — פון איין זייט צום „מורה נבוכים“, וואָס שטעהט אויף דער העכסטער פּולקע (ווער נוצט איהם?), און פון דער צווייטער זייט — צום „עץ חיים“... איך וועל נאָך דערלאַנגען צום זהר...

און כאפ אמאל אראפ אז „אורים ותומים“ און שארף מיר דעם שכל, ווי אז א שלייפשטיין...

פאקטען פון קוים דריי „פארנעבעלטע“ קינדער־יאהרען... וואס טו איך מיט זיי? אויף וואס פאר א שנירעל ציה איך אויף די שטיינדלעך, גלעזלעך און די פאר פערעל?

אט בינדט זיך מיר צוזאמען מיין — באקאנט ווערען מיט פיער־פיסיגע! דאס וועל איך קענען דערצעהלען, ווי מען דארף!

די שטאדט, וואס איך האב גרייט געטראפען, און וואס אריינגעדרענגט צווישען וואלען, פארגרעסערט זיך נישט און ענדערט זיך נישט, וועל איך ערשט זעהען אין שעבערשין, דריי מייל פון דער היים, וואוהין מען האט מיך (ווי ווייטער וועט זיין) צו א מלמד פארשיקט. אויף א גאנצען זמן... מענשען זעה איך אויך עפעס נישט. מהאי טעמא... א קליינע, רוהיגע שטאדט, פון וואנדערען, עמיגרירען האט מען נאך קיין בייזען חלום נישט, זעלטען עמיץ „געהט אוועק, פון וואנען מען קומט נישט צוריק“, זעלטען ווערט עפעס אין דער משפחה געבוירען... אמאל ערגעץ אויף א וואכטנאכט געוועז און פאר'ן „רויטען קליינעם שלימויז“, וואס מען האט געוויזען, כמעט זיך דערשראקען... איך געדענק נאר דעם „הילד“, די קנאלען, ווען מען האט די פעסטונג צושאסען, דעם רבינ'ס מיט דער רביצענס שרעק, די מויערען פון די הייזער וועלען זיך שפאלטען... אויך געדענק איך די שרעק, ווען עס האט געברענט „אויפ'ן זייגער“ אין טורעם איבער'ן מאגיסטראט. מען האט זיך געפאקט. א שניי און א שטורעם. דער טורעם דער ברענענדיגער וואקעלט זיך, ער קען פאלען און ארויפפאלען אויף די הייזער, רעכטס אדער לינקס. צושמעטערען די שטאדט, אוועקגעהן מיט'ן רויך... מען פאקט זיך אין דער היים, און איך לויף אין שול אריין, ראטעווען די ספרי־תורה'ס...

מ ע נ ש ע ן וועל איך ערשט זעהן נאך שפעטער, אין אפט, צויזמער, גרוים פוילען, ווארשע... דערווייל מאך איך די נעהנטערע באקאנטשאפט, ווי דערמאנט, מיט בעלי־חיים א ה ן לשון...

מיט קעץ האב איך מיך באקענט נאך אין חדר ביים רבי'ן ר' בערישעל. ביי אונז אין דער היים איז אויך א געוויסע צייט א

קאַץ געווען, האָט מען זי משלח געווען, איך זאָל מיך נישט שפּילען מיט א קאַץ... קיה און אָקסען זעה איך גאָר ווייניג. איך וויים, פון וואַנען עס קומען: מילך, קעז, „פּאָדסמעטענע" (זויער־מילך) און סמעטענע... פאַראַן אויך, מען ברענגט אַמאָל אויף א רפואה, ציגען־מילך... ז ע ה ע ן זעה איך קיין אָקס און קיין קוה — נישט. „בלעקען" און „מע" הער איך נאָר פון חברים, וואָס מאַכען עס נאָך אין א קינד־ער־שפּיל. אָקסען און קיה פיהרט מען צו „אונז" (מיין זיידע איז פּאַכטער געווען) אין שעכט־הויז אריין, נאָר איבער'ן שאָסיי, ארום שטאָדט. קיין „בכור", מיט וועלכען איך ווער באַקאַנט, פריהער פון „לערנען", שפּעטער פון דער ליטעראַטור, — דרעהט זיך אין זאַמאָשץ (אינ'ם „קליינעם פּאַריז", ווי די געגענט רופט עם) נ י ש ט ארום...

מיט פערד — גוט באַקאַנט, אויך, פארשטעהט זיך, גענוג פון דער ווייטענס... אין הויף פון „הייפּעל", א גרויס פיער־עקיג אַלט הויז, אויף פיער ארומיגע גאַסען, אין עק שטאָדט, ביי דער לעמבערגער בראַם, וואו מיין רבי האָט געוואוינט, שטעהען פויערען אין מאַרק־טעג מיט די פוהרען... פון איינעם פון די וועגען האָט מען דאָך באַקומען, פון ראָד אראָפּ, אביסעל שמירעכץ צום רבינ'ס סאַמאָווארל. איך מאַך שמימשיקס פון פערדס־האָר, נאָר איך אליין רייס נישט. אביסעל פּחד, אביסעל צער בעלי חיים...

די אָפיצערען פון גאַרניזאָן האָבען פערד. דער גאַרניזאָן געהט אוועק, קומען קאָזאַקען, טיילמאָל אולאַנען, הוזארען... אויפ'ן פּלאַץ, ביים געזעגענען מיט דעם מיליטער, וואָס איז געגאַנגען פון אונז צום טערקישען קריג, האָט ארומגעטאַנצט א יונגער גענעראַל אויף א פערדעל, א שעהנס, א סאַמעטענס, מיט אַזא חן, און מיט אַזוינע פּליטערלעך באַהאַנגען... אז מען קריגט א פּירוש אויף „לסוסתי" אין שיר השירים...

„פערד ווי לייבען" האָט ישראל זשדאַנאָווער, ביי וועלכען מען דינגט פערד, אויב מען דאַרף ערגעץ פאָהרען אין א נויטיגע זאַך, נישט שלעפּען זיך מיט א פויערשער פוהר...

„זשדאַנאָוו", דריי ווערסט אונטער דער לעמבערגער בראַם, איז אַמאָל געווען א אידישע קאָלאָניע. די פּוילישע רעגירונג האָט געוואָלט צוציהען אידען צו ערד־ארבייט און צוגעזאָגט הנחות פאַר אידישע קאָלאָניסטען: יאָהרען לאַנג פריי פון אָפּצאָהלען און דער

עיקר — פון מיליטער... פארלעגט די קאלאניע האט דר. עטינגער. אליין מיט די קינדער אין פעלד געארבייט... נישט פיינע צייטען. אין מיינע צייטען איז שוין דר. עטינגער לאנג געווען א שוכן עפר. זיין זוהן האט שוין צערקוועס געבויט, פון טאג צו טאג רייכער געווארען. „און פארט — האט מען אויס קנאה געזאגט — פיהלט מען איהם פון די הענט דאס מיסט, וואס ער פלעגט פיהרען...“ און פון אלע אידישע קאלאניסטען איז געבליבען איין ישראל, וואס האט געפיהרט נישט קיין שלעכטע ווירטשאפט. געהאלטען קיה (דאס ווייב צוטראגט די מילך אין שטאדט, אויף שבועות — אויך פוטער און גאמולקעס, און קאנקורירט זעהר שטארק מיט'ן מיל־כיגער פון שוטאניעץ (אן אנדערע זייט הינטער דער שטאדט). וואס האלט אויך „פערד, ווי די לייבען“...

דער מאמר־המוסגר וועט צו נוץ קומען. און איצט — די באקאנטשאפט, וואס ווערט פון מיר געמאכט מיט הינט...

פריהער הער איך פון הינט...

אז אלטע דייטשקע איז „אוועקגעקומען“, א פארזינדיגטע. געטראגען אייגענע האר, און נאך אנדערע פלעקען געהאט אויף דער נשמה, פון וועלכע מען רוימט זיך אויפ'ן אויער, און מען דערצעהלט, אז איהר נשמה איז אריין אין א הונט, אין א שווארצען, „קודלאטען“ הונט (ער איז אריין אין „מאניש“), וואס דרעהט זיך נאכט אויף נאכט ארום אויפ'ן דאך, איבערן הויז, וואו זי האט געוואוינט. דער בעלפער, וואס מאכט פרייטאג ביי אונז די פיש, האט איהם אליין געזעהען... סליחות־צייט געה איך מיט'ן טאטען, א שטיק נאך פארטאג, צו סליחות, און זוך, נישט איינ־גאנצען אהן שרעק, דעם הונט אויפ'ן דאך — קיין זכר; מן הסתם שוין „תקון“ באקומען...

חברים אין חדר און אין בית המדרש רעדען פיעל פון הינט. יונגע לייטלעך — אויך. די הינט זענען א שטיין אין וועג... לאזען קיין לעבעדיגען מענש פון שטאדט נית ארויס...

הינטער דער לעמבערגער בראם, נאכ'ן בית־עלמין, נאך דער נייע־שטאדט, א צוויי ווערסט ווייטער, איז פאראן א דארף יאטו־טאוו. האט יאטוטאוו א שענק מיט אלטען מעד, באריהמט אין דער סביבה. פריצים קומען אהין טרינקען. א יונגען מאן אויף קעסט ווילט זיך אהין... פארצייטענס, דערצעהלט מען, פלעגען

בעלי־בתים, יעדען זומערדיגען פרייטאג, נאכ'ן מרחץ און אדערלאזען, געהן קיין יאטוטאוו, אונטערלעהנען זיך, פאר קבלת שבת, מיט א גלעזעל מעד... נישט היינטיגע צייטען... היינט קאן מען שוין נישט. עפעס בייזע הינט איינגעפיהרט. א קעסט־קינד האט זיך געוועט, ער וועט זיך ארפכאפען... „האסט א פסוק?" לאכט מען. ניין... ער האט א „ספאסאב". הינט, האט ער בקבלה פון אן אלטען פויער, פגר'ן פאר ווייד־ברויט, אויסגעשמירט מיט שוויס פון א מענש. וועט ער נעמען א שטיק ווייד־ברויט, אויסקנעטען אין די הענט, ביז ער וועט עס דורכנעמען מיט'ן שוויס, און ווארפען... מען געוועט זיך (אזוי דערצעהלט מען). ער געהט, קומט, מחילה, צוריק אהן הויזען און אהן א שטיק „ווייד־פלייש" פון א פוס. די זאך קומט, ווי א בוימעל אויפ'ן וואסער ארויף; מען גט אפ דעם בחור...

שוטאניעץ, הינטער דער לובלינער בראם, נאכ'ן שעכט־הויז, האט, ווי איך האב שוין דערמאנט, א מילכינגער. האט ער א שטיקעל „מילכיגע אכסניה". פארקויפט ער זומער־צייט ערדענע שיסעלער סמעטענע. פאר א דרייער א שיסעלע. קאלט, א מחיה, פון קעלער ארויס, און גאמולקעס מיט „קמינעק" (קימעל) — אויך בייזע הינט אין דארף!... מען קאן אפילו זיך אפשטעלען ביים שאסיי... א געשריי טון: יוסל! קומט ער ארויס און פיהרט, דורך די כלבים, מיט א בייטש... קאן אבער אמאל יוסל נישט זיין אין דער היים, דערהערען וועלען די הינט! און אליין דאס בילען — איז ווייניג?

מען קאן אפילו אין שעכט־הויז אריין, וואו די שוחטים בראטען און זענען מכבד מיט אייטער, נישט קומען; אזוינע כלבים מיט בלוטיגע פארגאסענע אויגאנעס. מיט די קצבים לעבען זיי גוט, די חיות רעות. לעקען ביי זיי פון די הענט און פון כאלעוועס ארונטער דאס בלוט, מיט וועלכע זיי באשפריצען זיך, — די שוחטים זענען שוין אמאל אין א סכנה. געהן לאנגע קאפאטעס, נישט שפּענצער מיט שטריק, ווי די קצבים, — און הינט האבען דאס נישט ליעב... מען איז זיכער, אז אידען, ארויסגעהענדיג פון מצרים, האבען אויך געטראגען קאפאטעס, און מען האלט דעם „לא יחרץ" פאר'ן גרעסטען צווישען אלע נסים...

הינטערן פלאץ, וואו די אפיצערען וואוינען, זענען פאראן גרינע טאלען; שענער, ווי די לאנקעס ביים טייך הינטער דער

שטאָדט. און בלומען וואקסען, א מחיה צו שפּאַצירען. דאָצו לייגען דאָרט פון פעסטונג געבליבענע קוילען און גראַנאַטען, אין דרייעקיגע קופּעס (הויפען). כמעט א שרעק! און היינט מעג מען שוין קוקען, ווייזען מיט א פינגער, אפילו אָנריהרען מיט א האנט (נישט „טשיעקאַווע?“). די פעסטונג איז דאָך שוין אויס פעסטונג, די מויערען צושאָסען, דריי פיערטעל וואלען אָפּגעשיט,—איז אָבער דער דורכגאַנג דורכ׳ן פּאָלקאָווניקס הויז, און אין פעדער־הויז שטעהט א הונט, א גרויסער, א שווארצער, א קודלאַטער (פון איהם האָט מען, זעהט אויס, אָפּגעמאָלט דעם גלגול פון דער דייטשקע!) — גרויס ווי אַן — אָקס! אפילו אויף א קייט, אבער, אז ער רייסט איבער די קייט? וואָס איז ביי אַזאַ הונט אָפּרייסען זיך פון א קייט? בפרט, אז ער וועט דערזעהען א קאַפּאָטע? אהין געהט נאָר מיין רייכער קרוב (א קאַלטער פעטער) י. מ., וואָס האָט א הויז אין שטאָדט, א פּאָלוואַרק אונטערן שטאָדט, א הויז אין ווארשע, וואו ער פאַרברענגט חדשים, און איז פּאָדראַטשיק, און קומט אין קלוב אריין, און בעט אָפּט דעם פּאָלקאָווניק, מיט וועלכען ער האָט עסקים, צו זיך, און געהט אָפּט צו איהם אויף א פּרעפעראַנס... ער איז געוועהנט צו הינט, האָט א י י ג ע נ ע אין פּאָלוואַרק, ווייסט, ווי זיך נוהג צו זיין, און דער עיקר — טראָגט זיך שוין האַלב דייטש...

און אפילו קליינע, חנ׳ודיגע, מיוחס׳דיגע הינטלעך האָבען פיינט אידישע קינדער... עס שטערט דעריבער דאָס באָדען זיך זומער, ביום טייכעל. אַרום זענען לאַנקעס פון דער פעסטונג, פון דער געוועזענער; נעמט אראָפּ דאָס היי דער געוועזענער, ווי עס זעהט אויס—דער פאַרגעסענער „סמאָטריטעל“. וויל ער נישט, אידישע קינדער זאָלען געהן זיך באָדען, ווייל זיי האַלטען זיך נישט אינ׳ם שטעגעל, וואָס פיהרט צום טייכעל און לויפען, און יאָגען זיך איבער גראָז און היי. און דער שמאָלער גאַנג פון שטאָדט ארויס, — אויב מען וויל נישט מאַכען א גרויסען אומוועג, דורך דער שעברשינער בראָם, איבערן שאָסע און דערנאָך לינקס איבער די גרייבער! — איז פונקט צווישען א פאַרגעסענעם וואל און די פענסטער, וואו דער סמאָטריטעל וואוינט... וואָלט אייגענטליך דער סמאָטריטעל נישט געווען אַזוי געפעהרליך. ער שפּילט גאַנצע נעכט אין קלוב אין קאָרטען („אַז אייגענס זאָל מען האָבען,

וואס י. מ., אונזער גביר, פארשפילט צו איהם נאכט אויף נאכט; ער דארף איהם האבען!") און ביי טאג האט ער ליעב דעם ביי־טערען טראפען — טרינקט ער און שלאפט... ער וואלט נישט גע־הערט, כאטש זומער שלאפט ער ביים אפענעם פענסטער („וואס א גוי קען!"), און מען שלייכט זיך פארביי שטיל: פאר'ן הויז נעמט מען שטיוועל און שיך אראפ, מען געהט אויף די שפיץ־נעגעל, מען האלט דעם אטעם איין... מען הערט, ווי דאס איינענע הארץ קלאפט, און ד'ער סמאטריטעל שנארכט...

וואלט גוט געוועזן? האט ער אבער א ווייב! און זי שפילט נישט אין קארטען און טרינקט ממש גאר נישט... זי איז א „שם דבר". דעם סמאטריטעלס פלונית'טע, און אזוי מאלט מען זי: „א הויכע ווי א דראנג, א דארע, ווי א שטעקען, א פלאכע, ווי א ברעט, א פנים (נאך פאקען!) ווי א ריב־אייזען, מיט בעזים־קווייטען איבערן שפיציגען קאפ" — מען האט דערפון א ליעדעל געמאכט, געוויס האב איך מיטגעהאלפען...

וואלט זי אבער נישט געפעהרליך געוועזן. ערשטענס — א מזג־טוב פון א גוי'ע. קינדער, אפילו אידישע, אין קאפאטקעלער. האט זי ליעב אהבת נפש; מען זאל זיך לאזען, וואלט זי אין גאס געכאפט און געקושט, קען זיין, ווייל זי אליין האט נישט און האט נישט געהאט קיין קינדער... און דריטענס, אויב זי לויפט נישט ארום איינקויפען אין מארק, אין די געוועלבער, וואס פארנעמט איהר דריי פיערטעל טאג, זיצט זי איינע אליין אין שטוב און לעגט זיך קארטען. און אינמיטען א פאסיאנס, מעג זיך די וועלט איבער־קערען, ריהרט זי זיך נישט פון ארט... עטליכע יאהר שפעטער האט זי אמאל דערהערט א שטארקען קלאפ פון מאנס שטוב, א זעץ, ווי עמיץ פאלט אראפ פון בעט, — ארייגעקומען איז זי, א שפאר ביסעל צו שפעט! געענדיגט פריהער דעם פאסיאנס און — א ק א ל ט ע ן מאן געפונען...

וואלט זי, הייסט עס, קיין שטערונג נישט געווען! האט זי אבער — א הינטעל! און א הינטעל א „יקר המציאות", א מיוחס־דיגס... שפעטער, אז זי איז אן אלמנה געווארען, און אונזער פעלדשער האט געכאפט דאס גרויסע געווינס, האט ער ביי איהר דאס הינטעל אפגעקויפט פאר א מטמון. מען זאגט פאר שש מאות זהובים! און — ער האט זיך געקויפט אין שטאדט א הויז, וואו ער

האט געעפענט א מאגאזין פון ביכער „אויף אלע לשונות,“ צו ביל־דען די שטאדט, און א קליין הייזעל הינטער דער שטאדט... דאס הויז אין שטאדט מיט׳ן מאגאזין האט ער איבערגעגעבען די זיהן און ער אליין (שוין אן אלמן) האט זיך ארויסגעצויגען מיט׳ן הינטעל אין הייזעל אריין אונטער דער שטאט, אויף התבודדות און חשבון הנפש. און איך האב דאמאלט קוים אפגעהאלטען מיינע חברים, זיי זאלען זיך נישט נוקם זיין אינ׳ם „אידיש געווארענעם הינטעל“ פאר זיינע חטאים, ווען עס איז א גוי׳ש הינטעל געוועו...

דערווייל אבער איז נאך דאס הינטעל ביים סמאטריטעלס וייב. און איך דארף עס דא דערצעהלען זיין גרויסע זינד!

איז׳ן איז עס א הינטעל, ווי דערמאנט, אן איידעלס, א סאמעטענס, א שווארץ גלאנציגס, מיט איין ווייסען פלעק צווישען די אויגעלעך, וואס זעהען דעריבער אויס, ווי געבלענדט. און פיס־לעך האט עס דינינקע, אונטען — די פיסבלעטלעך — איבערגעבוי־גענע, עס זעהט אויס, אז עס געהט אויף די קני... און אינגאנצען א ציטעריגס, מיט א ציטעריג ביי־קול׳עכעל. און אז עס ווערט מיד, זיצענדיג ביי דעם סמאטריטעלס פלונית׳טע אויף דער שויס, ביים פאסיאנס, און עס כאפט זיך, אביסעל לופט צו שעפען, א ווײלע ארויס פאר דער טיר, און ידערזעהט אונז, אונז אידישע קינדערלעך, הויבט עס אויף דאס ציטעריג ביי־קול׳עכעל און וועקט אויף דעם סמאטריטעל, וואס ווייסט שוין, וואס עס באטייט. און שיקט אונז נאך זיינע לייט, אונזער אנטון צו פארנעמען... איז א חרפה, און א הארצוועהטאג — די ציצית ביי גוים אין די הענט! מוז מען זיך אפקויפען אדער אזוי לאנג שרייען און וויינען, ביז די לייט קריגען רחמנות, אדער עמיץ קומט אן און לייזט אויס.

טאטע־מאמע זאגען: „א לעבונג אויפ׳ן סמאטריטעלס קאפ! עס וואלט דען איינגעזעסען אין חדר נאך ספירה!“

פון הינט דערצעהלט איך מיין קראנק ברודערלס ניאניע. א קרענקליך ברודערל געוועז, נאך מיר דאס דריטע... עס דארף השגחה. דער טאטע פאהרט ארום צו פריצים וועגען מסחר, די מאמע — אין געוועלב, דאס שוועסטערל — צו קליין, שפילט זיך נאך אין ציינען, אדער פאר׳ן געוועלב איז זאמד. צום ברודערל נעמט מען צו א גוי׳ע פון דארף.

איז עס א קליינע, אלטע גוי׳ע, שיטערליכע ווייסע האר, אן

אויסגעדאַרט פּנים; קליינע, נאָר שטילע אויגעלעך, און פייכטע, האַלב־פאַר׳שכור׳טע; זי טרינקט, און טרינקענדיג ווערט זי נאָך בעסער, נאָך געטרייער. האָט אַ מאַן אין דאָרף, צו וועלכען זי בענקט, כאַפּט זיך אַרויס פון צייט צו צייט, און קומט צוריק — צושלאָגען, צובײלט, אָפּגעצויגען, האַלב נאַקעט... און ווערט צום הויז נאָך צוגעבונדענער, נאָך געטרייער... שלעפט זי מיין קראַנק ברודערל איין מיט געזאַנג און מיט מעשיות... פאַרשטעהט איך ווע־ניג פויליש, נאָר איך שטוים מיך, טרעף, וואָס מען מיינט. כאַפּ איך מיך אַמאָל, פאַרנאַכט, אין שטוב אַריין, לעג מיך אויפ׳ן בעט, כלומר׳שט — קאָפּ־וועהטאָג, און הער מיך איין, ביז די מאַמע קומט און גיט „וויעטשערע“ — אָן אשה, אַבער עס ציהט!

זינגט זי איהם „קאַלענדים“, געצויגענע, לאַנג געצויגענע, און איך וואַרט אָפּ מיט שטילען האַרץ־קלאַפּעניש אויפ׳ן רעפריין:

— העי, קאַלענדאַ, קאַ—לענדאַ!

און האָב דערביי אַ שרעקליך רחמנות אויף דער אָרעמער, פאַרלאָזטער, געשטופּעלטער גוי׳ע. איך וויים, אַז עס איז מעהר ווי וויגען־ליעדער, אַז עס איז איהר געבעט, איהר תפלה, און — ווער הערט זי? די תפלה צוגעהט זיך אין אויער... אפילו זייער קלוים־טער זינקט דאָך יעדען טאָג אין דער ערד אַריין, אויף אַ האָר (איך וואָלט אַ בעלן געווען מעסטען, געפינען אַ „ספּאָסאָב“!)... אויס רחמנות וואָלט איך איהר „די אויגען געעפענט“, זאָל זי אוועק־לעגען דעם טעות... אוי, אַ יושר! יונה, וואָס האָט נישט געוואָלט וואָרענען נגוה, איז באַשטראָפט געוואָרען... מוז איך אַבער וואַר־טען, ביז איך וועל אויסלערנען צו רעדען בעסער פויליש... (אַז איך האָב שוין געקאָנט, איז זי שוין נישט געווען, און איך האָב שוין דעם חשק נישט געהאַט...) אַמאָל, פאַלט איהר איין, דער־צעהלט זי (האַלב שכור) פון אַ גוי׳שען מלאך המות — אַ פּאַננע, וואָס פליהט אַרום אין דער לופטען און האַלט, און פּאַכעט מיט אַ וויים לײלעכל... און דער, אויף וועלכען זי פּאַכעט, — געהט פון דער וועלט; איז עס אַ שטאָדט, ווערט אַ מגפה... נאָך מעהר טעות! איך וויים דאָך: דער מלאך המות איז אַ מאַנספּערשוין, האָט טויזענט אויגען...

איז אַמליעבסטען, ווען זי דערצעהלט וועגען חיות ובהמות פון דאָרף. ליעבער פון פריצישע און דאָרפישע חינט. דאָס דערצעהלט

זי לעבעדיג, מיט באוועגונגען, מאכט נאָך מימיש דאָס בילען, דאָס כאַפּען, דאָס לויפען...

די פּריצישע הינט זענען פלינקע, געהען אויף געיעג; אויף לאַנגע שנורען געפיהרט. אז מען גיט א בלאַז, לאָזט מען זיי אָפּ. פליהען זיי, ווי די ווינטען... יאָגען נאָך די חיות... און—גבורים! פאַלען אַן אפילו אויף ווילדע חזירים, אויף בערען און וועלף, כאַפּען געשיקט האָזען און פוקסען... אויף חזירים — א מצוה! אויף די האָזען וועקט זיך רחמנות, אבוואָל איך האָב קיינמאָל קיין האָז נישט געזעהען און ווייס פון איהם נאָר פון דער תורה, וואו ער ווערט פאַררעכענט צווישען די „נישט ריינע"... אָבער א ציטעריגס איז עס, לויט זי דערצעהלט, א שטיל ציטעריגס. אויף די פוקסען— אויך א מצוה; ווערגען די חינער, אזוי דערצעהלט זי! און לויפען, דאָס ווייס איך, איבער די חורבות פון בית־המקדש... און פון „שיר השירים" ווייס איך, אז זיי פאַרדאַרבען די וויינגערטנער אין ארץ־ישראל... ק ל ו ג זענען זיי, די פוקסען, איך ווייס: „משלי שועלים". אָבער וואָס טויג מיר זייער חכמה, אז עס איז נאָר צום שלעכטען?

די פויערשע הינט זענען אויך בריח'ס. היטען פאַר גנבים... זיי ליידען פיעל. מען האַלט זיי, דאָס מעהרסט, אויף קייטען. אזוי הייסט די פאָליציי. און די גנבים סמ'ען זיי... און די הינט זענען אזוי געטריי! זיי בילען און וועקען דאָס דאָרף, קוים באַווייזט זיך א פונק, א שרפה. אדער ווינטער־צייט, אין די גרויסע פרעסט, ווען די חיות, פון הונגער געטריבען, לאָזען זיך פון וואַלד ארויס צום ישוב — באַלד א רעש, א געפילדער! כאַפּען זיך די פויערן אויף, לויפט מען ארויס מיט שטעקענס, מיט דרענגער, מיסט־גאָפּלען, הו־האָ! מען רינגעלט ארום, מען קלאַפּט דער חיה אין קאָפּ אריין, מען צושמעטערט איהר דעם קאָפּ.

„און פאַרוואָס כאַפּען זיי אין שטאָדט די „היצלים" (הינטשלעגער)?

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און באַלד איז מיר באַשערט געוועזען צו באַקענען זיך מיט לעבעדיגע פּריצישע הינט.

דער טאַטע, ווי דערמאָנט, האַנדעלט מיט פריצים. דאַרף ער אַמאָל, אין א ווינטער־טאָג, ארויספאָהרען צום פריץ קיין סטאַב־

ראוו, פאלט איהם איין, מיך מיטצונעמען. פארפאהרט ער צום „הייפעל" צו, קומט אין חדר אריין. — א מאמר המוסגר: עס איז קיין מנהג נישט, צו פאהרען איבער דער שטאדט. ווער דארף וויסען, ווער וואו אהין עס פאהרט, וואס פאר א געשעפטען עמיץ האט? א קלייניגקייט: קאנקורענץ און עין הרע!

אפילו מיין רייכער קאלטער פעטער, דער דערמאנטער י. מ., וואס געהט איבער דער שטאדט מיט פארלעגטע הענט הינטער זיך, אפילו ער, וואס מען שיקט נאך איהם זיינע אייגענע פערד פון פאלווארק, פאהרט אויך ארוים נישט פון מארק, נאר פון הינ־טער־געסעל; געהט דורכ'ן הויף צו דער בריטשקע. אנדערע געהען ארוים פון שטאדט און זעצען זיך אויף. מאכט מיין טאטענס פארפאהרען פאר'ן הייפעל א רושם. אז ער געהט ארויף אויף די טרעפ, געהט מען איהם נאך; עס מוז נישט זיין אומזיסט! געעפענט די טיר, לאזט מען זי איהם נישט צומאכען: הינטער איהם אין טיר בלייבט שטעהן מיט אויסגעגלאצטע אויגען א איד, הינטער איהם — עטליכע ווייבער. דאס חדר גאפט. און אז דער טאטע זאגט, נאך וואס ער איז געקומען, גאפט מען נאך מעהר. מיין טאטען האלט מען „אויך" שוין לאנג פאר א „נישט גלייכען"; „אויך", ווייל איך בין שוין גאר א „פארלוירענער..."

— ר' יודעל — פרובט זיך דער רבי, סטייטש, בטול־תורה?

דער טאטע צולאכט זיך. ער ווייסט און אלע ווייסען, אז איך און יחזקאל זענען מיר פריי פינף אויף זעקס טעג אין וואך. ער, א געלאסענער, הערט זיך איין צום שיעור באלד זונטאג און פאר־טרעט דעם רבי'ן, וואס איז אמאל פארנומען מיט א ביי־פרנסה, א שדכנות צי א בוררות. איך ווייטער לערן ערשט פרייטאג... פריי־טאג קריגט דער רבי „בחצי חנם" א באבעלע פון ר' משה יצחק'ס גארקיך פאר אויספיהרען עפעס א שדוך. איז פאר'ן באבעלע די ערשטע רעפעטיציע צום פארהערען אויף שבת, און איך לערן, — נאכ'ן באבעלע. האלט זיך דער רבי ביי איין ווישען די פעטע וואנ־סען און אפשאקלען די בארד, און איך פיהר דאס חדר ביד רמה!

פאהר איך. יחזקאל וויל מיט. דער טאטע האט'ם מורא צו נעמען. ער וועט זיך, חס ושלום, פארקיהלען, וועט ער זיך ביי פריידעלען (זיין מוטער) קיינמאל נישט אויסקויפען...

מען קומט אין פעלד אריין — עס כאפט מיך ארום א ווייסע, דאס ערשטע מאל געזעהענע, ווייטקייט. דער טאטע איז שוין פארטראכט אין די חשבונות מיט'ן סטאבראווער פריץ, און איך בין געבלענט פון שניי, און פון די „בריליאנטען“ איבער'ן שניי, פון דער ציכטיגקייט און ריינקייט... די שטימונג, וואס איך האב איבערגעגעבען אין „וואס אין פידעלע שטעקט“; יואל דערצעהלט זי. איך גיב א קוק צום הימעל, און כאפ אן דעם טאטען ביים ארבעל:

— טאטע, טאטע, זעה א געגליווערטע זון, ווי אונזער אתרוג־פושקע!

געוועזען ביי אונז אן אתרוג־פושקע א מאט־זילבערנע...

דער טאטע אבער לאזט זיך פון זיינע חשבונות ניט אפפיהרען:

— רעד נישט קיין נארישקייטען... זיץ שטיל...

דערזעה איך דעם שמייסערס אקסעל, אזוינע ברייטע, און די קאמישע, פוטערנע קוטשמע אויפ'ן קאפ... און קוק פ א ר מיר... און זעה, ווי די פערדלעך לויפען, לויפען... קליינע, פלינקע פערד־לעך, שפריצען פון אונטער די פיסלעך גאנצע וואלקען שניי־שטויב. און דער פויער זיצט און ריהרט זיך נישט, ווי א שטיק זאלץ (דער פארגלייך — פון לוט'ס ווייב!) זיצט ער, און די בייטש שטעהט איהם ביי דער זייט. ער דארף זי נישט! דער שליטען גליטשט זיך. נעמען די בייטש? וואס וועט זאגען דער פויער? א בייטש איז דאך א יצר־הרע! איך שטרעק אויס די האנט. דער טאטע, אומגעדולדיג:

— ניטע!

איך ציה די האנט צוריק. עס ווערט מיר קאלט, דעם טאטען זאג איך נישט, איך בין אויפ'ן ברוגז. דערווייל פארפאהרט מען פאר'ן הויף. ווי א שטעדטיש־הויז... נאר הינט שפרינגען ארויס, ערגעץ פון א ווינקעל... איינס, צוויי, דריי, פיער — — איך צעהל, נישט אהן שרעק... הינט גרויסע, מיט די צונגען אויס די מיילער, טייל בילען... אלע שפרינגען צו... דער טאטע מאכט זיך נישט פון זיי. שפרינגט אראפ פון דער פוהר, טוט אויס דעם פעלץ, וויקעלט מיך מיט איהם ארום, געהט צום הויף צו. (א גבור, דער טאטע!) טייל הינט געהען איהם נאך, בילענדיג... („אי, א גבור!!!“). צוויי אבער בלייבען, שטעלען זיך, פון ביידע זיי־

טען שליטען, אויף די הינטערשטע, אנגעשפארט אויפ'ן שליטען מיט די פארדערשטע פיס. איך זעה בחוש, זיי נישטערן מיט די אויגען אין שליטען, זוכען מיט די ציטעריגע נעז, — נישטא עפעס גוטס? דער פויער, וואס האט אנגעהאנגען האבער פאר די פערד און זיך אויך גענומען צום עסען, ווארפט זיי שטיקלעך ברויט און שטיקלעך חזיר־פעטס. דאס ברויט ריהרען זיי נישט, דאס חזיר־פעטס שלינגט מען!

דאס געפעלט מיר נישט!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווערט א גרויסע ענדערונג.

שבת, פארהער איך מיך ביי ר' משה וואהל, ביים רב. פון איהם האב איך געמאלט אין די „פיער דורות" ר' זישען... א מזג טוב. מיך האט ער ליעב, און זאגט דעם טאטען:

— ער דארף אן אנדער מלמד.

— וואו נעמט מען?

— שיק איהם קיין שעברשין צו פנחס'לען... (פון ר' פנחס'לען — שפעטער).

— וואס וועט זאגען ריוועלע?

— ווייסט דו וואס, יודעל? פרואוו א זמן אין בית המדרש. זאל ער לערנען אליין.

בלייבט אזוי. עס איז טאקע ענדע זמן. איך זאג צו, אז איך וועל גוט זיין, פרום זיין, א מתמיד זיין. און ווער פריי! און כאפ מיך מיט געשמאק צו חקירה און קבלה־ספרים... און נאך מעהר לויף איך ארום... טו מעשים.

טויג נישט. בלייבט, מען מוז באקומען א רעכטען מלמד. דערוויילע זאל איך לערנען אין דער היים. און, כדי איך זאל נישט קענען ארומלויפען, נעמט מען מיר די שטיוועל צו אויף א גאנצע וואך. מיר מאכט נים אויס. לויף איך ארום אין די שטעק־שיך אין הויף. ווערט ענג, ווארף איך מיט פיס־באוועגונגען די שטעק־שיך אויפ'ן דאך ארויף, און כאפ מיך, דורך אונזער גאניק ארויף אויפ'ן דאך פון צווייטשטאקיגען הויז ארויף, אראפצונעמען זיי. דערזעה איך די שטאדט דאס ערשטע מאל פון דער הויך, מאכט עס אויף מיר קיין גרויסען רושם נישט. העכערע, דריי־שטאקיגע

הייזער, פארשטעלען זי... דערמאָן איך מיך, וואָס איך האָב גע־הערט, אז פון גאַניקעל, ארום זייגער־טורעם איבער'ן מאַגיסטראַט, זעהט מען נישט נאָר די גאַנצע שטאָדט, נאָר ארום און ארום שטאָדט אויף א מהלך! כאַפּט מיך אָן א גלוסטונג דאָס צו זעהען. קריך איך אראָפּ פון דאַך און געה ארום טעג און טראַכט, ווי אזוי גנב'ט מען אוועק די שטיוועל, און ווי אזוי באַקען איך מיך מיט'ן אַלטען זייגער־מאַכער, וואָס געהט יעדען טאָג ארויף, אָנציהען דעם זייגער, ער זאָל מיך מיטנעמען...

זאָגט מען: אביסעל געלאָסענער געוואָרען... שמייכעל איך אין מיר אריין און טראַכט ווייטער... דערווייל, שטעהענדיג אמאָל פּארטראַכט אויפ'ן גאַניקעל, הער איך, ווי דער טאַטע, ארויסקו־קענדיג פון טיר צום גאַניקעל, (מיך, שטאַרק פאַרנומען, זעהט ער נישט), רופט צו ד'ער צווייטער טיר, אין קיך אריין:

— מירעל, זייטשע מוחל, לויפט אראָפּ, נעמט א שליח און שיקט צו ישראל'ן קיין זשדאַנאָוו, ער זאָל תיכף ומיד קומען מיט די פערד...

מירעל ענטפערט: גוט, גוט! זי וועט זיך נאָר אָנטון, נאָר כאַפּען אויף זיך עפּעס... דאָס וועט דויערען! נעם איך, כאַפּ און לויף קיין זשדאַנאָוו. דאָס גאַניקעל פון זייגער ווערט דערווייל אָפּגע־לעגט. לויף אין די שטעקשיך. אין גאָס קוקט מען מיר נאָך, מען רופט: משוגע'נער! מען וויל מיך פארהאַלטען. איך דרעה מיך אויס, ווי א שלאַנג. כאַפּט מען מיך אומגעריכט, רייס איך מיך אויס, און לויף און קום... און פרעג (אזוי פיעל פויליש קאָן איך שוין) א פויער פון דאָרף, וואו ישראל'ס הייזעל איז? „טאָם“, און ווייזט מיר מיט'ן פינגער. איך מיין, איך ווייס, און לויף, און פאַל אריין צו'ן א שכן א דייטש, א רייכען קאָלאָניסט. און באַלד נאָך דער פורטקע פאַלט צו א הונט, גיט א שפּרונג צו דער ברוסט, לעגט מיר די פאָדערשטע לאַפּעס אויפ'ן אַקסעל, און קוקט מיט זיינע גרויסע, רויט־קלוגע אויגען אין מיינע אויגען אריין: ביסט אפשר א גנב! א געלערנטער הונט, און וואַרט, עמיץ זאָל ארויסקומען... וואָס איך פיהל, מאָלט אייך אליין. דעם הונט פאַר־שטעה איך וועניג. און א הונט איז ער א גרויסער, א ברוינער, א האַריגער... דער מוטערס מילך ווערט מיר אָנטרינען. און שרייען קען איך נישט, פאַרשנירט דער האַלז. א מערכה, מען האָט מיך.

נאָך אויפ'ן וועג, פון ישראל'ס פענסטערל דערזעהענ. תוך כדי דבור שפּרינגט איבערן פּלויט א מיידעל, כאַפּט אַן דעם הונט ביים אַקסעל, גיט איהם א שליידער אוועק און פיהרט מיך ארויס צו ישראל'ן...

זיין טאָכטער געווען...

א מיידעל, א יונגס — בלוט און מילך. אויגען קלאָרע, קלוגע און זיסע. א נעץ פון שוואַרץ־גלאַנציגע האָר. א שטיק פירוש צו שיר השירים... און אזא גבורה... וואָלט אויך געקאָנט קומען פון די לעמפּערט־בערג...

און אז עס מאַכט זיך שפּעטער א מעשה, אז איך פאַל שיעור נישט אין ברונען אריין, פאַרדריסט מיך, פאַרוואָס האָט מיך פאַר־האַלטען עפּעס אַן עלטערע אידענע און נישט זי...

זי חלומ'ט זיך מיר יעדע נאַכט... נאָך אַרויסגעהן קיין זשדאַ־נאָוו, זי זעהען, פעלט מיר אפילו נישט איין...

פאַר דאָס פעלט מיר איין גאָר צו באַווייזען א גבורה, און אנכאַפּען א געלען גרויסען הונט ביים עק... און ער גיט זיך א רוק אָפּ, א שפּרונג ארונטער, און א שפּרונג ארויף מיר אויפ'ן אַקסעל...

איך האָב ביז היינט א צייכען...

האָט זיך שוין איבערגעפּילט די מאָס, שיקט מען מיך קיין שעברשין, צו ר' פנחס'לען...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַט אזוי רייסט זיך אריין, ווענינסטענס האָט זיך אריינגערי־סען א שטיקעל נאַטור צו א אידיש אינגעל אין האַרץ אריין...

4.

זאמושץ — שעברשין — זאמושץ. — די לעצטע צוויי מלמדים. — חלומות.

— איהר, אלס קינסטלער, רעאַגירט נישט דירעקט אויף גע־גענוואַרטיגע פאַקטען... זיי מוזען פריהער ווערען פאַרגאַנגענהייט, ערינערונג. העכסטענס שפּיצט איהר צו אַן עפּילאָג צו לאַנג הינ־טער די קוליסען אַפּגעשפּילטע אַקטען...

די באמערקונג האט מיר אמאל געמאכט א צופעליגער רייזע־באקאנטער, און דערביי אזוינער, וואס האט, ווי עס האט זיך ארויסגעוויזען אין ווייטערען געשפרעך, געלעזען פון מיינע זאכען וועניג און אויך נאר אין דייטשער און רוסישער איבערזעצונג.

— איהר — האט ער צוגעגעבען מיט א שמייכעל — עסט פיליכט פרוכטען פון בוים אראפ, אונז גיט איהר זייער עקסטראקט. א דאנק, וואס מיט'ן פרישען גערוך.

וואר איז: אויף געגענווערטיגע פאקטען, זאגאר אין פריוואטען לעבען, רעאגיר איך שוואך אדער גארנישט. די פאקטען זענען דאס מעהרסט פאר מיר צו טריוויאל. די מאטיווען געמישטע, פארפלאנטערטע; די פארבען — גרעל, די טענער — צו שרייענדיג, די ליניען — גראב!

אין דער ערינערונג ווערט אלץ פארפיינערט און גערייניגט... אין לעבען בעט איך נאר: זאל דער וואל אריבער! פאר'ן אריבערגעהן, פארמאג איך פאר יעדען וואל א גרויסע דאזע מיסטישע רעזיגנאציאן און פילאסאפישע שטאנדהאפטיגקייט. צובראכען לאז איך מיך נישט. מיין אינערליכקייט היט איך אפ פאר יעדער מינדסטער אריינמישונג. עס רעגענט מיט אל־דאס בייז; אינערליך ווער איך נישט נאס... די אלע וואלען אבער, אפגעשוואומען אין לעבען און באנייט אין דער ערינערונג, באקום איך ליעב פון תהו ובהו, „פון אונטער דער באוואוסטזיניגער שוועל" קומען זיי ארויס רייז־גאלדען; פון זאמד גערייניגט און געוואשען...

ווער וועקט די ט ו י ט ע? וואס בלאזט אויף תחית המתים?

דאס מעהרסט ביי מיר — דער קאנטראסט. פון אלע אסאציאציאנס־פארמען איז ביי מיר די שטארקסטע די קאנטראסטען־פארם. דער קאנטראסטען־עלעוואטאר איז שטענדיג טעטיג. און דער „זאץ" — דער געגענווארטיגער, בלייבט אויך אמאל שטעהן. — ווערט מיר בולט זאץ און געגענזאץ צוזאמען — א וואג־שאל־בילד. זאל דער לעזער לעגען זיין סימפאטיש געוויכט רעכטס אדער לינקס...

געבוירען און ערצויגען אין זאמושץ, מוז איך, אום זאמושץ צו זעהען, פארטריבען ווערען דריי מיילען ווייט — קיין שעברשין.

ערשט אין דער הילצערנער שטאדט (די איינציגע מויער איז דאמאלט געווען דאס פריצישע איינקונפטס־הויז אין מיטען מארק—

אַז אייַנפאַהר־הויז, טראַקטיר און קלייטעז צוזאַמען); ערשט אין נידעריג־געבויטען, שינדעל־ און אויך שטרוי־געדעקטען שעברשין, פּלאַנצט זיך און שטעלט זיך אויף, פאַר מיינע פייכט־פאַרבענקטע אויגען, מיין געמויערטע, דריי שטאָקיגע, אייזען־ און דאַך־ציגעל־געדעקטע היים, וואָס ציהט זיך נישט אויס אין דער לענג, „ווי אַז אָפּגעשטאַנענער פיש", נאָר מוז, צווישען וואַלען געדרענגט, וואַקסען אַרויף, צו דער הויך.

איך האָב געמוזט באַקומען צו זעהען דאָס אומגעלומפּערט הילצערנע מיסגעבורט פון שטאָדט־זייגער אין שעברשין, — איך זאָל דערפיהלען די גאַנצע הויכע פּראַכט פון מיין היימישען זייגער־טורעם, וואָס קראַצט, ווי מיר האָט זיך דאַמאָלט געדאַכט, די וואָלקען! און געמוזט באַקומען צו זעהען דאָס שטיק „ברכי־נפשי" אַרום שעברשין, די „לבשו כרים הצאן" — דאָס גרינע טישטוך, באַפלעקט מיט'ן בהמה'שען געל און רויט, מיט'ן בריקעל צום וואַסער און צו דער, פון דער עלטער פאַרשוואַרצטער און פון מעהל פאַרווייסטער, וואַסערמיהל, — איך זאָל באַמערקען און קאָנען אָפּשאַצען דעם באַזונדערען חן פון אונזער „אונטער'ן פעסטונג". וואָס איך האָב איבערגעגעבען אין „משיח'ס צייטען"; פון קליינע פאַרשאָטענע שפּאַציר־פּלעצ צווישען וואַלען, אין דער באַהאַלטע־נער „אוציעצקא"*), וואו איך האָב געלאָזט שפּאַצירען דעם קאַצ־קער און בעלזער אין „שהשמחה במעונו..." ווי אויך די פייכטע לאַנקעס מיט פרעש־זומפּען, באַשיטע מיט „משוגע'נע גרייפּלעך" און קליינע היגעל פון שלאַנקע, געלב־גאָלדענע קעניגס־קערצען...

עס וועקט זיך דאָס ערשט נישט לאַנג פאַרבאַרגענע, און אין די „זעהענישען" פון דער היים, וואָס איך האָב ווירקליך מיט אייגענע אויגען געזעהען, מישט זיך אריין דאָס געהערטע, דאָס על־טערע זאַמושץ, פון וועלכען נאָר מיין אויער האָט פאַרנומען.

שוין אויפגעזעסען בין איך א פאַרחלומ'טער...

מען האָט מיך איבערגעגעבען א שעברשינער איד, וואָס האָט מבטיח געווען, אַז ער וועט מיך בשלום צושטעלען צו ר' פּנחס'־לען אין שטוב אַריין, — איך זעה איהם נישט; פאַרנעבעלטע

*) א וועג צום אַנטלויפען.

אויגען האָב איך. איך פיהל איהם נאָר מאָגער — אזוי פיעל פלאַץ האָט ער מיר איבערגעלאָזט אויפ'ן געזעס, שאַרף־ביייניג — אויב ביי א וואָגען־באַוועגונג אונזערע עלענבויגענס שטויסען זיך צו־זאַמען, און הויך, — זיין שטימע קומט אין מיין אויער אריין פון דער הויך. דאָס אויער מיינס איז אָפען: איך האָב נישט געזעהען. ווער עס איז אראָפּגעקומען פון דער היים צו דער פוהר, נאָר איך האָב געהערט, ווי דער איד האָט געזאָגט:

— זאָרג נישט (בלשון אתה — אַ היימישער איד!) ריווּעלע.

— עלי ועל צוארי.

און זיך צום פוהרמאַן ווענדענדיג:

— וויאָ!

די פוהר ריהרט. קולות: פאָר לחיים ולשלום! געמישטע, יונגע און אַלטע. דער טאַטע:

— און זיי אַ מענש...

קלאַפּט דער וואָגען איבער'ן ברוק פון גאַס, פאַלט אריין אין שאָטען פון קלויסטער, נעמט זיך לינקס, אריין אין טונקעלקייט פון דער שעברשינער בראַם; ארויס אויף דער ליכטיגער שיין, ווערט באַלד שטילער; שוין שאָסיי.

הייסט עס: איך פאָהר. קיין שעברשין. לערנען ביי ר' פּנחס'לען! ווער ר' פּנחס'ל איז און וואָס ער איז, ווייס איך נישט. אפשר האָט מען מיר אויסגעזוכט א תלין? איך דערפיהל א ביטער־קייט אויף דער צונג. און אינוועניג הער איך אַ שטימע:

— שאַדט נישט!

שעברשין איז מיר נ י ש ט פרעמד... די שעברשינער אידען רופט מען לגנאי: שעברשינער „פלאָכטעס“. פאַרוואָס, ווייס איך נישט, ווי איך ווייס נישט, פאַרוואָס מען רופט די ניי־שטעטער: „לעשניקעס“ און אונז — „זאַמושצער פּרעסער“; נישט אַלע זענען דאָך מוהמע־פריידעלס, וואָס באַקט שטענדיג קעז־קוכען... ביי אונז אין דער היים עסט מען אַלע טאָג קאַשע מיט יויך...

פון שעברשין האָב איך אפילו פיעל געהערט. זאַמושץ האָט באַשטענדיג מגע ומשא מיט שעברשין. פאַרענגט, ווי געזאָגט, צווישען וועלען, אלס געוועזענע פעסטונג, וואָס לאָזט זיך נישט צושפּרייטען, האָט זאַמושץ נאָך היינט איהר פּאָסט־אַמט אויף דער ניי־שטאָדט, און דאַמאַלט — דעם אַלטען סאָנד (סוּד, געריכט)

אין שעברשין. דארט זיצט דער אסעסאר, וואס פסק'עט אי דיני ממונות אי דיני נפשות און האט צו שאפען איבער טויט און לע־בען. פון זאמושץ פיהרט מען צו איהם אין קייטען גנבים... פון טאמאשאוו, וואס ביי דער גרענעץ, אפטרעטענדיג אין זאמאשץ ביים פאוויאט, וואו מען מאכט נאך אמאל א פראטאקאל — קאנט־ראבאנד, ארומגערינגעלט מיט א וואך פון גרענעץ־זעלנער אין גרי־נע לאמפאסען... פון הויף פון פאוויאט האט איינמאל דוד'ל גנב, אביגדור מלמד'ס פארלאזטער יתום, אראפגע'גנב'עט פון דער פוהר, אין דער וואכ'ס אויג, א פעקעלע זיידענצייג, און באפרייט א איד, א מאן פון א ווייב און א פאטער פון אכט קינדער, פון תפיסה. דאמאלט האט איהם די שטאדט אלץ מוחל געווען; געגלעט איבער'ן היטעל, געקניפען, פאר דער קונץ־שטיק, אין בעקעל. און נישט איינער האט געזאגט:

— קום צו מיר אריין נאך א העמד.

אין ציוויל־זאכען פאהרען צו די „ערכאות" בעלי־דינים, וואס די בוררים האבען נישט אויסגעגלייכט, דער רב נישט געקאנט פסק'ענען, מענשען איינגעשפארטע, נצחונ'דיגע, — נישט קיין לייטישע מענשען...

קיין שעברשין פאהרט אפט מיין חבר יצחק'לס פאטער פ. ג.

פ. ג. איז א שם דבר. א מושלם („אי־אי, נאך וואס פאר א מושלם, כמעט א מלומד!") און אז אפקורס, אויף וואס די וועלט שטעהט; זיין חלק לעולם הבא וואלט מען נישט געקויפט פאר א דרייער! און ער האט עס בירושה, זיין פאטער איז שוין אויך געווען פון די לייט... א מדקדק, א בעל קורא אין דער וועלט, א חבר פון צעדערבוים, אייכענבוים און אנדערע אמאליגע משכילים...

דאס האט ער עס מיר און מיין חבר יצחק'ל, זיין אייניקעל, פ. ג.'ס זוהן, געבראכט צום „מורה נבוכים". מיר האבען גלאט געגנישטערט אין די שענק. אראפגעכאפט גראד דעם מורה נבוכים. ער איז גראד דערביי געווען, —

— נישט פאר אייך, קונדייסים, נישט פאר אייערע קעפ!

דאס איז געגוג געווען, מיר זאלען שוין דעם ספר נישט ארויסלאזען פון די הענט און דערנאך האלטען פאר איהם עק־זאמען...

זיין זוהן פ. ג. שטייגט איהם איבער.

גאנצע מעשיות דערצעהלט מען פון איהם, די אויערען ווערען פול.

זענען די מעשיות וועגען פ. ג. וואר? מען דערצעהלט אזוי פיעל נישט אמת... און איך קען פרעגען מיין חבר יצחק'ל, היינט ארצט אין זאמושץ, און ער וואלט מיר באלד געענטפערט דעם אמת. איך וויל עס נישט טון. ווייל...

ווייל די פאבעל איז שטענדיג ווארהאפטיגער פאר'ן ווירקליך געשעהענעם; די פאלקס־דיכטונג — פאר'ן אמת'ן פאקט... דער מענש פארבויגט זיין ווילען, פארשטעלט זיין אמת פנים און טוט, וואס עס פאסט. דער עולם האט א נאז, דערשפירט דעם תוך און דעם עצם־ענין פון מענש, און דערצעהלט פון איהם דאס, וואס ער וואלט געטאן, ווען ער וואלט געוועזן זיך אליין געטריי; דאס געשעהענע, וואס וואלט, ווען נישט צופעליגע שטערונגען, פון איהם ארויסגעשטראלט...

„אחרי מות קדושים" קומט אויך דערפון. די צופעליגקייטען, די קליינע אבעראציאנען, די „מעשים צוליעב פרנסה", צוליעב כעס, א רגע נצחון — פאלען אפ, פארזינקען אין פארגעסענקייט, און עס קומט ארויס א נשמה, כמעט א נאקעטע... און מען באקליידט זי אויפ'ס ניי, אין איהרע פאסיגע קליידער, און עס קומען ארויס גאנצע מענשען; גאנצע, שטארקע, נישט וואקעלדיגע שאטען, ווי ביים לעבען...

דאס איז אויך דער צויבער און די ווארהייט אין פאלקס־טימליכע דערצעהלונגען... ווי איבערהויפט דער צויבער און די ווארהאפטיגקייט פון דער „קונסט..."

לאמיר צוריקגעהן צו פ. ג.

פ. ג. איז, ווי געזאגט, אן אפקורס: שפייט נישט אויס ביי „עלינו", היפט איבער די מלאכים פון שופר־בלאזען, בלייבט שטעהן ביי „כורעים". און איהר ווייסט, וואס ער טוט אין דערהיים? דאווענט שחרית, אין טלית ותפלין, זאגט שמנה עשרה, און זיך איילענדיג צו פאהרען קיין שעברשין, פוצט ער זיך אין אייך־וועגס מיט בארשט און שוה־וואקס די שטיוועל... אויפ'ן טיש שטעהט שוין ברויט מיט פוטער מיט קאווע, און אז דאס מעסער איז שטומפיג, שארפט ער עס אן אז דער רצועה... כפרות שלאגט

ער נישט. הרשענות — מנהג נביאים — אויך נישט. און קען דוקא „פסוק“; גאנץ תנ״ך אויסענווייניג.

און — אן אייזערנער מח... און א מלומד פון זיך אליין. האט איינמאל צופעליג געקויפט אין מארק, ביי א שכור'ן גוי, פאר א צענערל א פוילישען קאדעקס, און האט זיך אויסגעלערנט „פראווע“ מיט פויליש צוזאמען! אזוי אויך — געפונען, ערגעץ אויף א בוידעם, א פראנצויזישע מאטעמאטיק, (נאך פון נאפאלעאנ'ס צייטען, זינט מען טראגט די רויטע פולארענע נאז־טיכלעך און מען זאגט „ענגל“ און „מאלער“), און אויסשטודירט פראנצויזיש מיט חשבון און מדירה צוזאמען; דער פון ווארשוי געקומענער לעהרער לאכט אפילו אין די פויסטען. באשר בכן — דאס פראנצויזישע לשון האט „קרי וכתיב“, נישט ווי עס שרייבט און דרוקט זיך, רעדט מען, און פ. ג. לייענט דברים כהויתן... לאכט מען אוים'ן לעהרער. ער קען פלאפלען פראנצויזיש מיט'ן אפאטייקערס ווייב; און דער קען טאקע מדידה!

איהר שפילט אייך מיט פ. ג.?!

חשבון קומט איהם ווייניג צונוץ. אט, אז עס מאכט זיך א שווערע משנה אין זרעים, אז אפילו מיכל שמש (שוין דערמאנט) הויבט אן „שטאמלען מיט דער צונג און פינטלען מיט די אויגען“, לויפט מען אהיים צו פ. ג. (אין איין וועגס, זיך צוצוקוקען צו זיין התנהגות), און מען הערט שוין קלארע דבורים...

איינמאל איז מען צוריק געקומען און דערצעהלט, ווי אזוי פ. ג. האט זיך ארויסגענומען א שלעכטען צאן. נ י ש ט גענאנגען צום רופא. פ. ג. האט פיינט ארויסצווארפען געלט! גענומען א גרויסען נאגעל, ארייגעשלאגען כמעט ביז'ן קעפעל אין גרויסען טיש אריין. גענומען דערנאך א קורץ שטריקעל, איין עק פארקניפט ביים נאגעלס קאפ. גענומען א האמער און נאך א זעץ אין קאפ אריין. ער איז אריין אין בלאט פון טיש. דערנאך ארומגעבונדען מיט'ן צווייטען עק פון שטריקעל דעם שלעכטען צאן... שטעהט ער אזוי א ווײַלע איינגעבויגען איבער'ן טיש, גיט פלוצלונג א ווארף אהינטער דעם קאפ. דער טיש — א שפרונג אונטער, דער צאן — א שפרונג ארוים.

„אפילו זיך נישט אויסגעוואשען דאס מויל און גענומען די משנה, און געזאגט...“

דער עיקר קומט איהם חשבון צונויף צום פלינקען לפ"קען מאכען. א שוואכקייט האט ער צו לפ"קען. גאנצע בריעף שרייבט ער מיט לפ'קען, שטעגריף; „וואס א שורה — א לפ"ק!"

און זאגען זאגט ער, אז ווען ער דארף שרייבען אזא בריף, לעגט ער זיך שלאפען, כאפען כאפט ער זיך אויף שוין מיט גריי־טע לפ"קען; „דער קאפ ארבייט ביי איהם אין שלאף!"

איינמאל איז ער אפילו ארויסגעטראטען מיט זיין חכמת החשבון והמדידה פאר דער וועלט; אינ'ם ויכוח צווישען גבריאל יהודה ליכטענפעלד און סלאנימסקי, מיט אן אפענעם בריף פון ליכטענפעלד'ם צד...

יורי האט איהם בעסער געדינט, געגעבען פרנסה, נישט די גאנצע; דאס ווייב האט עפעס א געוועלב. אבער ער פיהרט גאנץ אפט פראצעסען, שרייבט „פראשבעס", פאהרט צום אסעסאר קיין שעברשין. אין דעם פאך איז ער א גרויסער בעל נצחון, טרעט נישט אפ. דער אמת מוז ארויס ווי בוימעל אויפ'ן וואסער. קיין פאלשען פראצעס וועט ער נישט אננעמען; די עהרליכקייט אליין. האט ער, דערצעהלט מען, געפיהרט צוועלף יאהר נאכאנאנד א פּראָ־צעס וועגען א פונט פוטער. די פראצעס־קאסטען האבען דער־גרייכט ביז זעקס הונדערט, זאג ארויס: זעקס הונדערט גילדען: „אזוי פיעל, וויפיעל עס האט געקאסט דאס הינטעל, וואס דער (רייד־געווארענער) פעלדשער האט געקויפט ביים סמאטריטעלס פלונית'טע..." וועלכער צד האט געזאלט די קאסטען באצאהלען, ווייס איך נישט...

סיי ווי סיי דערצעהלט מיין חבר יצחק'ל גאנץ אפט:

— מיין טאטע איז געפאהרען —

און עפטער:

— מיין טאטע איז געגאנגען קיין שעברשין...

פ. ג. פיהרט זיך פראסט, נאטור־מעסיג.

„א איד — זאגט ער — דארף זיין געזונט, ווי א פויער".

און איהם — זאגט דער עולם — איז זעהר לייכט צו זיין געזונט: „כאפט זיך אויף ביינאכט, און כאפט אריין א מאן־קיכעל" (און מיינט: א גאנצע חלה) און — אומגעוואשען! (ער האלט נאר פון מים אחרונים — חובה). געהט דער איד דריי מייל קיין שעברשין צו פוס...

— סטייטש, ר' פ., אין אייערע יאָהרען — דריי מייל...

— איך געה צו פוס נאָר א וויאָרסט...

— און דערנאָך?

— דערנאָך — נאָך א וויאָרסט און נאָך א וויאָרסט... און אזוי, ביז איך קום קיין שעברשין.

און געהן געהט ער ווי אבא חלקיה אויפ'ן וועג — באָרוועס, מיט די שטיוועל אויף א שטעקען איבער די אַקסעל. דער שאָסעע האט שאַרפע שטיינדלעך. א פוס היילט זיך אליין אויס, א שטי־וועל מוז מען שיקען צום שוסטער! און שפּרייזט! מאַרשירט, ווי א זעלנער אין פראָנט, און קאָמאַנדירט זיך אליין:

— ראַז־דוואַ, ראַז־דוואַ, ראַז־דוואַ! „מפני — זאָגט מען, אין זיין נאָמען: שהקול יפה להליכה... „אומות העולם האָבען שכל“.

ווייס איך, אז איך פאָהר אויך פ. ג.'ס וועג.

און קוים אזא טראַכט געטאָן, דערזעה איך איהם! ווער איך אינערליך פאַרגאַפט, ווי שאַרף און בולט איך זעה איהם! אָט געהט ער... גלייך מיט דער פוהר. עפּעס טראַכט ער, געוויס מאַכט ער לפ"קען, אָדער חשבונ'ט אזוי... די ברעמען — די לאַנגע, די געלע און שטעכעדיגע — איבער די אויגען אראָפּ. איך האָב קיינ־מאָל זיינע אויגען נישט געזעהען, און ווייס נישט, וואָס פאַר א קאָליר זיי האָבען געהאַט... נישט באַהאַלטען האָט ער זיי, אָז אַפענער מענש געווען, — אַן אָפענער, גערעכטער און פעס־טער מענש! — נאָר אזוינע לאַנגע, געלע, שפּיציגע ברעמען גע־האַט, וואָס האָבען נאָך לענגערע שאָטען געוואָרפען.

מיט יאָהרען שפּעטער, אז איך בין אויף זיין לויה געווען, ער ליגט אם ראַנד פון קבר, און מיך כאַפּט פּלוצלונג אָן א ווילדער פאַרלאַנג, צו זעהן זיינע אויגען. „אם לא עכשיו אימתי?“ — די לעצטע רגע, דער קברן שפּרינגט שוין אין אָפענעם קבר אריין — איך מוז איהם אָפּדעקען. שטאַרט ארויס פון דער ווייסער סויווע א שטיק זילבערנע באָרד און לאָזט מיך נישט... איך וויל א ריהר טון מיט דער האַנט, א זילבערהאָר גיט א ציטער...

דערווייל געהט ער, מאַרשירט ער... א קורץ, פעסט אידעל, די פּאָלעס פאַרקאַשערט. די הענט, רעכטס, לינקס, רעגעלמעסיג געוואָרפען, נאָר קאָמאַנדירען קאָמאַנדירט ער זיך נישט.

טו איך עס פאַר איהם, הויב אָן:

— ראַז־דוואַ, ראַז־דוואַ!

פֿײַן הויכע שכנ׳ס קול:

— פּע!

„אַ אינגעל פֿאָהרט צו ר׳ פּנחס׳לען, תורה לערנען... זוייסט, קונדאס איינער, ווער און וואָס אַזוינס ר׳ פּנחס׳ל איז? ר׳ פּנחס׳ל איז אַן אַלטער קאַצקער..."

„אַן אַלטער קאַצקער" אינטערעסירט מיך. איך פֿאַרשוויַיג. פּ. ג. פֿאַרשווינדט. איך וויל הערען; אַ מאָדנע פֿאָלק — די אַלטע קאַצקער... מען קען — און מען לערנט נישט. דבקות — און מען דאַוועגט נישט... דער לאַנגער איד אָבער האָט נישט וואָס צו ער קען נישט דערצעהלען... עס פֿאַלען איינצעלנע, טרוקענע ווערטער מיט אַ הייזעריגען צו־פּייף: פּיש, פּיש! „ר׳ פּנחס׳ל, פּיש, פּיש! אַ קאַצקער פּיש־פּיש..." און איך ווער האַלב פֿאַרדרימעלט. און אויפֿ׳ן אָרט פֿון פּ. ג. געהט שוין איבער׳ן וועג „ר׳ לייבוש צימעלעס". דער לאַנגער, קליינבערדיגער, בלאַסער איד, מיט די אויסגעלאָשענע אויגען, מיט דער באַשטענדיגער ליולקע־ציבוק צווי־שען די פֿאַרגעלטע ליפּען... דער שווייגענדיגער, פֿאַר׳יתום׳טער, אַל־טער קאַצקער, וואָס געהט שטענדיג אויף און אָפּ איבער׳ן בית־המדרש, פֿון ארון־קודש ביז׳ן פֿענסטערעל צו דער שמש׳טע, מיט׳ן בימערען טראָפּען און אייערקיכלעך צום פֿאַרבייסען (זעה „הציץ ונפגע"), און — צוריק... מאַנכמאָל שטעלט ער זיך אָפּ ביים פֿענסטערל, פּויקט אָן מיט אַ פֿינגער, שטיל, פֿויל און פֿאַרבענקט, באַקומט אַ קעלעשיקעל מיט אַ קיכעל... טרינקט אויס, פֿאַרבייסט אַ פּיצעל קיכעל... און ווידער — אויף און אָפּ... און קיינער פֿאַר־האַלט איהם נישט. דער גרעסטער קונדאס טרעט איהם אָפּ פֿון וועג. מען ווייסט, ער איז דער יתום פֿון זיין דור, ער האָט מיט אונז נישט וואָס צו טון, האָט אונז גאָרנישט צו פֿרעגען, גאָרנישט צו דערצעה־לען... פֿאַראַן נאָך איינער אַ קאַצקער, אין זיינע יאָהרען, נאָר יע־נער איז אַן עושר, האַלט אַ מאָס׳ע שענק... (ר׳ „בערעל" פֿון די „רייזע בילדער") נישט זיינס גלייכען...

און אַט געהט ער איבער׳ן שאָסיי. וואוהין? מן־הסתם קיין קאָצק... אויף קבר אבות... איבער׳ן וועג קיין שעברשין? בלאָנדזשעט ער... איך וויל רופֿען צו איהם, און קען דאָס קול נישט אַרויס־

ברענגען פון האלז... איך ליג שוין מיט קאפ און אקסעל אויפ'ן געזעס...

...אן איינפאל! גע'חלומ'ט, איך פאהר קיין שעברשין! וואס איז, פארשיקט האט מען מיך? דער טאטע האט מיך געלאזט? די מאמע — פיינט געקריגען?! איך בין אין דער היים! אויף דער סאפע ליג איך, ביים פענסטער. זעה, ווי דער עולם געהט איבער דער גאס אין מרחץ. דער „תם" מיט'ן בעזעמעל, די „בהמה!..." באלד נאך שבת, וועל'מיר איהם אונטערשיקען נאך א כתב־רבנות פון ערגעץ א שטעדטעל, וועט ער לויפען אהיים צום וייב מיט א בשורה, און בעטען רשות, צו פאהרען...

אבער פאר וואס ליג איך? מן הסתם — קראנק. יא, די פליי־צעס ברעכען מיר אזוי. עס מוז אבער נישט זיין געפעהרליך. דער טאטע איז רוהיג אוועקגעגאנגען צו קבלת שבת, און די מאמע נעמט זיך צו בענשען ליכט. א שעהנע צוויי פאר זילבער לייכ־טער מיר האבען! דער עיקר די הויכע פאר, די מיט די רייזעלעך און קריינדאלעך... די מאמע בענשט ליכט ערנסט, אוי, ווי פרום מיין מאמע איז! און דאך בין איך זיכער, אז זי קוקט אויף מיר פון צווישען די פינגער... אזוי, גלייך, קוקט זי אויף קיינעם נישט... קוקט און שמייכעלט אודאי... אט, שטעהט זי שוין ביים צווייטען פענסטער... ליכט אפגעבענשט און קוקט אויס דעם טאטען. לכבוד שבת: אין שטוב אין דער טערקישער שאל; די לאנגע אוירינגלעך ציטערען איהר אין די אויערען. וויל אפווישען די פארהויכטע שויב, דערמאנט זיך: שבת, און טוט עס נישט. אין גאס איז פינסטער, און דעם טאטען וועט זי דערקענען אינ'ם גאנג... אז זי דערזעהט איהם, רויטעלט זי זיך שטיל, שטיל און ווענדט אפ, זעצט זיך אין א ווינקעל, מיט א האלב פנים צו דער וואנט... פארוואס קומט נאך דער טאטע נישט? שטיקער ליכט שוין אפגעברענט... פאר־רעדט זיך אודאי... קלייבט זיך אן אורח צום טיש... און אט — עס עפענט זיך די טיר...

— גוט שבת, גוט שבת! דער טאטע — פרעהליך, נאך איהם דער אורח — עפעס גרילעכציג און גרעבליך. די מאמע ענטפערט שטיל: „גוט שבת, גוט יאהר", און געהט איבער דער שטוב און שטעלט זיך מיר צוקאפענס. איך ענטפער נישט, מיר האט דער טאטע קיין „גוט שבת" נישט געזאגט, ער האט מיך נישט געזעהען!

זאָל ער זיך דערמאָנען און פרעגען, וואו ליבוש איז. ער פרעגט נישט, מאַכט קידוש, קוקט אויף מיר, און רעדט נישט א וואָרט. איך בין קראַנק, און ער מיינט, איך שלאָף. קוקט מיט גרויס באַרמהאַרציגקייט. ער וואָלט געקרעכצט, נאָר שבת... עס מוז מיר זיין ערגער. דעריבער שטעהט מיר די מאַמע צוקאָפּענס. פאַר־וואָס לעגט זי מיר נישט די האַנט אויפ'ן שטערען? זי וועט עס טון, זי מוז עס טון. אגיט, וועל איך מיך צואַוויינען! — דער־ווייל וואַשט מען זיך; דער טאַטע, דערנאָך דער אורח. נעמט ער, דער אורח, אונזער גרויסע, שווערע, צוויי־אויערענדיגע פולע קו־פּערנע קוואָרט אין איין האַנט אריין, גיט מיט אַמאָל אַ גאָס אויף דער צווייטער, — שעפּט אָן פון פּעסעל, טוישט די הענט — ווי־דער מיט אַמאָל אַ פולע קוואָרט וואַסער. און אזוי דריי מאָל... ביי אונז טראָגט וואַסער דאָס קראַנקע קליינע אייזיקעל, וואָס איז מפרנס מיט וואַסער־טראָגען אַ ווייב מיט אַכט קינדער, און נעמען נעמט מען ביי אונז נישט פון דער קאָן, נאָר פאַר דער וואָך; דאָס פּעסעל טאָר נישט זיין לעדיג... מאַכט די מאַמע, וואָס שטעהט מיר צוקאָפּענס, שטיל צו זיך, נאָר איך הער:

— פרום אויף אייזיקעלס חשבון!

דעם טאַטענס „אַ וועלט זעצט מען נישט איין", און דער מאַמעס: „פרום אויף אייזיקעלס חשבון" — די צוויי זאַמען, די צוויי קערנדלעך, וואָס מען האָט מיר, אין דער יונגער נשמה אריינ־געוואָרפען, זענען קיינמאָל נישט פאַרלוירען געגאַנגען. שטענדיג, שטיל און באַהאַלטען, געשפּראָצט און אין אַלע מיינע זאַכען אויס־געשפּראָצט...

דערווייל אָבער עסט מען אָהן מיר.

בין איך ווירקליך אזוי קראַנק?...

אָבער, איך פאָהר נישט קיין שעברשין! קראַנקערהייט אוודאי נישט! ווי די פּלייצעס ברעכען, אָבער צו וואָס שעברשין? קיין שעברשין פאָהרט ר' זלמן דער שענקער. צום בריי־הויז, הייוועז באַשטעלען... דינגט ער ביי ישראל זשדאַנאָוועך די פוהר. איז דאָך אָבער „רע־פּוילין" — מוז מען דאָך פאָהרען אָדער מיט דער פּאָסט אָדער מיט א י י ג ע נ ע פערד, אָדער אַפּצאַהלען שטייער צעהלענדיג — שיקט ער אין מאַגיסטראַט אריין, אויף דער ניי־פּאַר נישט נוצען די פּאָסט... יאָ, „רע־פּוילין" — זיפצט ער, דער־

שטאָדט אַרוים, און לאָזט זיך ברענגען אַ צייגעניש, אַז עס זענען זיינע אייגענע פערד. אָבער „רע־פּוילין", דער שומר וועט צו־לעגען נאָך און אויגען צום חותם מיט דער חתימה און פּראָוועז. און אפשר נאָך אַ פרעג טון: אפשר געפעלשט? און ר' זלמן שענ־קער וועט דער מוטערם מילך אנטרינען, — שיקט ער דעם אייגע־נעם שליח נאָך אַמאָל אויף דער ניי־שטאָדט און קויפט אוים אַן ערלויבעניש צו פאָהרען אויף אַ געדונגענער פוהר... און איז זיך מישב: „רע־פּוילין", און שיקט צום דריטען מאָל אויף דער ניי־שטאָדט אַרוים און לאָזט זיך ברענגען די פּאָסט...

דאָס פאָהרט ער קיין שעברשין...

מען טראָמפּייטערט — טראַ־טראַ־טראַ...

און, אינמיטען טראָמפּייטערען:

— טפּרו־ו־ו! — — — —

אַנגעקומען...

דער לאַנגער איך כאַפּט זיין פּעקעל און ווערט נעלם אין דער פאַרשאָטענטער הילצערנער פּאַדציענע,*) צווישען קליימען, שטעלען און שרייענדיגע ווייבער... ר' פּנחס'ל, האָט זיך אויסגע־וויזען, איז נישט אין דער היים... געקומען פון דאָרף אַ זויגענדיגע טאָכטער, וואָס איז קראַנק געוואָרען אויף דער ברוסט, צו אַ דאָק־טאָר און פאַרנומען זיין אָלקער... איז ער אויף די פּאָר טעג אוועק צום איידעם אין דאָרף אריין: קאַצקער האָבען פיינט עצבות, מחלות, געקרעכצערייען...

מיך מיט'ן קעסטעל נעמט אַראָפּ די רביצין. אַ שוואַרצע, האַריגע, הויך־געוואַקסענע אידענע...

אַ מאמר המוסגר: מחויב צו גלויבען זענט איהר מיר נישט. איך מאָל נישט קיין מענשען, נאָר זייער אָפּבילדונג אין מיר, און די אָפּבילדונגען זענען זעלטען ענליך צום מענש; איך מיין: צום אויסערליכען פון מענש. עס בלייבט ביי מיר אַ שוואַרצע פאָ־טאָגראַפיע פון אַ בלאָנדען מענש, וואָס האָט מיר ארויסגעזאָגט אַ

---

*) פּאַד־טשיעין — פּויליש — אונטער'ן שאָטען.

שוואַרצע געדאַנקען. און דוקא א העלע און גאָלדענע — פון א שוואַרצער, וואָס האָט מיר א שטראָל אין האַרץ אַריינגעוואָרפן. פון נאָך א שוואַרצערן אויג... די זעלישע ליניען און פאַרבען פאַר־דעקען פאַר מיר די אויסערליכע ליניען און פאַרבען פון קערפּער... די רביצען האָט געקענט גאַנץ אנדערש אויסזעהן...

נאָר, ווי זי האָט נישט אויסגעזעהן, זי נעמט מיך אַראָפּ, מיך מיט'ן קעסטעל, רייסט אונז ביידע קוים אַרויס פון צווישען א קרענצעל ווייבער, וואָס האָט זיך שוין אַרום אונז פאַרזאַמעלט... פון די ווייבער פליהען צו מיר ווערטער:

— ר' יודעלעס... ריוועלעס... זוהן... עלטסטער זוהן... אהער געשיקט... מן־הסתם — סחורה! צו ר' פנחס'לען — ער וועט איהם שוין מאַכען פאַר א לייט... א שאלה... א יונג בוימעל...

— אבער, וואָס פאַר אן אויגאַנעם! זעהט! זעהט! —

לאָז איך די אויגען אַראָפּ. און די רביצען פיהרט... און זי פיהרט מיך אריין אין א פאַרשאָטענטער שטוב, — נאָר א טיר מיט א פענסטער אויף דער טונקעלער פאַדציענע אַרויס... אין שטוב, קוים איך דערזעה — קוימען־אויוועז, א טיש און א לאַנגע באַנק, א פּאָר בענקלעך... ביי די ווענט — זעק... גרויע, וויינענדיגע ווענט (פונקט מיין היים, מיין אויסגעמאָלטע, ליכטיגע...) זעק מיט קאַר־טאָפעל, פון איינעם אביסעל אויסגעשיט... הויפען ציבעלעס, מע־רען... זי ציהט מיך ווייטער, אין א נאָך פינסטערער שטוב אַריין, וואָס ציהט איהר ליכטיגע חיונה דורך אן אָפענער טיר אין ערש־טען צימער אַריין, און האָט נאָך א פאַרמאַכטע טיר צום אַלקער...

— ר' פנחס'ל'ס אַלקער, ציגד פאַרנומען... מיין טאַטער, נע־בעך... מיט גאָט זיין הילף... געזונט אָפּפאָהרען די טעג. ר' פנחס'ל וועט קומען... אין אַלקער וועסטו לערנען מיט איהם תורה...

דאָס קול איז אויך שוואַרצליך און האַריג, און פאַרגעסט נישט צוצוגעבען:

— ליכט, אינגעלע, וועסטו קויפען...

און גיט עפּעס א וויסטען שמייכעל אין דער פינסטער:

— נישט אמת, אינגעלע, די מאַמע האָט דאָך דיר מיטגע־געבען קליין־געלט...

און דרינגענדיג:

— יאָ?

— יאָ, יאָ! זאָגען אָבער קען איך נישט, קלינג איך מיט דער האַנט אין קעשענע.

— אַסך, אַסך... נו, אינגעלע, דערווייל זעץ דיך... ביסט דאָך מיד פון וועג. אַט דאָ, אינגעלע! דאָס בענקעל שאַקעלט זיך נישט...

זי זעצט מיך.

— און דאָ, זעהסטו ביי דער וואַנט, צווישען דער שאַנק און דעם פעסעל וואַסער (פון אַלקער הערט זיך קרעכצען. זי: באַלד, באַלד, טאַכטערשי, איך לויף שוין אַקעגען דעם דאָקטאָר! —) דאָ וועט זיין דיין געלעגער. איך וועל דיר פיין אויסבעטען. און דערווייל (אַ קרעכץ און — באַלד, באַלד, אותו הרגע... ס'אינגעל איז דאָך הונגעריג!) אַט זעהסט, אַ שיסעלע ציבעלקעס, ערשט געמאַכט; געוואוסט, דו קומסט. און רעטעך אַביסעלע, שוויצט פון זאַלץ... עס, עס... איך לויף נאָר אַקעגען דעם דאָקטאָר, ברענג איך דיר נאָך אַ גלאָז מילך... אַט אַן אייער־קיכעל. זאָלסט דיך נישט דאַרפען וואַשען.

זי פאַרשווינדט. דער הונגער טוט זיינס, איך וויל אויך „פאַר־רעסען" דאָס קרעכצען פון אַלקער... איך עס, און די טרערען (פאַר־וואָס?) רינען מיר פון די אויגען איבער די באַקען אין שיסעלע אריין... אָבער — פאַרוואָס האָט מען עס מיך פאַרטריבען פון דער היים? וואָס האָב איך אַזוינס געזינדיגט? — איך וויל נאָכקלער־רען, דערמאָנען זיך, פאַרטראַכט זיך און קען זיך נישט דערמאָנען. פאַרטראַכטערהייט, אויפגעגעסען דאָס גאַנצע שיסעלע, עס וועקט מיך אַ שרעקליכער דורשט. געוואוינט שוין אַביסעל צו דער פינס־טערקייט, דערזעה איך אויפ'ן טיש אַ גלאָז מילך. מיין איך, די רביצין איז שוין געווען, געבראַכט, און איך האָב נישט געהערט. כאַפּ איך, טרינק אויס, — און, דאָס גלאָז נאָך אין דער האַנט, — די רביצען, מיט אַ גלאָז מילך!

— אַ בראָך איז צו מיר! אַ קלאָג איז צו מיר!

צוויי גלעזער פאַלען; פון מיין האַנט און איהר האַנט. צוויי קלונג און געפּלאַצעריי. אַ טויט־שרעק־געשריי פון אַלקער...

עס ווייזט זיך אויס, אז איך האָב אויסגעטרונקען דאָס גלאָז מילך, וואָס מען האָט אָפּגעצאַפּט פון דער קראַנקער ברוסט, צו ווייזען דעם דאָקטאָר.

די רביצען, ענדליך, זאָגט:

— אז מען זאָגט משוגע, גלויב!

ווייסט שוין שעברשין אויך פון מיין משוגעת, פון מיין פּאר־חלום'טקייט, טוען אלץ קאַפּויר. און ווער עס וויל, נעמט אין בית־המדרש א שטיקעל קרייד, מאַכט אויפ'ן טיש א ראָד, אין מיט'ן ראָד — א פּינטעלע. ארום ראָד שרייבט מען אויף אלע מעלות טובות, וואָס א מענש קאָן האָבען: א גוטער קאָפּ, א גוט האַרץ, א גוט אויג... און אין מיטען, ביים קליינעם פּינטעלע — „משוגע..."

„אביסעל משוגע וואָלט נישט געשאַדט, נאָר, אז דאָס משוגעת איז אין דער מיט, און אלע מעלות ארום, — איז אלץ משוגע..."

דערווייל איז דאָס ווייבעל געזונט געוואָרען, אָפּגעפאָהרען געזונטערהייט. ר' פּנחס'ל — געקומען, דעם אַלקער פּאַרנומען...

ליכט, צו באַלייכטען דעם אַלקער, נעמט מען ביי מיר; נישט ער, די רביצען... יעדעס מאָל זאָגט זי: „ר' פּנחס'ל זאָל וויסען, וואָלט ער מיר די קאָפּ אָפּגעריסען..." איך באַמערק, אז עס איז „צום גראָם", און בין איהר מוחל... אָבער לערנען אין אַלקער לערן איך זעהר זעלטען. ביי טאָג איז ר' פּנחס'ל דאָס מיינסט פאַרנומען מיט בוררות'ן... פאַהרט אמאָל אויף א טאָג אין א בוררות ערגעץ אין א דאָרף, צי אין א נאָהנט שטעדטעל אריין. ביינאַכט האָט ער אין אַלקער התבודדות, טרעט אויף און אָפּ, אָדער זיצט און שרייבט „חדושי תורה..." א מחבר — ר' פּנחס'ל! אמאָל, זאָגט מען, וועט די וועלט א גרויס ליכט דערזעהען, א גרויס ליכט מק"ק שעברשין... דאָס ליכט האָט מען נישט געזעהען... ר' פּנחס'ל איז געקומען אין זיין צייט צו קבר ישראל, — וואו די „חדושי תורה" זענען אהין געקומען, — איך האָב מיך שפּעטער נאָכגעפרעגט, — ווייסט קיינער נישט; אפילו די רביצען נישט... און איך לערן אהן איהם. „דער עיקר — זאָגט ער — איז דאָס לייענען... דאָס לערנען פאַר זיך. דאָס שאַרפען זיך אליין דעם מח... צום רבי'ן דאַרפען מען קומען מיט ספקות, מיט שאלות... מיט „הדבר הקשה..."

„און דער עיקר לערנען איז פּאַרטאָג... מאימתי..."

און ער טוט זיך זיינס ביי מיינע ליכט אין אַלקער גאַנצע נעכט, און מיר שאַפט ער א חבר, צו לערנען פּאַרטאָג אין בית־המדרש... אהיים דערפון שרייב איך נישט. ערשטענס — פון

צום שרייבען בריף, ביז היינטיגען טאָג! צווייטענס — עס שמעקט מיט מסירה! דריטענס, אז „זיי“ האָבען מיך אוועקגעשיקט, איז נישט זייער דאגה... פאַראַן נאָך א פערטענס — און דאָס איז דער עיקר — איך בין איהם דאנקבאַר פאַר׳ן חבר. דעם עלטערן חבר האָב איך ליעב באקומען אהבת נפש. מיט פרייד כאַפּ איך מיך אראָפּ, פיער פאַרטאָג, פון געלעגער. און לויף צום חבר... און וואַרט אָפּ זיין קומען מיט יונג־האַרץ־קלאַפּעניש! לערנען, לער־נען מיר „זבחים“, און איך קריג ליעב, צוליעב איהם, די סוגיא... א יונגער מאַן, וואָס דערמאָנט מיך מיין פעטער שמואל־לייבוש מיט די בלויע, טאַנצענדיגע, דינע אָדערלעך ביי די שלייפען. יענער האָט אויך ליעב צו לערנען פאַרטאָג. איך בין אמאָל קראַנק גע־לעגען ביי דער באָבען אין דער גרויסער שטוב. און יעדען פאַר־טאָג זיך איינגעהערט, ווי ער לערנט, שטיל, שטיל־זינגענדיג. דער יונגערמאַן, מיין חבר, לערנט אויך האַרציג. די שטימע — ווייך, סאַמעטען, פאַרגנבעט זיך אזוי צום האַרץ. און שוואַרצע, שוואַרץ־גלאַנצענדיגע פאות געלאָקטע האָט ער. און כאַפּט אָפּ אַן עק פאה אין מויל אריין. דורך די רויט־זאַפטיגע ליפען, צווישען די מילך־ווייסע ציין. און אויגען אונטערן שטערן, היינט וואָלט איך געזאָגט: „פייכט פאַרבענקטע“, דאמאָלט: „אזוינע גוטע, גוטע...“ „גוט“ און „טרויער“ איז דאַמאָלט ביי מיר דאָסזעלבע. און באַקען עטוואָס געלבליכע, פאַרשאָטענטע, נאָר מיט אָפּגלאַנצען פון די „גוּ־טע“ אויגען... איינמאָל, לויפענדיג אזוי פאַרטאָג אין בית־המדרש אריין, האָב איך דערזעהן א „רוח“. ער האָט זיך געוויגט אין דער לופט, אראָפּהענגענדיג פון א פענסטער אין איין אַלט הויז... „נישט דאָ קיין רוח“, וויים איך! דאָס האַרץ אָבער קלאַפּט, דאָס בלוט פולסירט אָבער — איך זעה דאָך פאַרט... דאָס האַלט מיך נישט אָפּ. איך לויף פאַרביי, נישט צום מקום קדוש, נישט צו „זבחים“, — איך וויים יעצט באַשטימט — צו מיין „חבר“... זיינע אויגען רופען מיך... שפּעטער האָט זיך אויסגעוויזען: עמעץ האָט אַרויסגעהאַנגען א העמד צו טריקענען... אָבער מיין שרעק, און דער לוין פאַר דעם שרעק — זיין צערטליכקייט!...

אין עטליכע יאָהר אַרום איז דער יונגערמאַן געקומען קיין זאַמושץ, זוכען פּרנסה. ז י י ן פאָטער איז שטענדיג געווען אַן אָרעמאַן און געטאָן מיט איהם א געלט־שדוך, מיט א רייכען אָרעמ־

דאר פון א מיהל. דער פריץ האט זיך געענדערט, אנגעהויבען פארלאנגען הוספות, דאס געשעפט איז ערגער און ערגער געווארען, דער מילנער — בדיל הדל. און מיין יונגערמאן איז געקומען זעהען זיך עפעס א געשעפט, מפרנס צו זיין — זיך, ז י י ן ווייב און קינד, און דעם אלטען שווער מיט'ן הויז־געזינט. אן אנדערער מענש. דאס פנים הארט־בייניג, אין די אויגען — דאגת פרנסה, שרעקיגע דאגת פרנסה... איך האב מיט איהם מיטלייד און דאך מייד איך איהם אויס. איך האב אין הארץ א שעהן בילד פון א געליעבטען מענש; ביי יעדען טרעפען זיך מיט איהם ווערט דאס בילד טונקעלער, פארשאטענטער, און איך וויל עס היטען ווי אן אוצר... מייד איך איהם אויס...

שטעה איך אויף, ווי געזאגט, פיער פארטאג, און בייגאכט שלאף איך זעהר שלעכט. דאס פעסעל־וואסער קיהלט מיר דעם קאפ; וויל איך איבערדרעהען דאס געלעגער; מיין שווארצע רביצען פאטשט מיט די הענט:

— אזא משוגעת, מיט די פיס צו דער טיר וויל ער ליגען...

שלאף איך און שלאף נישט, און הער אלץ, וואס ארום טוט זיך. הער איך, ווי ר' פנחס'ל געהט אויף און אפ אין זיין אלקער, אדער סקריפעט מיט דער געגזענער פעדער איבער'ן פאפיר, אדער שטעלט זיך ארויף אויף א בענקעל און זוכט א ספר אין הענגע־דיגען וואנט־שענקעל... אביסעל „אנגעריהרט" בין איך שוין, קלער איך, וואס זוכט ער: א „קולא" צי א „חומרא"? — געשריבען אבער האט ער פשט'לעך... געוואלט ארויסגעבען א ספר מיט פשט'־לעך פאר בר־מצוה'ס און חתנים... ווי געזאגט, פארלוירען געגאנ־גען!

די רביצען קלאגט זיך אמאל:

— ער זאל מיר עס אמאל צוהעלפען צו דער ארבייט...

און ער ענטפערט אין דער דריטער פערזאן:

— זאג איהר, אז איך וועל מיין ספר ענדיגען, וועל איך איהר קויפען פערעל...

די שווארצע הארינע רביצען, מיט'ןווארצעל (וואס איך דער־זעה נישט) אויפ'ן שטערן, רויטעלט זיך פאר נחת, די אויגלעך גי־בען א פינקעל, פערעל האט א אידענע ליעב, תורה — אויך! און גיט זיך, זיך נישט אויסצוגעבען, א ווענד אפ צו דער וואנט... מיין

מאמעס באוועגונג, נאר אזוי אומגעלומפערט און (וואס נאר מיאוס'ער איז) א כאפ דעם פארטוך צו דער נאז.

און אפט באקום איך צו הערען, ווי די רביצען רעכענט זיך, ביז שפעט אין דער נאכט אריין, מיט שכנות, מיט וועלכע זי האט געקויפט און פארקויפט בשותפות א מציאה...

הויבען הויבט זיך עס אן שטיל, זעהר שטיל... גלייך שטילע פייערלעך צישען, שלענגלעך ווארפען זיך איבער צישענדיג (דאַמאלטדיגער איינדרוק; וואו איך האב דעם אויסדרוק גענומען, ווייס איך נישט!) און אלעמאל: טסס... דאס איינגעל שלאפט. אדער: „וועקט נישט דאס משוגעת'ל", און „ר' פנחס'ל שרייבט תורה!" פלוצלונג — א הויך ווארט, באלד א גראבס, און נאך און נאך...

— „גנב'טע, גזלנ'טע"... א קללה א שארפע... און שטענדיג מיינט „מיין" רביצען... און: שא, שא!

זי גיט נאך! איהר געלט, זייער נשמה! לא'מען נאר איהר פנחס'לען נישט וועקען... און דעם „תכשיט", וואס קען אהיים שרייבען א בריף...

און עס ווערט רוהיגער... און, נאך די חשבונות — גלאט א גערייד... מען געניצט, און עס פערדימט זיך איין א שמועס. דאס מעהרסטע רעדט די רביצען, וואס זיצט ביים קוימען־אויווען, נישט ווייט פון טיר און מיין געלעגער. און רעדען רעדט זי פון איהר קינפטיגער שנור פערעל און שפעטערען חלק לעולם־הבא—פון איהר ר' פנחס'לען. און — גאנץ אפט פון מיר...

דאמאלט ווער איך אינגאנצען וואך. עס אינטערעסירט מיך. איך ווער פון איהר זעהר פיעל געוואר און דערמאנט. איך טו פיעל זאכען אונבאוואוסט און פארגעסען פארגעס איך נאך מעהר.

זי רעדט, שטריקענדיג א זאק, אדער צערענדיג אן אלטען בגד. אנדערע טוען דאסזעלבע; מען געהט נישט פון שטוב ארויס, אהין אן ארבייט אין בוזעם. און אלע אינטערעסירען זיך מיט מיר, מיט'ן „תכשיט", מיט'ן „משוגעת", מיט „די גרויסע, ברענענדיגע אויגען". „ווי ברענענדיגע הבדלות", האט איינע פארגלייכט; איך האב עס גענומען אין „מאניש" אריין. און די רביצען רעכענט אויס מיינע שגעונות. דערצעהלט, ווי איך רייס אלץ פון מיר אראפ. ווי איך שלייף אפ די אפצאסען פון די שטיוועל. „אפילו דאס היטעל צורייסט ער..."

— א וואונדער! אז א יונג לויפט ארום גאנצע טעג... ר' פנחס'ל איז דאך שטענדיג א פארטראכטער, אזא למדן! און איידער ער קוקט זיך אום, והילד איננו! (שקר, ער קוקט זיך גאר נישט אום!) זוכט מען (אויך זעלטען אמת). וואו געפינט מען איהם? הינטער דער שטאדט. וואו איז ער, דער בחור? ביים וואסער, אויף דער לאנקע אויסגעצויגען. קוקט אין הימעל אריין אדער מיט'ן פנים צום גראז... אדער רוקט זיך ביז צום ראד פון דער וואסער־מיהל (מיין יונגענמאנס שווערס ארענדא). און „אז ער גיט א קאַר־לער זיך ווייטער? און אז א קוה, וואס פאשעט זיך, וועט איהם געבען א כאפ אויף די הערנער? — ווער וועט זיין שולדיג?"

און נאך, און נאך. א מאסע קליינינקייטען: דורכגעלאפען די פאדטשענע און, מעשה שטן, פארטשעפעט זיך אן זיין קנאפ מנחם־מענדעלס בת יחידה'ס צאפ... ווערט א געשריי: מזל־טוב! מזל־טוב, חתן כלה! די ווייבערישע צונג האט דאך קיין ביינער נישט! געהט דער יונג, שטרעקט אוים די הענט צום מיידעלס קאפ — האלט זיך איהם גלייך פאר'ן פנים און זאגט: אדרבא, א שעהן מיידעל! געהערט אזוינס!...

— און מיינט איהר — געהט מען איבער, נישט אהן גדלות, צו מיין אפשטאמונג! — מיינט איהר „אבי ווער?" — פון א שטיין? אין גאס געפונען? פון פאטערס — ר' יודעלס צד — אויסגעוויקט אין תורה, אין גדלות, אין עשירות, ביז צום רבין ר' העשעל!...

א שפרונג, ווייל פון דעם צד נישט „באהאוועגט". פאר דאס אויספיהרליכער פון דער מאמעס צד, — זאמושץ! —

און איך ווער געוואר (אויב אמת), אז מיין עלטער־זיידען פון דער מאמעס צד האט מען גערופען „דער סטאראסטער". „ר' לייבוש סטאראסטער"; איך הייס נאך איהם — דער משוגע־נער לייבוש! (איך פאל דאך ביי מיר נישט אפ!) און פאר־וואס האט מען איהם גערופען סטאראסטער? ווייל ער האט זיך גע־פיהרט ווי א סטאראסטא, ווי א שררה! געהאט זיך זיין באזונדערע שטוב, נישט קיין אלקער! רויט געפארבטע טיש און בענק־לעך, געטראגען זיידענע זאקען, גערעדט דייטש ווי א וואסער, און אז עס איז געקומען דער שררה זאמאיסקי, דער ארדינאט, וואס האט זאמושץ געבויט, פלעגט ער איהם רופען און רעדען מיט איהם

פה־אל־פה, און נישט: „סלוכיי, זשידקו!“ נאָר מיט גרויס דרך־ארץ...

און די עלטער באָבע האָט אַ געוועלב געהאַט, אַ גרויס געשעפט פון קאָלאָניאַל סחורה, טאַקע מכל טוב און — מעבר לים... סחורה פון לייפּסק: היינט האָט דאָס געשעפט בירושה מיין פעטער אינ׳ם האַרטען קאַפּעליוש, ווי דערמאָנט — דער שפּעטערער זאַמלער פון מיינע היימיש־געבאַקענע שירים. און אין דעם געוועלב — הערט, וואָס אַ אידענע אַ צדיקת קאָן! — זענען געווען אָפּגעטיילט צוויי שופלאַדען: איינס מיט ראָזשינקעס, דאָס צווייטע מיט מאַנדלען, פאַר אָרעמע לייט. דער גאַנצען פדיון — אויף צדקה! און קומט אַריין אַן אייגען קינד און וויל אַ ראָזשינקע, קריגט עס איבער די הענטלעך; מוז עס אַריינוואַרפען אין באַזונדערען שופלעדעל פאַר אָרעמע לייט אַ גראָשען... אַ פּרוטה. (דאַמאָלט נאָך פּרוטות געגאַנגען).

און ווערט שטיל, אָדער איך דרימעל עטוואָס פעסטער איין. בויט זיך אויף פאַר מיר „מיין“ און מיין זאַמאָיסקי׳ם זאַמושטש — דאָס קליינע פּאַריז. און, ווי דערמאָנט, אויסגעמישט מיט׳ן עלטערען זאַמושטש, פון וועלכען איך האָב קינדווייז געהערט.

און איך זעה זאַמושטש נאָך אַלס פעסטונג אין איהר מאַכט, פּראַכט און אַרומגעוואָרפענער שרעק... אַרום — נישט פאַרלאָזטע, נישט אָפּגעשיטע, נישט אָפּגעשטאָכענע וואַלען; צווייען וואַלען און וואַלען — פאָסען מיט וואַסער; טיף, קלאָר וואַסער... אַ זעלנער, פון אַ דאָרף אין טיף רוסלאַנד, האָט זיך אַמאָל אַהיים פאַרבענקט, אַנטלאָפען פון קאַזאַרמע, געוואָלט אַריבערשווימען דאָס וואַסער, צו שווערע שטיוועל געהאַט, און — דערטרונקען געוואָרען. אַרום, אויף די וואַלען — האַרמאַטען, קאַרטעטשען, דריי און פיער עקען מיט קוילען, — מען טאָר אויף זיי נישט ווייזען מיט אַ פינגער! עס געהט אויף און אָפּ אויף דער וואַך אַ באַוואָפענטער זעלנער, און גיט מען אַ ווייז מיט אַ פינגער — „פיף־פאַף!“, געשאָסען, און לית־דין ולית־דיין! ס׳קומט אַזוי!

די בראָמען זענען נאָך בראָמען. אין דער פריה בלאָזט אַ טראָמפּייט, עפענט מען. פאַרנאַכט שפּילט מען „זאַרים“ — פאַרמאַכט מען... די לובלינער בראַם איז ווי־זאַ־ווי צו די בית־המדרש־פענסטער... צווישען דער וואַך אין דער בראַם איז פאַראַן

א זעלנער א קאנטאניסט... א גאנצען טאג ליגט ער אין דרויסען, מיט די אויגען פארקוקט און די אויערען אויסגעשפיצט צו די בית־המדרש־פענסטער צו... נאך זאריס, אז די וואך געהט אויף און אפ, פאר׳גנב׳עט זיך דער קאנטאניסט אין בית־המדרש אריין און זעצט זיך לערנען...

מען האט איהם אמאל געכאפט, אויפ׳ן פלאץ, צווישען וואך און בית־המדרש, „סקוואז סטראי“ געטריבען... בלוט האט גע־שפריצט, ער האט קיין קרעכץ נישט געטאן... מיט׳ן איינגעשפארטען שווייגען דעם אפיצער, וואס איז דערביי געשטאנען, אין צארן אריינגעבראכט: וואט זשיד! א קאמאנדיר געטאן: זשיוועי, רע־ביאטא! האט זיך ערשט אנגעהויבען א שמייסעניש... ווי אין די „דריי מתנות“... אין בית־המדרש האט מען גע׳חלשט... די קלאג אין עזרת נשים, וואו ווייבער זענען זיך צוזאמענגעלאפען, איז אין לשער — „כל נדרי“ איז גארנישט!

אכציג ריטער האט ער באקומען און פארשוואונדען... ערגעץ פארשיקט געווארען...

און איבער די „וואסערען“ פון די פאסען, הינטער אלע דריי בראמען, — דריי אייזערנע הענגעל־בריקען אויף קייטען... פאר׳ן עפענען די בראם לאזט מען זיי אראפ, פאר׳ן פארמאכען ווערען זיי אויפגעהויבען...

פלוצלונג ענדערט זיך דאס בילד, און איך זעה „שעלמעווען“ א פארזיינדיגטען אין מיט׳ן מארק... איך בין נאך א קינד, געה אהיים פון דרדקי־חדר און קען אהיים נישט קומען. „מען וועט שעלמעווען...“

אין מיט׳ן מארק שטעהט א טיש, אויפ׳ן טיש ברענט, אין עפעס א כלי, א פייערל. אויפ׳ן טיש שטעהט דער האלב־נאקעטער פארזינדיגטער... ביי איהם — דער היצעל (הונט־שלעגער, תלין). ער האלט מיט דער לינקער צו דעם זינדיגען, און אין דער רעכטער — א הילצערנע שטיל פון א חתימה, וואס גליהט אין פייער... עפעס א מיאוס שרעקליך ווארט שטעהט אויף דער חתימה. גנב, צי רוצח... איך געדענק נישט... ארום טיש — דער גארניזאן מיט דער מוזיק, ארום מיליטער מיט דער מוזיק — עולם... שטאדטלייט. „מיעשטשאנעס“ פון די פארשטעדט—קינד און קייט, אפילו פויערים מיט פויערטעס, וואס זענען צופעליג פון דארף געקומען. דער

מארק — געפּראַפּט. פול קעפּ — די פענסטער, פול דעם אפּטיי־קערס באַלקאָן... קליינע מענשעלעך — אויף די דעכער, אַרום די קוימענס*). „דוד'ל גנב" קריכט אַרויף אויף א בלעכענע רינע.. מען באַמערקט עס:

— די רינע וועט זיך אַפּרייסען!

שפּרינגט ער אַראַפּ, ווי א קאַץ...

פּלוצלונג — א שטילקייט פון פאַר שופר בלאָזען, דער היצעל כאַפּט אַרוים די חתימה, די מוזיק גיט א שמעטער, די חתימה ווערט צוגעלעגט צום זינדיגענס שטערען, דערנאָך צום נאַקעטען עלענבויגען...

ווערט מיר פּלוצלונג קאַלט, כ'ציה אַרויף די קאָלדרע, איך ציטער איינגאַנצען, עפּעס א האַנט, (א האַרטע, דער רביצענס!) טאַפּט מיר דעם שטערן...

— פּנחס'ל, פּנחס'ל.... חיץ האָט ער!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

געזונט געווען, צום זמן איז קיין סך נישט געבליבען, שיקט מען מיך אַפּ, ר' פּנחס'ל דאַרף סיי ווי סיי פאַהרען בשר'ן מיחלען אויף פּסח. און אזא תלמיד דאַרף ער נישט. פון מיין קרענק אָבער דערצעהלט מען נישט, און מען שיקט מיך אַפּ מיט א גאַנץ פּעקעל מסירות. „עס איז פון מיר נישט אויסצוהאַלטען. אמת משוגע". פּאַקטיש, וואָס מען האָט געמסרט, געדענק איך נישט. עס האָט מיך ב א ל ד נישט אינטערעסירט, אָבער וואָרט ביי וואָרט פאַלש. מיך צו פאַרטיידיגען האָב איך קיין צונג נישט אין מויל. דער טאַטע שרייט אביסעל, וועט ער זיך אויסשרייען. די מאַמע וויל אביסעל וויינען, וואַרפט אָבער אויף מיר א בליק, זעהט מיין רוהיגקייט און ציהט צוריק די טרערען; דאַכט זיך, אומבאַוואוסט איבערצייגט, אַז — נישקשה...

אין בית־המדרש רעדט מען אביסעל. דערנאָך אינטערעסירט מען זיך מעהר צו וויסען, וואָס און ווער ר' פּנחס'ל איז... איך ווייס נישט, וואָס צו זאָגען, כמעט איהם גיט געזעהען אָדער פאַרגעסען.

— וואָס האָט ער מיט דיר געלערנט?

---

*) אויך „דרייו מתנות".

דאכט זיך, גארנישט...

און עס גלוסט זיך נישט דערמאנען. גוט, אז אויסגעלייזט, פריי געווארען...

אבער נישט אויף לאנג. „וועסט לערנען אין דער היים" — (שלעכט!) „א פאר שעה אין טאג" (אה!) ביי ר' אברהם יהושע... דו און... מען רופט מיר אן א חבר, מיט וועלכען איך האב ווירקליך א קורצע צייט געלערנט. און קען מיך יעצט בשום אופן נישט דערמאנען, נישט מיין חבר'ס נאמען, נישט זיין געשטאלט, און נישט וואס מיר האבען צוזאמען געלערנט. בכלל פליהען מיר אין קאפ ארום גאנצע סוגיות, גמרא־שטיקער, אבער ביי וועמען געלערנט און ווען? געדענק איך נישט.

ר' אברהם יהושע איז פריהער דיין געוועזן. פארוואס אויס דיין געווארען? אז איך פרעג, פארשווייגט מען. האט אפילו קיין גליק נישט צו בוררות. מען נעמט איהם נישט גערן. א „דרעה־קאפ!" זאגט מען. א למדן איז ער. פון די גריבלער, און האלט פון אייגענעם קאפ עולם ומלואו... פון אויבען אויף — א גרויסער ירא שמים. נאר עפעס גלויבט זיך נישט... א קורציכטיגער, לאנג־קעפיגער, פארטאביקטער איד אין אן אלט ספאדיקעל מיט לעצ־לעך. ביי אונז אין שטוב הענגען צוויי פארטרעטען, פון טאטען צופעליג ערגעץ אויף א ליציטאציע געקויפט. נאפאלעאן דער דריי־טער און זיין ווייב — די יפהפיה, די קיסר'טע עווגעניע. הענ־גען מיר איבער די יפהפיה אויפ'ן ירא־שמים'ס זייט: ווארפט ער א בליק, ווענדט איהם ראש אפ און קוקט שוין נאר צו דער קעגענ־איבערדיגער וואנט, וואו מיר האבען געטוישט און אויפגעהאנגען נאפאלעאן. צו־מארגענס — הענגט עווגעניע צוריק אויף איהר ארט... ער בריהט ווידער זיך אפ, קוקט שוין נישט אויף די וואנט...

קומט אבער צו „קענטעניש", קריכט שוין זיין גאוה ארויס פון דער שייט אינגאנצען.

שפראכען? הבלים! ווען ער זאל וועלען קענען א שפראך, נעמט ער א ווערטערבוך און לערנט עס אויס, אין א חודש צייט, אויסענווענדיג, קען ער די שפראך...

— און אייערע חכמות!

—רבי, ווי אזוי, למשל, קען מען וויסען, ווי ווייט עס איז פון אונז די זון?

חוזק!

„מען נעמט א ליכט, מען מעסט אוים די הויך מיט דער ברייט — דעם גאנצען פארנעם פון פלעמעל. דערנאך נעמט מען און מען רוקט פאמעלעך, פאמעלעך פון זיך אפ דאס ליכט, למשל: אויף ד׳ אמות, און מען מעסט איבער... זעהט מען, אז דאס פלע־מעל איז, אויף ד׳ אמות. אויף אזוי פיעל און אזוי פיעל קלענער געווארען, ווייסט מען, אז אויף ד׳ אמות ווערט א פלעמעל אויף אזוי פיעל און אזוי פיעל קלענער. טיילט מען דעם מהלך צו דער זון אויף ד׳ אמות, א פשוט׳ער חלוק, און מען טאפעלט מיט דער צאהל פון קלענער ווערען... א פשוט׳ער כפל...

פלאצען מיר ארוים מיט א געלעכטער:

— און ווי מעסט מען דעם מהלך פון דער זון?

אויך פשוט, און נעמט א שמעק טאביק: א פשוט׳ער חשבון, נאר פארקערט... אז מען ווייסט, ווי גרוים די זון איז און ווי קליין זי זעהט אוים, דאס מעסט מען שוין מיט׳ן אויג — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

עס הילכט א ניי געלעכטער. באליידיגט, פארשוויגט ער און נעמט זיך צום לערנען.

דער ויכוח שמעקט, ווי איהר האט געוויס באמערקט, מיט „בערנשטיין..."

ווי קומען מיר צו בערנשטיין?

5.

השכלה. א בלבול. אברהם מאנים. צוריק השכלה.

„הנצנים נראו בארץ!" — עס שמעקט שוין אין „קליין פא־ריז" מיט השכלה...

דערפון אין די ווייטערע פרקים!

„הנצנים נראו בארץ" — עס הויבט אן שפראצען אין פוילען־לאנד.

און דארפען זיך באווייזען נייע שפראצונגען, איז (נאטיר־ליך, אויסער ווארשע), זאמושץ די שטאדט מיט פולען רעכט אויף בכורים!

דער גע ב רויד וועט זיין!

אפילו ראש־חודש רעטעכלער באווייזען זיך ביי אונז (אזוי ריהמט מען זיך) פריהער ווי אומעטום, אזוי שפעטער אלע פרוכ־טען. מענליד, ווי עס פאלט מיר יעצט איין, אז דארום רופט מען אונז, ווי שוין דערמאנט: „זאמושצער פרעסער!"

די השכלה, אז זי וועט זיך באווייזען, וועט ביי אונז קיין אסימי־לאטארישע פארבען נישט טראגען. עס קען ביי אונז טאגען. עס קען זיין, אז גאלדענפארען האט רעכט, קלאפענדיג אין די לאדען: עס איז שוין לאנג טאג! מען דארף, עס איז שוין צייט ארויס־צוגעהן אין גאס. אבער אין גאס ווארטען אויף אונז די אומות העולם נ י ש ט, פון געארעמט שפאצירען און געמיינזאמע כאַ־ראַוואדען איז דערווייל ביי אונז נישט וואס צו רעדען...

קליין פאריז איז א באזונדער, שארף־אפגעגרענעצט וועלטעל.

עס פאלט גארנישט איין, זיך מיט עמיצען צו מישען, און עס איז נישטא מיט וועמען!

א באזונדער אידיש־בעל־בת'יש קעניגרייך. א פיער־עקיגער מארק (אונטערגאסען קומען צו שפעטער) מיט א שתי וערב פון צוויי ברוקירטע גאסען. שטעלט איהר אייך, למשל, אין מיט שטאדט, אויפ'ן פונקט, וואו די ברוקירטע גאסען לויפען זיך צו־זאמען, מיט'ן געזיכט צום מאגיסטראט מיט'ן זייגער־טורם, — האט איהר ארום זיך די גאנצע, שארף אפגעגרענעצטע, רוהיג־בעל־בתישע מלוכה.

האט איהר: פאר זיך — א שמאל געסעל צום טארג; פון טארג — אויך א שמאלס, צו דער לובלינער בראם.

רעכטס, עטוואס הינטער זיך — די לעמבערגער בראם... אמאל — נ א ה נ ט געווען לעמבערג. היינט דארף מען אז אויסלענדישען פאס, אהין צו קומען. מיר זענען יוצא מיט טאמא־שאוו, פון פאר דער גרענעץ, אין ד ע ר ר ע ז י ד ע נ ץ פ ו ן „ש מ ע י ש ר א ל".

צווישעןביידע בראמען, אין און איבערן וואל — קאזארמען. פאשארען גרויסע, פעסטע, מיט רויטע ציגעל באזעצטע, געדעקט מיט אייזען.

לינקס, פיהרט די ברוקאוואנע גאס צום שלאס. א גערטעל,

פון דער שטאדט זייט — אפען, הינטען — דרייקאנטיג ארומגע־
מויערט מיט הייזער, וואו די אפיצערען וואוינען. צוויי דורכ־
גענג, נישט זעהר צוגענגליכע, צווישען די הייזער, ביי די ווינקעל,
וואס פיהרען צו א פאסע אראפ, צום צעד־הויז, צום פלאץ פון
קוילען און הארמאטען, און דאס אלץ לויפט צו צום קאסעמאט
ביי דער שעברשינגער בראם, וואס איהר האט הינטער זיך, לינקס
— אויף דערזעלבער, האלב רונדער ליניע, — דאס שמאלע ווענעל,
צום סמאטריטעלם הויז, צום טייך; דער אפיצערען־קלוב — די
בלאגאראדנאיע סאבראניע. — פאר'ן קלוב — די רייטשול, און
ווייטער, ביז דער לעמבערגער בראם ווידער — וואלען, קאזיאנע
געביידען א. ד. ג.

ארומגעקריידט.

דער אפטייקער, וואס פארקויפט מיט א שטיל־שטאלצער איינ־
געהאלטענקייט פון אן אפגעקומענעם שררה — מעדיקאמענטען
(דאס מעהרסט געהט „ווינער־טרענקעל" און ביטער־וואסער) און
זיצט זיך, אויב ער האט צייט, ביי זיך, אויפ'ן גאניקעל אין מארק
אריין, און בלעטערט א בוך מיט בילדער פון אלט־פוילישע מלכים.
זענען די שויבען־טירען אין שטוב אריין אפען. הערט זיך פון דארט
די פיאנע. דאס ווייב און צוויי טעכטער שפילען. זענען דאס
ווייב מיט ביידע טעכטער העסליך, ווי דריי אויסגעצויגענע שוואר־
צע נעכט, און שפילען נישט שעהן. — דער זוהן זיינער, וואס וועט
איהם אמאל פארטרעטען, שטודירט נאך ערגעץ.

דער קוימענקערער־מייסטער, וואס וואוינט אין הייזעל מיט'ן
גרויסען הויף לעבען דער רייטשול; פארברענגט די ווינטער־אווענ־
טען שפילענדיג מיט'ן ווייב (קיין קינדער נישט דא, ווענינסטענס
— אויפ'ן ארט) אין טערטעל־מערטעל. זעצט און פלאנצט פריה־
לינגס־צייט זיין גערטעל אין הויף, און באווייזט ער זיך זומער
אמאל אין מארק, אויף דער פאדטשענע, בליהען איהם די אויגעלעך,
רויטלען זיך די בעקעלעך, און מאכען מאכט ער טריטעלעך, ווי
אויף ריסארען; ווייכע, האלב־רונד געהויבענע, — ווייכט מען
איהם; האט א שוואכקייט — זיך צו קושען! נישט זיין שולד;
נאר זיין „באהאלטען" ווייבס, וואס קיינער זעהט פאר די אויגען
נישט! אזא ווישניאק שטעלט זי איהם. „א־כ־פ־ה מעט"; רעדט
א פאר ווערטער אידיש!

דער דאָקטאָר סקרשינסקי, דער גוט־האַרציגער, נאָר לעבער־ליך צאָרניג־שוימענדיגער אַלטער „אינטעליגענט" — אויך — אַ ווייב און דריי טעכטער, אויך — שוואַרצע נעכט. און ער אַליין — אויסגעוועבט. נאָכ'ן עקזאַמען דאָס בוך פאַרמאַכט און מעהר נישט געעפענט. פאַרזאָרגט זיין פּאַך, געדענקט אויסענווענינ. קומט אין שפּיטאָל אַריין, געהט דורך צווישען די צוויי רייהען בעטען, וואַרפט אַ בליק, הייסט ווייזען און באַקוקט די צונג, — רעכטס, צוריק־צו וועגס — לינקס, און לאָזט זיך אין קאַנצעליי אַריין. דער פעלשער נאָך, קומט צום טיש, פאַרשרייבט מיט אימפּעט עטליכע דרייסיג רעצעפּטען מיט אַמאָל און — „מאַש, פּשאַקרעוו"; גיט איבער דעם פעלשער...

וואָס עס איז געשעהען אין דער מעדיציין נאָך זיין עקזאַמען. — נישט זיין זאַך. שפּעטער, אַז מיין רייכע קאַלטע מוהמע, מיט די בריליאַנטען אין די אויערען, מיט'ן קעלנערעל, אויסגענעהט מיט פּערעל, י. מ...'ס קליין שמייכעלדיג ווייבעל, וועט קראַנק ווערען, און מען וועט אַראָפּברענגען אויף אַ קאָנסיליום אַ באַריהמט־הייט פון וואַרשע, און די באַריהמטהייט וועט אויסהערען דאָס האַרץ, — וועט זיך סקרשינסקי נישט איינהאַלטען, כאַפּען די פּלאַ־כע האַנט פאַר'ן מויל און אַרויספּלאַצען מיט אַ געלעכטער:

— קאָלעגאַ, דו גלויבסט אויך אין די שוואַרצע קונצען?

וועמען נאָך?

איך געדענק נישט מעהר. אַ שבת־גוי? דאַכט זיך, גאָר אַ שבת־גוי'ע....

עפּעס אַ „לאַפּיי" — אַזוי רופט מען אַן אַלטע, נישט גאַנץ ביים שכל'דיגע, גרויע, אַזוי גערופענע „לאַפּיי", וואָס געהט איבער דער שטאָדט נישט אויפ'ן גאַנצען געשטעל פון פוס, נאָר אויף די שפּיץ פינגער, מיט די פוס־באַלען קאַפּויר, מיט'ן גרויען קאָפּ, וואָסערדיגע אויגען און האַלב אָפענעם מויל, מיט צוויי קרומע ציין, און מיט'ן קאָפּ אַרויף, גלייך — צום הימעל מיט אַ טעמפּער טענה: צו וואָס האָסט דו מיך באַשאַפען? צו וואָשען פּאָדלאָגעס? — בין איך אָבער נישט זיכער, צי איז לאַפּיי נישט קיין אידיש קינד...

וואָס נאָך? אויף דער לאַנגער פּאָדטשעגע זיצען אַלטע גוי'עס.

שטעלן פון דינע, שווארצע קעלבאסעס און חזיר־פעטס... אין דער טיף פון דער לינקער פאדטשענע צום מאגיסטראט—א קריסט־ליך הויז פאר אלטע; שיטען זיך אמאל פון דארט ארויס אלטע גוי'עס (מענער זעהט מען נישט), געהויקערטע, בלינדליכע, גע־בויגענע, שווארץ געקליידטע, מיט שווארצע ציפקעס אויף די קעפ, שווארצע קרייצען אויף דער ברוסט, שווארצע „פאטשארקעס" אויף שווארצע שנירלעך — אויפ'ן האלז. און עס געהט, און שטאל־פערט, און ברומט עפעס בייזלעך, און מורמעלט עפעס — צום קלויסטער צו און צוריק...

און אפטער גאסט אין שטאדט איז: „דיעדע". א מולער פון פארשטאדט. א הויכער, שטענדיג שכור, שטענדיג שלעכט גע־גאלט, א האריג געל פנים, ווי איין ערשט אפגעשניטענע פעלד, — געהט איבער די פאדטשענער, מיט די פארנעבעלטע אויגען, עפעס אין דער לופט זוכענדיג, גלייך, פאר זיך, און קרוע־בלוע, אפ־געריסענער לייווענט... שטאלפערט מיט די לאנגע קרומע פיס, אי־בער וואס עס ליגט אויף דער פאדלאגע, פארטשעפעט מיט די אומ־געלומפערטע הענט בייגעל און אויבס אויף די שטעלען, און שילט מיט שוים איבער'ן מויל, און קיינער הערט נישט ווען. מען זאגט: ווייב און קינד, וואס האבען איהם זיין געלט, וואס ער האט מיט מולעריי פארדינט, אז ער איז א שכור געווארען, צוגענומען; מיט'ן הויז, מיט א שטיק פעלד, און איהם אליין געלאזט הפקר...

רעכטע פריצים האבען מיר נישט. איין ארדינאט זאמיאסקי, וויזט ער זיך נישט... קומט, זאגט מען, אמאל אויף „קבר אבות" אין ווייסען קלויסטער אריין, וואו זיי ליגען אין אייזערנע, שטא־לערנע, בראנד־ און זילבערנע טרומנעס אין די קעלער, און הענגען אין דער הויך אין קלויסטער אלס פארטרעטען אין דעליעס, מיט א מין שטריימלעך אויף די קעפ און געלע שטיוועל אויף די פיס. אפט קומען זיינע פאסעסארען. אמאל, זאגט מען, זענען עס אידען געווען, איינציגווייז ארויסגעשטופט, איין י. מ. ביי א פאסעסיע געבליבען. קומען זיי אמאל אויף רייט־ און פעלד־וועגעלער, קויפען עפעס איין, מענער — אין די אייזען־געשעפטען, די פרויען — אין קאלאניאל־האנדלען, אמאל אויך אין איינציגען מאדע־מאגאזין, וואס עס האלט א אידישע אלמנה מיט צוויי דיקע איבערגעוואקסענע טעכטער (אויף וועלכע מען רעדט; אפיצערען קומען אריין) און —

עסען אמאל א מיטאג אין ק—נ׳ס וויינהאנדעל אויף דער „ברו־קאוואנע“ גאס.

בלייבט דאס פויערן־פאלק ארום, וואס קומט זונטאג אויפ׳ן מארק, זונטאג און יעדער חגא נאך אין קלויסטער אריין. — א שטיל אונטערטעניג פאלק... ערשט פון דער „פאנשטשינא“ באפרייט; די אלטע בענקען נאך נאך איהר, ווי מיר אמאל, נאך מצרים צום פלייש־טאפ, די יונגע — ווייסען נאך נישט, מיט דער פרייהייט וואס צו טון, לעבען נאך אונטער דער השפעה פון די אלטע, פון וועלכע מען קריגט נאך פעטש, אויב מען גריסט נישט דעם פריץ מיט׳ן קאפ צו דער ערד, אהן א היטעל, צו די קני צופאלענדיג... אין שטאדט זענען זיי עפעס אפהענדיג, אומרוהיג־שרעקיג, קאמיש־שטאלפערנדיג אויף טרעפ. געפעהרליך ווערען די יונגע לייט נאר דאן, ווען זיי קומען צו דער „סוברעוויזיע“ — ביין המצרים: צוגענומען, פון דארף־רעזשים באפרייט, אין מיליטערישע נאך נישט אריין, — מאכט מען „סוקצעסען“, א ריס א איד ביי א פאה, א באפ א בייגעל ביי א זיצערין; אויסגעהאקט א שויב אין שענק... און ווידער שטיל און מיט דרך ארץ פאר׳ן איד, וואס איז ערשט נישט לאנג געשטאנען צווישען איהם און דעם פריץ. אין דארף איז מען מיט מאשקען „כל ולד“. אהן איהם געהט מען צו קיין רופא נישט, ראט מען זיך מיט קיין אדוואקאט נישט, — און ער איז אויך אפט דער בורר אין דארף...

מיט׳ן „חם“ זיך אסימילירען?

בלייבט דאס מיליטער אין שטאדט.

דעם סאלדאט לאזט מען אפילו נישט איבער דער פאדטשענע. „א מזיק, לקחנ׳ט מיט די אויגען...“ די אונטעראפיצערען, די פעלד־פעבעלס, שוין לייטישער, זיצען ביי מענדעל שענקער אין באזונ־רעדען אלקער און לאזען זיך שמעקען די אידישע פופיקלעך מיט די העלזלעך, וואס ווערען דארט געבראטען. פארטרינקען זיי מיט י״ש און — רעדען אז די טאכטער צו שמד... קוים באפרייט זי...

קיין „געזעלשאפט“ איז דאס מיליטער נישט...

בלייבען די אפיצערען...

מיט זיי האט מען שוין מגע ומשא... זיי טרינקען וויין ביי ק—נ׳ען אין וויין־הויז, צוברעכען נאכ׳ן טרינקען די גלעזער, קריי־צען אויס זייערע נעמען מיט די דימענטענע פינגערלעך אויפ׳ן

גרויסען שפּיגעל אין דער מאַכאַגאַנענער רעם; אויף די שויבען פון פענסטער... זיי באַרגען ק—נ'ס קליינער, בלאָנדער, שטילער טאַכ־טער רוסישע ביכלעך... זיי „ביוען" זעהר אָפּט, נאָכפּרעגענדיג אויף די ווייבער אָדער „גלאָט אזוי" אין דערמאָנטען מאָדע־מאַגאַזין פון דער אלמנה מיט די צוויי בונרת'ן און (וואָס איך האָב נאָך נישט דערמאָנט) דעם זוהן — יונה'טשע...

אויף די טעכטער, ווי געזאָגט, רעדט מען... זיי זענען אויך דער יצר־הרע פון נישט איין ישיבה בחור: „ווען אַ גרויסער, קנאַקענ־דיגער פראָסט, ווען מען פאָהרט מיט איינער פון זיי, אַליין איינס מיט וועלכער, אַליין אין אַ בויד... קאַלט, זי מוז זיך צורוקען... נעהנ־טער, נעהנטער..." און יונה'טשע—מוקצה מחמת מאוס... אַ דיקער, אַן אָראָפּגעזעצטער, אַ רויט פּרצוף, אַ געגאָלטע מאָרדע, האַלט אין איין אויסקראַצען זיך מיט די נעגעל די וויינפּערלעך פון דער געגאָלטער מאָרדע... „שילאָטען־שמש" ביי די אָפּיצערען, טראָגט „בריוועלעך" און חבר'ט זיך מיט דינסט־מיידען.

— פוי! און שטילערהייט — אביסעל מקנא...

סיי ווי סיי — אַ פרעמדע וועלט. און דאָך עס הויבט זיך אָן שפּינען אַ שטיקעל באַציהונג... נישט חס ושלום קעגען פּאָלאַר קען... פּאָלאַקען זענען מיר הייסע! ווי לאַנג איז, ווי מיר האָבען תהלים געזאָגט פאַר'ן נצחון פון דער צווייטער מרידה?!

קיין פּוילישען חיל, קיין באוואָפּענטען פּאָלאַק האָבען מיר פאַר די אויגען נישט געזעהען. פון לעמבערג איז אַ געהיימע דעפּעשע געקומען (דער פּאָסט־קאָסטען איז אַ לאָך אין מויער פון אַ פּאָד־טשענע־אָרקאָדע), אַז זאַמושץ איז גענומען; עס איז אפילו נישט באַלאַגערט געווען. אפילו פון זייגער־גאַניקעל האָט מען אַרום און אַרום קיין באוואָפּענטען פּאָלק נישט געזעהן... זענען מיר אינגלער, חדר און בית־המדרש־אינגלעך, פּויליש חיל געווען! און איינגאַנ־צען שונא געהאַט: אַ בחור, ערשט פון ביאַליסטאָק צו אַ פעטער געקומען; אַ בלינדען אויף איין אויג. האָבען מיר איהם טאַקע שיער נישט אויסגעקראַצט דאָס צווייטע, און אזוי, איין מאָל, די ביינער געבראָכען, אַז ער איז חדשים לאַנג געלעגען און קוים זיך אויסגעלעקט... און ווער איז דער פּוילישער נאַטשאַלניק פּאַ־וויאַטו? ווער שיקט אַרוים אין וואַלד אַריין ברויט מיט קליידער צוזאַמענגעקליבענע, און אַמאָל אויך אביסעל אמוניציע, פון צער־

הויז גע׳גנב׳עט? י. מ.׳ס א (פארלוירענער) זוהן... וואס האט איהם טאקע, דעם פאטער, אז מען האט איהם, צוריק פאהרענדיג פון ווארשע, אין וואלד געכאפט, אין קעשענע א רוסישען פאס געפונען. און אין די שטיוועל — א קאנטראקט צוזשטעלען היי און האַ־בער פאר קאזאקען — פון דער תליה אראפגענומען! גראד אנגע־קומען...

און פונדעסטוועגען — פאדריאדען! מען טרעפט זיך מיט אפיצערען אין רייטשול... אידישע טעכטער זענען חנו׳דיג... א ביי־כעל א רוסיש בארגט מען... אפילו מיר הויבט מען אן צו לערנען רוסיש... נאך „פקד־פקדתי", נאך „אלענדארף" אויף דייטש, מוז איך אנטלויפען פון גרעטשעס גראמאטיק, און פון לעהרערס (א „שרייבער" אין פאלק) מויל, פון וועלכען עס יאגט „סיבוכא..."

עס שפינט זיך עפעס, און פלוצלונג — דאס שפינוועבס רייסט זיך אבער איבער!

געקומען א בלבול!

צווישען אונז און די אפיצערען שטעלט זיך א וואנט און זי וואקסט...

אין גערטעל פאר׳ן שלאס, וואו די אפיצערען וואוינען, שטעהט צווישען די קליינע גרינע בוימלעך, די קאסע פון פאלק. באוואכט, פארשטעהט זיך, פון א זעלנער, אין שווערד און ביקס באוואפענט. קומט ווער אין זיינע ד׳ אמות — שיסט ער!

און איינמאל, פארטאג, מען קומט איהם אביסקעווען, מיין סאלדאט מיט׳ן קיווער, מיט׳ן גאנצען געוועהר ליגט אין א זאק געבונדען. די קאסע — אויפגעבראכען, דאס אייזערנע קעסטעל מיט׳ן געלד — פארשוואונדען!

דאס אייזערנע קעסטעל געפינט דעם זעלבען טאג א פויער אונטער דער שטאדט, אויפגעשלאגען און אין גראז אריינגעוואָר־פען.

וויים די גאנצע שטאדט, וואס דאס אלץ באטייט:

דער פאלקאווניק — אן אלטער מאן, לאנגע שפיציגע וואנ־סען, א געגאלטער אלטער קאפ, טריפענדיגע אויגעלעך, א נאכגע־שלעפטער פוס, — דער פאלקאווניק האט א יונג ווייב; מילך און

בלוט און א „וואוילע" — רייט אויף פערד, טרינקט שאַמפּאַניער, קלייבט זיך אין לובלין און אין ווארשע, ווערט פארשוואונדען אויף גאנצע מעת־לעת'ן אין וועלדער אויף פּיקניקס... און דריי יונגע אפיצערען, וואס דרעהען זיך ארום איהר — מאכען חובות... שטע־לען אוים וועקסעלעד... צום טערמין טוישט מען די וועקסעלעד... און אזוי לאנג ווערט געטוישט, ביז מען מוז אמאָל צאָהלען...

פאר זיי האט זיך דער טשאסאוואָי, א פרישער סאָלדאט פון קאסטראמאַ, א פויערן־יונג — געקאָנט דערשרעקען...

די שטאַדט ווייסט, אבער נישט דער שלאָס! בפרט, אז איי־נער פון די דריי לעב־יונגען איז דער אודיטאָר אין פאָלק...

דעם קאסטראָמער גבור ווארפט מען קודם כל אין קאסעמאַט אריין... איבערן וועג פאַלען אויפ'ן האלב־דערשטיקטען, פאר שרעק האלב טויטען סאָלדאט קלעפּ ווי האגעל, מיט די שווערדען, מיט די קאָלבעס — פארשוועכט דעם כבוד פון גאנצען פאָלק! פון דער גאנצער אַרמיי! דער שלאָס קלערט אלץ: וואס טוט מען? איז דער סאָלדאט שוין צוויי טעג אויף ברויט און וואסער, נאָר אַהן ברויט און וואסער... און ערשט צום דריטען טאָג באווייזט זיך אונ־זער אודיטאָר אין דער באגלייטונג פון סאָלדאַטען מיט ריטער... מען שמייסט, און דער אודיטאָר פרעגט און פארשרייבט...

דער סאָלדאט זאָגט: אידישע גנבים... געקומען פלוצלונג... באַרוועסע... דעם זאק פון הינטען פאַרוואָרפען... ער האט זיי קיינ־מאָל פריהער נישט געזעהען... נאָר אידען... באָרד און פאות... און — —

פארגעהט אינ'ם בלוט...

אלץ איינס, — אונטערשרייבען סיי ווי סיי נישט געקאָנט. דער אודיטאָר שרייבט אונטער און שיקט צום פאָלקאָווניק דעם פּראָטאָקאָל... כתוב וחתום.

שיקט דער פאָלקאָווניק נאָך די סאָלדאַטען, וואס זענען דער־ביי געווען.

— איהר האט געהערט?

— טאַק טאַטשנאָ!

— וואס?

— ער האט געשריבען...

— וואס האט ער געשריבען?...

— ניע מאזשעם זנאט! (מיר קענען נישט וויסען)
— נישט גוט געהערט?
— טאק טאטשנא (ריכטיג).
— און דער אודיטאר האט געהערט?
— ער איז עפעס אנדערש, אוטשאני!
און שוין בייזלער:
— ער האט געהערט?
— מן הסתם...
— זאגט בפירוש? שארף!!
—טאק טאטשנא!
— שווערען דערויף?!
— אז מען וועט הייסען...
— עהרליך שווערען?
— טאק טאטשנא...
בלייבט — „אידישע גנבים..."
געהט באלד פאפיר צום מאגיסטראט: היות די קאסע, ווי עס האט זיך אויסגעוויזען, האבען בא'גנב'עט אידישע גנבים, זאל דאס מאגיסטראט תיכף ומיד צושטעלען די אדרעסען פון אלע אידישע גנבים אין שטאדט...
ענטפערט דער מאגיסטראט: נישטא! געווען א אינגעל דוד'ל, נעלם געווארען. נאך א אינגעל, בא'גנב'עט א געוועלב מיט באקאלייען, — זיצט ער תפוס אין שעברשין... אויסער אויף דער ניישטאדט...
— זאל זיין — ניישטאדט.
מאכט מען א רשימה... שיקט מען נאך די פארצייכענטע, ברענגט מען זיי פון דער ניישטאדט אין קייטען, און מען ווארפט זיי אריין אין פינסטער־נאסען קאסעמאט אין וואל...
קומען באלד ווייבער און קינדער אין שטאדט אריין מיט א געוויין... בארוהיגט מען זיי, דער אמת וועט ארויס, ווי בוימעל אויפ'ן וואסער, נישט אמאליגע צייטען!
„זיי זענען דאך אבער די נאכט גאר אין דער היים נישט געווען..."
„מיינער האט געהאט א גנבה אין..." און פארשלינגט דעם נאמען מיט טרער.

„מיינער איז געווען אין שליחות אין דארף,ביים פריץ..."
איז דאך גוט. וועלען זיי דאס זאגען, עדות שטעלען... און ווירק־ליך, גנבים זענען זיי דאך, וועלען זיי זיצען אביסעל... געהט אבער אזוי אוועק א וואך, נאך א וואך, און עס לאזט זיך פלוצלונג ארויס א קול:

— מודה געווען!

נישט מעגליך... קומט אבער צו די אויערען: גענויט!

אויף הייסע, אייזערנע פליטעס בארוועס געלאזט... אונטער די נעגעל געברענט... נעגעל פון די פיס מיט צווענגלעך געריסען... האר פון די ברעמען געצופט...

ווייטער א יללה פון ווייבער און קינדער...

שווייגט מען שוין נישט. שרייבט מען פראשעניעס. ווער שרייבט? אונזער אדוואקאט פ. ג...

שרייבט ער פויליש, שיקט מען צוריק... שרייבט ער רוסיש, קען ער ווירקליך קיין רוסיש נישט, שיקט מען ווייטער צוריק: פא ניעגראמאטנאסטי...

רופט מען מיין לעהרער... ער וויל נישט, ער טאר נישט... גיסט מען איהם אריין איין כוס'ע, א צווייטע, א דריטע א גע־מישטע, א פערטע — א געמישטע מיט עפעס צוגעמישט. מיין לעהרער צואוויינט זיך אויף א קול. כאפט זיך קושען... ער וועט שרייבען, ער האט אונז ליעב דאס לעבען, „גאטאוו" פאר א איד צו געהן אויף סיביר; און ער שרייבט...

דעם צווייטען טאג — דער שרייבער נעלם געווארען... מען האט איהם מעהר נישט געזעהען. אבער די פראשעניע האט גע־פועלט. געקומען א פריקאז פון העכער: נאך אמאל איבערפרעגען די תפוסים, איבערפרעגען אין מאגיסטראט, און דערביי זאל זיין דער רב פון שטאדט...

זענען זיי זיך מודה, אין געגענווארט פון רב, ר' משה וואהל: זיי האבען דעם זאק פארווארפען, די קאסע גערויבט... דאס קעס־טעל אויפגעהאקט, אונטערגעווארפען...

ר' משה וואהל פרעגט:

— און וואו האט איהר אהינגעטון דאס געלט?

מאכט איהם דער אודיטאר אויפמערקזאם, אז לויט'ן פריקאז דארף אלץ געשעהען: „וו יעווא, ראווינא, פריסוטסטוויע", אבער

קיין דעת האט ער נישט. איבערפרעגען טאר ער נישט. און לעזט איבער דעם פראטאקאל און פרעגט: וויערנא?

די תפוסים ענטפערען: וויערנא...

און ר׳ משה וואהל מוז אונטער חתמענען...

און ער קומט אראפ פון מאגיסטראט, און מען פרעגט איהם:

— וואס הערט זיך? ווי זעהען זיי אויס?

צוואווינט ער זיך, ווי א קליין קינד...

מוז מען שוין עפעס טוהן, זיך נעמען צו דער זאך. מען מוז דאך דערגעהן, מיט וואס מען האט אויף זיי אזא שרעק געווארפען... לאז נאר קומען י. מ. פון ווארשוי, ער וועט געוואר ווערען... אבער אסיפות מאכט מען, קלערען קלערט מען, טאן עפעס מוז מען...

פלוצלונג א נייע מעשה:

א קול לאזט זיך ארויס אין שטאדט, מען ווייסט נישט פון וואנען, נאר אויף זיכער — איינער פון די אידען איז געשטארבען אין קאסעמאט!

מען דערמאנט זיך אן טשאסאוואי'ס טויט; מן־הסתם אויך דערשמיסען. און מען ווייסט שוין אויף קלאר, אז יציאת נשמה איז געווען נאך פאר עטליכע טעג... זיי ווילען איהם נישט ארויס־געבען. אוים מורא, מען זאל נישט זעהען, וואס מען האט איהם גע־טאן. זיי ווילען, ער זאל פארפוילט ווערען... און אפשר וועלען זיי איהם ערגעץ אין א הייל אריינווארפען, צי אין וואסער, — דער איד וועט גאר צו קבר ישראל נישט קומען! און מען ווייסט שוין, ווער עס איז דער קרבן: משה! און אין אלע גאסען שטעהט איין קול: משה! משה! און נישט אפגערעדט, מיט אמאל אלט און יונג, קינד און קייט, מענער און ווייבער, — א לאז זיך געטאן צו דעם קאסעמאט! און איין געשריי, איין יללה:

— נים אונז אפ דעם בר מנן!...

שטעהט אן אפיצער ביים קאסעמאט: שרייט ער:

— משה לעבט...

און רופט אין קאסעמאט אריין: זאל ער זיך באווייזען! און אין שמאלען קאסעמאט פענסטערל, אין דער הויך, באווייזט זיך משה'ס קאפ, א לעבעדיגער —

מען גלויבט זיך קוים, שרייט מען צו איהם ארויף:

— מאַך מיט'ן מויל, מאַך מיט די אויגען!

ער טוט עס. איז נאָך ווענינ:

— שריי ארויס א ווארט:

ער מאַכט מיט די ליפּען, הערען הערט מען נישט... קיין כח נישט צו רעדען... אבער אבי ער לעבט, מען געהט אהיים מיט א פרייד: ער לעבט, ער לעבט...

און דעמזעלבען טאָג געהט א דאָקלאַד קיין לובלין:

— אידען א בונט געמאַכט, באַפאַלען דאָס קאַסעמאַט, גע־וואַלט אויפרייסען... געמוזט זיי ווייזען די גנבים... געוואַלט זיי מיט געוואַלט באפרייען... א מערכה דער און דער אָפיצער... קריגט דער אָפיצער א דאַנק, ווערט פארגעשטעלט אויף אַן אָרדער: „זא כראבראסט", און איז שטאָדט ווערט איינגעפיהרט קריגס־צושטאַנד. נישט מאַכען קיין רעדלעך. מעהר ווי צוויי צוזאַמען נישט געהן... נאָך אונטערגאַנג פון דער זון — די לאַדען פאַר־מאַכען, אין גאַס זיך נים ווייזען... קיין אסיפות נישט מאַכען, נישט אין בתי מדרשים, נישט אין הייזער... און קאַזאַקען אויף פערד רייטען ארום אלס פּאַטרולען מיט נאַגייקעס... ביי נאַכט — טאָ־פּעלטע פּאַטרולען... באַווייזט זיך ווער — מיט נאַגייקעס אין קאַ־סעמאַט אריין... פיעל ווערען אין מיט'ן גאַס באַפאַלען אויך ביי־טאָג און באַזוכט. געפינט מען עפּעס א צייכען וועגען ענין — מיט נאַגייקעס, אין קאַסעמאַט אריין... א שרעק באַפאַלט...

לויפט מען אין בית־המדרש אריין תהלים זאָגען, — מען צור־טרייבט מיט נאַגייקעס... ווייבער לויפען איינרייסען די שול — קאַזאַקען רייטען אַן, רייטען ארויף מיט די פערד... מען רייסט אראָפּ די קאַפּקעס, די שאַלען, און ווערען נעלם... פון דער נייי־שטאָדט לויפט מען אויפ'ן בית עולם ארויף, זאָלען זיך די טויטע מיהען... ארויסגעלאָפען שטילערהייט, ביינאַכט, אין א פינסטערער נאַכט, צוגעפאַלען צו דער ערד, מיט די מיילער צו די מצבות, פארשטיקטע יללות... „בית פרעה" — דער שלאָס דערהערט, ארומ־גערינגעלט דעם בית עלמין, איינציגווייז ארויסגעלאָזט פון טויער.

זיי האבען מורא פאר טויטע!

אז אויסגעשטאַרבענע שטאָדט... און י. מ., די איינציגע, די לעצטע האָפנונג קומט אַלץ נישט... טייל זאָגען: קראַנק, אַנ־דערע: מורא צו קומען...

היוצא מזה: אל תבטחו בנדיבים...

און אין דער טויטער שטילקייט דערהערט זיך:

— א פעלד־געריכט געקומען...

א פאר טאג שפעטער:

— ווידער מודה געווען...

— געפסקעט — תליה!

— אוועקגעשיקט דעם פסק צום באשטעטיגען...

דערמאנט מען זיך:

פאראן דאך ערגעץ אידען, וואס האבען א דעה! וואס קענען, וואס מוזען העלפען!

אבער ווי קומט מען צו זיי? די בראמען — טאפעלט באוואכט, קיין פעסער גיט מען נישט; קיין אויסלענדישע וועט מען געוויס נישט געבען... קיין דעפעשען וועט מען נישט אננעמען, און ווער עס וועט געהן מיט א דעפעש, וועט אריינפאלען אין קאסעמאט...

זאל זיך עמיץ מוסר נפש זיין, אריבערכאפען די גרעניץ אין טאמאשאוו, דריי מייל אינגאנצען, פון דארט קיין לעמבערג, פאראן א פרעדיגער לעווינשטיין, פון דארט טעלעגראפירען צו משה מאנטיפיארע קיין לאנדאן, צו קרעמיע קיין פאריז...

— ווער וויל זיך קויפען עולם הבא, זוכה זיין אין אייביגען לעבען?

געפונען זיך אזוינער...

אברהם מאנים — זיין נאמען; נאכ'ן ווייב: אברהם מאנים דער ראניאכים; זיין ווייב הייסט ראניע...

ווער איז ער?

א בעל הבית? א דאזאר? א מתעסק בצרכי צבור? א מושלם? א משכיל?

גאר נישט פון דעם אלעם...

אן אלטער איד, קרוב לשמונים, קלייבט זיך שוין לאנג צו פאהרען שטארבען קיין ארץ ישראל, נאר זוגתו ראניע תחי' וויל נישט. זי וויל נישט און קאן נישט איבערלאזען דעם זאמושצער בית עולם, וואו זי האט איהר גאנצע משפחה... אין בית המקדש וואלט זי אהן די מתים א יתומה געווען... און אהן ראניען וועט אברהם מאנים נישט פאהרען... ווי פאהרט עס א איד אהן א ווייב?

און שפּעטער מיט א צוויי יאָהר, אז ער האָט זי איבערגע־דרייפּערט, און זי פאָהרט מיט איהם, איז זי איהם פון צפת, וואו זי האָט איהם איבערגעגעבען אין זיכערע הענט אריין, אונטער די הענט אוועקגעקומען, אהיים, צו איהר בית־עלמין אנטלאָפען...
אבי אברהם מאניס איז בשלום אריבער דעם ים!... און צוגע־פאַלען איז זי צום בית עלמין מיט א פרייד און א געוויין, די ערד געקושט און געקושט, קוים מען האָט זי אפּגעריסען...

ווי ווער דאָרט לעבען אהן איהר אברהם מאניס? צוגעבונ־דען איז ער צו איהר געווען... א בעל תוקע איז ער געווען, איינ־מאָל נאָך שחרית אהיים געגאַנגען זיך איבערדרעמלען, און גע־בראַכט, א פאַר'חוש'טער איד, אויפ'ן אָרט פון קיטעל — ראַניע'ס א ווייס העמד...

— נישקשה, זאָגט ער, אַז אשה צנועה ראַניע, א צדקת, מען מעג אין איהר העמד בלאָזען...

וואָס נאָך איז ער געווען?

א חסיד — א בטלן, פריהער א באַהאַלטענער; שוחט גע־ווען: אויף דער עלטער, אַז די אויגען זענען איהם אביסעל שוואַך געוואָרען, זיך פון שחיטות אָפּגעזאָגט, און ערשט דאַמאָלט מודה געווען: ער איז א בעלזער חסיד. קיין מושלם אלזא נישט; אפילו א שטיקעל עם הארץ אין תנ"ך.... זאָגט אמאָל, אין בעלזער'ס נאָ־מען, א נוטריקין אויף יעקב אבינו'ס לייטער, און ווייסט נישט, אַז „סלם" אין תנ"ך איז אהן א וי"ו...

ביי די זייטען האָבען מיר זיך דאַמאָלט געהאַלטען!

און ער, דער אַלטער בטלן, ווערט פאַהרען...

און ער איז געפאָהרען...

די „אויסאַרבייטונג" ווענען עניז, וואָס מען האָט איהם אי־בערגעגעבען פאַר'ן פּרעדיגער לעווינשטיין, און אין וועלכער איך האָב אויך א חלק געהאַט, האָט מען איהם אין העמד פאַרנעהט...
דורך בשלום די בראָס... אריבער בשלום, אהן א פּאַס, די גרענעץ.
אין דריי טאָג אַרום:
בטל דער משפּט!

די אפּיצערען האָט מען שפּעטער געזעהן אין ווארשע, אהן עפּאָלעטען, אפילו אהן שטיוועל... אָפּגעריסענע...

— א, א זאמושצער? שענק א פאר גראשען...

און מען פארגעסט די צרות... אברהם מאניס באגלייט מען קיין ארץ־ישראל מיט גרויס פאראד און — מיט דער צייט הויבט זיך אן צו בלעזלען אויפס נײ... השכלה!

צו „בלעזלען“, ווייל ביי אונז אין קליין פאריז ווערט דער פראַ־צעס נישט זיין געפעהרליך, גאר אהן א הויכע טעמפעראטור. און אז איך און מיין חבר יחזקאל וועלען זיך מיט אמאל, אין א שעהנעם העלען פרייטאגדיגען טאג, באווייזען זיך פלוצלונג אין גאס, אויף די פאדטשענעס, אנגעטאן „דייטש“, אין מארינארקעס, — און אז מיין חבר יחזקאל וועט אריין אינ׳ם נײ־געעפענטען פראגימנאזיום, וועט צו קיין עקצעסען קעגען השכלה נישט קומען...

דער השכלה־פראצעס וועט דורכגעהן, ווי ווייט מעגליך, שטיל. די געבורט אהן גרויסע וועהען, — די הימלישע טאכטער וועט נישט אפגענומען ווערען מיט צוואנגען. — דאס קעפעל איז גאר נישט אזוי גרויס, און קיין ערשטלינג וועט עס נישט זיין...

דערפון אבער שפעטער. —

6.

השכלה. ר׳ משה וואהל. דריי־שוועסטער־ליעבע.

צו קיין עקצעסען וועט נישט קומען.

זאמושץ — א ליטישע שטאדט!

פון אייביג אויף אן „עיר מלאה חכמים וסופרים“, — גע־וועזען א שטאדט פון תורה, „און וואו תורה — דא חכמה“ — א קונץ היינט צו זיין אן עלוי?

שפעטער, אלס „מאניש“, פארזעה איך בעסער אין יענע צייַ־טען אריין... ווען —

געלעבט האבען די אלטע בעל־בתים, מעשענע ברילען, זילבערנע בתים,

גאָלדענע עטרות. אייזערנע מחות...
אַנדערע יאָהרען, אַנדערע כחות...

דאָס בית המדרש איז „פול מיט קאָרפּען קעפּ", און עס איז ענג: „מען לערנט נאָך אין פּאָליש, מען לערנט נאָך אויף די טרעפּ..." און ווי געזאָגט: „וואו תורה — דאָ חכמה". איז שטענדיג אַזוי געווען. אַזוי דערצעהלט מען! נישט מ י ר; איך האָב אונטער. „וואו מען זייהט מיך נישט", — אויב עס ווערט נאָך אַ פּעם דערצעהלט. „וואקס איך אויף", און „זיץ, ווי אַ גולם" מיט אָן אָפּענעם מויל. עלטערע וואונדערען זיך: „אַן עלוי'שער קאָפּ"; חברים: אַ יונג, ווי אַ „קוועקזילבער" און לעגט אוועק פאַר מעשה־לער אַ בלאַט גמרא — גליטש און טייך! איך אַליין פאַרשטעה עס אויך נישט. נאָר עס ציהט מיך. איך וואָלט פאַר אַ מעשה'לע אפילו חתן־כלה־שפּיעל אין חורבה אוועקגעלעגט, — האָט עס אָבער אַליין אויפגעהערט... מיידלעך ווערען פריהער רייף; כלה־מייד־לעך! מיט מיין כלה פון חורבה וואוין איך אויף איין און דיזעלבע טרעפּ און טרעף זי נישט...

אינסטינקטיוו האָב איך ליעב מעשה'לעך.

דאַוונען אין בית המדרש צוויי גרויע טויבען, צווילינג־ברידער, זיך ענליכע, ווי צוויי טראָפּען וואַסער. מען פאַרשטעהט נישט, ווי די ווייבער אונטערשיידען זיי, ווי די קינדער דערקענען... „מעג־ליך — שמייכעלט מען, עס טרעפען זיך טעותים!" האַלטען זיי זיך שטענדיג צוזאַמען, האָבען בשותפות אַן איינפאַהר־הויז אויף דער ברוקאַוונער גאַס, און זיצען אין בית־המדרש שטאָדט־ביי־שטאָדט, מיט'ן רוקען צום שלחן, מיט'ן פּנים צו ארון קודש. און טרעטען זיך נישט אָפּ, און וואונקען, אויב זיי בלייבען עט־וואָס לענגער נאָכ'ן דאַוונען, ווי די טויבען, ווענען אַלטע צוויי־טען; און איך בין שוין ביים שלחן, האַלט שוין די אויערען צווי־שען די גרויע קעפּ.

„אַ שפּאַס אַמאָליג זאַמושץ", דער „גאון" — „דער אייזער־נער קאָפּ!"

דאָס מיינט מען אַז אַמאָליגען רב אין זאַמושץ. און „כי־

כי־כי!" — איין שפראך און איין געלעכטערל. און צוויי פלאכע הענט — א כאפ זיך פאר די ליפען, מנהג פראנצויז; דר. סקשינסקי טוט אויך אזוי: א מענש זאל נישט שפריצען מיט'ן מויל. און דערצעהלען דערצעהלען זיי זיך איין אנעקדאט, ווער ווייסט, צום וויפעלטען מאל — פון „גאון":

מאכט זיך א מעשה: א זומער טאג, אפען די טיר. קומט א דינסט־מיידעל מיט א שאלה, מיט א ווארעם גענזעל אויף א טעלער... פריש געבראטען, צושניטען און עפעס געפונען... געהט דאס מיידעל בארוועס, הערט ער נישט איהר קומען; זיצט איבער א ספר!... קומט זי צו צום טיש, שטעלט פאר איהם די „שאלה". ער זעהט נישט, אין ספר פארקוקט. רוקט זי זיך אפ צוריק צו דער טיר און שטעלט זיך ווארטען, זי וועט דאך איהם נישט מבטל זיין... האט ער, דער גאון, א חוש הריח, דערפיהלט ער און דערזעהט... מיינט ער, ער זיצט און עסט... קוקט זיך צו — א גענזעל. „אי, א רביצען!" — ווי זי „קעבעלט איהם!" לערנט ער ווייטער מיט די אויגען, און די הענט כאפען און ווארפען שטיקער „שאלה", צווישען בארד און וואנסען, אין מויל אריין... די מויד — פארשטיינערט פאר שרעק. און איידער זי קומט צו זיך, איידער זי גיט א געשריי צו דער רביצען אין קיך אריין, און איידער די רביצען קומט, — אוים גענזעל!

מאכט ער —

— שא, שא, רביצען! אז איך האב געגעסען, איז כשר!

פינטעלט די רביצען מיט די אויגען, און ער:

— זאג איהר, זיי מוחל; — די כלים כשר!

און דער אייגענער גאון איז א בקי בשבע חכמות. פיהרט, דערצעהלען זיי, וכוחים מיט'ן קאנאניק, און ד ע ר געהט שטענדיג אוועק אבל וחפוי ראש, „ווי א קוימענקערער!"

און א שול־שמש געווען — —

— אן אביון...

— א מטופל!

— מען האט גארנישט געוואוסט, אז ער איז אזא מזיק...

און דער איד האט געפונען „א נייעם אופן צו חשבונען". מען זאל אויסרעכענען „אויף הונדערטער יאהרען להבא" אלע לקוי חמה'ס און אלע לקוי לבנה'ס. נאך דער פטירה געפינט מען די

קארעספאנדענציע, וואס ער האט געפיהרט דאריבער מיט דער פאר־ריזער אקאדעמיע. ווי ווייט עס איז אמת, און וואו די כתבים זענען אהינגעקומען, ווייסט מען נישט. צו חצות — זאגט מען — פלעגט ער, דער שמש, און ר׳ ישראל זאמושץ, דער בעל־מחבר פון „הטבע" (אויב איך האב קיין טעות נישט) צוזאמענקומען זיך ביים „אייזערנעם קאפ", און נאך חצות, פאר עלות השחר, זיך מתוכח זיין אין חכמה... פון ישראל זאמושץ (ווען די מעשה זאל אפילו אמת זיין) רעדט מען ווייניג. דעם דעסויער׳ס רבי; גלייכער מען שווייגט. נישט קיין גוטס, נישט קיין שלעכטס.

און גבירים געווען...

— פאסעסארען, גרויסע גיטער געהאלטען.

— רע־פוילען, ארויסגעטריבען.

— נאך פראצעסען געמאכט. תקיפים אין סאנד, דער עקאר־נאם זאגט, וואס דער פריץ הייסט, און מען ליציטירט נאך אזא איד, וואס געהט אליין נישט אוועק פאר׳ן טערמין, למשל —

— ר׳ יוסל!

— נפטר געווארען אין שטאדט, — אן אביון...

— א יתומה געלאזט — א בוגרת...

פון דעם ווייס איך אויך עפעס. די יתומה קען איך. א הויכע, א מאגערע, מיט שלעפעדיגע פיס, וואסערדיגע אויגען און האר — ווייסע, ווי פלאקס; דארפישע האר. אבער מען לויבט זעהר איהר פויליש רעדען. און — די פאר פארטרעטען, וואס העננגען ביי אונז אויף די ווענט: נאפאלעאן דער דריטער און זיין קיסר׳טע עווגעניא, מיט וועלכער איך האב מיין לעצטען רבי׳ן געפייניגט. — די רויטע גרויסע, הויכע און ברייטע שאפע („א שאפע, ווי א הויז"), אין וועלכער, זיך באהאלטענדיג פאר׳ן דר. סקשינסקים נקמה, איך האב איבערגעפיהרט א פולען טאפ מיט אייער, און די צוויי לאנגע, שווארצע שטאנגען, מיט די מעשענע גאלקעס צו פארהאנגען, וואס די מאמע לאזט נישט קויפען („משוגע מיינע שונאים!") און וואלגערן זיך דעריבער ארום אויפ׳ן בוידעם. — די אלע דריי מציאות (די ליעבשאפט צו מציאות, וואס איך האב גע׳ירשנט!) האט דער טאטע אויף דער ליציטאציע ביי דעם יוסל אין דארף געקויפט.

— „רע־פוילען"... איינציגווייז אין שטאדט אריין געטריבען.

— ווער איז געבליבען? איין י. מ...

— איז ער דאך י. מ.!

אבער די פאטעסארען זענען געווען „אויסגעמישט" מיט פרי־צים, געפיהרט זיך פריציש, געקומען און געבראכט אין שטאדט אריין פריצישע מנהגים, ווי די „לייפסקער סוחרים" פון לייפציג — אביסעלע דייטש! — (די דייטשקע, וואס איז א גלגול געווארען!)

— א מהלך קיין לייפסק!

— גזלנים אויפ'ן וועג!

— מען פלעגט דאך פאר'ן פאהרען שרייבען צוואות, איבער־געלאזען גט'ן על תנאי...

— נישט אונזערע צייטען!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— אבער געהערט האט מען, דערצעהלט האט מען!

און „אונזערע צייטען" זענען אויך נישט אזוי שלעכט. ערשט נאך אייכענבוים, צעדערבוים און אנדערע. עס קומט קיין זא־מושץ צו י. מ. אין הויז אריין — יעקב רייפמאן, דער גרויסער „אפיקורס" און „חוקר קדמוניות"... מיין פעטער, וואס וועט זאמ־לען מיינע כתבים — מיינע חטאת נעורים, טראגט זיך דייטש־מעריש, נישט גאר קורץ, אבער נישט איבער די קני. (צוויי מאַ־סען געווען: ביז צו קני — דייטשמעריש. גאר קורץ, אז מען זעצט זיך און די מארינקע ריהרט קוים אן מיט די זוימען דאס געזעס — עכט דייטש). פאהרען דורך בראדער זינגער, קומען זיי צו איהם, זינגען... ביי איהם איז דא אסך קליינע ספרים'לעך אין א „גלעזערנער" שאנק. צווישען אנדערע: דר. עטינגערס „סער־קעלע", זיין „קונעל". וואס ער האט איבערגעמאכט פון שילערס „גלאקע". און די משלים... און דעם אלטען ר' זלמן'ס הויז? ער אליין — א פארצייטיגער פליישיגער איד. אין א ברייטער טיז־ליק אין דער האנט — א שטאק מיט א זילבערנער גאלקע, געהט (צוזאמענמאכענדיג נדבות) מיט'ן שטאק פאראוים. דער שמש טראגט נאך די זילבערנע פושקע... זיין ווייב (איהר נאמען האב איך פארגעסען) א אידענע מיט „א דריי־גארענדיגען גווידער", נישט קיין געלעכערטע אויערען; די „געהענגען" — לאנגע ברילאנטענע אויערינג — באמבלען זיך אויף זיידענע פעדעם פון שטערענ־טיכעל אראפ. אזן אין זייער הויז: א גערטעל אין מיט'ן הויף, א

הילצערנער גאניק, וואס לויפט ארום שטאק, פארהאנגען אין די פענסטער. און הינטער די פארהאנגען (איז לינדער דאס וועטער — אויפ׳ן גאניק, זומער־צייט — איז אין גערטעל, אויף א באנק ארום דעם איינציגען בוים אין דער מיט, אין מיט׳ן קראנץ פון אלערליי בלומען ארום), זיצט א טאכטער אן אלמנה, צוויי מיידלעך (א העלם און א שווארצס) און לערנען פראנצויזיש פון אלענדארף און לעזען דייטש „ווי א וואסער״, עפעס א גרויסע ביבליאטעק דארט פאראן, שפעטער האב איך פון איהר ארויסבאקומען א פיזיק.

און א... ל... טראגט זיך שוין אליין דייטש, עכט דייטש, וואוינט אין עק שטאדט, רעכטס (פון מארק גערעכענט) צום אפיצערען קלוב, אין א באזונדער הייזעל, שוין מיט א גרויסען גארטען, הויך מיט ברעטער ארומגעצוימט, איז דורך די שפאלטען פון צווישען די ברעטער, אז מען גיעהט זיך באדען, — עס איז ביים שמאלען וועגעל, — זעהט מען, ווי אין גארטען דרעהט זיך ארום זיין איינציגע טאכטער, א הויקערל, וואס שעמט זיך ארויסצוּווייזען אין גאס אריין, און רייסט בלומען אדער קוקט אריין אין א ביכעל.

פאראן אין גערטעל עפעל־און בארען־בוימלעך. — מיר קרייכען נישט איבער׳ן פלויט. דרך־ארץ און אפשיי פאר׳ן קליינעם געבילדעטען הויקער און — פאר׳ן סמאטריטעלם הינטעל...

און ק... דער וואס האלט דעם ווייןהאנדעל, וואו די אפיצערען טרינקען און פריצים פון ארום — עסען און קויפען אהיים וויין און באקאליע. פאראן דארט א פיין, בלאנד „פארצעלייען״ מיידעל, מיט זיידענע, לאנגע בלאנדע צעפ (זי וועט דערמאנט ווערען), וואס לעזט ביכער, געבארגטע פון פריצים און אפיצערען.

און י. מ.׳ס הויז, וואו גרויסע אפיצערען שפילען פרעפעראנץ, וואוהין דער גרויסער אפיקורס יעקב רייפמאן וועט קומען אלס לעהרער ? ! און — א היימיש מנין דארט פאראן, מעהר פאר די קינדער ; י. מ. אליין איז דאס מעהרסטע אין ווארשע. פאר׳ן עמוד אלס חזן פראדוצירט זיך א היטעל־מאכער, דער כאר — זיינע ברידער, אויך היטעל־מאכער. נישט זעהר קיין פרומע אידען. א ברודער האבען זיי א שטיקעל אפיקורס — א לעהרער פון קאליגראפיע, וואס שרייבט אידישע שירים, אלא עטינגער ! איינער פון

די „זינגער“ וועט אין קורצען געהן פון דער וועלט, וועט מען דערצעהלען, אז ער האט זיך, פאר גסיסה, געהייסען געבען א ווערמיגע פלוים צו עסען. אז מען וועט אויף יענער וועלט שמייסען און אויסרופען פאר וואס, און מען וועט דערמאנען די ווערמיגע פלוים, וועט ער וויסען — א סוף! און זיי זאגען אלע „עברי!“ נישט ליטוויש, דאס וואלט מען נאך דאמאלט נישט פארטראגען. א ליטוואק איז „א צלם קאפ“. א ליטוואק זעצט זיך אין א קרעטשמע ביי אן ערלית און לערענט. און זאגט צום פארגאפטען אורח: „איהר ווייסט גארנישט, אן אשה צנועה דאס איז!“ זי איז דאך איהם מאכיל ומשקה און לאזט איהם נישט מפסיק זיין פון לערנען! (זעה — „דער חלום פון ליטווישען מלמד“). א ליטוואק, אז דער צווייטער רופט איהם צו שמד, ענטפערט: „ווארט, איך וועל נאר אפדאוונען מנחה“ — און א ליטוואק איז נאך א יקר המציאות אין דער גאנצער געגענד. אין זאמושץ געווען איינער, אפילו גראד א פיינער, גאר א פיינער יונגערמאן. טאקע ר׳ זיינוועל׳ס איידעם. איז ער. נעבעך, אוועקגעקומען; די אלמנה וויל פארזיצען...

ז י י זאגען פוילישע עברי. שמחת תורה, די גבירה אין די גרויסע בריליאנטען אין די אויערען, מיט קעלנערל, מיט פערלען אויסגעשטיקט, איבער׳ן האלז (אזוי אין לעבען, ווי אויף׳ן פארטרעט אין סאליע). — די גבירה שמייכעלט ליעבליך און דערלאנגט כיבוד: טארט (איך מיין, איהר שוועסטער און מיין באבע באקט איהם), ניס, ביר, צוקער־בראנפען; עטוואס ווייז אויך. און זיי, דער חזן מיט די משוררים, זינגען ל י ע ד ע ר! „דער תעודה מיט׳ן האמער, קלאפט שוין אין קאמער“, און גאלדפאדען — מיט די פויסטען אין אידישע לאדען אריין, „שוין טאג! די אומות העולם ווארטען אויף אייך!“ אין זאמושץ — עטוואס קאמיש, ווי דערמאנט — ווער זענען די אומות העולם? אבער עס זינגט זיך!

און דער מנין זאגט קיין פיוט נישט. צו יזכור טרעפט זיך דער געמישטער, נ י ש ט פאר׳יתומ׳טער עולם, פון מענער שטוב און פון דער ווייבער־שטוב (די סאליע) אין הויז — אן התחלה פון פלירט. יום כפור איז מען זיך געגענזייטיג מכבד מיט הארץ־טראפען, אבער פריהער מוז מען ווייזען די צונג, צי מען פאסט...

און דאַרטען דאַוועגט קינדערפריינד, אַן אַלטער בחור, אַ געגאַלטער, האָט אַ סדור און אַ מחזור מיט דייטשער איבערזעצונג. ווייסט פון „פעדאָן“, רעדט פון „יערוזאַלעם“, — פרעגט מיך אַמאָל:

— וואָס איז אייער פאַרלאַנג, ר׳ ידער און דער?

איך געדענק הלל׳ן און זאָג: ואהבת לרעך כמוך. ער זאָגט: ניין, אנכי, דאָס איז דער יסוד!

אמת, אין דער זעלבער געזעלשאַפט אריין, אַז עס איז אַמאָל (איך געדענק שוין נישט, צוליעב וואָס) אריינגעקומען אַ געוויסער רפאל עסיגמאַכער, אַ שטאַמעלדיגער איד, וואָס האָט אַן עסיג־פאַבריק, און וואָס איז ערשט געקומען פון ערגעץ, צוליעב אַן אָפעראַציע, פון אויסלאַנד, און האָט דערצעהלט, בעיני ראיתי. ער האָט אליין געזעהען, אַ וואָגען איז געפאָהרען אָהן פערד, — האָט מען זיך אַזוי צולאַכט, אַזוי לאַנג חוזק געמאַכט, אַזוי לאַנג זיך געוויצעלט און אַזוי לאַנג מיט ווערטלעך געשטאָכען, ביז דער איד ר׳ רפאל האָט געמוזט „מודה“ זיין, ער האָט „משטה“ געווען, אויסגעטראַכט... אבער אַן התחלה איז שוין געווען! אַ זאַמען פאַר נייע צייטען — שוין געוואָרפען!

און אפילו אַ פּשוט׳ען איד, דאַכט זיך, נישט זעהר קיין ניכטערען, פאַלט אַמאָל איין און ער קומט פּלוצלונג אין חדר אריין, וואו זיין איינציג יצחק׳ל לערנט, און זאָגט:

— רבי! (אַ גרויס־פּוילישער, מיט דער ריש) נייע צייטען; מען דאַרף זיין געבילדעט! מיין בן דאַרף אַ חתן ווערען!

קיין פּסוק וויל ער נישט, קיין אפּיקורס, וויל ער נישט, ער זאָל ווערען, אבער —

— אַ פּרק קאָנקאָרדאַנציע מעגט איהר מיט איהם לערנען! יעדען טאָג אַ פּרק!

און עס דרעהט זיך נאָך ארום אין שטאָדט, דאַכט זיך, אַ קאַנדידאַט אויף דער „תוכחה“, עפּעס אַן אָרעמער, אַלטער הוי־בער, געלער, ברייט־פּלייציגער איד. דעם פאַמיליען־נאָמען קיינמאָל נישט געהערט, דער צונאָמען — נישט דרוקפּעהיג, מיט׳ן נאָמען „יואל“, וואָס האָט גאָר ערגעץ אין רוסלאַנד אַ זוהן, וואָס שיקט איהם געלט מיט דער פּאָסט, אַ „פּאַלנעם יעדנעראַל!“ (רוסיש־פּויליש־פּעסטונג־לשון בנוגע צו מיליטער זאַכען).

קיין שטאָט־אַרבייט וועט פאַר דער השכלה נישט זיין!

ערגעץ אַנדערש פילדערט, רוישט. חסידים שמייסען די משכילים אויף קאָנקאָרדאַנציעס, — משכילים שרייבען מיט אייז האַנט שירים בשבח ההשכלה און וועגען די פיער צייטען פון יאָהר, און אָדען — דאַנק־און לויב־געזאַנגען צו דער ממשלה, פאַר איהר חסד צו כנסת ישראל און מיט דער צווייטער האַנט — מסירה׳־לער אויף די שוואַרצע... און אַ מלחמה מיט תקיפים און קהל, אַ מלחמת מיט רבי׳ס, אַ מלחמה מיט חסידים, מיט רבנים...

ביי אונז — פון דעם אַלעם קיין צייכען.

אויב איך וועל קלאָגען אַמאָל:

אַכט און צוואַנציג גראָשען פלייש אַ פונט...

און צום גראַם:

„אַרויס צו וואַרפען פאַר די הינט“.

און קרעכצען:

„און אַ פונט, אוי, אַ גרויסע קלאָג!

„שטיינער און ביינער און אַ פאַלשע וואָג...“

און נאָך שפּעטער, אין „ספורים בשיר“ (צוזאַמען מיט מיין געוועזענעם שוואָער נ״י ליכטענפעלד געדרוקט), אַ פּאָעמע „חנה“, וואו די העלדין מיט דעם נאָמען ווערט פאַרשוועכט פון ראש הקהל׳ם זוהן, און דער ראש הקהל דער תקיף א. א. וו... וואָלט עס זיין נישט מעהר ווי אַ נאָכמאַכעכץ... ווי איך האָב נאָכגעמאַכט היינען... נאָר מיט מעהר געשמאַקלאָזיגקייט. געוועזען ביי אונז אַ פּאַכט (ענ־ליך צו דער „טאַקסע“), אָבער אַהן שווינדעל און רויבעריי, און — אויך בטל געוואָרען. דער אידעאַל פון אַ ראש הקהל אין זאַמושץ איז (ביז אין דער לעצטער צייט כמעט!) אַ איד, וואָס קאָן נישט רעדען, און וועט נישט פּלוידערען אין מאַגיסטראַט, — וואָס קאָן זיך נישט אונטערשרייבען (און וועט נישט חתמ׳ענען אַהן קהל׳ס וויסען; דער חותם פון דאָזאָר ליגט ביי׳ן אַ בעל־הבית!) און באַ־קומט פּעטש פון ווייב, פאַרוואָס ער מאַכט נישט בעסער חתונה די טעכטער... קיין רביים לאָזט מען אין זאַמושץ נישט אַריין. מען וויל נישט קיין מחלוקת. הערט זיך, עמיץ פאָהרט, לויפט מען צום נאַטשאַלניק, שטעלט ער וואַכען ביי אַלע בראַמען. דעם עומד על גביהם, אַ איד, ניט קהל, באַווייזט זיך די בויד:

— קודי? נאַזאַד!

ר׳ גרשון הענעך „פון תכלת" (אזוי פלעגט מען איהם רופען) וויל דוקא אריין קיין זאמושץ, און א בעל נצחון — קויפט ער זיך אין שטאדט א הויז. מען וועט דאך גישט ארויסטרייבען קיין בעל־הבית? ליתר „תוקף ועוז" גנב'עט ער זיך אריין ביינאכט! — אין דער פריה, עוף השמים... מען ווייסט שוין; ארויסגעפיהרט, נישט מיט גרויס כבוד!

חסידים זענען וועניג אין דער צאהל און האבען גאר קיין דעה נישט. לעקען זיך ערשט אוים פון די „וואנדען", וואס זיי האבען באקומען, אין גאונ'ס צייט, פון קהל און זיינע פארשטעהער. א יונגערמאן, נאטירליך פון דער פרעמד, קריגט בענקשאפט, כאפט זיך ארוים, לויפט צו א רבי'ן. — מען שיקט נאך רייטער, מען כאפט איהם, מען מאכט איהם א פעקעל. מען פיהרט איהם אזוי איבער דער גאס, אין דער היים — מקיים פסק, דערנאך צום רב. אפגע'גט און — הײדא! נאך אז אייגענעם זיצט מען שבעה! א גאנץ „מנין" אז מען כאפט, פיהרט מען אין מאגיסטראט אריין, שערט מען אפ מיט גוי'שע הענט די פאות און מען גאלט האלבע בערד... מענשען געדענקען עס נאך.

היינט, דאנקען גאט, שטיל! דאס הייסט — זיי דאנקען גאט! אז דער אישביצער רבי וועט, מיט יאהרען שפעטער, וועלען איבערפסקענען דעם זאמושצער רב'ס (דוקא שוין נישט קיין שם־דבר!) א דין תורה, וועלען מיר ז י י לעגען אין חרם אריין: מיר — דייטשען, די אישביצער חסידים!

וועלען מיר אפשר מלחמה האלטען מיט'ן רב?

איז אונזער רב, מיין פארעהרער, מיין שפעטערער ר׳ ווישעלע, — ר׳ משה וואהל.

אבער איהם קומט א מדור מיוחד!

ר׳ משה וואהל — דעם ליסער'ס תלמיד. ער ציטירט זיין דעה און שרייבט: ותלמידי הגאון... געווען א גבירישער איידעם, געווארען סוחר; דאס געלט פארלוירען — רב אין זאמושץ. א שונא בצע, זיצט ער שוין אויף דער שטול א יובל, און לאזט זיך נישט געבען קיין הוספה. „מאכט מיר נישט קיין רייכען האלז!" רח"ש נעמט ער נישט! דיז־תורה־געלט צוטיילט ער צווישען די

בייזיצער — דיינים אדער בוררים. נעמט נישט אין מויל אריין. וואָס זיין רביצען קאָכט נישט. אויף א סעודת מצוה ניפּט ער אביסעל, א ברכה צו מאַכען; עסט א טרוקענעם כזית, צוליעב וואשען און בענשען.

און — א קליין זים אידעלע, א ווייס זילבערען בערדעלע. אויגען — ווירקליך „טויבען־צונגליך“! קינדער — דאָס גאַנצע לעבען! אין גאָס, אין ביהמ״ד, ער באווייזט זיך נאָר, רינגעלט איהם די יונגע חברה ארום, זעהט מען איהם ארויס קוים עטוואָס העכער — אַן עלטערס צווישען הענדלעך. און האָבען האָט דאָס אידעלע א קינדיש ציטעריג קול׳עכעל — א פיין זילבערען גלעקעלע. און אַז ער דאַוועגט, וואָס זיין חזקה איז, כל נדרי אין שול, קלינגט עס, קלינגט עס, צוגיסט זיך עס און מען הערט עס אין דער גרויסער טיפער שטילקייט, אין אלע ווייטסטע ווינקעלעך, ווי אונטען אזוי אויבען אין דער ווייבערשער שול... און — א גאַנץ יאָהר א מיקל. אלץ כשר און כשר. אַז ארעמע כנסת ישראל, אלץ איז הפסד מרובה, אזאַ באַשטענדיג יקרות... אויסער פּסח; ווי א פיש אין וואסער ציטערט ער פאַר כרת שבמשהו!

און פּסקענען פּסקעט ער גליך פון דער גמרא ארויס.

זאָגט מען, און, פארשטעהט זיך, נישט אבי ווער: דער און דער פון די גדולי הפוסקים זאָגט אנדערש, ענטפערט ער שמייכעלענדיג:

— אין מיין צייט און אין מיין שטאָדט בין איך דער איינציגער פּוסק!

שוין, רעדט מען שוין נישט מעהר דערפון.

און פאַר דעם קליינעם, צושמייכעלטען אידעלע, ציטערט מען אימת המלכות; פון גביר ביז׳ן חסיד, ביז׳ן קל שבקלים... ער איז מעניש! דאָס הייסט: נישט חס ושלום, ער, אָבער קלאָר ווי דער טאָג: מען נעמט זיך פאַר איהם אַן. איהם צוליעב אָדער — זכות אבות?

דער סוף פון שמעי׳ גבור, וואָס האָט איהם אונטער די אויגען אקעגען גערעדט, באריהמט זיך: ער לויפט, איהם אראָפּרייסען דאָס שטריימעל פון קאָפּ, ווייסט איהר אפשר, א׳ניט לעזט די סקיצע אונטער׳ן העלד׳ס נאָמען.

און צוליעב זיין כבוד איז גענש געוואָרען דער טריסקער!

די טריסקער חסידים לייקענען נישט. די מעשה — אזוי געווען: קומט אמאל קיין זאמושץ דער טריסקער, (פון דאמאלט אן לאזט מען טאקע קיין רביים נישט אריין). פאלט איהם איין, זיך נוהג צו זיין, ווי אין אנדערע, ז י י נ ע שטעדטלעך. נעמט ער דעם גבאי און שיקט נאכ'ן רב. שמייכעלט ר' משה וואהל און ענט־פערט: „געה, זאג איהם, אז דער כבוד התורה פארלאנגט, מען זאל פריהער קומען צום מרא דאתרא!" — פאלגט ער נישט, דער טריסקער, פאהרט ער אפ און איז נישט מוציא שנתו...

— געווען — זאגען די טריסקער פון רבינ'ס צד א שגגה היוצאת מפני השליט...

און צוגעגעבען ווערט, נישט אהן גדלות:

—און מיט אזא צדיק יסוד עולם ווי א טריסקער, איז מען טאקע מדקדק כחוט השערה!

און אז יעקב רייפמאן קומט צו אונז, צו י. מ. אין הויז אריין, אלס לעהרער אדער העברעער מלמד, און עמיץ ווארפט אונטער קעגען איהם א חרם, א חסידישע קונץ... און ר' משה וואהל לאזט אויסרופען, אז ווער עס איז מחרים אהן דער ידיעה פון מרא דאתרא און זיין בית דין צדק, איז אליין בשמתא... און דאסזעלבע יאהר שטארבט א חסידישער יונגערמאן, — ווייסט מען אויף זיכער, איז ברור כשמש, אז אוועקגעקומען איז דער חרם־אונטערוואָרפער! אז דאס איז זיין עונש געווען.

מען הויבט אן צו נעמען צום מיליטער. מיין טאטענס עצה, מען זאל נישט געהן, „קיין ווילט זעצט מען נישט איין", געפינט, נאטירליך, ביי קיינעם קיין אפקלאנג נישט. עס געגענט די סוף־רעוויזיע, עס בלייבט, אז די, וואס וועלען אוועקגעהן, דארפען באַ־קומען פון שטאדט שטיצונג. אויפ'ן וועג און פאר דער פאמיליע אין דער היים. ר' משה וואהל שטעלט א פושקע ביי זיך אין דער צווייטער שטוב, און לאזט אויסרופען, אז דער יושר איז, אז אלע בעלי־בתים זאלען אריינווארפען אין פושקע מעשר פון זייערע רווחים... געווארפען ווערט, ווי געזאגט, אין דער צווייטער שטוב, ביחידות, קיינער זעהט נישט, אבער מען האט אזוי מורא עובר צו זיין אויף זיין „גזרה"! אזוי פיעל פחד פאר א טעות אין חשבון, אז — מען געפינט „שרפ"ט"!

גאפט מען!

און ווי עס פּאַלגט דאָס ווייבער־פּאָלק!

איהר וואָלט געדאַרפט זעהען, ווי מען אַנטלויפט פון די פּעס־לער און שעפּלעך פיש אויף שבת, אויב דער פישער וויל טייערער מיט אַ גראָשען, און ר׳ משה וואָהל, מורא האָבענדיג, אַז אָרעמע לייט וועלען צו קיין פיש נישט קומען, קיין רעכטען שבת נישט האָבען, שיקט אַרויס דעם שמש: קיינער זאָל נישט קויפען!

ווי פון אַ פייער אַנטלויפט מען!

און י. מ. דער גביר אַליין?

ר׳ משה וואָהל לעבט מיט איהם זעהר גוט. „ישיעלע!...“ און פונדעסטוועגען, אַז מען רופט „ישיעלען“ צו אַ דין תורה און ער שיקט נאָך איהם דעם שמש, און יענער האָט געסט: דעם פּלאַץ־מאַיאָר, דעם סמאָטריטעל און נאָך... און לאָזט זאָגען... ער האָט אַצינד קיין צייט נישט, לאָזט ר׳ משה וואָהל איהם אָפּענטפערען: אלהים נצב בעדת אל. און ווער עס האָט פאַר גאָט קיין צייט נישט, קען גאָט, חס ושלום, אַמאָל פאַר יענעם קיין צייט נישט האָבען...

לויפט מען שוין!

און דער קל שבקלים?!

איינמאָל, פרייטאָג צו נאַכטס, כאַפּט ער זיך אויף שפּעט אין דער נאַכט. עפּעס אַ שאָרך האָט איהם אויפגעוועקט, קוקט זיך אום, גנבים, שטעלען אַרויס די שויבען פון פענסטער. אַ קאָפּ באַ־ווייזט זיך, אַז אינו ישראל. דאַנקט ער און לויבט דעם אויבערש־טען, וואָס „רוב גנבי ישראל“ האָט נישט מחלל שבת געווען! דער גנב איז דערוויל אַריין, כישטערט און טרעפט צו די שבת׳־דיגע לייכטער. וועט די לייכטער שוין אָפּקויפען אַ איד, — איז ער מפקיר די לייכטער. בענשט די רביצען איין שבת אין מעשענע לייכטערלעך. אַ אידענע — לאָזט זי אַביסעל טרערען ביים ליכט־בענשען. שוין! דעם צווייטען ערב שבת, מען ברענגט אָפּ די לייכטער. צוויי אידען פּאַסערס האָבען זיי געקויפט, איז איינעם אוועקגעקומען דאָס ווייב, דעם צווייטען — אוועקגעפאַלען אַ קינד, לא עליכם, אויף אַסכרה.

און דער ר׳ משה וואָהל אַליין האָט שוין, ווייסען אַלע, שוין אַ יאָהר דרייסיג קיין ספר אין האַנט אַריין נישט גענומען. גע־דענקט ש״ס ופוסקים אויסוועניג. וואו מען הויבט אָן, זאָגט ער,

אז מען דאַרף, ווייטער; ווי לאַנג ער וויל, בעל פּה. און לעזען לעזט ער דוקא די קליינע „ביכלעך". פון וואַנען נעמט ער זיי?

זיצט ביי איהם אין בית־דין־שטוב א דיין א תם. קיין בעלי־דינים נישטאַ, געהט ר' משה וואהל, מיט א ספר'ל אין דער האַנט, אויף און אַפּ אין קהל־שטוב, און שטעלט זיך אַפּ פאַר'ן תם, און גיט א פרעג:

— ווי מיינסטו? איז מעגליך אַ מענש זאָל ארומגעהן באָרוועס אויף צובראָכענע גלאָז?

געמיינט חרבונה'ן; געלעזען „מסתרי פאריז..."

ווי געזאָגט, די בת מלכה השכלה וועט ביי אונז קיין שטאַר ארבייט נישט האָבען. עס וועט זיין, א ראָמאַנטישע זאַך. איינגלעך וועלען ארומגעהן אין מארק און דעקלאַמירען ביי'ם שיין פון דער לבנה: „ציון", „החמלה", „יונה הומיה..."

און דערביי וואַרפען פאַרבענקטע אויגען אין די געוועלבער אריין, וואו כלה־מיידלעך זיצען... א משכיל וועט דורכפאַהרען פון ערגעץ. וועט זאָגען:

— דאָס ערשטע — מען עסט נישט! אידען עסען נישט! איהר זאָלט זעהען, ווי מען עסט ביי די אומות העולם!

און די קליידער וועט מען אונטערהאַקען!

און פונדעסטוועגען באַקום איך שכר השכלה!

7.

דאָס מוז איך אָבער איבערהאַקען אויף אַ ווייַלע און מאַכען א קליינעם שפּרונג אין דער צייט — צוריק. און דערנאָך א גרויסען שפּרייז פאָרווערטס. קיין טענה צו מיר קענט איהר נישט האָבען. איך שרייב ניט קיין אויטאָביאָגראַפיע, אפילו נישט קיין כראָנאָלאָגישע ערינערונגען. איך וויל אייך נאָר איבערגעבען א בינטעל שליסעלעך צו מיינע זאַכען.

און א שפרונג צוריק מוז איך געבען, ווייל איך האָב אויפ'ן וועג, אין איילעניש, א מלמד פארלוירען. און דוקא א איד א הויכען, וואָס דאַרף זיין שווער צו פארלירען, און מיט אן (ביי אונז ווענינסטענס) אומגעוועהנליכער ביי־פּרנסה, וואָס האָט געדאַרפט בלייבען אין זכרון — א טאַביק־שטויסער געוועזען! פריהער האָט עס געטאָן די רביצען, איז זי קראַנק געוואָרען און קרענקט שוין א צייט, — ליגט זי און קרעכצט. ער שטויסט טאַביק און הערט, ווי מיר לערנען ביים טיש. איז ער א למדן א גרויסער, זאָגט אונז פאר אויסוועניג גאַנצע סוגיא'ס, און — א גרויסער פּשטן. הויב איך מיך אָן צו פּשט'לען, — „אהא, קריכסט שוין ביי בויבעריק!" זאָגט ער עס נאָר, שאַד נישט. איך האָב אבער מורא, ער זאָל נישט צוקומען, נישט לעגען די פינגער אויף דער גמרא. דער איד איז פול טאַביק, קומט ער צו, הויב איך אָן צו ניסען. און האָט זעקס פינגער אין יעדער האַנט, האָב איך מורא פאר זיין האַנט! בין איך א גאַנצען זמן, אזוי ווי ער וויל, א פּשטן...

באפרייט פון טאַביק און זעקס פינגער, מעג איך שוין טון דעם שפּרונג פאַראויס. און אייך א גאָר שפּעטערע מעשה דערצעהלען. די מעשה, וואָס קומט מיר אויפ'ן זינען. ווען איך גיב נאָר א טראַכט וועגען השכלה...

עס איז שוין לאַנג נאָך דער השכלה־צייט. מען האָט זיך פון איהר שוין אָפּגעזאָגט. מען קוקט שוין אויף איהר, ווי אין דער צייט פון שמאָלע קליידער — אויף א קרינאָלינע, מען באַשולדיגט זי: נישט צוגעפיהרט וואַסער און זאַלצען צו די וואָרצלען, נישט לופט און ליכט — צו די צווייגען, — נאָר אָפּגעריסען צווייגלעך און אריינגעזעצט אין פרעמדע שטאַמען. אויף קלאָר, ווי אנדערש, ווייסט מען נישט... אָבער יענער וועג איז קיין וועג נישט געוועזען...

און איך בין שוין אַן אַלטער שרייבער. עטאַפּען דורכגעמאַכט:

חבר דינעזאָן האָט אָפּגעדרוקט די „באַקאַנטע בילדער"; קיין גראָשען נישט צוריקגעזעהען. איך האָב מיט הילף פון גוטע מענשען אַרויסגעגעבען דריי בענדער „אידישע ביבליאָטעק"; צוגאַנגען

ווי זאַלץ אין וואַסער — צוזאַמען מיט'ן אויסגעלעגטען קאַפּיטאַל. שוין נאָך יום־טוב בלעטלער, וואָס די ראַדיקאַלע יוגענד האָט פאַר־טיילט, געלט נישט אָפּגענומען און, נאַטירליך, נישט אָפּגעשיקט. און — שוין נאָכ'ן יובילעאום.

מיין אדרעסע: וואַרשע, צעגלאַנאַ נו. 1. — די „פּערציסטען נעסט..." שוין, הייסט עס, א שולע געמאַכט.

א חדר געהאַט און — אליין געבליבען. גע ונד דאָס פאָלק בפרט זיין באַהעם — יונגע שרייבער, אוועק און מיט נעמען!

און נעמען, דאָס מוז איך דרך אגב באַמערקען (דאָס „דרך אגב" — מיט'ן מאמר המוסגר זענען מיין שוואַכקייט!) נעמען האָבען באַקומען, לייט זענען געוואָרען — די „קונדייסים" פון חדר.

די, וואָס האָבען נישט געלאָזט זיך פיהרען! די אַנדערע, וואָס האָבען אזוי גערן זיך אונטערגעגעבען דער צענזור, געשטופּט דעם מאַנוסקריפּט צו מיין בלייַ־שטיפט, — זאָל גאָט זיך אויף זיי דערבאַרעמען!

איך האָב זאַמען געשטרייט, איבער זיי שבעה נקיים געזע־סען, און קוים זיך עפּעס דערוואַרט. באַווייזט זיך א קעפּעל, עס שפּאַלט קוים די ערד, איך גיב שוין אַן אָנהאַלטעניש, אַן אָנ־שפּאַרעניש, זאָל עס נישט קריכען אַרום איבער דער ערד. אַרויף, צו דער הויך! דרענגלעד אונטערגעשפּאַרט!

די דרענגלעד זענען געבליבען!

בין איך אליין. מען קומט נאָר צו מיר נאָך „סמיכות..."

איז שוין אָבער לאַנג נאָכ'ן „עת לטעת," קליין דאָס גערטעל. אָבער שוין ווילד אַנגעוואַקסען, עת לעקור נטוע... זאָגט מען: איך טרייב די יונגע טאַלענטען. געהט מען מעהר צום גוט־האַרציגען דינעזאָן; ער זאָגט נישט אָפּ אזוי געשווינד דאָס לעבען. נאָר די ביי זיך ש ט אַ ר ק ע ר ע־ קומען. און מיט א חנ'דעל: אָן אייך ווענדט זיך עס! זאָגט איהר: נישט! צוברעך איך די פעדער. און אין די אויגען פלאַמט די זיכערקייט פון געניען אָדער גראָפאָמאַנען: דו וועסט נישט קאָנען זאָגען: נישט!

קלינגט מען אמאָל. מען רייסט מיר איין אַרבייט איבער. מילא, פיליכט, בעוויזט דאָך עפּעס! איך עפען. אַהן א „גוט מאָרגען" שפּרייזען מיר פאַרביי דריי געשטאַלטען. אין פאַרצימער

איז טונקעל, געווען איז אויך א טונקעלער טאג; דאך זעה איך: א מיידעל, א בייניג פנים, גלאט פארקעמט, אהן א הוט, לאנגע הענט באמבלען זיך ארום קערפער. הילכיגע, הער איך, אפצאסען, הויכע; זי וואקעלט זיך אויף זיי... נאך מעהר — א מאדנע־לאנגער בחור אין א הארטען קאפעליוש, אן ארומגעבונדענע באק, שוואר־צע הענט; נאך דעם — א דיקער, אן אראפגעזעצטער, אין א ווייכען הוט מיט ברייטע רענדער: איין פליגעל ליגט מיט'ן זוים אויפ'ן אקסעל, און אחרון, אחרון חביב — א מאנוסקריפט אונטער'ן ארעם — דער מחבר אליין. א קליינם, א דארס, א פיצעלס... און מען שפרייזט פארביי אין שטוב אריין. איך בלייב און פארמאך די טיר. אז איך קום אריין, זיצען שוין די בחורים ביים טיש, דער הויכער און דער דיקער מיט די גאמבעס אויף די הענט אנגע־שפארט, גרייט צו הערען. דער „דיכטער" מיט'ן מאנוסקריפט ביים פנים: אזוי קורצזיכטיג איז ער און אהן א בריל, און די מויד שפרייזט איבער דער שטוב, די אפצאסען הילכען, די לאנגע הענט באמבלען זיך, — קוים איך באוויז זיך, נאך נישט רעכט געזעצט זיך אויפ'ן שעזלאנג, ווי־זא־ווי דעם טיש, זי קאמאנדירט שוין:

— לעז!

און שיקט א הייסען בליק צום דיכטערס אקסעל. הויבט ער אן:

„דער צייט־גייסט".

און לעזט און צוהיצט זיך, און צוזינגט זיך אינ'ם לעזען... די בחורים — איינגעהערט און איבערגעבויגען — שלינגען; דאס מיידעל געהט שוין אויף די שפיץ פינגער, קיין ווארט נישט צו פארלירען...

און דער „צייט־גייסט" וואקסט...

נאטירליך, נישט יענער, דער השכלה'שער, די אלטע קריגאר־לינע... נאר — דער ראדיקאלער!

ערגעץ, צווישען הימעל און ערד שטעהט אדער הענגט א זייגער. דער וועלט־זייגער. דער וועלט־זייגער שלאגט: שטונ־דען, האלבע, פערטעל שטונדען, דאכט זיך מינוטען אויך...

דער הימעל — שווארץ: באדעקט מיט שווארצען. א שווערער, בלייענער וואלקען פארשטעלט א פאר'חלש'טע זון...

גיט דער זייגער א קלונג. גיט זיך א כאַפּ אויף די זון, לאָזט אַראָפּ א שטראַל, ווי א שפּיזעל, לעבערט ידי כמארע, פאַלט אויפ׳ן קאָפּ פון צייט־גייסט, און ער גיט א ציטער און א וואַקס. א שטראַל — א שפּיזעל, א ציטער און א וואַקס — אויף א האַל־בען, אויף א גאַנצען אַרשין מיט אַמאָל! רוחות — שטיקער שוואַר־צער וואָלקען רייסען זיך אַראָפּ, פליהען מיט גרימצאָרן צו די ווייזער, פאַרצופּען זיי מיט די פליגעל, ווילען אָפּשטעלען. עס העלפט נישט! זיי רייסען זיך נאָר די פליגעל אָפּ. קרעכצען פון אָהנ־מעכטיגען צאָרן און פאַרפליהען זיך ערגעץ פאַר שאַנד. דעם וועלט־זייגער קען מען פערהאַלטען, אָפּשטעלען — נישט!

שלאָגט ער, פאַלען שפּיזלעך, וואַקסט דער צייט־גייסט און וואַקסט...

אויף א וויזע שטעהט ער, אויף א גרינגער און וואַקסט! און אַט, שוין איבערגעוואַקסען די בערגלעך, די גרויסע בערג — הימאַלאַיען און קאַרפּאַטען! אַט, שוין מיט׳ן קאָפּ אין וואָלקען אַריין! דורכגעלעכערט; שטיקער וואָלקען פאַלען אַראָפּ אין מדבר אַריין... עס איז איהם ווענינ; דער זייגער קלינגט, א שפּיזעל שטעכט, ער וואַקסט. שוין אַרויף צום ערשטען הימעל, צום צווייטען הימעל... אַזוי וועט ער דורכלעכערען אַלע זיבען הימלען...

און עס פאַלט מיר אָן א שרעק פאַר׳ן רבונו של עולם... נאָך א פּאָר קלונג, נאָך א פּאָר שפּיזלעך, דערגרייכט ער צום כסא הכבוד... קערט איהם איבער!

צום גליק — אַן ענדערונג...

אומגעריכט האָט ער. דער צייט־גייסט, דעם קאָפּ אַראָפּגע־בויגען און אויף דער גרינגער וויזע א קליין־חנו׳דיג שמעקעדיג בלוי־בלימעל דערזעהען... א זיסער שמייכעל צוגיסט זיך איבער זיין שטרענג געזיכט... ער, וואָס דאַרף דעם כסא הכבוד שטירצען, שמייכעלט, בויגט זיך, בויגט זיך איין, שטרעקט אויס די האַנט, רייסט אָפּ...

און ער וואָלט זיכער דאָס בלימעל צו די ליפּען געבאַפּט, ווע־ניגסטענס צו דער נאָז, ווען עפּעס פון מיר אַרויס גיט נישט א געשריי:

— גענוג!

די בחורים שפּרינגען אויף, די מויד, — דאָס בלימעל אויף

די הויכע אַפּצאַסען! — ווענדט זיך צו מיר, אייזיג־קאַלט־שנײַ־דענדיג:

— געוואוסט! אַז דער יונגער פּושקין איז געקומען צום אַל־טען זשוקאָווסקי, האָט ער איהם אויך אַזוי אויפגענומען.

— אויך אַזוי פאַרשטאַנען...

און — ארויסגעשפּרייזט, ווי געקומען... די בחורים נאָך איהר!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אָט דאָס איז די מעשה, וואָס קומט מיר שטענדיג אויף די געדאַנקען ווענען יענער השכלה צייט... אַלץ מוז זיך ביי אונז ענדיגען מיט׳ן „בלימעל“, אַלץ איינס, אויף נידריגע צי הויכע אַפּ־צאַסען, און אַזוי וועט זיי, כל זמן... אָבער ווענען דעם גאָר צו לעצט, ווען איך וועל מ י ר א ל י י ן קלאָר ווערען...

און ווירקליך:

איך קריך קוים אַריין מיט א פוס אין דער „באַוועגונג“. צו־ליעב סכּות, ווענען וועלכע עס וועט קומען אין קינפטיגען פּרק, ווער איך אינ׳ם לעפּעל וואָרעם וואָסער נישט דערטרונקען! געוועזען א דוד שיפּמאַן, געוועזענער טאַביק־פאַרלעגער, ביי וועלכען איך האָב צו זעקס יאָהר טערקישען טיטין געקויפט, פאַר פינף און פיערציג גראָשען, וואָס איך האָב פּורים־געלט באַ־קומען, א פיערטעל, און האָב אָנגעהויבען רויכערען... און וואָס האָט זיך, אַז קראָנענבערג׳ס טיטין־מאָנאָפּאָל איז־קאַסירט געוואָרען, זיך אַליין א קראָם געעפענט, מיט שרייב־געצייג און השכלה־ספרים אַלס צולאָג, און איז דאָצו לעהרער גע־וואָרען פון לשון הקודש, — פון דעם דוד שיפּמאַנ׳ס „פּקוד פּקדתי“ אַנטלויף איך, ווי פאַר פייער; לאַנגווייליג! ביים קליינעם הויז־קערל שטערען, דעם גרויסען שטערנ׳ס א זוהן, וואָס איז געקומען לערנען דייטש פון אַלענדאָרף ארויס: „גוט מאָרגען, הער!“ „ווי זינד זי געשלאָפען?“ „גוט“ — לערן איך — פרעפעראַנץ־שפּיל. „א מענש איז נים מחויב צו וויסען, ווי א שטיוועל הייסט אויף אויף כמה לשונות...“ דעם ערגסטען איינדרוק מאַכט אויף מיר יעקב רייפמאַן. א מענש געפינט גרייזען אין תנ״ך, מעהר ראשי תיבות ווי אין „פּרי מגדים“, און וואַשט זיך נים מיט א קוואַרט, וואָס האָט א געשפּרונגענע ראַנד און טראָגט א טלית־קטן...

איז נאך וועניג, קום איך אמאל צו איהם, ער איז נישט דא, און אויפ'ן טיש וואלגערען זיך פאפירלעך ארום... מאטעריאל צו זיין אויטאביאגראפיע... לעז איך, ווייזט זיך אויס, אז ער איז צוויי מאל געבוירען געווארען, אוןביידע מאל אומגליקליך: איין מאל — יום כפור, ווען א פיש אין וואסער ציטערט און די כנסת ישראל צוגעהט אין טרערען און איז פול תשובה און חרטה, און דאס צווייטע מאל נאך ערגער — תשעה באב! ווען די כנסת ישראל איז אנגעטאן שווארץ, ארומגעהילט שווארץ און ברומט, ווי א טויב. און דארויף קומט ער אריין, דער הויכער, שווארץ־באוואקסענער איך און שמייכעלט:

— אהא? שעהן געשריבען?

איז נאך וועניג... מוז ער אונז נאך פארלעזען א שיר. ער, דער ביכער־ווארעם, וואס לאזט ביי זיך אין שטוב קיין לופטשונ נישט עפענען און אטעמט שאטען מיט ביכער־שטויב, דערזעהט פלוצלונג אין חלום — א וויינגארטען, אין וויינגארטען — אלער־ליי פירות און וועגען שעהנע, און „בלומען מיט רויזען" (פרדס עם שושנים", — דער פערז איז א — דריי־ווערטערדיגער!) און אויף די וועגען — אה, גליקליכע צייטען! — שפאצירען געארעמט (שלובי זרוע) דאכט זיך, די בלוטיגסטע שונאים! דהיינו: איינער וואס צעהלט יסודות פיער און א צווייטער, וואס שווערט אויף זיבען און זיבציג...

מיין רוסישער לעהרער מיט די קליינע, בלאסע אויגעלעך און מיט'ן בראנפען־מויל האט מיך געווים נישט צוגעצויגען. זיין גרעטש־גראמאטיק האט מיך נישט גענומען... אבער קוים האט דער צייט־גייסט זיינע פליגעל צושפרייט, דער וועלט־זייגער האט געקלונגען, באקום איך שכר־השכלה אויף די טונקעלע טרעפ. — אלע טרעפ אין זאמושץ זענען טונקעלע; אוים ענגשאפט. און איך בין אויף די טרעפ איין אינגעל, מיט ברענענדיגע אויגען, אויף דריי שוועסטער מיידלעך!

און איינמאל, איך עלוי „מאניש", וואס קלער פון גארנישט, וויים פון גארנישט, לויף, אייגענטליך — פליה אראפ פון די טרעפ, מיט דריי אנגעשמירטע בייגעל אין קעשענע פאר'ן ארעם־בחור, אין בית־המדרש אריין. איך הער טריט אקעגען. טריט

ארויף, לייכטע, פלינקע! און באלד גיט מיר א שימער פאר די אויגען א פאר ווייסע, נאקעטע ארעמס, גיט א בליץ פון א פאר פלאמיגע אויגען, — נאקעט ווייסע הענט ווארפען זיך מיר ארום האלז, א הייסער אטעם יאגט אין פנים אריין... און א הארציג געבעט:

— לאמיר זיך ליעב האבען, לייבוש'ל...

און אז איך, — דאס ערשטע מאל! — שפרינג אפ, צוטומעלט, צושראקען, מאכט מיין קליינע לילית, די מיטעלע צווישען די דריי שוועסטער, טיף געקרענקט, שווער באליידיגט און שארף־ווארע־נענדיג:

— א־זוי? געה איך צו יונה'טשען... אין רייט־שול אריין! זי ווייסט, וואו יונה'טשע איז... און ליעב האבען מוז זי. באפאלט מיך א שרעק פאר איהר, שריי איך אויס:

— חס־ושלום! ווילדע ציג, זאלסט זיך נישט דערוועגען! א... א פאסקודניאק!

— האב זשע דו מיך ליעב!

מוז איך באשטעהן...

קושען מיר זיך נאריש־קינדיש מיט געמאכטער היץ. איהרע אויגען אפילו — לעשען זיך, די ארומגעווארפענע הענט — קילער, שלאבעריגער געווארען. פילייכט דארף זי ליעבען, אבער נישט מיך...

און דאך מען טרעפט זיך, מען קושט זיך... אז אפגערעדט! און לילית פארלאנגט, און מאניש שווערט... נישט אזוי הויך! עס קומט נישט אזוי ווייט. עס ענדיגט זיך דעריבער נישט מיט'ן „בעזעם אין דער הויך". און די באגעגענישען ווערען וואס אמאל זעלטענער... ווייל —

ווייל עס געהט נישט אוועק א וואך, און איך טרעף מיך מיט דער עלטערער, מיט מיין כלה פון דער חורבה. מיר בלייבעןביידע שטעהן,ביידע עפעס געריהרט, אומשולדיג־ליעב באוועגט. קוקען זיך, גענענזייטיג, קינדיש שטיל און ליעב, אין די אויגען אריין. פויזע. זי רייסט זי איבער די ערשטע:

— ווייסט וואס, לייבושל, דארפסט לערנען...

און שטאקט אביסעל און ענדיגט:

— פויליש!

ענטפער איך, עפעס מאדנע שטיל, אליין נישט וויסענדיג פאר־וואס:

— לעזען קען איך!

אוןווירקליך — אויסגעלערנט זיך אין בית־המדרש, אויף טוגענדהאלדם: „וואלנא דרוקאוואץ" פון די שערים אראפ, ווי שפעטער עטוואס דייטש און רוסיש... פרעגט זי, צי איך וועל פארשטעהן?

— „אודאי!" פאסט אנדערש, אז א מיידעל פרעגט? וועט זי מיר א ביכעל בארגען. זי וועט מיר געבען קארזשעניאווסקים „קאליקאציע". אויב איך וועל עפעס פארט נישט פארשטעהן, זאל איך אריין קומען, זי פרעגען. ווערט מיר עפעס ווארעם ארום הארץ:

— אדרבא! אודאי וועל איך נישט אלץ פארשטעהן!

און גיב צו מיט פרייד:

און איך וועל דיך לערנען לשון־קודש.

— גוט! און רויטעלט זיך און ווייטער א פויזע. איך רייס איבער, און פרעג, און עפעס נישט מיט מיין קול, נאך שטילער ווי פריהער:

— ביסט אויף מיר בייז?

זי פרעגט, מכלומרשט פארוואונדערט:

— פארוואס?

— פון חתן־כלה שפיל... פאר'ן שטיינדעל!

זי איז עס מבטל:

— אי־ידי!

האט שוין לאנג פארגעסען... אבער א צייכען האט זי נאך. געגעהנט מיר די באק:

— זעהסט?

טונקעל, שווער צו זעהען, לעג איך צו א ציטעריגען פינגער און באריהר, קוים, קוים... זי רויטעלט זיך.

— ווילסט — מאכט זיך ליעב קינדיש — מעגסטו אויף דעם ארט א קוש טון!

לעג איך די ליפען צו, ציטערען זיי מ ע ה ר פאר'ן פינ־גער! זי נעמט דעם קאפ צוריק, און געריהרט:

— ווייסט, אז האָר ווען דו טרעפסט העכער, וואָלט מיר אויסגערונען אַן אויג.

— חס ושלום!

— יאָ, יאָ! דער טאַטע זאָגט און די מאַמע זאָגט. און, עט־וואָס טרויעריגער שמייכלענדיג:

— און ווער וואָלט מיך גענומען מיט איין אויג?

שריי איך אויס:

— איך! איך!

זי פרעגט, עטוואָס נאָכטראַכטענדיג:

— און וואָלסט מיך ליעב געהאַט מיט איין אויג?

שריי איך אויס:

— אייביג, ווי איך בין א איד!

און נעם זי אַרום און דריק זי אַזוי האַרציג צו צום האַרץ.

און וואונדער מיך: וואָס טו איך? און ווי קומען צו מיר די ווערטער, און די צערטליכקייט? און די שטימע, — וואָס ציטערט זי אַזוי, די שטימע? און דאָס מיידעל, וואָס ציטערט אַזוי? און וואָס לייכטען איהר אַזוי די אויגען אין דער פינסטער?

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

די דריטע שוועסטער; די איינגסטע. א „יונגע ציג“, ווי מען זאָגט אין זאַמושץ. דייטש: באַקפיש! און אַ ברוסט־ליידענדע, פון וואָס איך ווער ערשט שפּעטער געוואָר. און שלאַנק, עטוואָס איבערגעבויגען. און עפּעס אַזוינע ליעבהאַרציגע אויגען גרויסע; גאָר גרויסע שוואַרץ־אַפּעל, עפּעס ליכט־דורשטיגע, ליכט־זויגענדיגע, שטענדיג פאַרוואונדערטע, עפּעס פרעגענדיגע, אָדער — (ווי איך פיהל יעצט), זיך באַשטענדיג געזעגענענדיגע...

זי, אַז זי טרעפט מיך אויף די טרעפּ, בלייבט שטעהן, רוקט זיך מיט'ן רוקען האַרט צו דער וואַנט, בלייבט שטעהן אָנגע־שפּאַרט מיט די הענט הינטער זיך אַן געלענדער, איך, נישט ווי־לענדיג, הויב אַן געהן לאַנגזאַמער, זי קוקט אויף מיר, ביז איך געה פאַרביי, מיט די גרויסע אויגען און קוקט מיר נאָך א לאַנגע ווייל'ע, ביז איך קום אַראָפּ.

און קום איך אַריין צו זיי, אָדער זי צו אונז, זעצט זי זיך ערגעץ אין א פאַרשאָטענט ווינקעלע און קוקט שטיל אויף מיר

פון דאָרט... זיס־שמערצליך באַריהרען זיי מיך. די גרויסע, וואָס אַמאָל גרעסער ווערענדיגע אויגען.

אָבער וואָס מיינט זי דערמיט?

די עלטסטע שוועסטער, מיין חורבה־כלה, רוימט מיר אַמאָל איין:

— נעבעך אַ קראַנקע...

זאָגט אויף וואָס, ווערט מיך נאָך שמערצליכער...

ווערט זי ערנסט קראַנק... איך קום אַמאָל אריין — אַלץ דאָסזעלבע קוקען, און מיין זעלבער זיסער שמערץ...

פאַר גסיסה, איך בין גראָד דערביי, וויל זי פּלוצלונג, אַלע זאָלען ארויסגעהן, אויסער מיר. זי האָט מיר עפּעס צו זאָגען. מען טוט איהר צוליעב. איך בלייב מיט איהר אַליין און ציטער אינערליך... זי ווינקט מיר: נעהנטער, נאָך נעהנטער... איך בין שוין ביים בעט... „נאָך נעהנטער“. איך בויג מיר איבער׳ן בעט...

— ווייסט, — מאַכט זי זעהר, זעהר שטיל, מיר דאַכט: בלעטלעך רוישען: מיין האַרץ הערט, נישט דאָס אויער — ווייסט, איך לייב דעם טאַטען, די מאַמען... דעם ברודער... די שוועסטער... און דיך — מ ע ה ר פ אַ ר אַ ל ע! — —

און בעט נאָך שטילער:

— גיב מיר אַ קוש אין שטערען אריין!

— און, איידער איך פאַרשטעה:

— אין מויל אריין נ י ש ט, מיין ליבע איז געפעהרליך!...

איך קוש זי אויף די ליפּען...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך וויל, איבערהיפּענדיג אַ שטיק צייט, צו וועלכער איך וועל צוריק קומען, פאַרענדיגען די „דריי־שוועסטער־ליעבע...“

די איינגסטע — געשטאָרבען...

די מיטעלע האָב איך, צוליב דער עלטערער, פאַרגעסען...

ווי זי זאָגט און וואַרפט מיר פאָר; פאַרראַטען... די שבועות גע־בראָכען...

איז זי בייז, זידעלט מיך... אין בריעף.

מייד איך זי אוים, שיקט זי מיר מיט'ן דינסטמיידעל געהיימע בריוולעך: ווי הייסט? וואס טייטש?

אין א שטיפערישען מאמענט, ווען די שטיפערישע מוזע, פון וועלכער איך הויב נאך, אייגענטליך, נישט אן צו וויסען, באַפאלט מיך, ענטפער איך איהר אין גראמען:

„האסט צו מיר א טענה, איך האב דיך געקושט,
„גלויב ס'איז געווען א שגעון...
„זיכער א דבוק פון זמרי בן סלוא,
„איך וואלט מיך באגאנגען דערזאהן...
גאנץ זיכער א דבוק פון זמרי בן סלוא...
גלויב, נישט דיין איז דער כשות,
ווארט, אפשר קומט ער צוריק, דער שגעון,
דערווייל אבער בין איך מיושב...

א חטאת נעורים, וואס איך האב שפעטער ביי מיין פעטער געפונען, שטארק פארריכט און, ליידער, אין יובילעאום אויסגאבע „פארעפענטליכט..."

אבער — זי האט זיך אין קורצען געטרייסט.

די עלטסטע, די „רייניגקייט", איז, נאך איידער זי האט זיך אויסגעלערנט לשון קודש, — א כלה געווארען, נישט מיט מיר! פון „רוסלאנד".

די תנאים זענען געווען אין מיט ווינטער אין אוסטילע... ביי איהר אפפאהרען בין איך דער היים נישט געווען. דער טאטע האט מיך פלוצלונג (איך ווייס נישט, אויב צופעליג) מיטגענומען אין וואלד אריין, וואו ער האט בוימער געהאקט, נישט ווייט פון אוסטילע.

ער רעדט מיר איין: (צו וואס? איך וויל דען נישט פאהרען?) „וועסט זעהן א וואלד, וועסט וועלען און טויגען צום געשעפט, וועסט דו בלייבען!" — צום געשעפט האב איך, זעהט אויס, נישט געטויגט. אבער געמאכט די ערשטע באקאנטשאפט מיט וואלד און מיט'ן טייך בוג.

אנפאנגס — א לאנגווייליגער ווינטער, בערגלעך און טאלען...

„יעלו הרים ירדו בקעות" טראכט איך: גאר נישט אזוי אנגענעם! און פון ביידע זייטען ווינטער פלאכע, אפגעשניטענע פעלדער,

דאס שווארץ־שטעכענדיגע שטרוי אויפ'ן פעלד, דערמאָנט מיך אָן יונה'טשעס און דיעדים שלעכט געגאַלטער „מאָרדע...“

פּאַמעלעך הויבט אָבער אָן אָנצוקומען, און אַלץ נעהנטער און נעהנטער, אַ געדויש, וואָס שטאַרקט זיך, כאַפּט אַרום... מיין איך און פרעג איבער:

— אַ וואַסער?

— ניין — זאָגט דער טאַטע — דער וואַלד, וואָס קומט אונז אַקעגען... (זיין אויסדרוק.)

איך שטוין:

— ווי אַזוי רוישט עס אַ וואַלד?

— מיט די צווייגען, מיט די בלעטער, וואָס דער ווינט באַוועגט. (געזאָגט האָט ער: ריהרט.)

— אַהאַ!

און באַלד קומט אָן דער וואַלד. מיר פאָהרען אריין. איך בלייב פאַר'כשופ'ט; אַזוינע גבורים, אַזוינע ריזען! איך פאַל ביי מיר אָפּ...

— ווי אַלט איז אַזאַ בוים?

דער טאַטע אַליין ווייסט נישט:

— זעהר אַלט...

— וואָס פאַר אַ ביימער זענען עס?

— סאָסנעס... פון אַזוינע הויכע סאָסנעס מאַכט מען מאַסט־שטען (זעגעל־ביימער) צו שיפען... דאָס געהט אַוועק וויט, וויט...

— ווי אַזוי?

— שווימט איבער'ן וואַסער. פון בוג, וואָס וועסט זעהן, צו דער ווייכסעל, פון דער ווייכסעל צום ים אין דאַנציג, פון דאָרט — אויף אַנדערע ימים...

— דאָס שטיק וואַלד אָבער איז נאָך נישט פאַרקויפט... איך האָק ווייטער אַביסעל דעמבעס...

און אַז איך קום צו די דעמבעס און דערזעה, ווי אַ קליי־נער פויער כאַפּט אַ האַק און גיט אַ זעץ אריין אין אַ דעמב, רייסט זיך מיר עפּעס אָפּ אין האַרץ. געקומען אויפ'ן אָרט, לויף איך

צושראָקען און צורודערט, און מיט אַ געוויין אין האַרץ אין „שרייַ־בערס“ שטיבעל אַריין, וואַרף מיך אויף זיין בעט און גראָב אייַן דאָס פלאַמענדיגע פנים אין קישען און ציטער, ביז די מיד־קייט איז גובר, און שלאָף איין, און שלאָף ביז צו מאָרגענס... צו מאָרגענס, איך כאַפ מיך אויף:

— וואו איז דער טאַטע?

דער שרייבער שמייכעלט עפּעס אונטער די וואָנסען:

— אַריינגעפאָהרען קיין אוסטילע... פאַרנאַכט צוריק קומען. ווילסט אפשר אין וואַלד אַריין?

איך שאָקעל מיך אָפּ:

— ניין...

אַז דער ווינט יאָגט אָן פון וואַלד אַ זעץ פון אַ האַק אָן אַ בוים, ציטער איך.

פאַרנאַכט קומט דער טאַטע צוריק:

— מזל טוב! קוקט אויף מיר פריפענדיג.

מיין כלה פון חורבה איז אַווירקליכע כלה געוואָרען; ווי געזאָגט, נישט מיט מיר...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

קיין טראַגעדיע איז עס נישט געוועןן. נישט קיין שטאָלענע שטאָבע האָט זיך איבערגעבראָכען, — אַ בינטעל לבנה־שטראַלען! צום וואַלד האָב איך מיך צוגעוועהנט. שפּעטער צום בוג צוגעפאָהרען. פון בוג און דער ווייכסעל. וואָס איך האָב שפּעטער געזעהן ביי ראַכיוו, איז געוואָרען „דער דבוק...“

די סבות, וואָס האָבען מיך אָפּגעהאַלטען פון השכלה, קומען אין קינפטיגען פּרק. דאָ מוז איך נאָך מאַכען אַ פּאָסט־סקריפּטום וועגען אַ פּאַל מיט ר׳ משה וואהל, וואָס איך האָב פערזענליך געהאַט; אַ פאַל, וואָס איך האָב ביי זיין פאַרטרעטעירען פאַר איהם קיין פּלאַץ נישט געהאַט, און קען איהם דאָך נישט פאַרפעהלען.

אַ גאַנץ געהענדיג יאָהר דאַוועענט ר׳ משה וואהל ביי זיך אין מנין, אין בית־דין־שטוב. אין שול אַריין קומט ער נאָר צו „כל נדרי“ און יעדען ערב־ראש־חודש צו יום־כפור־קטן.

איינמאָל, אפנים צו פריה געקומען די שול נאָך פאַרמאַכט.

דאס שול־ און בית המדרש־הויז — ווי באשריבען „אין פאליש אויף דער קייט“. געהט ער אויף אווײלע ארויף אין בית־המדרש אריין, שטעלט זיך אריינקוקען אין א ספר, ביי דער לינקער מזרח־וואנט אין ארון־קודש־ווינקעל. שטענדיג שטעהט דא אונזער תם, דער אזוי גערופענער „יהושע בהמה“, וואס גלוסט און האפט אלץ צו א כתב הרבנות, און מיר, חברה, שיקען איהם פון צייט צו צייט אונטער — געפעלשטע, און ער, ווי שוין דערמאנט, לויפט צום ווייב פרעגען, צי ער זאל פאהרען, צי עס לוינט?... טראגט ער אויך אזא ספאדיקעל און אן אטלאסען קאפאטקעלע... קום איך אריין, אהא דער תם! שלייך מיר צו אויף די נעגעל — מעסט איהם אוים פון הינטען א מתנת־יד, נישט ווערה צו טון, צום שפאס. — דרעהט זיך אום — ר' משה וואהל, און איך בלייב — פארשטיינערט.

און ער ווענדט זיך אום צושנייכעלט:

— וועמען האסט עס געמיינט, קונדאס?

שפריצען מיר שוין טרערען פון די אויגען.

— האסט חרטה?

א שאלה! רעדען אבער קען איך נישט; דאס לשון אפגענומען.

— ווילסט, איך זאל דיר מוחל זיין? ווילסט א תשובה? נאך אלץ אהן לשון, שאקעל איך, קוים צו מיט'ן קאפ.

— זאג־זשע מיר צו, אז דו וועסט שוין קיינמאל אויף קיינעם קיין האנט נישט אויפהויבען...

איך וויל געבען די האנט; „ניין, תקיעת כף — נישט...“

אוןווארט האב איך געהאלטען... און אויסער איין מאל, איין־איינציג מאל, ווען באהערשען זיך וואלט שוין געווען איבערמענשליך, האב איך נאך ביז היינט אויף קיינעם קיין האנט נישט אויפגעהויבען, נישט אפצוגעבען און אפילו נישט זיך צו פארטיידיגען...

8.

„דריי טפחים" איבער'ן השכלה־וואסערל. — לײדענשאַפטליכע ליעבע צום לעבען. — פּראָבלעמען וועגען טויט. — דער ביבליאָטעק־שליסעל.

ראָש וואקסען אידישע קינדער; הלואי אזוי אויסערליך, ווי אינערליך!

וואלט איך געהאט אין דער האנט, אנשטאט א פעדער צום באשרייבען, א בליישטיפט צום צייכענען, וואלט איך פון מיר, פון דאמאָלטיגען, פון אינגלישען — א קאריקאטור געמאכט:

קליין, מאגער. הענט און פיס, ווי די שטעקעלעך; א קאָפּ — א גרויסע; א שטערן אין קאָפּ — אַן איינגעשרומפּענער; אונטער איהם — אויגען, גרויע, זוכענדיגע, שמערצליך־פרעגענדיגע...

און איך זיץ אין א שיפעל, א קליינס; דאָס שיפעל איז צו־געבונדען צו א שפּארעוודיגען לופט־באלאָן, וואס טראָגט עס... טראָגט עס דריי טפחים הויך, איבער'ן השכלה־וואסערל... דאָס שיפעל איז איבערגעלאָזט אויפ'ן ווינטס בּאראָט. — א י ך, אין דער ה א נ ט — האָב א שמעטערלינג־נעצעל, מיט וועלכען איך באוועג האסטיג אין דער לופט און כאפּ פּראָבלעמען... און זענעל אזוי אריין, פּראָבלעמען כאפּענדיג, אָהן מיין ווילען און וויסען, אין ערוואכענדיגען געשלעכטס־פּראָצעס...

„דריי טפחים" איבערן השכלה־וואסערל...

השכלה איז „בילדונג" — קענטעניש פון שפּראכען, „ווי א שטיוועל הייסט אויף כמה לשונות..." און — אביסעל ליעדער אויף אלע „פיער צייטען פון יאהר..." דאָס איז געווען: פישמאנס „פקד־פקדתי"; שטערענס — „מאיען, ווי האבען זי געשלאָפען?" דעם פעלדוועבעלס פּריטשאסטיע און דיעיעפּריטשאסטיע על פּי גרעטש... דאַצו די דעקלאמאציע, ביי דער שיין פון דער לבנה: לו אדע, כי יהרום קולי בכה... פון מיינע חברים איין חבר יצחק'ל, וואס האָט

געענדיגט דאס פראגימנאזיום אין דער היים און איז ערגעץ אוועק
ל ע ר נ ע ן... ווערן א „דאקטאר!..."

מיך אבער באשעפטיגען „דברים העומדים ברומו של עולם..."
„הויה" און „יצירה"!

נאך וואס האט גאט די וועלט באשאפען?

אז, להכעיס אריסטו'ן וכל חכמי יון, איז די וועלט נ י ש ט
קיין קדמון, קען איך באוויזען „שווארץ אויף ווייס..." און —
דוקא א „יש מאין"! העכסטענס — פון „חומר היולי..." און נאר,
כביכול, מיט'ן ווארט: „יהי אור!..."

גוט, אבער נאך וואס?

דער מענש (ציל און צוועק!) זאל איהם דינען?! וואס
דארף עס א גאט? ער זאל קענען געבען שכר, נישט פארשעמען
מיט מתנת־חנם? (דער רבינו הקדוש) דאס איז אבער שייך ביי א
בשר ודם קענען א בשר ודם, וועלכען איך קאן דינען. נעם איך
ביי איהם דאס נישט פארדינטע, ווערט איהם ו ו ע נ י ג ע ר...
(„אין הדר אריין, שקצים!") געשווינדער לעגט זיך אויפ'ן שכל
דאס אויסשטראלען אין ספירות... עפעס ווערט אבער, אזוי דאכט
מיר, געשמעלט דער געטליכער ווילען... א שאד! און אין איין
וועגס שרעקען די גרענעצען פון כל־יכול'ס אלמעכטיגקייט... אומ־
ענדליך און דאך באגרענעצט: ער קאן פון קיין דריי־עק קיין פיער־עק
נישט מאכען... און די שפעטערדיגע שרעק פון ז י נ ד י ג ע ן
פון „אין פאליש אויף דער קייט": פון איין מאל געשעהענעם
וועט ער קיין קוצו של יוד נישט ענדערען...

און וואס איז לעבען אויף דער וועלט? און וואס איז געהן
פון דער וועלט — טויט?

און, ווי אנגעוויזען, די פראבלעמען, וועלכע איך בין איבער־
געגעבען, וואקסען, ווי ווילד־שוואמען איבער'ן אומרוהיגען, פאר־
געפיהל־פולען, ציטעריגען תהו ובהו פון אונטער דער „באוואוסט־
זיניגער שוועל", וואו עס ערוואכט דאס געשלעכט, וואו עס פיקט
זיך ארויס, אהן מיין וויסען און ווילען, די חיה־מאנספערשוין, וואס
וועט ערשט קומען און איבערפארבען אלץ, וואס איז דערווייל
שווארץ און ווייס, אויף רעגענבויגען־פארבען, ס'מעהרסט בלוטיג־
רויט, מיט פורפור...

זינק איך אין מרה שחורה... און דער טאטע, פאר מרה שחורה,

פרייטאג צונאכטס צום קדוש — ידערלאנגט... די מאמע ברומט שטיל; גלייך א קינד האט נישט זיינע עגמת נפש'ן... און פאר־איינזאם בין איך (מיט וועמען רעדט מען פון אזוינע זאכען?) און באוועג מיך פאראיינזאמט אין א נעבעלדיגער שאטען־נעץ פון מענשען און זאכען, גאנץ לויז (פאר מיר!) איינגעפאסטע אין ארט און צייט, ריהרעוודיג־שווינדעלדיגע, אין גרויען געהילט... אדער ציטערדיגע אין זיילען פון זונען־שטויב; טרוים און וואר געמישט...

און שרייב איך זכרונות, נעמט מיך נאך אמאל דער נעבעל, מיט די מענשען און זאכען, וואס האבען א טייל, פון וועלכע מיין נשמה האט יניקה געהאט — ארום... זעלטען וואס און וועמען איך זעה גאנץ... דאס מעהרסט פארשוואומען, אהן קענצייכען און פעסטע קאנטורען... אויגען קוקען ארויס. עפעס ליפען פליסטערען מיר צו...

איינגאנצען ערקלערען מ י ך וועל איך נישט. אלע שאַ־טען און שטראלען, פון וועלכע מיין אינערליכקייט האט זיך אויס־געוועבט ל ו י ט א י י ג ע נ ע ר פ א ר ם, וועל איך נ י ש ט אויפזאמלען...

נישט פאר אלע האט מיין זכרון, מיין געדאנקען־פראבלעמען־און קאנטראסטען־זכרון די ריכטיגע אנגעל, פון פארגעסעניש־וואַ־סערל ארויסצופישען; נישט פאר אלע דעם פאסיגען רעפלעקטאר, אין נעבעל גאנץ צו באלייכטען...

שווימט אייך ווייטער, ליעבע, אומבאקאנט געווארענע אויגען־און ליפען־פארען... אין לעצטען מאמענט — זאגט מען — דער־מאנט מען זיך אלץ מיט אמאל... קיין פעדער אין האנט וועל איך אבער דאמאלט נישט האבען; ווער ווייסט, צי די צונג וועט זיך דאמאלט פריי באוועגען...

פארוואס האב איך אויפ'ן וועג, וואס אין געה נאכאמאל איבער אין געדאנק, אויפ'ן וועג פון קינד ביז שריפטשטעלער, אפשר עטוואס ווייטער, מיין מלמד, דעם פשטן פארלוירען? דער „גע־דאנק", וואס האט מיך, אינ'ם „מלמדים־פרק" געפיהרט, האט איהם אינ'ם נעבעל געלאזט, אויף איהם קיין שטראל נישט געווארפען...

ערשט שפּעטער האָב איך מיך אָן איהם דערמאָנט און אוי־סערליך — גאַנץ צופעליג...

איך בלעטער איבער „פּער־גינט", קום צום הספד פון גייסט־ליכען איבער א בר מנן, וואָס פלעגט באַשטענדיג האַלטען די רעכ־טע האַנט אין טאַש... ער האָט זי פאר מענשליכע אויגען פאר־באָרגען. ער האָט זיך אמאָל, ווילענדיג זיך באַפרייען פון מיליטער, פון דער רעכטער האַנט א פינגער אָפּגעשניטען, און מיט דער האַנט, וואָס האָט נאָר פיער פינגער געהאַט, זיך געשעמט...

אייגענבליקליך שווימט מיר ארויס זיין קאָנטראַסט. מיין מלמד, דער טאַביק־שטויסער מיט'ן א י ב ר י ג ע ן פינגער, וואָס האָט מיך מיט זיינע זעקס פינגער געשראָקען...

פּראָבלעמען און קאָנטראַסטען — דאָס זענען די צוויי וואָלף־צען, אויף וועלכע עס וועלען זיך וויקלען אַלע מיינע שריפטשטעלע־רישע ידיעות... עטישע קאָנטראַסטען־בילדער, — טרויעריגע דע־קאַדאַנסען פון חסידיזמוס, חורבות פון וועלט־אַנשויאונגען... דראַ־מען און טראַגעדיען מעהר אין ברענענדיגע אָדער זיך לעשענדיגע געהירן...

א קליין, קליין ביסעל נ א ט ו ר...

איך האָב זי אין א ו צ ר אזוי ווייניג; איך האָב זי אין דער יוגענד, וואָס שפּייזט די שפּעטערע יאָהרען, אזוי ווייניג גע־האַט — — — — — — — — — — — — — — — — — —

———————————————————————————

א קינד, א אידיש, אין א פעסטונג געבוירען! פון וואַלד און פעלד מיט מויערען און וואַלען אָפּגעגרענעצט, אויף טויערען פאר־מאַכט... שוין היבש דורכגעפיהלט „ברכי נפשי" און אַנדערע ביב־ליש־פּאָעטישע נאַטור באַשרייבונגען און האָב נאָך קיין וואַקסענ־דיג גרעזעל נישט געזעהען... איך ווייס, פאַראַן אַזוינס... מלאכים שטעהען דעריבער מיט ריטלעך און שמייסען: שפּראָץ! שפּראָץ! און דאָס יונג „לעבען", דאָס שוואַכע, מוז שפּאַלטען די האַרטע ערד און אַרויסשפּראָצען...

איך וועל שוין האָבען דורכגעפיהלט דעם גאַנצען סוד, מיט זיין גאַנצער מיפקייט און ערהאַבענקייט, פון סנה אין מדבר, — און ווייס נישט, וואָס סטעפּ איז, און האָב נאָך קיין דאָרן, קיין שטענגעל פון עפּעס, וואָס וואַקסט — נישט געזעהען, אויסער אמאָל

אין א פילכטען קעלער, וואו איך בין אין א הייסען זומער־טאג אראפ, זיך אפצוקיהלען — איבערוואקסען פון קארטאפעל...

איך רעכען, אז אייך, היינטיגע, וועט נישט לייכט זיך פאר־שטעלען אזא קינד — זאל זיין א אינגעל, זאל זיין א חתן־בחור; די גאנצע ליניע וועט אייך אויסזעהען משונה־ווילד! — א באשע־פעניש, וואס געהט ארום מיט א געהירן, אין וועלכען עס טראגען זיך די שמעקעדיגסטע ריחות פון „השדה, אשר ברכו ה'", פון „דודאים", פון בארג לבנון, פון „חבצלת השרון", „שושנת העמקים" און האט נאך צו די קערפערליכע נאז־לעכער קיין איינציג לעבעדיג בלימעל נישט צוגעפיהרט... יונה'טשעס שוועסטער, דעם פאלקאוואי־גלח'ס טעכטער, מאנכע אפיצערישע ווייבער טראגען „אויפ'ן הארץ" — בוקעטען; אינזשעניר־פרויען, פון אפגעשלאסענעם גאר־טען הינטער דער שטאדט, קומען אמאל אין שטאדט אריין, אין ווייסע קליידער מיט קליינע, קליינע בלימעלער באלעגט, און שפאצירען אין שלאס. — קריך אהין מיט דיין קינדערישער אדער אינגלישער נאז...

און נאך וואס? עולם הזה דארף איך?

איך בין דאך דאס ציכטיגע, ווייך־הארציגע חובת־הלבבות־קינד, וואס האט נחת פון אפזאגען זיך, פון צוטיילען דאס אנבייסען... צוויי פארלאנגען האט עס נאר פאר זיך: פון פאטער אויף דער ערד נאך א גרין־ציבעלקעלע, און פון פאטער אין הימעל, ער זאל ממלא זיין די פגימת הלבנה...

אויף מיין ריין־קינדיש הארץ הענגט נאך א שליסעל מיט צוואוארפענע אותיות... ווער ווייסט, ווען און וועמעס האנט עס וועט די אותיות „גלייך שטעלען", עפענען און מאכען פייער, הייליגס צי פרעמדס, אויפ'ן קליינעם מזבח... איך בין נאך א מיידעל, מיין כלה פון חורבה — א אינגעל! און מיין גרויס־אויפגעשוואלענער קאפ האט שוין דורכגעלעבט דעם גאנצען עקאנאמישען, אידישען און געשלעכטליכען פלאנטער פון באציהונג צווישען „אדם וחוה", פון מאון ביז יבום...

און איך לייד שוין אויף גלות השכינה: פארוואס איז נובר דער שקר, הערשט דער טעות און דער אויסדערוועהלטער „האלט אש אין מויל און שווייגט..." און גלאט — גלות...

אין גאלא מונדירען, מיט שטיקען, וואס בלאנקען און בליש־

טשען אויף דער ליכטיגער זון, מארשירט, אין גאלא־טאג, אז אפ־טיילונג מיליטער פון שלאס, וואו די אפיצערען וואוינען, ביז דער קאזארמע ביי דער שעברשינער בראם, איבער דער גאנצער לענג פון דער ברוקירטער גאס... מיט מוזיק... ווייסע חברה פאראויס... אויסערן אפאטייקער און זיינע דריי שווארצע נעכט, לויפט מען פון שטובען צו די פענסטער, פון געוועלבער צו די טירען... די מוזיק שמעטערט א נצחונ׳דיג לוסטיגען מארש, און מיין יונג הארץ קלעמט:

— וואו איז מיין מיליטער? מיין מוזיק?

און די אויגען נעצען זיך...

בא, איך האב דאך שוין אין קאפ א גאנץ גרויס שטיק וועלט געהאט — גאנץ ארץ ישראל... דאס אמאליגע, דאס „מילך און האניג פליסענדיגע..." מיט „איש תחת גפנו ותחת תאנתו..."

אמת — א גרייזיגע טאפאגראפיע; א דאנק דעם „גירסא דינקותא" (שבשתא כיון דעל, על!) האב איך דאך ערשט נישט לאנג, אין „מסירת נפש". געהייסען דעם ים כנרת, ער זאל פאר־ביי פליסען דעם „הייליגען" צפת... אבער — א שטיק וועלט! א לאנד מיט שטעדט (צווישען זיי — ירושלים!) דערפער, טייכען, ימים (דער ים המלח אין מיטען!) בערג... וויינבערג! און א בא־גריף פון מדינות: מצרים, אשור, בבל, צור, צדון... און מיט מיינע אויגען, אויסערן פעסטונג, האב איך געזעהען — סטאבראוו, דאס דערמאנטע דארף!

און ווערט מיט דער יונגער צייט, איך געדענק שוין נים ווען און ווי אזוי, ערפילט מיין היים קינדיש־פארלאנג צום גאניקעל אין זייגער־טורם... און איך, דאס איינגעל פון „דריי מאל גערוי־פען", פארלאז מיין „טאטע־מאמעס הויז אין בגדד" און געה ארויס און קלעטער אויף די גליטשיגע, שמאל־שווינדעלדיגע טרעפלעך ארויף אין טורעם און קום ארויס אויף דער ליכטיגער שיין, און געה אויפ׳ן גאניקעל ארום, און זעה מיט אמאל א צוויי, דריי ווערסטיג אויסגעשפרייט ארעם פלאכלאנד ארום שטאדט, „מיט הייזלעך ווי קארטען־שטיבלעך, מענשען, ווי היישעריקען" און עטליכע צוואור־פענע קארליקעס בוימלעך, באמערק איך דאך באלד צו מיין הארציגען פארדרוס, אז וואס העכער, זעהט מען ווייטער, מעהר, אבער נישט בעסער...

פונקט ווי אין „דריי מאָל געראָפען...“

אָבער אַט, מיין וועלטעל ווערט אביסעל רייכער... עס ציהט זיך פון שטאָדט אַרויס, און אַנעקסירט דעם אינזשענערס גאַרטען, פון וועלכען עס פלעגען קומען אין שטאָדט אַריין די ווייס־געקליידעטע דאַמען מיט די קווייטען און שפּאַצירען אין שלאָס...

א מעשה מיט דעם גאַרטען:

שוין יאָהרען, אז די פעסטונג איז איים פעסטונג. די שרעק איז פאַרשוואונדען פון די וואַלען... די האַרמאַטען מיט דעם פּאַרראַט קוילען זענען אַראָפּגענומען. דאָס וואַסער צווישען די פּאָסען — אויסגעטריקענט, די פרעש — אוועק צום זומפּ אויף דער לאַנקע ביי דער „אוטשעצקא“. דער גאַרניזאָן איז אַוועק! אולאַנען אין קאַזארמע, קאַזאַקען! דער פּלאַץ־מאַיאָר מיט די בעזעמדיגע וואַנסען האָט זיך שוין אָפּגעזעגענט מיט דער שטאָדט, געטרונקען לחיים, א מתנה גענומען און ערגעץ אַוועק. פון די בריקען הינטער די דריי בראָמען — קיין זכר. די אָפּגרונטען פאַרשיט, גלייכע, ברייטע אַרויסגענג און אַרויספאָהרען צום שאָסיי, און דער „סמאָטריטעל“, ווי דערמאָנט, איז געבליבען ,ער זאָל נישט לאָזען אידישע קינדערלעך זיך באָדען, און די אינזשינערען, וואָס וואוינען אין גאַרטען אונטער דער שטאָדט, האָט מען פאַרגעסען... נאָך נישט געענדיגט, זאָגט מען, די חשבונות פון איינלעגען און צורייסען די פעסטונג, און דער „אינזשענערנע גאַרטען“, וואו זיי וואוינען אין׳ם גרויסען ווייסען הויז, וואָס בלאַנקט דורך פון צווישען די ביימער, איז נאָך א „גוי׳ש פאַרשלאָסענער גן־עדן...“

שפּאַצירט מען אמאָל איבער׳ן שאָסיי, לאָזט מען זיך, ביים אינזשענערנעם גאַרטען, אַראָפּ אין ראָוו אַריין און מען קוקט אין גאַרטען אַריין מיט גרויס גלוסטונג... מען שטעקט די קעפּ, מיט די ברענענדיגע אויגען, צווישען די שטאַכעטען אַריין וואָס טיפער. — זעהט מען ביימער און ביימער, און אַלעען... און דאָס ווייסע הויז, וואָס בלאַנקט פון די גרינע ביימער אַרויס... און דאָס דורכפלאַטערען פון ווייסע קליידער פון די דאַמען, וואָס קומען אמאָל אין שטאָדט אַריין, אין שלאָס אַריין, און שפּאַצירען באַלעגט מיט קווייטען...

אין א זייטיגער אַלעע, וויגט זיך אמאָל א קלייז־גוי׳ש, מיידליש מלאכ׳ל אויף א „הוידא...“ דאָס געלעכטערל קלינגט. די גאָלדענע לאָקען — צופליגענע אין דער לופט, — דער פאָטער דער גענעראָל וויגט זי מיט די „אייגענע“ הענט... אין אָוועגטען פון גאָלא־טעג וויגען זיך. הענגענדיג צווישען די גרינע בלעטער אויף די צווייגען. איבער דער לענג פון דער מיטעלער אלעע פאר׳ן הויז, בליצענדיגע פארשידען־פאַרביגע פאַפירענע לאָמטערנדלעך... אונטען, איבער דער אַלעע, לעגען זיך שמאָלע, געמישטע פאסען פון רעגענבויגען־ליכט. די פאָלקאָוואָי מוזיק קומט און שפילט פאר׳ן הויז... אינ־וועניג אין הויז ווערט געטאָנצט... וואָס א רגע קומען אָן נייע מי־ליטערישע געסט פון „שלאָס“.... געטאָנצט ווערט און געטרונקען... הילכט אויף וואָס אמאָל א „לחיים“ און ווערט באַלד פארטרונקען אין א נאָך הילכענדיגערען טוש פון דער בלעכענער מוזיק...

מאנכמאָל, אין שטילע אָווענטען, הערט מען פון הויז ארויס פיאנא־שפיל... מיכל, אונזער קאַפעלמייסטער פון די קלעזמער, מיין שפעטערדיגער יואל פון „וואָס אין פידעלע שטעקט“, שטאָלפערט שוין (זעלטען גאָר אינגאנצען ניכטער...) איבער׳ן ראָוו מיט דורש־טיגע אויגען און פאַנגט מיט׳ן געשפיצטען אויער די מוזיק... פון דער מוזיק, זאָגט מען, מאַכט ער מאַראַלישע שטייגער צום באַדע־קענס, מאַרשען צו חופות און פריילעכצער צו דער „וויעטשערע...“ מוזיקאַלישע אינגלעך, משוררימלעך און גלאַט חברה — מיט די קעפלעך צווישען די שטאַכעטען, שטעהען פאַרגאַפט... באַמערקט מען און מען הויבט אָן פון אינוועניג צו יאָגען (אידישע קינדער זאָלען נחת האָבען?), די הינטישע כרובים פון דער פורטקע ווערען אָפּגעלאָזט פון דער קייט — רייסט מען, צום אנטלויפען, די קעפּ־לעך פון צווישען די שטאַכעטען ארויס, איבערלאָזענדיג שטיקער הויט... און פלוצלונג — דערמאָנט זיך און אָפּגערופען די אינזשע־נירען... דער גן עדן אָפּען, ער פאַרברייטערט מיין קינדישע וועלט. שפּעטער וועל איך צו איהם צונעמען א שטיק זאַקסישען גאָרטען פון ווארשע און די רביישע גערטלעך פון סטרוקאָוו און ביאַלע און מאַכען א רעזידענץ פאר א אידישען גביר אין צפת... דאמאָלט קום איך אָבער אין גאָרטען מיט הארץ קלאַפּען ווי אין „פרדס“ אריין... איך בין, איך פיהל שוין, א האַלבער מקצץ בנטיעות... א נכנס בשלום בין איך, צי וועל איך זיין א יוצא בשלום אויך?

און איך געה ארום איבער דער לאנגער טונקעלער אלעע און טראכט — —

וועגען טויט!

נאר וואס האט גאט באשאפען טויט און — וואס ווערט נאכ'ן טויט?

די נשמה פליהט אין הימעל אריין... אין גן עדן אדער גיהנם אריין. דער רמב"ם מיינט — עס בלייבט ערגעץ־וואו א שטיק שכל, וואס עקזעסטירט ווייטער, און אויף דער מדרגה, צו וועלכער דער מענש האט דערצויגען זיין נשמה אויף דער וועלט... און מיין ברודערל, וואס איז געשטארבען אזוי יונג, נאך גאר אהן שכל? און קינדער פון די וויגען, און מפיל־קינדער? דער בעל־שם הייסט ווייטער פיהרען דאס אייגענע לעבען, וואס מען האט דא געפירט, נאר מיט נחת אדער צער, לויט פארדינסט, גביר און פאסעסאר בלייבט גביר און פאסעסאר; בעל עגלה בלייבט בעל־עגלה — א מין שכר ועונש אין דמיון". עפעס אן אפ־גארעכטס, אן איינגרעדעניש פון זיין ליעבען נאמען... געווען אין שטאדט א משוגענע מיטעל־יעהריגע פרוי, גע'גט צי ארויסגעטריבען פון מאן, מיט די זאכען, קליידער און צירונג... טראגט זי זיך ארום מיט'ן פעקעל איבער די גאסען גאנצע טעג, וואו זי נעכטיגט, ווייס איך נישט... גאנץ אפט שטעלט זי זיך אפ אין מארק, עפענט דאס פעקעל, שפרייט אויס איהרע זאכען... באקוקט און שמייכעלט צו די קליידער, מעסט אן דאס צירונג און מעסט איבער... טוט אויס די פארוק און זעצט ארויף אן אנדערע... וויל זיך אויך איבערטאן אין מיט'ן מארק... עס איז אפשר ביי איהר א יום־טוב אין מיטען דער וואך... און דאס אויסגעהונגערטע פנים שמייכעלט פאר נחת, דער שטערען שמייכעלט, די אויגען שטראלען... וועט דארט אויך זיין אזא מין גן עדן... אמת, אין מיט'ן מארק קומט די שטאדט־פאליציי און שלעפט זי אין ארעסט־שטוב אריין... און דארט, אין פרייען עולם הדמיון, אהן פאליציי, קען זי זיך איבערטאן צעהן מאל אין טאג...

און דער גוף!

עפר ואפר... געקומען פון דער ערד, צוריק געגאנגען צו דער ערד. „שתי רוחות מספרות" — דאס איז אגדה... א משל, א „סימ־באל", איך האב שוין אין מיין גייסטיגען שמעטערלינג־נעץ פון

ערגעץ דאָס וואָרט געכאַפּט... „והמתים אינם יודעים מאומה״ זאָל זיין דער אמת. אָבער איך קען מיר באין אופן ניט פאָרשטעלען, אַ מענש זאָל ליגען אין קבר, און עס זאָל איהם נישט זיין ענג, נישט פייכט, נישט פינסטער, און זאָל נישט פיהלען, ווי די ווערים שפּייזען זיך מיט זיין לייב... און אפשר? טאָמער, חלילה — בלייבט עטוואָס ו ו י ס ע ן, בלייבט אַ לחלוחית פון פיהלען... עס ווערט מיר קאַלט אין אַלע גלידער...

און פאַרוואָס שטאַרבען, וואָס איז דער י ו ש ר? ווייל אדם הראשון האָט געזינדיגט... פאַרזוכט פון עץ־הדעת. איז ווירקליך עץ הדעת — זינד? גאָט האָט נישט געהייסען; פאַרוואָס האָט ער נישט געהייסען? און ווען זינד — קומט אַן אייביגע שטראָף, אויף אייביגע דורות? „פּוקד אבות על בנים, על שלשים ועל רבעים...״ אָבער נישט אייביג! פאַרוואָס פאַרווערט די פרוכט פון עץ החיים? „ער וועט לעבען אייביג?״ פאַרוואָס נישט? „זיי וועלען זיין גלייך מיט מיר״ — פאַרוואָס נישט? שפּעטער האָט ער דאָך עס פאַרלאַנגט: מה אני קדוש, — זיי דו אויך הייליג... איך בין אַ חנון, זיי דו אויך באַרמהאַרציג... געוואָלט, מען זאָל איהם גלייך זיין!

און ווי שרעקליך, ווי האַרב די שטראָף איז... דער טויט און זיינע יסורים!

קומט ווידער דער רמב״ם... דער קלוגער, דער טיפער, וואָס האָט די וועלט צוטיילט: פון דער ערד ביז צו די גלגלים — הלכה באַריסטו, פון די גלגלים און העכער — משה אמת ותורתו אמת...

קומט ער און זאָגט: אַ טעות הדפוס! נישטאָ קיין פּיין און קיין לייד, און קיין יסורים און קיין טויט; דאָס אַלץ עקזעסטירט נישט, אַזוי ווי עס עקזעסטירט נישט קיין פינסטערניש: עקזעס־טירען עקזעסטירט נאָר ליכט... „יוצר אור ובורא חושך״ איז נאָר אַ מליצה אין דאַווענען... גאָט האָט באַשאַפען — ליכט! פינסטערניש איז נאָר דער פ ע ה ל פון ליכט, דער העדר פון ליכט! אַז גאָט נעמט צו די ליכט — איז פינסטער! און צונעמען האָט ער רעכט, ער האָט דאָך געקאָנט נישט געבען! אַזוי איז נישט פאַראַן קיין קרענק; פאַראַן נאָר געזונטהייט, — געזונטהייט האָט אַ ממשות, פון גאָט אַ מתנה! דער העדר דערפון האָט אַ נאָמען קרענק, דער נאָמען אָבער האָט אונטער זיך קיין ז אַ ך, קיין ממשות נישט...

און אזוי? „אלהים חיים“ — גאט באשאפט לעבען, נעמט ער איהם צו, הייסט עס טויט. קיין טענה קאן נישט זיין. ער האט נישט געגעבען קיין טויט, נאר צוגענומען זיינס... ברוריה ר׳ מאיר׳ס האט רעכט. „וויין נישט, מאיר, נישט צוויי זיהן זענען דיר געשטאר־בען, זיין ליעבער נאמען האט נאר זיין פקדון אפגענומען...“ „ה׳ נתן וה׳ לקח“ — ווייסט נאך איוב... אזוי קלאר! און איך האב דאס פארגעפיהל פון לאה׳ס ווערטער אין דער „גאלדענער קייט“ — קלאר אין שניי, קלאר איז אייז, אלץ, נאר נישט לעבען!

און דאס יונגע הארץ עמפערט זיך קעגען דער ריינער, ראַ־ציאנעלער לאגיק! טרייבט הייס־עמפערט בלוט אין די אדערען אריין... און עס קלאפט אין די שלעף אלץ אינאיינעם:

— וואס איז טויט? פארוואס קומט טויט?...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אינטערעסאנט וועלען זיין מיין באקאנטשאפטס־מאמענטען מיט׳ן טויט...

שוין לאנג, נאך גאר קינדווייז האב איך מיך שיער נישט מיט׳ן מלאך המות געטראפען פנים אל פנים... איינמאל, איך געה צו דער באבען אין געוועלב אריין נאך וואכען־געלט (זעקס גראַ־שען א וואך). איך קום אין געוועלב אריין, ווערט מיר עפעס שוואך ארום הארץ, עס פארדרעהט זיך דער קאפ, איך שפאר מיך אן אן האנט און קען זיך ניט דערהאלטען. איך פאל און פיהל, אז איך פאל עפעס אין א טיפען, טיפען אפגרונט אריין...

אויפגעכאפט האב איך מיך אין דער באבעס גרויסער שטוב, אין א גרויסען בעט, פארטאג... איך האב א שטילען, פרום־האר־ציגען לערן־נגון דערהערט. איך עפען פאמעלעך די אויגען אויף — ווייט פון בעט, אין ווינקעל פון שטוב, ביי א ליכט, פאר מיר מיט א ספר פארשטעלט, זיצט מיין פעטער שמואל לייבוש און לערנט... איך הער נאר דעם נגון, קיין ווערטער — נישט. כדי בע־סער צו הערען, וויל איך מיך צורוקען צום ראנד פון בעט — דאס לייב פאלגט נישט, די ביינדלעך ברעכען; איך דערשרעק מיך, איך מוז זיין קראנק. פרעגען וויל איך נישט, איך וויל נישט מפסיק זיין... און בין איך קראנק, לערענט מיין פעטער שמואל־לייבוש דע־ריבער אזוי הארציג, איך זאל אין דעם זכות גיך און באלד געזונט

ווערען. בלייב איך ליגען אומבאַוועגליך. דער קאָפּ איז מיר שווער, ריהר איך מיט א האַנט און טאַפּ אַן א גאַנץ טוך, מיט וועלכען דער קאָפּ איז אַרומגעבונדען. איך דערשפּיר דורך די נאָז־לעכער א זויערקייט — דאָס טוך איז גענעצט אין עסיג... איך גיב א בליק צום פענסטער — א ווייסע נאַכט קוקט אין שטוב אריין... און אויפ׳ן פענסטער שטעהען פלעשעלעך מיט מעדיצין... וואָס איז מיר? ווען בין איך קראַנק געוואָרען, און פאַרוואָס ליג איך דאָ?... איך מאַטער מיין שוואַכען קאָפּ און דערמאָן זיך אָן מיין גאַנג צו דער באָבען אין געוועלב אריין, מיין פאַלען אין געוועלב... „איך מוז זיין א חולה מסוכן...״ „דעריבער לערנט ער אזוי...״ אין מאַרק, צו וועלכען די פענסטער געהן ארויס, פאָהרט דורך א פוהר, עס ווערט א געבילערריי פון הינט... „כלבים נובחים — מלאך המות בא לעיר...״ שלעכט... ניין, עס איז צוליב דער פוהר... און דער־וויל ווערט מיר היים און הייסער. דער לייב באַדעקט זיך מיט שוויים און איך הייב אָן אינגאַנצען פלאַמען...

איך האָב מיך (דאַכט זיך, דעם זעלבען טאָג) נאָך אַמאָל אויפגעכאַפּט, און איידער איך עפען די אויגען, הער איך שטימען אַרום בעט:

— ער איז א ו נ ז ע ר! — די באָבע.

— דאָס געלע פלעשעלע — די מוהמע יענטע...

— און איך זאָג די באַנקעס — די מוהמע טעמע... די מאַמע לעגט מיר נאָר די האַנט אויפ׳ן שטערן...

— פון יענער זייט, טאַקע פון יענער זייט! הער איך נאָך אַן אומבאַקאַנטע שטימע פון א איד און הער זיינע טריט, ווי ער געהט ארויס, און הער, ווי ער פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר...

„שיער, שיער״... טראַכט איך...

אָבער דעם אמת׳ען טויט־שרעק האָב איך ארויסבאַקומען פון ברונען... איהר האָט פיליכט געלעזען און געדענקט דעם „פאַרשאָל־טענעם ברונען״?!

אין מיטען פון איין מאַרק־פּערטעל שטעהט א ברונען, אונ־טער א הילצערנעם דאַך אויף פיער שווערע זיילען... אַרום ברונען

א צעמברינע פון באלקען ביז דער ברוסט פון א דערוואקסענעם מענש... וואסער ציהט מען מיט שעפען אויף אייזערנע קייטען, געוויקעלט ארום א וואל, וואס באוועגט זיך דורך אן „אומגעהייער גרויס" ראד מיט שפיצען...

דאכט זיך, אן איינפאכער עניין פון א שטאדט־ברונען? איז אבער דער ברונען „זעהר, זעהר" טיף, און אז מען שפארט זיך אן מיט דער ברוסט אן זוים פון צעמברינע (איינגלעך מוזען זיך דערצו אויפהויבען אויף די שפיץ נעגעל) און מען קוקט אריין, גלאנצט עפעס א רעדעל פון ליכטיגקייט איבער שווארצליכען וואסער — עפעס א „וואסער־שמייכעל", וואלט איך היינט געזאגט. און אז מען קוקט לענגער אראפ, הויבט זיך אן צו דרעהען דער קאפ און עס כאפט אן א וואונדערליך גלוסטונג אראפ, צום וואסער־שמייכעל, וואס ציהט אראפ, ווי א מאגנעט; מען מוז זיך גוט איינהאלטען און אנהאלטען, נישט אראפצושפרינגען... אזא כשוף שטעקט אין דעם שווארצליכען ברונען־וואסער, מיט'ן ציטעריגען שמייכעל פון אויבען...

איז נאך וועניג, דערצעהלען זיך איינגלעך מיט מיידלעך, אז אויב עס איז נאר א פינסטערע נאכט און אלע ליכט ארום אין די פענסטער לעשען זיך אויס, די שטאדט איז איינגעשלאפען, זאמלען זיך קעץ, ווייסע און שווארצע קעץ, ביים ברונען, קומען און זעצען זיך אויף די שפיצען פון גרויסען ראד, געמישט: א שווארצע קאץ, א ווייסע קאץ און הויבען אן יאמערען... און יאמערענדיג ריהרען זיי זיך אלע אויף איין זייט און ריהרען דאס ראד, און דאס ראד הויבט זיך אן דרעהען און די שעפען געהען ארויף, אראפ... וואס אמאל געשווינדער... און דער נאכט־היטער, וואס געהט ארום אין מארק (אן אלטער גוי, מען זאגט: א נײַנציגער), הערט, ווי די קעץ יאמערען, ווי דאס ראד סקריפעט, ווי די שעפ, וואס קומט אראפ, שלאגט זיך אן אין וואסער, און דאס וואסער שפריצט איהר אקעגען מיט א געלעכטערעל, און די שעפ, וואס קומט ארויף, קערט זיך אליין איבער — פליוסק — פליוסק דאס וואסער אין ברונען אריין... און ער ציטערט און צלמ'ט זיך, ציטערט און צלמ'ט זיך... און אלטע ווייבער זאגען: די קעץ זענען קיין קעץ נישט, נאר נשמות פארוואגלטע, וואס זוכען תקון ביים וואסער; די שווארצע זענען מענער, וואס האבען נישט געהאלטען

פון מקוה, די ווייסע — זענען ווייבער, וואָס האָבען נישט עהרליך געהאַלטען די דריטע מצוה...

ווי עס זאָל נישט זיין, נישט קיין פּראָסטער ברונען...

און אין א געוויסען פרייטאָג, לויפענדיג איבער'ן מארק, זעה איך, ווי מען לעגט איין די צעמברינגע (מיט דער צייט פויל געוואָרען), ווי מען פאַרלעגט דעם צוגאַנג מיט ברעטער, איך הער מיט די אייגענע אויערען, ווי מענשען, וואָס שטעהען ביי דער אַרבייט — צייט פעהלט נישט — זאָגען: „צו דער נייער צעמברינגע וועט מען זיך ערשט שטעלען מאָנטאָג"... און פאַרגעס אָן דעם אַלעם, און כאַפּ פרייטאָג צו־נאַכטס נאָך דער וויעטשערע די קורפּערנע קוואַרט, לויף צום ברונען נאָך פריש וואַסער, — א הייסער זומער אָוועגט, און לויף גלייך צו, וויל זיך אין אײנוועגס אָנשעפּערען אָן ראַנד פון צעמברינגע, צי מען זעהט ביינאַכט דעם וואַסער־שמייכעל, און — —

און ווי דערמאָנט, אַז אַלטע אידענע גיט מיר א כאַפּ אָן, א שלעפּ צוריק... „פריידעל די האַלאַדריגע", די סמאַלע־העגדלעריין פון „שלום בית" האָט מיר גערעטעוועט פון א זיכערען טויט — אויף בייטאָג!

ביינאַכט בין איך איבערגעענטפערט דעם טויט און זיינע שרעקען. ווערענד א לאַנגע, לאַנגע צייט פאַל איך נאַכט אויף נאַכט אין טיפען ברונען אריין... דער קאָנטראַסט צו דער ליעבע, צום לעבען בייטאָג... עס קומט דאָצו, אַז נישט נאָר דער ווירקליכער טויט שרעקט, נאָר אויך זיין ברודער, דער צייטווייליגער טויט — דער שלאָף. איך ליג גאַנצע נעכט און האַלט איבערגעוואַלט די אויגען אָפען, נישט אריינצופאַלען אין יענעם אָפּגרונט, ווי ביי דער באָבען אין געוועלב, נישט צו פאַרזינקען אינ'ם פאַרגעסעניש; נישט אָפּצורייסען זיך פון לעבען...

און וואָס שווערער, בלייערנער עס ווערען מיר די ברעמען, אַלץ געוואַלדיגער וואַקסט די שרעק, און אַלץ הייסער ווערט דער פאַרלאַנג — צום לעבען, צום האַלטען זיך. באַהעפטען זיך אָן לעבען... און איך שפּרינג צום פענסטער צו, רייס עס אויף צום מארק אָדער לויף אַראָפּ אין מארק אריין... אָבער אויך דער מארק שלאָפט, איינגעהילט אין נאַכטיגער בלויליכקייט... פאַרגליווערטע מויערען, פאַרשוואַרצטע פענסטער... אָבער הינטער זיי עטעמט מען, לעבט מען,

איך ווייס נישט ווי אזוי, איך פיהל. יענעס לעבען נישט — פאר־
וואס? פארוואס שטעהען מויערען צווישען מיר און ז י י ?
צווישען מיין און זייער לעבען?

נאטאבענע, דאס זעלבע געפיהל האט זיך אין מיר ערשט נישט לאנג דערוועקט, דורכפאהרענדיג ביינאכט איבער אן אויסלענדיש שטיל שווייצעריש שטעדטעל, האט מיך פלוצלונג אנגעכאפט א וועהטאג פון מיין אפגעריסענקייט פון'ם לעבען פון הינטער די זשאליוזען... דארט אטעמט מען, בענקט מען, מען טרויערט, פלאגט זיך, אדער מען פרעהט זיך, מען איז גליקליך אין דער שטילער פינסטערניש, און איך ווייס נישט, פיהל נישט, האב אין דעם קיין חלק נישט... און דאס לעבען דאך דארט מענשען, און איך בין אויך א מענש... און עס האט מיך אנגעכאפט א ליידענשאפטליך פאר־לאנג זיך אויפצושטעלען, א געוואלדיגען געשריי צו טון, דאס שטעדטעל אויפצואוועקען, זאלען זיך פלוצלונג די זשאליוזען הייבען, אויפרייסען די פענסטער, זאלען זיי ארויסשטעקען די מענשען־קעפ...

א „חוזר ונעור" פון די יונגע יאהרען געוועזן...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

„אבער ווי אייגענארטיג מענשען שטארבען, ווי פארשידען זיי געהען פון דער וועלט"...

די „פארמען" האבען מיך שוין דאמאלט באשעפטיגט...

דער סטרוזש פון פעסטונג איז פלוצלונג אמאל אוועקגעקומען...

צי האב איך עס געהערט, צי דערביי געווען, ווייס איך שוין נישט...

געווען אין פעסטונג א דארער, אלטער, אויסגעדינטער סאל־דאט — וואס האט די גאסען געקערט. אויך (פאר לאפיי'ס צייטען) שבת־גוי געווען... א בייזער גוי, א בלינדליכער און אן אמת'ער שונא פון אידישע קינדער, — דעם סמאמריטעלם מענש! זיין אנבייסען אין מיטען גאס — א שטיק שווארץ ברויט פון שווארצען בוזעם ארויס, געשמירט מיט חלב פון א גראשענדיג ליכטעל פון קע־שענע ארויס... מען האט מורא פאר איהם, א ליאדע וואס, ווארפט ער דעם בעזעם, מען ווייכט איהם אויך פאר עקעל, און אויך פאר עקעל פאר זיינע קללות... עכט רוסישע... און זעלטען ניכטערע... אויך איינמאל בלייבט ער שטעהן אין מיטען קערען, גיט זיך א וואר־

קעל, ווייל זיך דערהאלטען און גיט זיך א שפאר־אן אן בעזעם, און קערט זיך מיט איהם צוזאמען איבער, און גיט א געשריי: שמע ישראל! פאלט און — טויט... ווייזט זיך אויס — א קאנטאגיסט געוועז... באהאלטען האט מען איהם, ביז תחית המתים, אויפ'ן פראוואסלאוונע פעלד... איהם וועט מען נישט ארויס'גנב'ענען, נישט די צייטען...

דער טויט מאכט אויף מיר א קליינע ווירקונג; געדויערט א רגע כמימרא... וואס האט ער געקאנט ליידען?... געוועז, נישט געווארען...

געוועזן אין שטאדט אן אלטער זייגער־מאכער, ר' הירשל, אויב איך האב קיין טעות נישט, אויך א שטאדט־דינער... זיין עובדא: אין דער פריה און פארנאכט ארויפצוקלעטערען צום שטאדט־זייגער, וואס געהט אויף א הילצערען געווערק, מיט שטיינער אויף שטריק, און אנדרעהען צוויי מאל אין מעת לעת... א אידעל א גרוים, אין א שינעטען קאפאטעל, אין עפעס א קאפ־באדעקונג מיט לאפען, אין א פארם, וואס מען האט שוין דאמאלט לאנג נישט גע־טראגען... א שטיל, טריט־ביי־טריט אידעל; איך האב איהם קיינ־מאל נישט געהערט רעדען... קיינער האט איהם נישט געזעהן נישט לאכען, נישט וויינען... קומט איינמאל דער ר' הירשעל אראפ פון זייגער און שטרעקט יעדען די האנט, און געזעגענט זיך מיט אלע, וואס ער באגעגענט אין מארק...

— וואס איז, ר' הערשעל?

— די נאכט שטארב איך!

„וואס א איך פאלט איין"... „מיינע שונאים"... מען קומט ארויס צומארגענס אין דער פריה — דער זייגער שטעהט, דער זייגער־מאכער — נישט אויפגעשטאנען!

אזוי דארף זיין!

מאדנע שטארבט דער שוין דערמאנטער שמעון היטעל־מא־כער, דער אונטערהעלפער ביים משכיל'ישען מנין... א צווייט ווייב געהאט (צופעליג געדענק איך און פארצייכען עס)... פאר גסיסה הייסט ער, זי זאל ארויסגעהן אין מארק אריין, קויפען איהם א האלב־פונטיגען קארפ, אפקאכען און דערלאנגען אין בעט אריין... ער וויל זיך געזעגענען מיט זיין „עולם הזה"; — אזוי ליעב האט ער קארפ... און ער וויל זיך געזעגענען און פארגלייכען אויף יענער

וועלט מיט'ן טעם פון לויתן... און צום צובייסען (אויסצופּהרען דעם אלטען, וועלט־באַקאַנטען וויין) הייסט ער זיך דערנאָך געבען אַ ווערמיגע פלוים, ער זאָל וויסען, ווען עס וועלען זיין די לעצטע שמיץ פאַר'ן לויתן...

נישט היימליך, אָבער וויציג!

שטאַרבט מיר אָבער דער פעטער ליפּאַ; דערטרונקען גע־וואָרען...

און אַ פעטער — אַ דימענט... אַ זיידענער מענש, אַ גאָלדען האַרץ... גיט אַלץ אַוועק, גיט אַלץ פון זיך אַראָפּ... די מוהמע יענטע מוז איהם היטען, אַזוי אין געוועלב מיט שנים, ווי אין שטוב, ער־גער, ווי אַ גנב... איינמאָל פאַר פסח, זי גערהט אַראָפּ אין קעלער אַריין צום אינדיק, וואָס זי פאַשעט לכבוד יום־טוב — אַ נעכטיגער טאָג... זי ווייסט, ווער דער גנב איז... טרעפט אַמאָל און עס קומט אין געוועלב אַריין אַז אָרעמאַן, יענטעל איז נישטאָ, זי גיט פּרוטות, כאַפּט ער זיך צום שופלאַד — פאַרמאַכט; צום שלאָס — ער גיט נישט נאָך, — ציהט ער עפּעס זיך פון לייב אַראָפּ... איינמאָל די פלודערען אַוועקגעגעבען... איז צווישען פאַר־פאָלק אַ לעבען, דאַכט זיך, נישט ווי אונטער דער זון... די מוהמע יענטע איז אַ מלומדת, זי ווייסט, וויפיעל אַ איד מעג אַוועקגעבען צדקה, צום רב וועט זי איהם שלעפּען... און אַ צינגעל האָט זי אַ געשליפענס — די גאַנצע פאַדטשינע הערט איהרע קללות צום מאַנס קאָפּ... און שטעלט אַ האַנט מיט נעגעל אויס, וואָלט זי נאָר נישט מורא געהאַט פאַר גאָט...

געהט דער פעטער ליפּאַ איינמאָל פאַר'ן דאַווגען זיך באָדען צום טייך, זעצט זיך הינטער'ן שטראָם... און מען נעמט איהם פון דאָרט אַרויס אַ טויטען... פון אַ שטיין, זאָגט מען, וואָס איז מיט'ן וואַסער געלאָפען, אַ קלאַפּ באַקומען, באַטויבט געוואָרען, דאָס מויל געעפענט, וואַסער געטרונקען...

על פּי „מורה הנבוכים“ מאַכט עס אויף מיר קיין גרויסען איינ־דרוק נישט. נישט מעהר: אַ שאַד אַזאַ גוטער פעטער... און דער־טרונקענע שווין געזעהן... אַ יונגעמאַן אַמאָל אַרויסגענומען פון טייך (ער דאַרף אַ מענש, די אַריינגעוואָרפענע קאַץ האָט נישט גע־האָלפען), אַרויסגעצויגען האָט מען אַז אָנגעדראָלענעם. מען האָט

איהם מיט די קני דעם בויך געדריקט און דאָס וואסער דורכ'ן מויל ארויסגעזעצט... דערביי געוועז, געזעהן באשיינפערלעך: דער טויטער פיהלט נישט...

איך בין דעריבער צום טייך, צום פעטער ליפא נישט געלאָפען...

אבער, אז די לויה איז געווען... די מוהמע יענטע געהט נאך דער מטה, ניין, זי געהט נישט, זי שווימט אין דער לופט... אויפ'ן פנים א פארגליווערט שמייכעל, די אויגען בלאנדזשען ארום און גיבען אפט א באהאלטענעם בליץ נאך א בליץ, אט באוועגט זי זיך, ווי ביי כלה־טאנץ — בנעימות'דיג אויף די שפּיץ נעגעל... איך געה הארט ביי איהר זייט... די וויבער ארום, הער איך, שרייען צו גאָט, די הענט ברעכענדיג: רבונו של עולם, זאָל זי וויינען! כאָטש א טרער לאָזען! און זי געהט און מורמעלט, און איך הער (וואס איך האָב אין „נאך קבורה" באנוצט): „עס, ליפּעלע, עס, זאָל דיר זיין צו געזונט!" און גיט פלוצלונג א ריס אראָפּ פון זיך דאָס שייטעל און מיט'ן מויל — א פייף... —

שטאַרבט נאך ק., דער וויינהענדלער פון דער ברוקירטער גאַס... מיך ציהט אהין, איך מ ו ז זעהן, ווי מענשען שטארבען... ליגט ער און גוס'עט אין דער גרויסער שטוב, אין שרעקליכע שמערצען... די טאָכטער זיינע, די פארצערטלאנענע שעהנהייט, ליגט אויף אן אנדער בעט — די קליינע ווייסע שרעק! די מוטער — א הויכע פרוי — איינגעקוילט אין א פאטעל, מען זעהט קיין פנים נישט... איך רוק מיך, צווישען חברה־לייט, צום בעט צו... שרעקליכע העויות, ווילדע אויסגעשרייען אינמיטען וידוי... און פלוצלונג, מיט א גאנץ געענדערטער שטימע —

— זאָגט מיין ווייב, דער שליסעל פון צווייטען קעלער ליגט...

איך הער נישט וואו; איך אנטלויף... אנטלויף אין אינזשענערנע גאָרטען אריין, טיף פון א שטארבענדיגען באליידיגט, פון א גוסס... פוי, פוי! דער מענש איז ווערט דעם טויט, ער וועט זיך אנדערש נישט אפרייסען פון שליסעל צום צווייטען קעלער...

און עס פאלט צו די נאכט... איך געה ארום אויפ'ן שאסע, געה עטוואס ווייטער אפּ פון שטאָדט און דערזעה (גלייך צום ערשטען מאָל!) — ווי די זון לאָזט זיך אראָפּ אונטער'ן גאָרטען — די

פורפור־פלאם פון צווישען די צווייגען... און קעגענאיבער שיינט אויף א בלאס־געצייכענטע לבנה; קומט העכער, העכער, ווערט בולטער...

איך שטעה אנגעשפארט אן עפעס א צוים און קוק, און וואונ־דער מיך, פארוואס זעה איך עס אזוי צום ערשטען מאל... יעדען טאג געהט דאך אונטער די זון, יעדען אווענט געהט אויף די לבנה...

און זי ציהט זיך ארויף, ארויף...

א צינערנער הקדש־טעלער? א זילבערנע טאץ אויף דרשה־געשאנק? יהושע׳ס פנים?

אפשר פרעגען ביי יהושע׳ן: פארוואס שטארבט מען, נאר וואס? —

ריהרט מיך פלוצלונג עמיץ ביים אקסעל אן...

מיכל פידלער — שוין דערמאנט — ביים פלויט פון זיין התבודדות־הייזעל בין איך עס געשטאנען. ער איז צו מיר ארויס־געקומען, א שטילער, שטיל־שלייכענדיגער, מיט טרויעריגע וואַ־סער־אויגען, אין איין האנט — א ספר׳ל, אין צווייטער — א לאמ־טערל...

— „מען זאגט, דו ביסט אן עלוי, קענסט דא פשט?“

און ער ווייזט מיר אן ארט אין קבלה־ספר׳ל (דעם נאמען — פארגעסען), עס רעדט זיך וועגען גלגול... איך לעז דורך, פארשטעה און פארטייטש...

— „ביסט דאך טאקע אן עלוי... נו, ווארט.“ און ער פאר־שווינדט צוריק אין הייזעל אריין...

עס הויבט זיך אין מיר אן אויסצואוויקלען א געדאנק: אפשר איז דאס דער ר י כ ט י ג ס ט ע ר ענטפער אויף אלע מיינע פראגען... דער געדאנק דערוויקעלט זיך אבער נישט, ער קומט צו־ריק ארויס מיט׳ן לאמטערען, נאר אין דער אנדער האנט, אויפ׳ן ארט פון ספר׳ל — א גרויסער, שווערער פארראסטער שליסעל —

דער שליסעל צו זיין פארמאכטער ביבליאטעק אין שטאדט...

— דו ביסט עס ווערט...

מיט דער האנט, וואס ציטערט שלאבעריג, דערלאנגט ער מיר דעם שליסעל. די שטימע — הויל, אהן טאן, הייזט וואלט איך געזאגט — אהן פארב. איך הויב צו איהם די אויגען אויף, וויל עפעס

זאגען, דאס מויל איז מיר צוגעשנירט; ביים שיין פון לאמטערל זעה איך א פנים פון א בר־מנן... געל, וואקסען־געל, אפגעלאזט...
„א בר־מנן דערלאנגט מיר דעם שליסעל" —
איך נעם איהם און געה מיט איהם אפ שווייגענדיג. דער שליסעל וועט עפענען — מיר א נייע ביכער־וועלט, אייך — א נייעם פרק...
וועז און ווי אזוי מיכל פידלער איז געשטארבען — געדענק איך נישט!

9.

„זייער בית־מדרש. — חורבות אין געהירן. — איך וויל אוועק. — די מאמע. — איך ווער א חתן.

נישט מיט אמאל לויפט מען פון אידישען אין גוי'שען בית־המדרש אריין. מען האט דאך א אידיש הארץ, קלאפט עס. איך פיהל, אבוואל נישט קלאר, אז איך רייס מיך פון עפעס און עמיץ אפ, פון עמיץ א היימישען, פון עפעס טייערס... נעכט שלאף איך נישט, און בלאנזשע ארום טעג אונטער די בראמען. איך בין טאקע שוין א „פורץ גדר", אין אסך זאכען האב איך אויפגעהערט צו גלויבען. פיעל פון הייליגען איז מיר אומהייליג געווארען, אבער אלץ אין דער היים, אין בית־המדרש, וואס איז לעבען דער שול...
און איך זעה מיך, ווי איך געה צום לעצטען מאל, דריקענדיג מיט דער פויסט דעם דיקען פארראסטען שליסעל אין טאש, אונטער דער לעמבערגער בראם. אויפ'ן שאסעענעם דריי־עק, צווישען „אונזער" און „זייער בית־עלמין", און האב התבודדות, און הער אויס א וכוח צווישען „יצר טוב" און „יצר הרע", אזוי ווי איך האב איהם איבערגעגעבען, נאר צוגעגריישט מיט „וויץ" אלא היינע, אין „מאנישע"... אבער מאנישען אין חורבה אריין רופט „מאריע", זי ווינקט צו איהם פון די פענסטער, רופט איהם מיט געזאנג. מיין „מאריע" שפאצירט ארום מיט יונה'טשען, אוועקט ביי אוועקט, צווישען מנחה ומעריב, אין דער רייטשול, און מיין „כלה פון חורבה" איז פארנומען מיט איהר אויסשטייער. נעהטארען־מיידלעך זיצען ביי זיי

אין שטוב און נעהען וועש, און זי לויפט ארום צווישען די שניי־דער און מעסט מלבושים.. מיך רופט „קענטעניש“... אבער דער יצר הרע איז גובר; אזוי ווי ביי מאַנישען.

זעה איך מיך, ווי איך געה, אין א שווארץ היטעל, אין א ביס־מארק־פאַלטאַ און ווייס־פארליימיגטע שטיוועל (צופעליג הויב איך דאמאלט אַן צו זעהן פארבען!) איבער דער ברוקירטער גאַס, פון די רויטע קאַשארען צום גריגעם שלאָס (עס איז פריהלינג־צייט) און בלייב שטעהן ביים קווער־געסעל פאר'ן שלאָס, אין ווינקעל, וואו דאַס הויז שטעהט; דאַס הויז מיט דער פארמאכטער ביבליא־טעק אויפ'ן בוידעם. איך טרעט אריבער די שוועל איבער געוואלט. עטליכע טראַפּען שוויים פערלען זיך איבער'ן שטערן: דאַס הויז איז מיר פרעמד; דאַ וואוינען נישט קיין אידען. צופעליג. און פי־לייכט צוליעב דער נאָהנטקייט מיט'ן שלאָס! דאס הויז איז א ניי־עס, דאמאלט דאַס נייעסטע, און האָט ליכטיגע טרעפּ, דאמאלט די איינציגע ליכטיגע טרעפּ אין שטאָדט. איך שטייג באהארצט: א גוטער סימן — א ליכטיגער וועג! און איך שטייג אין ליכט. איין שטאָק, א צווייטער — די פּלאַטפאָרם צום בוידעם; דאַ לעשט זיך מיר דער טאָג אויס... איך ווער עטוואס אומרוהיג. אבער „כל באיה לא ישובון“, נישט פאראַן: צוריק! די האנט ציטערט אביסעל, דאך דערטאפּט זי די טיר; אין טיר — דעם שליסעל־לאָך. „פריהער אריינקוקען!“ איך נייג צו איין אויג: א חשך. קענגנאיבער א פארלאַדענט פענסטער פון אינעווייניג. אבער דורכ'ן לאַדען־שפּאַלט רייסט זיך אריין א זייל פון ציטעריגען זונען־שטויב און שפּארט צו ביז צו א הויפען ביכער אויף דער פּאָדלאָגע.

„דער עמוד ענן!“

„דער עמוד אש!“

„ביידע פיהרען אין מדבר!“

און איך דרעה איבער דעם שליסעל! א קריץ אין אַלטען שלאָס. דאס האַרץ — א ציטער, דאך — די טיר — שוין אָפען, דער לאַ־דען — האסטיג אויפגעריסען — איך בין אין „זייער בית־המדרש“...

אז מיר האָבען א חלק אין אלע בתי מדרשים. „ביודעים ובלא יודעים“ — פאַלט מיר דאמאלט נישט איין. אבער אזויפיעל בי־

כער! ארום אויף אלע פיער ווענט, צואווארפענע אונטער די פיס אויף דער פאדלאגע.

— איך וועל אלץ לייענען און כסדר!

— —

„אלץ" האב איך נ י ש ט געלעזען; דריי שפראכען געווען: דאס מעהרסט פויליש (אבוואל דאס מעהרסט איבערזעצונגען...) דערנאך אביסעל דייטש; געווען אביסעל פראנצויזיש אויך.

פראנצויזיש קען איך גארנישט. לעזען אפילו נישט. איך וועל מיך דאך, צוליעב דער ביבליאטעק, אין א צייט ארום, אויסלערנען בעל פה, פון טאוועל צו טאוועל אן אלענדארף, — א ברכה לבטלה: איך וועל איהם, ווי אויסגעלערענט, פארגעסען... מיט'ן הוילען אלענדארף־קענטעניש וועל איך פון דער היים אוועק. דייטש, ביי וועלכען, ווי איך רעכען, עס וועט מיר ביישטעהן דער זכות פון עטליכע לעקציעס ביים לעהרער שטערן, לעג איך דאך אפ אויף שפעטער. צו גרוים איז מיין דורשט צו „קענטעניש", איך זאל מיך זעצען סילאביזיערען! איך הויב אן ביי פויליש, און האלט ווארט. און לעז כסדר: „לב חכם לימינו" — פון דער רעכטער האנט ביים אריינגאנג. און די ביכער זענען אויסגעשטעלט אהן א סדר, א תהו ובהו פון ביכער, ראמאנען און וויסענשאפטליכע זאכען. אויסגעמישט און צוואווארפען — די פיעלבענדיגע ראמאנען; איבערהויפט די איבערזעצונג פון פראנצויזיש: דיומא, סי, וויקטאר הוגא א. ד. ג. פאלט אין דער האנט אריין א צעהנטער באנד סי, דערנאך א ניינטער דיומא, באלד א דריטער באנד — הוגא... אבער איך לעז! איך זוך קיין ספור המעשה נישט. איך לעז אויך קיין נאטור־באשרייבונגען נישט, זיי דערמאנען מיך אן גארנישט, וועקען אין מיר קיין בילדער נישט! איך האב אזוי וועניג באקאנטשאפט מיט נאטור. איין אויסנאם — די באשרייבונג פון גרינע וויזען ביי וויקטאר הוגא אין „די ארבייטער ביים מער" — פאראן וויזען ארום שטאדט; אויך א שליטוועגס פון א פוילישען אויטאר, דאכט זיך, קארזשעניאווסקי — שניי שוין געזעהן! דער עיקר ציהען מיך און נעמען מיך די דיאלאגען — די „שטיקלעך מיט די פאסיקלעך", ווי עס האט דאמאלט ביי מיר געהייסען; וואו מענשען רעדען. יעדעס פאסיקעל האט מיר אויסגעזעהן, ווי א שפעלטעל אין א מענשליכער נשמה אריין. די ליעבע צום דיאלאג, צום מאלען מיט דער

שפּראך איז מיר געבליבען... רעכט א מעשה דערצעהלען האָב איך קיינמאָל נישט אויסגעלערענט. העכסטענס, ווי איינער פון מיינע קריטיקער האָט באמערקט — א „מעשה בתוך מעשה"; שלעכט געבוים איז דעריבער פּיליכט מיין בעסטע זאך: די דריי חופּות... איך האָב אזוי געלעזען. לעזענדיג, פלעכטען זיך אין מיר אלערליי מעשיות; איך קען מיך, און וויל מיך נישט אויספּלאָנטערען. אין דער ביבליאָטעק איז א יריד! פול מענשען אין מאַרק; א געווימעל פון מענשען! פון אלערליי שטאַנדען, אלערליי געשעפטען! אין גרופּען שטעהען זיי, און רעדען צווישען זיך, יעדע גרופּע האָט איהר עסק... און איך שפּאַציר ארום איבער'ן מאַרק, געה פון גרופּע צו גרופּע, הער אונטער, כאַפּ אָפּגעריסענע שטיקער פון געשפּרעכען און שטוים מיך, וועגען וואָס עס געהט...

פאַלט מיר אבער איין א קורצער צייט ארום אין דער האַנט אריין נאַפּאָלעאָנס קאָדעקס און זאוואדסקי'ס איבערזעצונג. איך לעז און — פאַרשטעה, א פרייד; נישט טיף, פיליכט נישט ריכ־טיג און — גאָט! דינים, אהן ראובן ושמעון, סאַמע כללים!... דער רמב"ם אין „יד החזקה" האָט עס נישט דערגרייכט! נאָך אין א צייט ארום — באַקל'ס געשיכטע פון דער ענגלישער ציוויליזאציע! איידער איך פאַרשטעה, דערמאָנט מיך (אזוי מיין איך) דער סטיל אָן בעל עקדה!... אויך עפּעס א מין דרש! איך קום אויך צו פיזיק. רבונו של עולם! נישט די קאַלדערע ווארעמט מיך, נאָר מיין לייב די קאַלדערע! מען קאָן מאכען שניי! דונערען! אהן מאַטעמאַטי־שער פאַרבאַרייטונג, היפּער איך איבער ציפערען אין אלגעבראַאי־שע צייכען, ווי א פּוילישער מלמד איבער שטיקלעך דקדוק אין רש"י, און פאַל ווייטער אריין אין א ים פון ראָמאַנישע און ראָ־מאַנטישע דיאַלאָגען, און שווים ווידער ארוים אין א „נאַטור־ווי־סענשאַפט"... די באשרייבונגען פון קערפּער און גלידער, אזוי פון געוויקסען, ווי פון טיערען, נעמען מיך נישט, זענען פאַר מיר טויט! ווידער דאָס זעלבע: זיי דערמאָנען מיך אָן גאָרנישט, וועקען אין מיר גאָרנישט! געזעהן: הינט, פערד און עטליכע קעץ. זומער־צייט פליהען פייגעלעך אונטער'ן הימעל, אונטערשייד איינצעלנע אין דער מחנה! לאָזען זיך מאנכע מאָנכמאָל אראָפּ, אין שטויב און בלאָטע אריין, נאָך א פּאַרלוירען קערענדעל פון א פּויערישער פוהר, א ברעקעלע פון אָן איינגעלם אנבייסען אין חדר אריין און פליהען

אזוי ראש אוועק... אויפ'ן שפיץ פון זייגער שטעלט זיך אמאל א קראה — ווער ווייסט זיי!

פאר דאס די באשרייבונג פון לעבענסארטען, פון געוויקס און טיער, יעדע אנטפלעקונג פון אינסטינקט און פארשטאנד, געוועהנ־הייטען, דאס צופאסען זיך מיט ליניע און פארב צום מיליע... נעס־טען בויען, קינדער ערציהען, זאמלען שפייז אויף ווינטער, פארזאמ־לונגען פון געפליגעלטע אונטער'ן בלויען הימעל, די סעימען; די סערענאדען פון דער מענליכער זייט, דאס אויסשטעלען פון פאר־ביגע פעדערען, דער קריג וועגען דער „זי" — דער קאמף פאר לע־בען און ליעבע, — דאס אלץ נעמט און כשופ'ט...

גאט, ווי גרויס די וועלט איז, ווי פארשידענארטיג, און וויפיעל שכל, וויפיעל גייסט...

און פלוצלונג:

— אלץ מאטעריע! (הארטמאן).

— קיין פרייער ווילען! (צעהנדליגע בראשורען). און קארל פאגט:

— דער געהירן ארבייט אויס געדאנקען, ווי אן אנדער גליד — שטוהלגען...

עפעס ווערט אין מיר פארשטארט, פארגליווערט. עפעס שטארבט אפ. אויס מעשה בראשית, אויס מעשה מרכבה. קיין הימעל נישט דא. דאס בלויע, וואס מיר זעהען, איז די גרענעץ פאר אונ־זער אויג. אויס שכר ועונש. אז דער מענש האט קיין ברירה נישט...

מיט וועמען רעדט מען דערפון? פאר וועמען גיסט מען זיך אויס דאס הארץ? און וועמעס אויערען אריין גיסען די קלאגען אויף די חורבות אין געהירן און אויף די פגרים אין הארץ? מיט די ארו־מיגע? איך בין קענען זיי אהן לשון אפילו. פון דעם, וואס איך האב געלעזען, קאן איך אויף אידיש נישט רעדען, פאר דעם האב איך אין אידישען קיין ווערטער נישט. איך פרואוו רעדען מיט מיר אליין און קאן נישט...

רעטען קאן מיך איין ש. ח.

פריהער זיין פארטרעט. אייגענטליך נישט זיין פארטרעט; איך קען איהם נישט. אין א מענש אריין קוקט מען דורך די אוי־

גען, און ער פינטעלט מיט די אויגען. זיינע שווארצאפעל האלטען אין איין לויפען אהין און צוריק איבער'ן ווייסעל, ווי פאר פחד, מען זאל זיי נישט דערטאפען. איך וועל נאר באשרייבען זיין ליניע: שטאמט פון אן ארעמער, דערשלאגענער פאמיליע אין דער ליטא, נישט אויסגעלערענט זיך קוקען מענשען אין די אויגען אריין... גענענדיגט די ראבינער־שול אין זשיטאמיר. געקומען צו אונז אלס רעליגיאנס־לעהרער... לערענט פון א רוסיש ביכעל ארויס די „ביבלישע געשיכטע". האלט זיך ווייט פון קהל; רעדט נאר רוסיש. פונדעסטוועגען, אז דאס מאגיסטראט וויל אפריינינגען דעם מארק פון פויערישע פוהרען, וואס זאלען זיך נאר שטעלען אויפ'ן טארג, און באשטימט איינצוטיילען דעם מארק אויף פיער, דורך גאסען דורכגעשניטענע רעגעלמעסיגע סקווערען, וואו ער וועט פארזייהען בלומען און פלאנצען־בוימער... און די סוחרים, וואס האבען געוועלבער אין מארק, פאר פחד, זיי זאלען די פויערישע לייזונג נישט פארלירען, ווילען מבטל זיין די גזרה, און מען ווענדט זיך צו איהם, ווי צו א קרוב למלכות, — שרייבט ער זיי א פראשעניע אויף „קייזערליך פאפיר, מיט עכט שווארצער טינט און קאליגראפיש, לאמור, אזוי צו זאגען: היות, אויב עס וועלען זיין גערטלעך (סקווערען) און אויב עס וועלען געפלאנצט ווערען בוימלעך, וועלען די בוימלעך מיט דער צייט וואקסען און צוזאוואקסען זיך און ווערען גרויסע בוימער, מיט געדיכטע צווייגען און בלעטער... און אזוי ווי די שטאדט איז שלעכט באלייכט און נעכט זענען פאראן פינסטערע, וועלען זיך אין די פינסטערע נעכט, און די געדיכטע שווארצע שאטען פון די בוימער באהאלטען גנבים, גזלנים און רוצחים, וואס וועלען זיין א סכנה פאר דער שטאדט... אויך וועט מען, אין די זומער־אווענטען, ווען די נאטור (דא געהט א נאטור־באשרייבונג) וועקט צו ליעבע — אין שאטען פון די בוימער זינדיגען, וואס עס וועט שאטען דער מאראל פון שטאדט און פארדארבען די שול־יוגענד, וואס וועט ווייטער פון איהר זייט, נישט פאר אייך און נישט פאר קיין שום איד געדאכט, קראנק מאכען א האלבע, אויב נישט די גאנצע שטאדט...

איז אייך ווענעג, געהט די ליניע ווייטער:

ער פארלירט די שטעלע אלס רעליגיאנס־לעהרער. איך ווייס נישט, אדער געדענק נישט, פארוואס, און פועל'ט ביים גוברנא־

פאר און ווערט אהן דער שטאדטס וויסען — ראבינער. און באקור־
מענדיג די נאמינאציע, ענדערט ער פלוצלונג זיין פיהרונג: טוט
אן אין שטוב א יארמולקע, הערט אויף צו רויכערען אום שבת און
הויבט אן צו געהן אין שול אריין דאווענען פריה און אווענט.

האבען די חסידים אן אסיפה געמאכט און געשיקט איהם
זאגען:

ווילט איהר, אזוינער און אזוינער, נעמען ביי דער שטאדט
דריי הונדערט רובל א יאהר אומזיסט, איז מה טוב. איהר זייט
נישט ערגער ווי אן אנדערער, אז אינו ישראל, וואס נעמט אומ־
זיסט אידיש געלט.

ווילט איהר אבער ווירקליך עפעס טון, וועט מען אייך עוקר
מן השורש זיין...

על כן, זאגט מען איהם אן, זאל ער תיכף ומיד צוריק ווערען
גוי, אויסטון די יארמולקע, אויפהערען צו קומען דאווענען, און צו־
ריק רויכערען בריש גליה אום שבת...

פאלגט ער און ווערט אין א צייט ארום אויס ראבינער, פאר
דאס צענזאר אין ווארשוי. — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דאמאלט איז אבער געוועזן ערשט דער אנהויב פון דער ליניע.
דער ערשטער עטאפ פון דער קאריערע. נעמט ער מיך אויף, הערט
מיך אויס, פינטעלנדיג מיט די אויגען, הערט מיינע ספקות און
פיין, און ענטפערט:

— ניטשעווא!

איך מוז ווערען א לייט, אוועק שטודירען! קיין זשיטאמיר,
קיין ווילנא... אלע ספקות וועלען אפפאלען, אלץ וועט ווערען קלאר,
אלץ וועט ווערען גלייך...

ער וועט מיר העלפען!

אפשר! לאקער איך אויף מיין כלה פון חורבה אויף די טרעפ,
צו האבען מיט איהר א ישוב. צום אלעם ערשטען דערשרעקט זי
זיך צום טויט. איך האב זי אזוי לאנג שוין אויף די טרעפ נישט
פארהאלטען. און זי גרייט זיך דאך צו א חתונה... דערהערט זי
אבער וועגען וואס עס געהט, בארוהיגט זי זיך, נעמט זי שוועס־
טערליך מיך אן ביי דער האנט, פיהרט מיך אראפ אין הויף אריין,

פון דארט רורכ'ן הינטער־טירל אין רייט־שול אריין, וואו מיר זעצען זיך אויף א באנק און רעדען... און רעדען מיט געפלאכטענע הענט אזוי הארציג־שטיל.

— יא, פאהר — זאגט זי, און די שטים איז פייכט, און די אויגען גלאנצען פייכט... פאהר! זיי מיר מודיע ווען, וועל איך ארויפקומען...

נעמט ש. ח. און פארזעצט אויף הוצאות זיין גאלדען קייטעל. ווערט באשטימט א פארטאג צום שטילען אוועקפאהרען. עס ווערט באשטעלט א פוהר, איך פאק מיך בסוד סודות. לעג מיך פריה מכלומר'ש שלאפען, מיט'ן פעקעל אונטער'ן קישען, איך וועל קיין אויג נישט צוטון. א פייף פון גאס וועט זיין דער צייכען... איך לעש אוים דאס לעמפעל, געזעגען זיך מיט אלע און אלעם אין דער פינסטערער שטוב; אויפ'ן הארץ נישט אזוי לייכט... אבער איך מוז... ליג איך און דערהער א שטילען שארך פון צווייטען צימער. איך הארך. שטיל עפענט זיך די טיר. שטיל בארוועס קומט אריין די מאמע, איך זעה זי קוים ביים שוואכען שיין פון דער לבנה אין פענסטער. זי שוועבט שטיל צו צום בעט, זעצט זיך קעגענאיבער, קוקט מיר מיט וועהטאג אין פנים אריין... איך קאן די אויגען נישט שליסען, איך מוז זי זעהן, און זעהן, ווי פון די אויגען איהרע רינען שטיל, שטיל די טרערען... זי געזעגענט זיך מיט מיר... ווער האט אויסגעזאגט מיין סוד?

אבער זי וואכט ביי מיר, איהרע טרערען וואכען; איך פאהר נישט...

דער טאטע איז אין דער היים נישט געווען. געקומען איז ער אין עטליכע טעג ארום מיט דער ידיעה:

— געטאן מיט דיר א שדוך... מיט גבריאל יהודה ליכטענפעלד.

איך גיב מיך אונטער; איך זעה קיין אנדערען אויסוועג. א קרבן פאר דער מאמעס טרערען!... ש. ח.'ם גאלדען קייטעל איז פארפאלען געווארען ביים מלוה... די פוהר איז צוריק אפגעפאהרען אין פארשטאדט אריין... מיין „כלה פון חורבה“, וואס איז אומזיסט ארויפגעקומען האלב־נאקעט אין פארטאג, מיך צו באגלייטען, האט אויף א צייט א קאטער באקומען... און אין א קורצער צייט ארום פאהר איך חתונה האבען...

פֿאַסטען וועל איך נישט... די חופּה שטעלט מען אין דרויסען, אין דאָרף... און הויבט אינמיטען אָן צו רעגענען, אנטלויף איך פון אונטער דער חופּה אין שטוב אריין. די חופּה געהט נאָך. גבריאל יהודה ליכטענפעלד לאַכט... די טאָכטער זיינע וויינט...

איך קאָן מיר קיין רעכענונג נישט אָפּגעבען פון מיין פיהרען זיך...

— — — — — — — — — — — — — — — —

און מיט דעם ענדיגט זיך דער ערשטער באַנד פון מיינע ערינערונגען... עס הויבט זיך אָן צו צושטרייען דער נעבעל פון קינדער- און אינגעל-יאָהרען, און פארשווינדט מיט דער צייט. עס שליסט זיך אויך דער היימישער אוצר פאַר סקיצען און בילדער. אַלץ, וואָס איך זעה אין דער פרעמד, אַלץ, וואָס איך באַגעגען אין שטעדט און שטעדטלעך, אויף וועג און שטעג, זעה איך און פאַרש! אָבער איך פיהל עס נישט אוממיטעלבאַר. איז מיין נשמה האַרטער געוואָרען און קאָן אין אנדערע נישט אריינפליסען, צוריקצוקומען רייכער, פאַרביגער און פארשטענדיגער? אָדער האָט מען, אויסער דער פאַרמיטלונג פון די חושים, צום נישט-היימישען, צו דער נישט-קינדישער וועלט קיין צוטריט איבערהויפּט?

אַלץ איינס.

א ו י ס גירסא דינקותא...

דער נעבעל מיט קעפּ, העכסטענס ביוסטען: מיט אויגען, וואָס שווימען מיר פאַרביי, ווען איך מאַך מיר די אויגען צו — צורינט און פאַרשווינדט. —

.1913

אינהאַלט:

ערשטע אָפּטיילונג

זייט

האָפנונג און שרעק — — — — — — — — — — — — — — 7

אַ בריף — — — — — — — — — — — — — — — — — 11

קליינער פּעליעטאָן — — — — — — — — — — — — — — 14

נאָך גראָסער׳ס לויה — — — — — — — — — — — — — 41

וועגען, וואָס פיהרען אָפּ פון אידישקייט — — — — — — — 44

אין מיין ווינקעלע — — — — — — — — — — — — — — 89

צווישען געדאַנק און דיכטונג — — — — — — — — — — 253

די ירושה — — — — — — — — — — — — — — — — 256

צווייטע אָפּטיילונג

מיינע זכרונות — — — — — — — — — — — — — — 3—127